STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10380

DER RASIKER ARYER

Shlomo Strauss-Marko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שטראוס=מאַרקאָ

דער ראַסיקער אַריער

שלמה שטראוס-מאַרקאָ

דער ראַסיקער אַריער

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1959

Salomon Strauss — Marko

RASOWY ARYJCZYK

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד
Redaktor: D. S t a r d

הילע געצייכנט: ר. כוואָליעס
Okładkę projektował: R. C h w o l e s

Przedruk wzbroniony
נאָכדרוק פאַרבאָטן

WYDAWNICTWO „IDISZ-BUCH“ WARSZAWA NOWOGRODZKA 5

Nr Zam. 5209 Nakład 3150 egz. Druk ukończono w grudniu 1959 r. ark. druk. 20.5. wydaw. 15 Papier Druk sat. V kl. 61x86 70 g.
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa Tarczyńska 8. W-77

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין טייע־
רער מאַמען, וואָס האָט אַזויפיל צוליב
מיר געליטן.

פאָרוואָרט

די זכרונות־ליטעראַטור פון דער חורבן־תקופה פון די יאָרן 1939 — 1945 איז זייער גרויס. אינעם גאַנג פון זייער דורותלאַנגער און יסורים־פולער געשיכטע האָבן ייִדן אַ סך געשריבן. זיי האָבן זייערע טראַגישע און נסימדיקע געשעענישן פאַרשריבן אין פנקסים און אויפן ברעג פון זייערע תפילה־ביכער, אַריינגעוועבט אין סליחות און פיוטים, אָבער נאָך קיינמאָל האָבן ייִדן נישט געשריבן און נישט פאַרשריבן אַזוי פיל ווי אין די גרויל־ציַיטן פונעם היטלעריזם. זיי האָבן געשאַפן טאָגביכער און כראָניקעס, נאָטיצן און צוואות, זיי האָבן פאַרצייכנט זייער לעצטן וועג אויף ווענט פון בתי־מדרשים און תפיסה־קאַמערן, אין פאָלקס־לידער אַריינגעלייגט היסטאָריש־טראַגישע פּאַסירונגען. און נאָכמער האָבן געשריבן און שרייבן עד היום די ניצול־געוואָרענע פון די געטאָס און קאָלכאָזיוונס, און אויך די, וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט געקעמפט קעגן שונא, אָדער מיט מסירת־נפש געראַטעוועט אויף דער „אַרישער" זייט, אין וואַלד און אין לאַגער אַנדערע ייִדן.

אין דער ליטעראַטור פון דער שארית הפליטה ווערט דאָ און דאָרטן דערציילט, ווי אַזוי דער מחבר אָדער זיינע באַקאַנטע זענען אַרויסגע־ריסן געוואָרן פון צווישן די ציינער פונעם וואָלף. אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אָדער גלייכגילטיקייט און מורא פאַרן אייגענעם לעבן האָבן אויפגעטויכט דימענטן פון אמתער מענ־טשלעכקייט און ריטערלעכער מוט. צווישן דער ריזיקער צאָל מגילות פון מאַרטיראָלאָגיע און אומקום, פון אַנטיסעמיטישער געפאַלנקייט און פאַר־דאָרבנקייט געפינען מיר אויך אַ געוויסן סכום מגילות פון מענטשלעכער הילף און סאָלידאַריטעט, וועלכע דערגייט אין געוויסע פאַלן ביז עכטער קרבנות־גרייטקייט.

דער גרונט־פּראָבלעם, וואָס שניידט זיך דורך אין די אַלע זכרונות, איז די פאָדערונג און נייטיקייט פון הילף מצד דער „אַרישער" זייט. כדי צו ווערן געהאָלפן, האָט זיך דער ייִד געניייטיקט אין הילף

פון אויסן. נישט שטענדיק האָט די ממעמקים אויסגעצויגענע האַנט באַגעגנט אַ פריינדלעכע דלאָניע. אָבער ווען די הילף איז יאָ געקומען, איז זי געווען באַקרוינט מיט איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט אָן אַ ברעג.

עס איז אָבער פאַראַן אויך אַ פּאָזיטיוו־פּאַרקערטע זייט פון דער מטבע: ווען דער ייד האָט געהאָלפן אין אַן עת צרה דעם נישט־ייד — דער ייד, וואָס איז פון פאָרויס געווען צום טויט פאַרמשפּט.

דערציילן די כראָניקעס וועגן מוטיקע יידן, וועלכע האָבן איינשטעלנדיק זייער קאָפּ געטראָגן הילף סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע הינטער שטעכיקע דראָטן. גיבן איבער עדי ראיה, ווי די געטאָ־אסורים האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון דער פּאַוויאַק־תפיסה פּוילישע ווידערשטאַנד־אָנפירער. איז פאַרשריבן געוואָרן אין דער אונטערערדישער פּרעסע, אַז יידישע מיידלעך האָבן געדעקט דעם צוריקגאַנג פון פּוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען און מיטן יונגן לעבן באַצאָלט „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט״.

אָבער די אַלע דערציילונגען, סיי וועגן אויסטערלישן אופן פון ראַטעווען זיך אַליין, סיי וועגן דעם לעבן־איינשטעלנדיקן אופן פון העלפן נישט־יידישע קרבנות פון דער נאַצישער אונטערדריקונג־פּאָליטיק, ווערן בלאַס, ווען מען באַקענט זיך מיט דער געשיכטע פון דעם פּוילישן ייד שלמה שטראַוס, וועלכער האָט אין דער גרויל־צייט געשפּילט די געפערלעכע ראָל פון „מאַרקאָ״.

די מיטלאַלטערלעכע יידישע לעגענדעס דערציילן וועגן אַ ייד, וואָס איז געוואָרן אַ פּויפּסט. האָט דאָך אָבער אַ משומד, במזיד אָדער בשוגג, געקאָנט אין הסכם מיט די קאַטוילישע דינים ווערן אַן אמתער קריסט און דערגיין ביז צו די העכסטע שפּיצן פון דער קירכלעכער היעראַרכיע. פאַרקערט, ביי געוויסע אמת־גלויביקע איז דאָס געווען אַ מצווה.

אָבער שלמה האָט בשום אופן און אויף קיין איין מינוט נישט געטאָרט זיין קיין „ריינער אַריער״. שוין פאַר דעם אַליין האָט אים געקומט אַ מיתה משונה.

דורך אַ מאָדנעם טראַגישן געפלאָנטער פון געשעענישן און אַדאַנק זיין אייגענעם מוט איז דער יידישער בחור פון אַ גאַליציש שטעטל שלמה שטראַוס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוקראַאינער „מאַרקאָ״, און דאָס אין אַן אוקראַאינער פון דער „ריינסטער״ און „בעסטער״ ראַסע, און איז דורכן גורל אַרויסגעשטויסן געוואָרן צו אַ הויכער פּאָזיציע אין די שרעק־באַדינגונגען פון דער נאַצישער ממשלה. ער האָט די פּאָזיציע

ישט געהאַלטן פאַר זיך אַליין, כדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, נאָר
אַליין אין יעדער מינוט אין כף־הקלע פון ווערן דעמאַסקירט, פאַרקניפּט
ער אַ פאַרבינדונג מיט פאַרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד און מיט אונטער־
ערדישע כוחות. אַ געפערלעכע שפּיל צווישן לעבן און טויט. אַ טראַגיש־
מאָדערנער דניאל אין אַ גרוב פון לייבן.

אין דעם זכרונות־בוך פון „מאַרקאָ" דאַרף מען נישט זוכן דאָס סענ־
סאַציאָנעלע, ווייל — הגם די געשעענישן פאַרכאַפּן מיט זייער אויסטער־
לישקייט — איז דאָס נישט קיין אַוואַנטוריסטישע ליטעראַטור. דאָס איז
אַ בוך — אַ דאָקומענט פון דער צייט, וואָס אַנטפּלעקט אַ ניי ווינקל פון
דער קאָמפּליצירטער און טראַגישער אָקופּאַציע־פּראָבלעמאַטיק.

און דאָס בוך איז נישט בלויז אַ דאָקומענט פון מוט און איינפאַלע־
רישקייט פון אַ יחיד, נאָר דערציילט אויך וועגן דער גבורה פון דער
יידישער יוגנט אין דער פויליש־מיליטערישער הלבשה — די דאָזיקע
יוגנט האָט אין סעפּטעמבער 1939 העלדיש געקעמפט קעגן די מחנות פון
עם דייטשישן אַגרעסאָר.

אויך אין דער הינזיכט זענען די זכרונות פון שלמה מאַרקאָ אַ וויכטי־
קער צושטייער.

די זכרונות פון שלמה שטראַוס. וועלכע דערציילן וועגן אַן אַק־
טיוו לעבן אין שאָטן פון טויט, אַ לעבן, וואָס איז פול מיט „חוצפה"
און „חוזק" לגבי דער ריזיקער נאַצישער און אוקראַיניש־נאַציאָנאַליסטי־
שער מאָרד־מאַשין, זענען דורכגעפלאָכטן מיט „גאַלגאַן־הומאָר", ביסיקער
איראָניע און גראָטעסק. די גאַנצע געשיכטע פון „מארקאָ" איז, אייגנט־
לעך, פונעם שונאס שטאַנדפּונקט, אַ רעוואָלט אין אַ גראָטעסקער פאָרם.
ליידער, זענען פאַר די יידן די דאָזיקע געשעענישן געווען טראַגישע,
מיט אַן עפּילאָג פון טויט, אַזוי, אַז צווישן דעם מחברס „הומאָריסטישע"
שורות און „גראָטעסקע" בילדער קוקט אויף אונדז אומהיימלעכקייט און
דער בעסטיאַלישער גזר־דין פון דעם „הערנרען־פאָלק". אָבער אין „מאַר־
קאָס" רעלאַציע זעט אויס דער דייטש־פאַשיסטישער און אוקראַיניש־נאַ־
ציאָנאַליסטישער רוצח נישט בלויז ווי אַן אַכזר, נאָר אויך ווי אַ טיפּש,
וועלכן אַ יידישער בחור האָט געפירט פאַר דער נאָז און געפירט אין
באָד אַריין.

אויף זיין געפערלעכן וועג האָט „מאַרקאָ" אָנגעטראָפן אויף אַ גאַנ־
צער ריי אָרנטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף פאַרשידענע
אפשניטן פון דייטשישן אַפּאַראַט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַנטי־

היטלעריסטן. ווען נישט זייער הילף, וואָלט „מאַרקאָ" נישט געלעבט, און מיר וואָלטן היינט נישט געקאָנט לייענען זיין אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע געשיכטע. לאָמיר ווענן זיי זאָגן צוזאַמען מיטן מחבר: וגם חרבונה זכור לטוב.

אין אונדזער געשיכטע פון דער היטלער־תקופה קאָנען מיר נאָך איין ענלעכן פאַל: דאָס איז דער יונגער יידישער בחור רופאייזען, וואָס איז געוואָרן אַ געהילף־קאָמיסאַר אין דער דייטשישער פאָליציי אין לידע אונטערן נאָמען „אָסוואַלד". זיין „קאַריערע" האָט זיך שנעל געענדיקט. ער איז אַוועק צו די פאַרטיזאַנער און נאָך דער מלחמה געוואָרן אַ קאַטוילישער מאָנאַך. עס איז אָבער נישטאָ אין זיין לעבן־געשיכטע קיין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס האָט פאַסירט מיט „מאַרקאָ".

די זכרונות פון שלמה שטראַוס מאַכן אַ תל פון דער נאַצישער ראַסן־טעאָריע. זיי דעמאַסקירן די איינרעדעניש וועגן „יידישער פחדנות". זיי אַנטפּלעקן דימענטן פון מענטשלעכקייט אין אַרומיקן טיפן זומפּ פון געפאַלנקייט און ברוטאַליטעט. זיי פאַרמאָגן אין זיך — און דאָס איז דער עיקר — דעם הייסן אָטעם פון א יידיש האַרץ. און טראָץ דעם טראַגישן הינטערגרונט בלאָזן זיי אַריין אינעם געמיט פונעם לייענער אַ געוויסע דאָזע פון אָפּטימיזם

ב. מאַרק

אַ וואָרט פון אויטאָר

נישט איינער וועט פרעגן: וואָסערע סיבות האָבן מיך געצוווּנגען אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע בוך? און פאַרוואָס אַזוי שפּעט? די זעלבע פראַגע האָב איך זיך אַליין אויך געשטעלט נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן...

ווען איך בין געקומען אַהיים און געזען פאַר מיינע אויגן דעם גרויסן יידישן חורבן, די לעבעדיקע מתים, וועלכע זענען על פּי נס אַנטרונען פון די לאַגערן, זייער עלנט און איינזאַמקייט, האָב איך געהאַלטן, אַז מיין בוך קאָן אויסזען ווי אַ באַרימעריי. ווייל אין פאַרגלייך מיט דעם אַלעמען זענען דאָך מיינע איבערלעבונגען געווען בלויז ווי אַ באָרוועסער טאַנץ איבערן פייער.

די געשיכטע פאַרלאַנגט אָבער פון אונדז אַן אייביקן דענקמאָל פאַר די העלדן און מאַרטירער, און אַ בייזע קללה אויף די רוצחים און זייערע יורשים.

אין וואָרט און שריפט האָבן מענטשן שוין אָנגעהויבן בויען אָט דעם גרויסן דענקמאָל. וויל איך כאָטש אַ קליין שטיינדעלע צולייגן צו זיין פונדאַמענט פאַר די, וועלכע איך האָב פאַרשפּעטיקט זיי צו ראַטעווען.

איך וויל אויך באַווייזן, ווי נישטיק און אַבסורדאַל איז די טעאָריע פון ראַסיזם: מען נעמט אַ זון פון יידישע טאַטע־מאַמע מיט אַ יידישן אָפּשטאַם פון דור־דורות, און מען ווילט אים אויס אַלס אַ „ריינעם“ און דערצו נאָך „ראַסיקן אַריער“? ווי קאָמיש און גלייכצייטיק טראַגיש!...

אין דער זעלבער צייט ווערן זיין טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער פאַרברענט אין די אויוונס פון קרעמאַטאָריעס בלויז דערפאַר, ווייל אין זייערע אָדערן פליסט דאָס זעלבע בלוט.

מיין בוך איז אויך אַן ענטפער, אַ פּראָטעסט פון אַ פּשוטן מענטשן אויף די שטימען פון פינצטערן מיטלאַלטער, אַז „...יידן זענען פּחדנים“, „יידן האָבן געשאָסן פון קרומע ביקסן“.

אמת, פון קינדווייז אָן האָט מען טיף אין אונדזער נשמה איינגעוואָרצלט דעם מאמר: „בהרמת יד נקרא רשע“. דערפאַר האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם וועג יעדן שיכור און אויסוואורף. דאָך האָבן מיר נישט איינמאָל אין דער געשיכטע מיט געווער אין האַנט אַנטקעגנגעשטעלט זיך דעם פילפאַכיק־שטאַרקערן שונא.

אויך אונדזערע „יינגלעך“ האָבן אויסגעפלאַסטערט מיט זייערע קערפּערס דעם וועג פון לענינאַ ביז בערלין!

מגר. שלמה שטראַוס — מאַרקאָ

וואַרשע, דעם 19 אָקטאָבער 1958.



קאַפּיטל 1

די איינלאַדונג קיין קסאַווערוווקע

דער הויפּט־דירעקטאָר און פאַרוואַלטער פון די גיטער פון דער גרעפין אורבאַנסקאַ, יוזעף מאַבאַק, האָט נאָך אַ באַראַטונג מיט זיין פרוי באַשלאָסן צו קאַפּיטולירן פאַר דעם שטאַרקן ווילן פון זיין טאָכטער קלאַראַ נאָך איר פּיריאָדיק, קאַמף, וואָס זי האָט געפירט און איינגיין אויף דער חתונה מיט דעם באַקאַנטן קאָמוניסט, וועלכן מען האָט גערופן סאַלעק און וועלכער האָט געשטאַמט פון דעם קליינעם פּוילישן שטעטל וואַריש. עס איז אויך געוואָרן אָפּגעשטימט איינצולאַדן סאַלעקן קיין קסאַווערוווקע.

— איינגעטלעך, איז ער דאָך שוין אַן אייגענער — האָט געזאָגט דער טאַטע...

דאָס יונגע מיידל קלאַראַ האָט טאָג־איין טאָג־אויס זיך צוגעקוקט צו די ליידן פון די אויסגעמוטשעטע הונגעריקע פּויערים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די גיטער פון דער גרעפין אורבאַנסקאַ, צו זייערע איינגעפאַלענע באַקעס — די אַזוי גערופענע „משוואַראַקעס“ — אין וועלכע עס האָבן געוווינט הונדערטער פאַרנאַלעס און אַנדערע דינער. פילמאָל צו צוויי משפחות אין איין שטיבל, אין וועלכן די פענצטער, אַנשטאָט שויבן, זענען אָפט געווען פאַרשטאָפּט מיט שטרוי. זי האָט זיך צוגעקוקט צו די באָרוועסע און האַלב־נאַקעטע געשטאַלטן פון די מענטשן, פון זייערע פרויען און קינדער, וועלכע האָבן קיין קינדהייט נישט געהאַט, און אויך נישט קיין יוגנט, און וועלכע די נויט האָט שוין פּריציטיק איינגעשפּאַנט אין שווערן יאָך. כדי צו העלפן די עלטערן פאַרדינען אויף חיונה.

דער עלנט פון די מענטשן, פון איין זייט, און דער לוקסוס, קאָמפאָרט און רייכטום פון דער שוין עובר־בטליקער גרעפין, פון דער

צווייטער זייט, האָט געשטויסן דאָס יונגע מיידל צו פאָרשן דאָס לעבן פון די מענטשן, צו פאַרשטיין מיט וואָס זענען א טייל מענטשן בעסער ווי די אַנדערע? פאַרוואָס האָבן איינצלנע מענטשן מער רעכט צו געניסן פון דעם לעבן, ווי די איבעריקע?

דער דראַנג צו געפינען אן ענטפער אויף דעם אַלעמען האָט געצוווּנגען קלאַרען איבערצורייסן מיט איר ביז איצטיקן לעבן אין קסאַווערוווקע, וו זי האָט געלעבט אָן זאָרגן, און אַוועק אין דער ברייטער וועלט.

איר ערשטע שריט זענען געווען געווענדעט קיין לעמבערג. דאָ האָט זי זיך באַקענט אויף א ליטעראַרישן אָוונט אין פּרץ־קלוב, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אויף דער זשולקעווסקי־גאַס 9|11, מיט דעם חבר סאַלעק, דעם פאָרזיצער פון דעם דאָזיקן קלוב.

סאַלעק איז געווען א שוואַרצער, שלאַנקער בחור, מיט צוויי פייערדיקע אויגן, וועלכע זענען געווען פול מיט שפּרודלדיקער לעבנס־לוסט. זיין פייערדיקע דערעפענונגס־רעדע, פול מיט גלויבן אין דער צוקונפט, אין זיג פון ברידערלעכקייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט, האָט גלייך געוואונען דאָס האַרץ און פאַרטרויען פון דעם יונגן, ענטוזיאַסטישן מיידל, און זי האָט גלייך באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן מיט די רייען אין וועלכע סאַלעק האָט זיך שוין געפונען זינט עטלעכע יאָר.

* * *

א גליקלעכע, איז קלאַראַ געלעגן אין וואַלד ביי דער זייט פון איר אויסדערוויילטן. איר בלאָנדער קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט. איצט, האָט זי געטראַכט, קאָן שוין קיין שום קראַפט זיי נישט צעשיידן. זייער ליבנס וועג איז טאָפּלט פאַרבונדן: דורך ליבע און קאַמף פאַר דער שיינער אידעע פון א בעסערן מאָרגן. סאַלעקס בליק איז געווען צוגעשמידט צו דעם מעכטיקן דעמב, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט זיינע צווייגן איבער די אַרומיקע ביימער. וואָס פאַר א פאַרגעניגן עס איז צו געפינען שוץ אין זיין שאָטן אין דעם דאָזיקן הייסן אויגוסט־טאָג. דער בוים האָט ווי איינגעהאַלטן זיין אָטעם. זיינע צווייגן האָבן גערוט און די בלעטער האָבן זיך שטיל געשושקעט צווישן זיך. ווייזט אויס, ער האָט זיך געוואָלט צוהערן צו דעם ריטמישן קלאַפּן פון צוויי יונגע הערצער וועלכע האָבן פון לאַנג צו זיך געבענקט.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי שנעל די שעהן זענען פאַרפלויגן, שעהן פול מיט ליבע און פול מיט פלענער וועגן קאַמף פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן. סאַלעק האָט שטיל אָנגעהויבן זינגען אַ ליד, וואָס איז גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון קלאַרען און אָפּגעהילכט ווייט אין וואַלד:

„פאַרווערטס צום קאַמף.
צום קאַמף, וואָס איך שווער,
שוועסטער און ברידער, נעמט דאָס געווער!
מיט מוט און מיט מאַכט, די פרייהייט ערוואַכט —
אַז זיך זאָל שוין נעמען צו דער פינצטערער נאַכט!“

זיי האָבן שוין געזען פאַר זיך די וועלט פון גליק און פרייד, פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן, די וועלט פון פריילעכע זאַטע קינדער און גליקלעכער יוגנט, די וועלט אָן מאָרדן און אָן רויב, אָן גרענעצן און מלחמות, אָן פינצטערניש און אָבערגלויבן. זיי האָבן געשוויגן. זייערע געדאַנקען זענען געווען פולשטענדיק אייניק. גאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי איבערגעריסן זייערע טרוימען און זיך געטיילט מיט ווערטער פון ליבע און האַרציקייט.

פּלוצעם האָבן מענשלעכע טריט איבערגעריסן די זיסע שטילקייט. די דינע און טרוקענע צווייגלעך, וועלכע זענען ביז איצט רואיק געלעגן אויף דער ערד און זיך צוגעהערט צו דעם רוישן פון די זיך וויגנדיקע ביימער, האָבן זיך אומרואיק געבראָכן.

פאַר זיי איז שטיין געבליבן שימעק, אָבער נישט דער זעלבער ווי שטענדיק. ער האָט נישט געלאַכט ווי אַלעמאָל ביים באַגריסן. זיין געזיכט איז געווען בלייך. זיינע אויגן טרויעריק. זיין שטים האָט ווייטיקלעך געקלונגען.

— סאַלעק! — האָט ער געזאָגט מיט זיין באַסיקן טאָן — עס איז אָנגעקומען אַ מאָביליזאַציע-קאַרטע פאַר דיר. און, וואַרפנדיק אַ בליק פול מיט מיטלייד אויף זיין שוועסטער קלאַרע, האָט ער געוואַרט אויף אַן ענטפער פון סאַלעקן.

בליצשנעל האָט סאַלעק אַדורכגעלייענט דעם אינהאַלט פון דעם דאָקומענט, וועלכן זיין ברודער ישראל האָט אים נאָכגעשיקט פון לעמבערג קיין קסאַווערוווקע.

— עס איז שוין אַ פאַרשפּעטיקונג פון 24 שעה, איך האָב שוין

איצט געדאַרפט זיין אויף דעם מעלדונגס־פּלאַץ — האָט הויך אַרויסגערעדט סאַלעק — מייַנע ליבע, מיר מוזן שוין גיין!

שווייַגנדיק זענען זיי געגאַנגען דעם גאַנצן וועג אַהיים. דאָס הויז האָבן זיי געטראָפן איינגעהילט אין טרויער. מיט אַ לייכטן שאָקל פון קאָפּ האָבן זיך אַלע מיט סאַלעקן באַגריסט. בלויז זוניע, די עלטערע שוועסטער, די ערשטע מאָראַלישע אונטערשטיצערין פון קלאַרען אין איר ליבע און אויך אין איר פּאָליטישן קאַמף, האָט מיט טרערן אין די אויגן אַרומגענומען סאַלעקן און מיט אַ וויינענדיקער שטים קוים אַרויסגערעדט:

— סאַלעק, גייסט ווירקליך פון אונדז אַוועק? ערשט איצט האָט זוניע דערפילט, ווי נאָענט און אייגן עס איז איר געוואָרן דער שלאַנקער יונגער מענטש, פון וועלכן קלאַרע האָט איר אַזוי פיל דערציילט.

די מוטער האָט געדעקט דעם טיש, אַרום וועלכן עס זענען געשטאַנען זעקס ווייכע שטולן. דאָס שניי־ווייסע טישטעך מיט די געשטיקטע בלומען האָט צוגעגעבן אַפּעטיט צום עסן, וואָס דאָס דינסטמיידל יוזשע האָט אָנגעהויבן אַריינטראָגן פון דער קיך. אַרום האָט געהערשט אַן ערנסטע שטילקייט. דער טאַטע האָט מיט אַ האַנט־באַוועגונג איינגעלאַדן צום טיש, אויף וועלכן עס איז שוין געשטאַנען די פּאָרצעלייענע וואַזע מיט זופּ, פון וועלכער עס האָט זיך אין דער לופטן געהויבן אַ געדיכטע פּאַרע.

— עסט, קינדער! — האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט. — אויך אין אַ שווערער צייט דאַרף דער מענטש אין די קערפּערלעכע פאַרלאַנגען נישט פאַרגעסן, וויבאַלד עס זענען נאָך פאָרלויפיק די מעגלעכקייטן דערצו פאַראַנען. און אַריינשטעקנדיק דער ערשטער דעם לעפל אין טעלער, האָט ער נאָך אַ קליינער פּויזע צוגעגעבן:

— ווער ווייסט, צי מיר וועלן נישט אַמאָל לעכצן אַזאַ ביסל וואַרעמס, און דאָס וועט פאַר אונדז זיין נישט דערגרייכבאַר...

פאַר דעם גאַניק איז צוגעפאָרן די ברישקע מיט די צוויי איבערגעצויגענע מיט פּליוש געזעסן, וועלכע האָבן זיך געוויגט אויף טאָפּלטע רעסאָרן. די ברישקע איז געווען געשפּאַנט אין צוויי ברוינע קאַשטאַן־פערד מיט אונטערגעשוירענע גריוועס און ווײדלען. דאָס געשפּאַן מיט דעם בלישטשענדיקן באַשטעק האָט זיך געשפּיגלט אין דער זון ביי יעדער באַוועגונג פון די צוויי אויסגערוטע און גוט־געפּלעגטע הויפישע פערד.

צוזאַמען מיט קלאַרען און דער מאַמען איז סאַלעק אַרויף אויף דער ברימשקע, וועלכע האָט אים באַדאַרפט אָפּפירן אויף דעם סאָקאַלער וואַקזאַל.

די פערד האָבן זיך געטראָגן ווי די אָדלער. די ברימשקע איז גאַנץ לייכט אַריבערגעפלויגן איבער די קליינע טאָלעכלעך און בערגלעך פון דעם אַזוי גערופענעם „פוילישן וועג". דער קוטשער איז שטאָלץ געזעסן אויף דעם פאָדערשטן געזעס, קנאַקנדיק פון צייט צו צייט מיט אַ ספּעציע־לער פאַנטאַזיע און שטאָלצקייט מיט דעם רימען פון זיין באַמבוס־בייטש, ווי ער וואָלט צו די פערד געזאָגט: „טראָגט, פערדעלעך, שנעלער די ברימשקע, עס איז היינט נישט קיין שפּאַציר־וועג; מיר פאָרן אין אַ פיל וויכטיקערער שליחות... ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט אַ יאָמערלעך וואָיען פון אַ הונט, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע, צוגעבונדענע צו די קייטן. דאָס אימהדיקע בילן איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט שטאַרקער, ווי עס וואָלט געוואָרנט די מענטשן פאַר דעם שרעקלעכן גורל, וואָס ווערט פאַר זיי צוגעגרייט.

סאַלעק איז געזעסן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און זיינע געדאַנקען זענען איצט געווען ווייט, זייער ווייט — אין זיין קליינעם געבורט־שטעטל וואַריש, וו ער האָט איבערגעלאָזט זיין מוטער, וועלכע האָט אים אַזוי שטאַרק געליבט און אַזויפיל צוליב אים געליטן... איר איינציקע זאָרג איז שטענדיק געווען — שלמה. ...שלמה האָט שוין ווידער נישט געשריבן... צי האָט שוין, חלילה, ווידער עפּעס נישט פּאַ־סירט... אפשר ווידער פאַרוווּנדעט?... צי אפשר גאָר אין תפיסה?... דאָס מוטער־האַרץ האָט טאָג־איין טאָג אויס געוויימיקט איבער אים, דעם עלטסטן זון, מער ווי פאַר די איבעריקע קינדער. כאָטש ווי זי פלעגט זאָגן מיט איר האַרציקער שטימע:

— יעדעס קינד האָב איך גלייך ליב. ביי א מאַמען איז יעדעס קינד גלייך. וואָרום אין וועלכן פינגער מען זאָל זיך נישט אַ שטאָך געבן, טוט וויי — —

און איצט פאָרט ער אויף אַזאַ געפערלעכן קאַמף און קאָן זיך אפילו מיט איר נישט געזעגענען...

— און אפשר פאָרן אהיים? — האָט פּלוצלונג זיך סאַלעק גע־ווענדעט צו קלאַרען. נאָר גלייך האָט ער זיך אַליין דעם ענטפער געגעבן:

— ניין! דאָס טאָר נישט געשען! די מאַמע וועט באַשטימט דאָס לייכטער איבערטראָגן, ווען דו וועסט איר זאָגן, אַז איך האָב זי גע־

זעגנט פון טיפן הארצן, אז איך בין מוטיק געגאנגען, ווו דער גורל האט מיך גערופן, אז איך וועל אין קורצן צוריקקומען. איך מוז גלייך פארן. איך מאר אפילו נישט אויף קיין איין מינוט געבן וועמען די מעגלעכקייט צו טראכטן, אז שלמה האט דעזערטירט. איבערהויפט איצט, אין אזא וויכטיקן מאמענט...

אויף דעם האריזאנט האבן זיך שוין באוויזן די קאפולן פון דעם קלויסטער אין סאקאל. דער וואקזאל איז שוין געווען נישט ווייט. עס האט זיך שוין געהערט דאס פייפן פון די זיך וועקסלנדיקע לאקאמאטיוון, דער רעדער-גערויש פון אפפארנדיקע צוגן.

אויפן וואקזאל האט געהערשט א טומל און א גערויש. עס איז היינט געווען נישט קיין געוויינלעכער טאג. עס האבן געאיילט אפיצירן און אונטעראפיצירן, וועלכע מען האט שוין פריער געהאט מאביליזירט, כדי זיי זאלן פארבארייטן די באזע פאר די קומענדיקע מיליטער-לייט. צום אפפאר פון לעמבערגער צוג איז נאך געווען קנאפע צוויי שעה. קלארע מיט סאלעקן האבן געוואלט צום לעצטן מאל מאכן צוזאמען א שפאציר לענגאויס די ברעגעס פון דעם בוג. זייערע כוואליעס האבן זיך ווי געאיילט, ווי זיי זאלן וועלן וואס שנעלער איבערגעבן די מעלדונג פון זייער געגנט דעם הויפט-טייך פון פוילן — דער ווייסל.

קאַפּיטל 2

די געזעגענונג

קלאַרע האָט זיך פֿאַרהאַלטן רויִק, אפילו העלדיש. א שטאַרקער האַנט־דרוק, אָן קיין שום אַרויסגערעדט וואָרט... א לענגערע ווײַלע זענען צוויי מענטשן געשטאַנען ווי פֿאַרשטאַרט. די הערצער האָבן געצאַפּלט פֿון פּײַן און ווייטיק, אָבער איינער דעם צווייטן האָט געוואָלט צוגעבן מוט און אויסדויער און באַקעמפֿט דעם אינערלעכן שטראָם פֿון ברויזנ־דיקע און וואַרגנדיקע טרערן.

דער סיגנאַל פֿון קאָנדוקטאָר האָט צוגעאײַלט דאָס געזעגענען זיך. די לעצטע אַרומאַרמונג, דער לעצטער קוש און דער לעצטער האַנט־דרוק...

לאַנג איז קלאַרע געשטאַנען, באַגלייטנדיק מיט אירע בליקן דעם אַפּלויפֿנדיקן צוג, וועלכער איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער איז ענדלעך אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן.

סאַלעק האָט געפּרוווט אײַנדרימלען, אָבער אָן דערפֿאָלג. פֿאַר זײַנע אויגן זענען איצט געשטאַנען די מאַמע, קלאַרע, זײַנע חברים. ער האָט געזען דעם לאַמטערן לעבן יוחנן לאַבאַנס ברוגזעם, דאָס קליינע בענקעלע דערנעבן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער שטילער נאַכט, אײידער ער האָט געדאַרפֿט אַוועקגיין דאָס ערשטע מאָל צום מיליטער, ווען, זיצנדיק אויף דעם דאָזיקן בענקעלע, האָט ער זיך געזעגנט מיט זײַן יוגנט־פֿרײַנד יצחק אונגער. דאָס קליינע שטעטעלע וואַריש איז דאַן געווען אײַנגע־הילט אין טיפֿן שלאָף. מיר און פֿענצטער זענען געווען געשלאָסן, בלויז די לבֿנה האָט זיך יעדעס מאָל ווי אַרויסגעגנבֿעט פֿון די וואָלקנס, כּדי אונטערצוהערן זייער געשפּרעך, דאָס געשפּרעך פֿון צוויי פּאָליטישע

קענער, אָבער דאָך פּערזענלעכע איבערגעגעבענע פֿריינד... יצחק איז איצט ווייט, מיט אים וועט ער זיך שוין איצט נישט געזעגענען...

די רעדער האָבן ריטמיש געקלאַפּט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער און מיד געסאַפּעט, אַרויסוואַרפנדיק געדיכטע וואָלקנס רויך, וועלכע האָבן זיך געשפּרייט איבער די פעלדער אַרום. סאַלעק איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אַ בליק טאָן אויף דעם ליכט פון דער שטאָט, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט קלאָרען... פאַר זיינע אויגן איז יעדעס מאָל פאַרביינגעלאָפן א טעלעגראַף-סלופּ, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז נאָך הונדערט מעטער זענען פאַרשווונדן פון דעם אָרט, וווּ זיינע ליבסטע זענען געבליבן.

אין זיין וווינונג אין לעמבערג אויף זשעזשניצקע-גאַס נומער 9 האָבן שוין אויף סאַלעקן געוואַרט זיינע צוויי יינגערע ברידער — דער 18-יעריקער ישראל און דער 16-יעריקער גרשון. זיי האָבן שוין טיילווייז געהאַט איינגעפּאַקט אין גרויסן קופערט זיינע זאַכן, וועלכע זיי האָבן דערנאָך לויט זיין ווונטש איבערגעפירט אהיים צו דער מאַמען.

אין דער באַגלייטונג פון זיינע ברידער איז שלמה געגאַנגען צו דעם זאַמל-פּונקט פון דעם 19-טן פיעכאָטע-פּולק (א. נ. „די פאַרטיידיקער פון לעמבערג“, וועלכער איז געשטאַנען אין דער פעסטונג פון ציטאַדעל. שלמה איז געווען שטאָלץ מיט זיינע צוויי ברידער, וועמענס הארט לעבן האָט זיי פּריציייטיק רייף און זעלבשטענדיק געמאַכט. ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, ווי מיט דערוואַקסענע מענטשן.

אין ציטאַדעל האָט געהערשט אַ געוואַלדיקער הו-האַ און טומל. אַ סך שוין געקליידטע אין מיליטערישע אוניפאָרמען זענען געלאָפן מיט די מענאַשקעס אין די הענט צום זאַמל-פּונקט ביי דער קיך, וווּ מען האָט אויסגעטיילט אָונטברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פערטל ברויט, געצוקערטע שוואַרצע קאַווע און הייסע אַרבעס, געקאָכטע אויף חזיר-שמאַלץ. אין דער ריי נאָך דעם אָונטברויט האָבן אויך נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס זענען נאָך געווען אין ציווילער הלבשה און אויסגעבאָרגט די מענאַשקעס ביי זייערע חברים, כדי צו קאָנען געניסן פון דעם אָונטברויט, וואָס איז שוין אויך פאַר זיי געווען באַשטימט. אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָבן געמאַכט די ידיעות וועגן די ערשטע שלאַכטן, וועלכע האָבן שוין געזאָלט האָבן פאָרגעקומען אויף די גרענעצן; עס זענען שוין אויך געווען מיטטיילונגען וועגן טויטע און פאַרווונדעטע... עס האָבן אויך נישט גע-

פעלן קיין גרויל-ידיעות וועגן אויסגעשטאָכענע אויגן פון פּוילישע זעלנער, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט.

סאַלעק האָט מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט צום מעלדונגס-ביוראָ און פון דאָרטן צום קליידער-מאַגאַזין, כדי צו קריגן זיינע מיליטערישע מלבושים.

קאַפּיטל 3

די פֿרייוויליקע קאָמפּאַניע

אַ געוואַלדיקער פּאַטריאָטיזם האָט באַהערשט דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פֿון פּוילן. נישט וואַרטנדיק אויף קיין מאָביליזאַציע־קאַרטן, האָבן מענטשן פֿון אַלע עקן לאַנד זיך פֿרייוויליק צוגעשטעלט אין די מיליטע־רישע זאַמל־פּונקטן, פֿאַרלאַנגענדיק געווער, כדי צו קעמפֿן קעגן דער ווילדער בעסטיע, דעם היטלעריזם. אַלע — אָן אונטערשיד פֿון גלויבן און פּאָליטישער ריכטונג — האָבן זיך דערפֿילט ווי איין פֿאַמיליע, גרייט אַנטקעגנצושטעלן זייער ברוסט דעם בלוטיקן שונא, וועלכער איז געקומען זייען טויט און פֿאַרניכטונג. שטאַרק האָט זיך דאָס געלאָזט מערקן אויף דער יידישער גאַס, ווו מאַמעס האָבן אָן היסטערישע געשרייען און יללות געזעגנט זייערע זין, וועלכע זענען מיט דער מאָביליזאַציע־קאַרטע אין האַנט, ווי מיט אַ הייליקער שריפֿט, אַוועקגעגאַנגען צו די מיליטערישע זאַמל־פּונקטן.

די מיטגלידער פֿון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד — „ק. ז. מ. פּ.“ און פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון מערב־אוקראַינע — „ק. פּ. ז. או.“, האָבן דערפֿילט זייער פּאַטריאָטישע פֿליכט צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פֿון די קעמפֿנדיקע רייען קעגן די פֿינצטערע כוחות פֿון היטלער־דייטשלאַנד, כאָטש די פּאַרטיי האָט שוין דעמאָלט נישט עקזיסטירט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס גלייך ווי די אָנפֿירונג פֿון 19־טן פּיעכאָטע־פּולק, — „די פּאַרטיידיקער פֿון לעמבערג“ — האָט באַקומען אַ באַפֿעל צו שאַפֿן אַ פֿרייוויליקע קאָמפּאַניע, וועלכע זאָל תיכּף אַוועק אויף דער ערשטער ליניע פֿון פֿראָנט, האָט זיך צו דער דאָזיקער קאָמפּאַניע געמאָלדן 60 פּראָצענט יידישע יינגלעך, כמעט אַלע קאָמוניסטן. די גרויסע צאָל יידן אין דער פֿרייוויליקער קאָמפּאַניע האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף פֿיל פּוילישע חברים, באַזונדערס אָדער

אויף די אַנטיסעמיטן וועלכע האָבן שטענדיק געפּרײדיקט, אַז ייִדן זענען פּחדנים. איינער פון די פרייוויליקע איז אויך געווען שלמה.

מאַרשירנדיק צום הויפּט־וואָקזאַל איבער די גאַסן פון לעמבערג, זענען די זעלנער באַגלייט געוואָרן פון קרובים און באַקאַנטע. צווישן דער מענטשן־מאַסע האָט שלמה דערזען ישׂראלן מיט גרשונען, זיינע צוויי ברידער, וועלכע האָבן זיך געפּרוּווט אַדורכשלאָגן צו אים.

— זייט געזונט! — האָט שלמה זיי נאָכאַמאָל פונדערווייטנס געזעגנט, אויפהייבנדיק זיין לינקע האַנט אין דער לופטן.

יונגע מיידלעך אין מונדירן פון „סטזשעלעץ" און „האַרצעזש" האָבן געפּאָכעט מיט זייערע קאָלירטע טיכלעך צו די זעלנער רופנדיק:

— מיר זענען מיט אייך! פאַרטיידיקט אונדזער פאָטערלאַנד! די גאַנצע וועלט איז מיט אונדז. ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע זענען אויך מיט אונדז!

די זעלנער האָבן מאַרשירט צו פיר אין אַ ריי מיט גלייכע רייטמישע טריט.

די געקאָוועטע שיך האָבן געקלונגען אויף די אויסגעפלאַסטערטע שטיינער צום טאַקט פון מיליטערישן אָרקעסטער. די שטאָלענע העלמען האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן גלאַנץ. פאָרויס האָט מאַרשירט דער אָרקעסטער, זיינע מעשענע טראָמפּייטן האָבן זיך געשפּיגלט אין דער זון, די קלאַנגען פון דעם פּאַראַד־מאַרש האָבן זיך צעטראָגן ברייט איבער די גאַסן.

עס איז קיינעם דעמלט נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען באַגלייט די מענטשן צו דער שחיטה, אַז אַ סך פון דער דאָזיקער פרייוויליקער קאַמפּאַניע וועט איצט דעם לעצטן מאָל די באַליבטע לעמבערגער גאַסן, און די, וועלכע וועלן זיך אַרויסרייסן פון די נעגל פון טויט און וועלן האָבן דאָס גליק זיך אומצוקערן, וועלן זיין קריפּלען און אינוואַלידן.

פאַרלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען, איז די פרייוויליקע קאָמפּאַניע געווען גרייט צום אָפּפאָרן. דער טאָג איז געווען אַ העלער און אַ ליכטיקער. דער בלויער הימל איז געווען רואיק און נישט פאַרפלעקט אפילו פונעם קלענסטן וואָלקנדל. אַ געמיטלעכע שטילקייט האָט באַהערשט די גאַנצע קאָמפּאַניע. די זעלנער זענען געווען יעדער אויף זיין שטייגער באַשעפטיקט: טייל האָבן איבערגעווישט זייערע ביקסן, אַנדערע האָבן פאַרראַכטן זייערע מונדירן, כדי זיי זאָלן שענער אויסזען. מען

האָט זיך געטיילט מיט די נייעס, וואָס יעדער האָט מיטגעבראַכט פו־ דער היים, פאַרציענדיק געשמאַק די פּאַפּיראָסן, וועלכע מען האָט פאַררייכערט מיט פאַרגרעסער־גלעזער אין דער זון.

שלמה האָט געפירט א שמועס מיט די זעלנער פון זיין הרוזשינע. ער האָט שטענדיק צו זיך אַליין געזאָגט: דו מוזט קענען דיינע זעלנער, דו טראָגסט דאָך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי. פאַראַן צווישן זיי מענטשן, וועלכע זענען געווען די ברויטגעבער פון זייערע פאַמיליעס, האָבן פרויען און קינדער... א לענגערן שמועס האָט שלמה געהאַט מיטן זעלנער גנאַטעק, א יונגער שטאַרקער בחור, מיט קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר, בלויע אויגן, טיף־אריינגעזעצטע אין זיין קיילעכדיקן פּנים. גנאַטעק האָט שלמה'ן דערציילט, אז ערשט מיט א יאָר צוריק האָט ער חתונה געהאַט. ער האָט מיט גרויס ליבע גערעדט פון זיין פרוי, דערציילט וועגן איר גוטסקייט און מעלות. ער האָט אויך שלמהן פאַרטרויעט געזאָגט, אז ער האָט זי איבערגעלאָזט אין אנדערע אומשטענדן, אפילו שוין אין די הויכע חדשים...

וויצלענדיק זיך, האָט שלמה געזאָגט צום יעפרייטער גאָלדשטיין, וועלכער האָט זיך אָנגעמאָסטן זיין מונדיר:

— שיבט א ביסל צוריק דעם לינקן אַרבל, ער שטייט א ביסל פאָרויס! איך בין אויך פון פאַך א שניידער — האָט צוגעגעבן שלמה.

— אך, ווי גוט איז אפילו דאָ צו האָבן אן אָנפירער, וועלכער איז פון דעם זעלבן פאַך.

— איר ווייסט, הער דרוזשינאָווי — האָט ווייטער געזאָגט גאָלדשטיין, ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַר דעם, וואָס ער האָט אין אזא מאָמענט איינגעאָרדנט זיך א שניידער־וואַרשטאַט — איך האָב שטענדיק ליב געהאַט זיך שיין אָנצוטאָן. איך פלעג אָפטמאָל אויף מיין עסן פאַרציכטן, אבי זיך קליידונג צו קויפן. מיין מאַמע פלעגט זאָגן, אז מיט מיר איז געשען א טעות: איך האָב געזאָלט געבוירן ווערן א מיידל... ווער ווייסט — האָט געלאַכט גוטמוטיק דער יעפרייטער גאָלדשטיין — א מת איז אויך אָנגענעמער, ווער ער איז שענער אָנגעטאָן...

— די פירער פון די פּלוטאָנען און הרוזשינעס צום קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר! — האָט זיך געהערט א באַפעל, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון וואַגאָן צו וואַגאָן.

שלמה האָט שנעל פאַרענדיקט די ליסטע פון זיינע 24 מאַן, און, פאַרריכטנדיק זיך דעם מונדיר און אָנטאָענדיק דעם פּאַסעק, האָט ער

מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונעם ערשטן וואַגאָן, וווּ עס האָט זיך געפונען די קוואַרטיר פונעם קאַמפּאַניע-קאָמאַנדיר. און פּלוצלונג... א ברומען פון שטאָלענע פייגל האָט געגומען שניידן די לופט; זיי זענען געפלויגן אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל. זיי האָבן אויך גענומען אַראָפּלאָזן זיך נידעריקער. ווי עלעקטריזירט האָבן אַלע זעלנער זיך געשטעלט אויף די פיס, גרייטע מיט די ביקסן אין די הענט.

— פיינטלעכע פליער! פיינטלעכע פליער! — האָט מען גענומען רופן פון אַלע זייטן.

א טייל האָט נישט אויסגעהאַלטן און געעפנט א פייער פון די ביקסן.

— נישט שיסן! נישט שיסן! — האָבן זיך ווידער געהערט באַפעלן דורך די מעלדער, וועלכע זענען שנעל געלאָפן לענגאויס דעם צוג. — דאָס זענען אייגענע פליער! — האָבן זיי געשריגן.

די פליער האָבן דורכדעפילירט ווי אין אַ פּאַראַד-פלי. זיי האָבן געגלאַנצט אין דער זון ווי באַזילבערטע. יעדער סגל איז געווען ענלעך צום צווייטן, ווי צווילינגען. אין אַ קורצער ווײַלע האָבן זיי צוריקגעקערט, מאַכנדיק אַ גרויסן קרייז ארום די קעפ פון די זעלנער, ווי זיי וואָלטן זיי איבערגעגעבן אַ האַרציקע באַגריסונג פון דער לופטן... די זעלנער זענען געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפ און מיט פאַרגעניגן זיך צוגעקוקט צו זייער מאַנעווּרירן. פּלוצים האָבן די פליער מיט א געוואַלדיקער שנעלקייט גענומען פיקירן גלייך אויף זיי. דאָס זשומען פון די אַעראָפּלאַנען און דאָס פּלאַצן פון די אופרייסנדיקע באָמבעס האָבן פאַרהילכט די לופט. טיילן פון מענטשלעכע קערפּערס, שטיקער פון וואַגאָנען, צעריסענע מונדירן האָבן זיך געטראָגן הויך אין דער לופטן. די נייע באַפעלן: פייער! פייער! — האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצן פון די פאַרווונדעטע.

שלמה האָט גענומען לויפן צו דעם וואַגאָן, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט זיינע זעלנער.

— אַלע געזונט? — האָט קיינעם גאָרנישט פּאַסירט? — האָט מיט א פּאַטערלעכער זאָרג גענומען פרעגן שלמה.

— אַלץ אין אָרדענונג, הער דרוזשינאָווי! — האָבן אין כאָר געענטפערט די זעלנער.

אין עטלעכע שעה שפּעטער האָט די בריגוויליקע קאַמפּאַניע פאַרלאָזט לעמבערג.

קאַפּיטל 4

דער ערשטער קרבן אין דער דרוזשינע

עס איז געווען אַן אָנגענעמער און וואַרעמער אָוונט. די שווערע, ברייטע מיר פונעם פּראַכט־וואַגאָן איז געווען אינגאַנצן אויפגעריקט אין דער זייט, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם צופלוס פון פרישער לופט. דאָך האָט יעדער געוואָלט זיצן ביי דער אָפענער טיר, אָדער כאָטש שטיין אָנגעשפּאַרט ביי דער אייזערנער שטאַבע, וועלכע האָט צעטיילט די עפענונג פון וואַגאָן. די זעלנער האָבן באַשלאָסן זיך צו טוישן יעדע שעה. יעדן האָט געפּלאָגט די פראַגע: וווהין פאָרן מיר?

— מיר פאָרן פּאַרטיידיקן קראָקע — האָט זיך אָנגערופן קעז, אַ לעמבערגער בחור.

— עס איז נישט ריכטיק, קעז, וואָס דו זאָגסט — האָט געענטפערט גזשעלאַק. האָסט נישט באַמערקט, אַז מיר פאָרן כסדר אין דער ריכטונג פון צפון־מערב. עס וועט זיין גענויער, אַז מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון פּויזן. דאָס האָט אויך געזאָגט דער קאַפּראַל פון דער ערשטער דרוזשינע. ער האָט געהערט, אַז מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון פּויזן.

— גזשעלאַק איז דאָך אַן אייזנבאַנער — האָט זיך אָנגערופן אַ שטימע פונעם וואַגאָן אַרויס — ער ווייסט באַשטימט בעסער פון דיר, קעז.

שעהן זענען פאַרגאַנגען. די זעלנער האָבן זיך געטוישט ביי דער טיר לויטן אָפּמאַך, אַנדערע האָבן אויפגעבויגן פון די רוקזעק די צונייפגעראָלטע קאָצן און זיך געגרייט צום שלאָפן. אָבער געשלאָפן אין קיינער נישט. יעדנס געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט די, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט ווייט פונדאַנען... און פון וועלכע ער דערווייטערט זיך מיט יעדער מינוט אַלץ מער און מער, נישט וויסנדיק, צי ער וועט זיי נאָך אַמאָל זען...

דאָס פּלוצימדיקע אָפּשטעלן זיך פֿונעם צוג אין מיטן וועג, האָט ראַש אויפֿגעוועקט די זעלנער, אַרויסשלאָגנדיק זיי פֿון זייערע געדאַנקען.

— פֿײַנטלעכע פֿליער! דעקן זיך! דרײַהונדערט מעטער פֿונעם צוג!

— איז געפֿאַלן א באַפֿעל.

אוועקנעמענדיק שנעל די ראַמפּע, האָבן די זעלנער פּראָוויִרט געבו־מען שפּרינגען פֿון די וואַגאָנען; האַלטנדיק די ביקס אין דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער דאָס לאָפּאַטקעלע, צו וועלכן עס איז געווען צוגעטשעפּעט דער באַגנעט. צעשפּרייט אין א טיראַליער, האָבן די זעל־נער זיך דערווײַטערט פֿונעם צוג, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט זײַן לעצטן אָטעם און געבליבן שטיין ווי א פֿאַריתומטער.

לײַכטע קגאַלן האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער לופֿטן. די קלײנע פֿינטעלעך אין דער הויך האָבן גענומען שיטן מיט לײַכטיקע שטראַלן. גאַנצע פֿאָנטאַנען ליכט האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן ווי א רעגנבויגן.

— לייגן זיך! לייגן זיך! — האָבן באַפֿוילן די דרוזשינאָוועס. — אויסלעשן די פּאַפּיראָסן! ווער רייכערט?! אַך, צום טײַוול! — האָט גענומען שעלטן מאַלינאָווסקי, צוליב די נאַרישע פֿליער האָב איך זיך אויסגעבראָכן א לאָך אין אַרבל!

די ליכט־ראַקעטן האָבן זיך גענומען זעצן נידעריקער און נידערי־קער. פֿײַערדיקע שירעמען האָבן געלויכטן ווי די זון אין מיטן העלן טאָג.

— הער דרוזשינאָווי — האָט זיך דער יעפֿרייטער גאָלדשטיין גע־נומען ווינצלען, ליגנדיק צוגעשמידט צו דער ערד, די ביקס מיט דער לאָפּעטקע אונטער זיך, כדי דאָס מעטאַל זאָל נישט בלישטשען. — עס איז אַזוי לײַכטיק, אַז מען האָט געקאָנט שפּילן א 66 אָדער אַן אָקע!... — זיי האָבן אונדז באַלויכטן ווי שמחת־תּורה צו די הקפֿות — האָט צוגע־געבן קעז.

די פֿליער האָבן געמאַכט א קלײנעם קרײַז און, אַראָפּלאָזנדיק זיך גאַנץ נידעריק האָבן זיי געעפֿנט אַ פֿײַער פֿון די מאַשינגעווערן. אַ רעגן פֿון בלײַ האָט גענומען שיטן איבער די קעפּ פֿון די זעלנער. די פֿליער האָבן זיך געוויגט איבער די בערגלעך גרינע מונדירן, ווי אין אַ ווילדן טאַנץ, אַמאָל לינקס, אַמאָל רעכטס, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע פֿליגל געוואָלט צעשנײַדן די קערפּער פֿון די זעלנער. דאָס יאָמערלעכע פּײַפֿן פֿון די מאָטאָרן, אַקאָמפּאַנירט דורך דעם קרעכצן פֿון די גוססדיקע זעלנער, הערט נישט אויף.. אויפֿהייבנדיק זיך אין דער

לופטן, פיקירן די פליער ווידעראַמאָל מיט אַ נאָך שטאַרקערן אימפעט. די סאַניטאַרן זענען אָן אויפהער געלאָפן מיט די טראָג־בעטלעך, אויף וועלכע עס זענען געלעגן לייכט־ און שווער־פאַרוווּנדעטע זעלנער. מיט גרויס מסירת־נפש האָבן אַלע געגומען העלפן זייערע אומגליקלעכע חברים.

א סיגנאַל פון א טראָמפייט האָט אָנגעזאָגט, אַז דער לופט־אָנגריף איז געענדיקט, רופנדיק דערמיט די לעבנגעבליבענע צו פאַרזאַמלען זיך.

— לייכט־פאַרוווּנדעטע — פאַלט א באַפעל — בלייבן ביי זייערע דרוזשינעס, שווער־פאַרוווּנדעטע איבערטראָגן אין א באַזונדערן וואַגאָן אונטער דער אויפזיכט פון מעדיצינישן פערסאָנאַל ביז צום ערשטן סאַניטאַר־פונקט! טוטס באַערדיקן אויפן אָרט מיט מיליטערישן כבוד!

מיט די שנעל אָנגעשריבענע ראַפּאָרטן אין די הענט זענען די דרוזשינע־פירער געשטאַנען אויסגעשטעלט לויט די נומערן פון די פלוטאָנען, וואַרטנדיק אויף זייער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי.

— אַכטונג! — האָט אויסגערופן דער שעף פון דער קאָמפּאַניע, דער עלטערער סערזשאַנט גאַלאָנזקאַ, מעלדנדיק דעם קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר די גרייטקייט פון די דרוזשינאָוועס צום ראַפּאָרט.

— איך דאַנק! — האָט געענטפערט דער פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי.

— גיט „רוען“ — האָט צוגעגעבן דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר.

— רוען! — האָט באַפוילן דער שעף.

דער פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי מיטן שעף האָבן זיך דערנעענטערט צו שלמהן.

אויסגעצויגן ווי א סטרונע מיט גרויס רעספּעקט פאַר דעם מענטש, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אחריות פאַר אַזויפיל זעלנער, האָט שלמה געמאָלדן:

— איין טויטער און צוויי פאַרוווּנדעטע! קאָמפּאַניע איינער, פלוטאָן 21.

— ווער איז דער טויטער? — האָט דער פּאָרוטשניק מיט א פאָטערלעכער שטימע געפרעגט.

— דער אינפאַנטעריסט מאַלינאָווסקי — האָט טרויעריק געמאָלדן שלמה.

— בימיץ, נעמט צו אַלע דאָקומענטן פון די טויטע און גיט זיי אריין צו מיר אין דער שאַנק! — האָט יאַנקאָווסקי זיך געווענדעט צום שעף, און שיקט גלייך מעלדונגען אין זייערע היימען!...

די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט. טייל האָבן

געהאָלפן די לייכט־פאַרוווּנדעטע חברים צוזאַמענגענומען זייערע זאַכן, אַנדערע האָבן צוגעהאָלפן די סאַניטאַרן ביים באַנדאַזשירן די פאַרווונדעטע; א גרויסער טייל זעלנער האָבן גענומען ברעכן צווייגן פון די נישט וויטע שטייענדיקע ביימער, מיט וועלכע זיי האָבן פאַרמאַסקירט די וואַגאָנען. עס זענען איצט זייער צונוצגעקומען די לעכער, וואָס די קוילן האָבן געמאַכט אין די וואַגאָנען, ווייל מען האָט אין זיי געקאָנט אריינשטעקן די צווייגן, נישט דאַרפנדיק באַנוצן קיין טשוועקעס...

מאַלינאָווסקי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן, זיין פּנים האָט זיך נאָר ווי א ביסל אויסגעצויגן. אויף דער לינקער זייט ברוסט האָט זיך אין זיין נאָך צווילן העמד געזען א גרויסער שוואַרצער פלעק פון פאַרגליווערט בלוט. עס האָט אים מער נישט געאַרט די פון פּאַפּיראָס אויסגעברענטע לאָך אין אַרבל... זיינע ליפּן זענען געווען עטוואָס אויפגעעפנט, זיינע ווייסע ציין ווי פּערל זענען געווען קראַמפּהאַפט געשלאָסן, די פויסטן פאַרביילט, ווי דראָענדיק.

— ער האָט געהאַט א לייכטן טויט, הער דרוזשינאָווי, — האָט געזאָגט צו שלמהן דער סאַניטאַר, וואָס האָט זיך געפּאָרעט לעבן מאַלינאָווסקי — גלייך אין האַרץ געטראָפן... נישט איינער וואָלט זיך אזוי געווונטשן... אים איז שוין פיל בעסער, ווי גורסקי׳ן, דעם, פון דער ערשטער דרוזשינע — דעם גאַנצן בויך האָט עס אים אויפגעריסן... עס איז א ביטערער רחמנות צוצוקוקן, ווי דאָס ייִנגל מוטשעט זיך... ער וועט באַשטימט ביז אין דער פרי נישט אויסהאַלטן — האָט ווייטער געזאָגט דער סאַניטאַר.

שלמה איז געשטאַנען א פאַרגליווערטער. ער האָט קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט פון מאַלינאָווסקין. זיין האַרץ איז געווען שטאַרק פאַרווייטיקט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרלוירן איינעם פון זיינע ברידער. — אַך, ווי גליקלעך איז דער, וואָס קאָן וויינען — האָט שלמה געטראַכט — ווי לייכטער וואָלט מיר איצט געווען אָפּצווויינען זיך פון האַרצן.

— זיי שטאַרק, שלמה — האָט אַן אינערלעך קול אים אונטערגעזאָגט, — דו האָסט נאָך אזעלכע 23 זון, וועלכע דו מוזט פירן אין בלוטיקן קאַמף, דו מוזט זיין צו זיי ווי א פאָטער, כאָטש דו ביסט נישט עלטער פון זיי...

מען האָט באַערדיקט די חברים אין זייערע מונדירן. די גוטע מאַמע, די שוואַרצע ערד, האָט זיי צוגעטוליעט צו זיך ווי קינדער. מיט אַן ערנזאַלפּ האָט די קאָמפּאַניע געזעגנט אירע ערשטע קרבנות...

קאַפּיטל 5

די שפּיאָנען

די פּריוויליקע קאָמפּאַניע פון דעם 19-טן לעמבערגער פּולק איז קיין פּויזן נישט דערגאַנגען. אָנגעשלאָסן אין א פרעמדער דיוויזיע, איז איר אויסגעקומען צו קעמפן אויף דער ליניע קוטנע — וואַרשע, אָבער שטענדיק אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי. פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען טרויעריקע ידיעות, נאָר די זעלנער האָט מען גאָרנישט דערפון דערציילט. — די דייטשן זענען אַריבער די פּוילישע גרענעצן — האָבן מיטגעטיילט די צייטונגען, אין דער צייט, ווען די היטלעריסטישע באַנדעס זענען שוין געווען טיף אין האַרצן פון פּוילישן לאַנד. מענטשן האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, זייער האָב און גוטס, מיטנעמענדיק נאָר דאָס נייטיקסטע און זיך געלאָזט אויף מזרח. די אַזוי גערופענע „פינפטע קאָלומנע" האָט אָנגעהויבן אויספירן פּאַרשידענע סאַבאָטאַזש-אַקטן און דיווערסיעס. זעלנער פון דייטשישער אָפּשטאַמונג האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז דעזערטירן פון דער פּוילישער אַרמיי, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס געווער. אָבער דער קאַמפגייסט פון די פּאַטריאָטיש-געשטימטע זעלנער איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן. עס זענען געווען פאַלן, ווען דרוזשינאַוועס האָבן איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער גאַנצער קאָמפּאַניע און זייערע אָפיצירן — געוועזענע „העלדן" אויף די וואַרשעווער און לעמבערגער אוניווערסיטעטן צו שפּאַלטן די קעפּ פון שוצלאָזע יידישע סטודענטן — האָבן, שנעל איבערטוענדיק זיך אין ציווילע קליידער, ווי פּחדנים פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד, אַנטלויפנדיק אויף מאָטאָציקלען.

מיט אַן עלעקטריש לעמפּל אין האַנט, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרטונקלונגס-שייבל, איז פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי געגאַנגען אויף אן אינספּעקציע

צו זיין קאָמפּאַניע. כמעט ביי יעדן זעלנער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו באַטראַכטן זיין שוצגראָבן.

— דאָ איז צו שמאָל — האָט ער איינעם געלערנט, און איר האָט אַ צו נידעריקן אונטערשפּאַר — האָט ער געזאָגט צו אַ צווייטן, ליגנדיק זיך אין זיין שוצגראָבן און פּרובירנדיק צילן מיט דער ביקס.

— די דרוזשינע איז ביים בויען די שוצגראָבנס! — האָט געמאָלדן שלמה — דערזעענדיק אויף זיין אָפּשניט דעם פּאָרוטשניק.

— ווי איז די שטימונג ביי אייערע זעלנער, דרוזשינאָווי? — האָט געפרעגט דער פּאָרוטשניק.

— זייער אַ גוטע! — האָט געענטפערט שלמה.

— איך ווייס — האָט ווייטער פאָרגעזעצט דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר — עס איז אַ סך אָפּהענגיק פון דעם דרוזשינאָווי, איך האָב שוין פיל מאָל באַמערקט, אַז איר גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון אייערע אויפגאַבן. — וואָס זענט איר, אייגנטלעך, פון באַרוף?

— אַ שניידער! — האָט געענטפערט שלמה.

— אַ שניידער? — האָט מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט דער פּאָרוטשניק. אַ גוטער?

— דאָס איז מיר שווער צו זאָגן — האָט שלמה געענטפערט. — איך האָב מיך מער פאַראינטערעסירט מיט פּאָליטיק, ווי מיט שניידעריי.

שלמה האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי דעם קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר. אין אַ פּערזענלעכן געשפּרעך מיטן פּאָרוטשניק האָט זיך שלמה איינמאָל אַנטפּלעקט מיט זיינע לינקע איבערצייגונגען. דער פּאָרוטשניק האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: אך, יאָ! מיר האָבן צו אייך קיין צוטרוי נישט געהאַט, און היינט זענט איר די בעסטע פּאַר־טיידיקער פונעם פאָטערלאַנד, וואָס איז צו אייך געווען ווי אַ שטיפמאַמע...

אין מיטן דער נאַכט האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן זייער ווייטערדיקן אָנגריף... דאָס קנאַקן פון דעם מאַשינגעווער האָט זיך אָנגערופן פון אַלע זייטן, שראַפּנעלן און גראַנאַטן־שפּליטערס האָבן גענומען פליען איבער די קעפּ פון די זעלנער. דער שונא האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן זיך פריי צו מאַכן דעם וועג אויף וואַרשע. שווערע אַרטילעריע־שאָסן האָבן גענומען אויפאַקערן די ערד מיט די מענטשן צוזאַמען. דאָס פייער האָט געדויערט אָן איבעררייס. עס האָט אויסגעזען,

ווי דער הימל וואָלט זיך געשפּאָלטן און דאָס גאַנצע פּעך און שוועבל פון גיהנום האָט זיך גענומען שיטן אויף די פּוילישע שוצגראַבנס.

— דאַכט זיך, אַז מען מעג שוין זאָגן ווידוי — האָט ערנסט געזאָגט דער יעפרייטער גאָלדשטיין, ליגנדיק לינקס פון שלמהס שוצגראָבן, און ער האָט גלייך צוגעגעבן:

— אין דער אמתן, קאָן איך אפילו קיין ווידוי אויך נישט....

— איך האָב שוין נישט קיין קוילן מער — האָט זיך אָפּגערופן קאָוואַ.

— אָבער אַ באַגנעט האָסטו? — דאָס איז שוין גענוג! מיר וועלן זיי ווי סיי באַלד אָנהייבן אַ קעגן־אָנגריף — האָט געזאָגט גנאַטעק. זאָלן זיי נאָר דאָרט אַ ביסל זיך אויסלאָרן...

אַ שטאַרקער דונער האָט זיך דערהערט פון דער זייט, וווּ עס איז געווען אונדזער מאַשינגעווער־פּונקט. שטיקער אייזן, טיילן פון קער־פּערס, קליידער, ביימער אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, אַלץ צוזאַמען איז געפלויגן אין דער לופטן. די זעלנער האָבן זיך, ווי אויף אַ באַפעל, שטאַרק צוגעדריקט צו דער ערד...

— וואָס ביסטו משוגע געוואָרן! — האָט גזשעלאַק גענומען שרייען אויף ראַמאַניוקן — איצט, אין אַזאַ פייער, הייבסטו זיך אויף אויף די קני און דאַוונסט?!

ראַמאַניוק איז געווען אַ פּויער פון הינטער לעמבערג, אין עלטער פון אן ערך 40 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 3 דערוואַקסענע טעכטער. ער פלעגט זיך תמיד טרייסטן, אַז נאָך דער מלחמה, ווען ער וועט קומען אהיים, וועט ער טרעפן זיין ווירטשאַפט אין בעסטן אָרדענונג, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט 3 טעכטער, ווי ער פלעגט זאָגן, „אין הויזן" נישט איין מאַן וואָלט זיך מיט זיי נישט געקאָנט פאַרמעסטן אין זייען און שניידן. ראַמאַניוק איז געווען פאַנאַטיש־רעליגיעז — אַ פּראָסטע און ערלעכע נשמה...

שלמה פלעגט זיך תמיד בייזערן, ווען די זעלנער פלעגן אָנהייבן זיך וויצלען אויף ראַמאַניוקס אַדרעס.

— גאָט איז שוין אַן אַלטער און הערט נישט — האָט ווייטער געצויגן גזשעלאַק. — צווייטנס איז שוין איצט שפּעט בייגאַכט. צו וואָס דאַרפסטו אים מטריח זיין און וועקן פון זיין זיסן שלאָף! דיר איז גוט, וואָס מען האָט דיך איצט אויפגעוועקט? און אז דו וועסט אים אפילו־

אויפוועקן, וועט ער אויך נישט הערן, וואָס דו פּלאַפּלסט דאָ אונטער נאָז... ווייל עס דונערט צו שטאַרק.

— לאָזט אים צורו, גזשעלאַק! — האָט זיך אַריינגעמישט שלמה.

— לייגט אייך! — האָט ער זיך געווענדעט צו ראָמאַניוקן — עס איז געפערלעך צו קניען.

נאָר ראָמאַניוק האָט גאָרנישט געהערט. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיין געבעט און מיט אַ געוואַלדיקער התפעלות אָן אויפהער זיך געצלמט... פּלוצעם איז ער מיט אַ שטאַרקן קרעכץ און אויסגעשריי: „גאָט!“, ווי אַן אונטערגעשניטענער אַנידערגעפאַלן אויפן פּנים.

גזשעלאַק האָט געוויינט ווי א קליין קינד אויף ראָמאַניוקס קבר...

פאַרטאָג איז דאָס גאַנצע פּולק אַריבער אין א קעגן־אָנגריף. מיט אַ געוואַלדיקן „הורראַ!“ האָבן זיך די זעלנער געהויבן פון זייערע שוצגראַבנס. עס איז געקומען צו אַ קאַמף אויף באַגנעטן. שלמה איז געוואָרן לייכט פאַרוואונדעט אין פּנים פון א היטלעריסטישן באַגנעט. אָבער פון זיין פלינקן צוריק־שטויס מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס, איז דער היטלעריסט געבליבן ליגן אויף דער ערד: די זעלנער האָבן זיך געוואָרפן אין פייער מיט אַ געוואַלדיקער העלדישקייט קעגן דעם גרויסן איבערגעוויכט פון מענטשן און מאַשינען.

די היטלעריסטן האָבן זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע. דער זיג איז אָבער געווען א קורצער... באַלד האָבן די היטלעריסטן פאַרטאָפּלט דאָס פייער, אריינציענדיק אין קאַמף זייערע פליער. דער פּוילישער פּולק איז געוואָרן געצעהנטלט פון טויטע און דרייפאכיק אַזויפיל פאַרוואונדעטע. פאַרנאַכט איז געקומען א באַפעל זיך צוריקצוציען אין דער ריכטונג פון פּלאָצק...

דערשעפּט פון די איבערלעבונגען, האָט דער ניי־פאָרמירטער פּולק זיך געצויגן אויפן וועג קיין פּלאָצק — הונגעריק, מיד און שלעפעריק.

— וווּ זענען אונדזערע פליער? — האָט מיט בייזקייט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט סאַווע. און ווו זענען ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס די מיידלעך פון „סמזשעלעץ“ אויף די לעמבערגער גאַסן האָבן אונדז פאַרזיכערט אין זייער הילף?... קיינער האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט, צושאקלנדיק בלויז טרויעריק מיט די קעפּ.

די זעלנער האָבן מאַרשירט צו פיר אין דער ברייט, האַלטנדיק זיך אונטער די אָרעמס. יעדעס מאָל זענען אַנדערע צוויי אַריינגעגאַנגען אין דער מיט, כדי צו קאָנען א ביסל איינדרימלען. א לייכטער רעגן האָט

אָנגעהויבן פֿאַלן, דורכווייקנדיק די אַזוי אויך נאַסע פֿון שוויס מונדירן. טייל האָבן פֿאַרריסן די קעפּ אַרײַנצוכאַפּן עטלעכע טראָפּנס רעגן אין מויל, בדי צו שטילן זייער דורשט, אָדער ווייניקסטנס צו באַנעצן די פֿאַרטריקנטע ליפּן.

— דער מיטן פֿריי! — האָט זיך געהערט אַ באַפֿעל.

— אַך צום טייוול! — האָבן די זעלנער אָנגעהויבן צו שעלטן — אַ דרימל כאַפּן לאָזט מען נישט.

די זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן צו טיילן: צו צוויי לינקס און צו צוויי רעכטס. אין דער מיט שאָסיי האָבן פֿאַרבייגעצויגן די סאַניטאַר־וואָגנס מיט קראַנקע און פֿאַרווונדעטע. אַלע האָבן געווענדעט זייערע בליקן אין דער ריכטונג פֿון די וואָגנס. האָפֿנדיק עמעצן פֿון זייַנע באַקאַנטע צו טרעפֿן, כדי אים כאָטש צו קענען באַגריסן. אויך די פֿאַרווונדעטע האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ, זוכנדיק באַקאַנטע צווישן די מאַרשירנדיקע זעלנער.

— אַ גוטן אָוונט אײַך, הער דרוזשינאָווי! — האָט שלמה דערהערט אַ באַקאַנט קול פֿון אַ וואָגן אַראָפּ.

שלמה האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ אין דער ריכטונג פֿון דעם וואָגן.

— אַך, ליפּקע צימערמאַן! — האָט מיט פֿרייד אויסגערופֿן שלמה, אַרויסלויפֿנדיק פֿון דער ריי צו ליפּקען. — נו, ווי פֿילסטו זיך?

— זייער גוט — האָט צימערמאַן געענטפֿערט. — עס איז נישט אַזוי שלעכט, ווי איך האָב געמיינט. אין קורצן וועל איך צוריקקומען צו אײַך. עס איז בלויז אַ לייכטע וווּנד.

שלמה האָט נישט געענטפֿערט... אָנגעשפּאַרט אין לייטער פֿונעם וואָגן, איז ער לאַנג נאָכגעגאַנגען זיין מוזיניקל פֿון דער דרוזשינע, דעם חנעוודיקן ליפּקעלע.

— איך מוז שוין צוריק! — האָט זיך אָפּגערופֿן שלמה, גלעטנדיק ליפּקען איבער זיינע געקרייזלטע שוואַרצע האָר. — פֿאָר געזונט!

— אויף אַ באַלדיקן ווידערזען! — האָט פֿאָכענדיק מיט דער האַנט גערופֿן ליפּקע.

די וואָגנס מיט די פֿאַרווונדעטע זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן. עס זענען שוין אויך פֿאַרביי די קוכערס מיט זייערע קעסלען אויף צוויי רעדער, אָבער די קאָמפּאַניע האָט נאָך מאַרשירט צו צוויי אין דער ברייט אויף ביידע זייטן וועג.

— איר האָט נאָך ביסל וואַסער, הער דרוזשינאָווע? — האָט געבעטן

דער יעפרייטער גאָלדשטיין. — איך פיל, ווי איך ווער ממש פאַרברענט פון דורשט.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל איר טרינקט. וואָס מער מע טרינקט, אַלץ מער ווילט זיך. איר דאַרפט זיך נאָר בלויז פייכט מאַכן די ליפּן. איך האָב שוין אויך זייער ווייניק וואַסער אין מיין פעלד־פלאַש — האָט געזאָגט שלמה, דערלאַנגענדיק די מאַגיערקע גאָלדשטיינען.

שלמה האָט נישט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ פאַר זיין ביקס, איבערלייגנדיק זי בסדר פונעם רעכטן אַקסל אויף דעם לינקן און שפּעטער זי איבערגעהאָנגען איבערן האַלדז. אויך דאָ האָט זי אים דערקוטשעט. ער האָט שטאַרקער פאַרצויגן דעם רימען, איבערגערוקט די גאַז־מאַסקע. אַלץ איז אים איצט געווען צו שווער.

— הער דרוזשינאָווע, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אַ דערשראָקענער געפרעגט גאָלדשטיין — איר זענט צוריקגעקומען, ווי נישט דער זעלבער? — זענען ווידער אפשר שלעכטע ידיעות?

— אַך, מיין ליבער פריינד! — האָט מיט אַ טיפן זיפץ געענטפערט שלמה — דער מענטש איז פיל מאָל גליקלעכער אין זיין אומוויסנהייט. ליפּקע האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט גיך צו אונדז צוריקקומען. — אַך, ליפּקע, ליפּקע! דו אָרעם יינגל, ווער ווייסט, צי מיר וועלן דעמלט שוין זיין! אָבער דאָס איז דערווייל נישט וויכטיק. דער סאַניטאַר האָט מיר פאַרטרויליך געזאָגט, אַז מען וועט אים מוזן אַמפּוטירן דעם פוס.

ביידע האָבן ווייטער מאַרשירט נעבן זיך אין אַ טויטער שטילקייט...

ליפּקע איז געווען דער קלענסטער אין וווקס אין דער דרוזשינע און אויך דער יינגסטער. אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט.

— זינג עפּעס, ליפּקע — פלעגן זאָגן די חברים, ועפּעס לעמבערגס ליפּקע האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן:

„הולי בראַטשע פיינאָ, גרודעק קלעפּאַרוו,
פּושטשאַי אי קאַטולאַי, ניעמאַ יאַק נאַש לוווו“.

די זעלנער פלעגן זיין געזאַנג שלינגען ממש ווי צוקער. נישט איין מאָל אין מאַרש האָט ליפּקע אויפגעמונטערט די גאַנצע קאַמפּאַניע. עס איז דאַן פאַרשוווּנדן דער טרויער, די מידקייט — אַלץ האָט מיטגעזונגען. אין דער היים איז ער געווען אַן איינאייגיקער. אַ ברודער און אַ שוועסטער זענען ביי אים געשטאָרבן. עס געדענקען נאָך אַלע, ווי די מאַמע האָט אים געזעגנט, נאָכלויפנדיק ביי דער זייט פון דער מאַרשירנדיקער קאָמפּאַניע. די אַלטיטשקע האָט זיך געבעטן:

— ליפּעלע, קרוין מײַנער, זאָלסט שרײַבן לאַנגע בריוו!

— יאָ, מאַמע, — האָט ליפּעלע פֿאַרשפּראָכן.

— פֿאַרגעס נישט אַרומצוּוויקלען דעם האַלדז, אַז עס וועט ווערן קיל. איך האָב דיר אַרײַנגעלייגט דאָס זײַדענע שאַליקל דײַנס. אוי, אַ ווײַטיק איז צו דער מאַמען! נאָך רעכט זיך נישט אָפּגערוט פֿון דער תּפֿיסה, און שוין זיך געמאָלדן אויפֿן פֿראָנט... — אַזוי האָט די מאַמע דעם גאַנצן וועג צו זיך אַליין גערעדט, נאָכהאַלטנדיק מיט די לעצטע כּוחות דעם טראָט פֿון דער קאָמפּאַניע...

נאָך דעם נאַכטיקן מאַרש, האָט דער פֿולק זיך פֿאַרמאַסקירט אין דעם אַרומיקן וואַלד. פֿאַרטיילט אין באַטאַליאָנען, קאָמפּאַניעס, ביז צו די קלענטסטע אײַנהייטן, האָט זיך יעדער גלײַכצײַטיק גרייט געמאַכט אויף יעדן פֿאַל צו קאָנען זיך פֿאַרטיידיקן. עס האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין א. ג. עלעגאַנטן, וואָס האָבן אויסגענוצט דאָס קליינע ריטשקעלע ביי דער לאָנקע, כּדי צו וואַשן די העמדער און די אָניטשעס: ווער מיט זייף, און ווען קיין זייף איז נישט געווען, איז אויך נישט שלעכט געווען מיט אַ ביסל זאַמד. יעדנפֿאַלס האָט מען אָפּגעוואַשן מינדסטנס דעם שווייס.

— הער דרוזשינאָווע! די זעלנער פֿון דער ערשטער דרוזשינע האָבן געכאַפּט צוויי שפּיאָנען — האָט געמאָלדן יאַניצקי. די זעלנער האָבן געזען, ווי זיי האָבן מיט שפּיגעלעך זיך געשפּילט אַקעגן דער זון און אַזוי אַרום געגעבן סיגנאַלן צו די פֿײַנטלעכע פֿליער.

די דאָזיקע ניַיעס האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן פֿולק.

— דערשיסן! דערשיסן! — האָבן געשריגן אַ טייל היצקעפּ. עס האָבן זיך שוין אַפֿילו געפֿונען עדות, וואָס האָבן באַגרינדעט, אַז די פֿליער האָבן זיך דערפֿאַר אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, כּדי בעסער צו באַמערקן די סיגנאַלן.

— די שפּיאָנען זענען פּויערים פֿון קאַנינער געגנט — האָבן צוגעגעבן אַנדערע. זיי האָבן אויך דײַטשישע נעמען.

דער קאַפּראַל אָבּיזשאַלעק, דער פֿירער פֿון דער ערשטער דרוזשינע, האָט גלײַך באַפֿוילן צו פֿאַרבינדן די פּויערים די הענט אויף הינטן און מיט אַן עסקאָרטע פֿון 4 מאַן מיט אַ יעפֿרייטער אין דער שפּיץ געהייסן צושטעלן זיי צו דער אָנפֿירונג פֿון דער קאָמפּאַניע. אַליין איז אָבּיזשאַלעק געלאָפֿן פֿאָרויס, כּדי דער ערשטער צו באַלייגן די מעלדונג דעם קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר, פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי.

נאָך אַ קורצן פאַרהער האָט יאַנקאָווסקי, נישט זייענדיק, ווייזט אויס, אַזוי שטאַרק איבערצייגט אין דער שולד פון די פויערים, באַפוילן אָבי־זשאַלעקן זיי אָפּצופירן צום שטאַב פונעם באַטאַליאָן, מיטגעבנדיק אים אַ בריוו אין אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט. פײַנטלעכע בליקן האָבן באַגלייט די פויערים דורכן גאַנצן וועג, מיט וועלכן מען האָט זיי געפירט. פאַרשי־דענע קאָמענטאַרן האָבן זיך געלאָזט הערן איבער די צוויי באַרוועסע פויערים מיט די שיך אויף די אַקסלען און העמדער פון גראָבער לײַנ־לײַוונט פון היימישער אויסאַרבעטונג און אין הויזן, נאָך דיקערע פון דעם זעלבן מין לײַוונט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף שוואַרצע שמאָלע רימענס.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט, דרוזשינאָווע? — האָט שלמה דערפילט ווי עס באַרירט אים עמעץ פאַרן אַקסל — איר קלערט באַשטימט וועגן די שפּיאָנען. זיי וועלן שוין קריגן דאָס, וואָס אַ שפּיאָן פאַרדינט.

שלמה, דערקענענדיק אין קול דעם קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר, האָט זיך בליץ־שנעל אויסגעדרייט, כדי אים אָפּצוגעבן דעם געהעריקן מיליטערישן כבוד.

— בלײַבט זיצן! — האָט צוגעגעבן דער פּאָרוטשניק. — איך בין צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען לעבן אייער דרוזשינע. — אַך, וואָס זע איך! אַ טאָג־בוך? — האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג אויסגערופן: פּאָעזיע אויך דערצו? נו, נו, איך האָב ווירקלעך נישט געוווּסט, וועמען איך האָב אין מײַן קאָמפּאַניע! און ווי האָט איר מיך דאָרט פאַרגעשטעלט אין אייער טאָג־בוך? — האָט ער מיט אַ נײַגעריקן שמייכל געפרעגט.

— ווי אַ פאָטער! האָט קורץ געענטפערט שלמה.

— וואָס, שוין וועגן די שפּיאָנען? — האָט יאַנקאָווסקי אָנגעוויזן אויף דעם לעצטן באַשריבענעם דיקן העפט, נעמענדיק דעם טאָג־בוך פון שלמהס האַנט און אָנהייבנדיק לייענען:

„ווי ביליק איז געוואָרן דאָס מענטשלעכע לעבן"...

— ווי איך זע, צווייפלט איר, אַז דאָס זענען שפּיאָנען? — האָט גע־פרעגט יאַנקאָווסקי.

— יאָ, איך בין נישט פעסט איבערצייגט אין זייער שולד! — האָט געענטפערט שלמה.

— איר, קאָמוניסטן, זענט אָנשטענדיקע מענטשן. ביי אייך איז אַ מענטש טייער. עס געפעלט מיר נאָר נישט ביי אייך דאָס, וואָס איר גלייבט נישט אין גאָט.

— מיר שטערן אָבער נישט אַנדערע צו גלייבן — האָט זיך ווי פאַר־מיידיקט שלמה.

אויפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן קליינע וואָלקנדלעך רויך פון אויפ־געריסענע גראַנאַטן. יעדעס מאָל האָט זיך געהערט אַ פייף פון אַ פאַר־בלאָנדזשעטער קויל, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון אַ בוים און אפילו עמעצן בשעת־מעשה פאַרוווּנדעט.

— זיי גיבן קיין רו נישט, די באַנדיטן! — האָט געזאָגט שלמה — זיי זענען בעסער אויסגעשטאַט פון אונדז, אויך מענטשן האָבן זיי מער. זיי רוקן זיך אומאויפהערלעך פאָרויס.

— אונדזער ווידערשטאַנד איז צו שוואַך — האָט זיך אָנגערופן יאַנ־קאָווסקי — כאָטש דער מוט און די העלדישקייט פון אונדזערע זעלנער איז זייער שטאַרק.

די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין. די פייערדיק־גאָלדענע קויל האָט זיך געזעצט וואָס אַמאָל נידעריקער און נידעריקער, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן הינטערן באַרג. דער הימל איז געבליבן אַ פאַררויטלטער, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר דעם אַלעם, וואָס טוט זיך אָפּ אונטער אים.

— טויט־שטראָף דורך דערשיסן! — האָט געהילכט די שטים פון דעם מאַיאָר, דעם פאָרזיצער פונעם פעלד־געריכט.

פיר זעלנער האָבן לויטן באַפעל אויף שנעל אויסגעגראָבן מיט די לאָפּעטקעלעך אַ גרוב הינטערן דעם וועלדל. דאָס פרישע אַרויסגעוואָרפענע זאַמד אַרום איז געלעגן שטיל, ווי עס וואָלט געוואַרט אויף דעם וואַרעמען בלוט פון די פרישע קרבנות.

דער מאַיאָר, מיט זיין גלאַט אויסגעראַזירט פנים איז געזעסן ביים טיש און נאָך עפּעס געשריבן אין די פּאַפּירן. זיינע טיף־אַריינגעזעצטע אויגן, ווי ביי אַ סאָווע, האָבן זיך ביי אים נאָך מער פאַרגרעסערט. מיט זיינע איידעלע, פּריציש־אויסגעפלעגטע הענטלעך האָט ער יעדעס מאָל אַרויפגעצויגן דעם אַראָפּפאַלנדיקן מאַנטל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר־וואָרפן אויף זיינע פּלייצעס.

— מיר זענען אומשולדיק! הימל און ערד זענען אונדזערע עדות! — האָבן מיט אַ האַרצרייסנדיק קול געשריגן די פּייערים, שטייענדיק מיט פאַרבונדענע אויגן — מיר זענען אומשולדיק! — האָט זיך ביים גרוב דערהערט אַ יאָמערלעך בעטן.

דער אָפיציר האָט אַראָפּגעלאָזט די שווערד...

אַ קורצער זאַלפּ האָט דערשטיקט זייער לעצט געשריי...

קאַפּיטל 6

דער טויט פון קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר — פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי

אין אַ שיטער וועלדל הינטער פּלאָצק, האָט דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר יאַנקאָווסקי צונויפגענומען די לעבנגעבליבענע זעלנער פון זיין קאָמפּאַניע, כדי צו שטעלן אפשר שוין דעם לעצטן ווידערשטאַנד דעם פאַרביסן־אָנגרייפנדיקן שונא. עס האָבן דאָ נישט געפעלט קיין זעלנער פון פאַרשידענע אַנדערע צעקלאַפּטע קאָמפּאַניעס: סאַפּערן, אַרטילעריסטן, טעלעגראַפיסטן, קאַוואַלעריסטן, פאַרבינדלער, ווי אויך אַ גרויסע צאָל לייכט־ און שווער־פאַרוווּנדעטע.

— ליבע זעלנער! — האָט זיך געהערט זיין פאָטערלעכע שטים — אונדזער פאָטערלאַנד איז אין אַ גרויסער געפאַר. דער שונא איז שוין אַריינגעדרונגען טיף אין האַרצן פון אונדזער לאַנד, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג. דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט רופט צו נקמה. מיר זענען דאָ נאָך געבליבן אַ קליין הייפעלע קעמפער, פאַרלאָזענע פון גאָט און פון פריינד. אויף אונדז, איבערגעבליבענע פון דער פרייוויליקער קאָמפּאַניע פון 19־טן לעמבערגער פּולק, איז אויסגעפאַלן דער גורל צו פאַרטיידיקן דעם שטאָלץ און כבוד פון אונדזער לאַנד, און פון אונדזער פּולק. אמתע זעלנער ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן וואָס עס הייסט זיך אונטערגעבן דעם שונא. באַזונדערס ווענד איך זיך צו אייך, זעלנער פון יידישער אָפּשטאַמונג. עס איז אייך גוט באַקאַנט, וואָס די היטלעריסטישע באַנדיטן האָבן געמאַכט מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, עס דערוואַרט אייך בלויז שפּאָט און שאַנד אין דער נאַצישער געפאַנגענשאַפט, איך בין פאַר אויפנעמען דעם קאַמף, ווען אפילו דאָס זאָל שוין זיין דער לעצטער! ווער איז מסכים?

— אַלע! — האָבן ווי איין מאַן געענטפערט די זעלנער.

— איך דאַנק אייך! — האָט געענטפערט פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי. איצט איז פאַר מיר שוין גאָרנישט שרעקלעך — אפילו דער טויט!...

אַרום האָט אַלץ געברענט. דאָס דונערן און בליצן פון דער שווערער אַרטילעריע איז אפילו אויף איין מינוט נישט געוואָרן שוואַכער...

— ווו האָבן זיי גענומען אַזויפיל אייזן? — האָט זיך אָנגערופן יאַניצקי.

— אויך אַ פראַגע? — האָט געזאָגט גזשעלאַק. — זיי פרעסן שוין נישט זעקס יאָר און האָבן פון דעם ברויט געמאַכט אייזערנע קוילן.

— דיר האַלטן זיך נאָר וויצן אין קאָפּ! — האָט געזאָגט יאַניצקי. — איך בין נאָר נייגעריק, ווען עס וועט דיך טרעפן אַזאַ „ברייטעלע“ צי וועסטו דעמלט אויך דערציילן וויצן?

— זאָלסט וויסן, אַז יאָ! ווען איך וועל ליגן אפלו טויט און וועסט מיך אָנקוקן, וועסטו מוזן זיך צעלאַכן — האָט געענטפערט גזשעלאַק.

די גאַנצע מיליטערישע אויסשטאַטונג פון דעם פריש־אָרגאַניזירטן באַטאַליאָן, וואָס האָט פּאַקטיש נישט געציילט מער ווי צוויי קליינע קאָמפּאַניעס, איז באַשטאַנען פון צוויי שווערע מאַשינגעווערן, איין גראַנאַטנוואַרפער און דריי האַנט־מאַשינגעווערן. עטלעכע מאָל האָט מען שוין געטוישט די מאַנשאַפט פון די מאַשינגעווערן מיט פרישע מענטשן, אויך דאָס אָרט האָט מען געמוזט טוישן, ווייל דאָס שטאַרקסטע פייער האָט דער שונא אויף זיי געוואָרפן. אַ הוראַגאַן־פייער האָבן די היטלעריסטן קאָנצענטרירט אויפן וועלדל, ווו עס איז געשטאַנען פאַרשאַנצט די פריוויליקע קאָמפּאַניע, צווינגענדיק זי אַזוי־אַרום סיסטעמאַטיש זיך אַרויסציִען און פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס. די פאַרלוסטן זענען געווען זייער גרויסע. פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי איז געלאָפן פון איין אָפּשניט צום צווייטן. ער האָט אפילו נישט איינגעבויגן זיין קערפּער צו שיצן זיך פאַר די פאַרבייפליענדיקע קוילן. די זעלנער פלעגן זאָגן, אַז צום פּאָרוטשניק טרעטן נישט צו די קוילן. אָבער יעדנס האַרץ האָט געקלאַפּט העכער, בעת די קויל האָט געגעבן אַ פייף האַרט ביים פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי. ער האָט זיך געהאַלטן גענוי אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אויף יערלעכע איבונגס־מאַנעווערן, ווו עס דראָט איבערהויפּט נישט קיין געפאַר. ער האָט נאָר געדענקט אין זיינע זעלנער. ווו ער האָט נאָר געהערט אַ קרעכץ, איז ער שוין געווען דערביי, אַרויסגעריסן דעם באַנדאַזש, וואָס יעדער זעלנער האָט געהאַט מיט זיך און אַליין אים באַנדאַזשירט. אין זיין צעפלאַטערטן צעלעכערטן פון קוילן מאַנטל האָט ער אויסגעזען ווי אַ פויגל, וואָס האָט

אויסגעשפּרייט זײַנע פליגל אויף זײַנע קלײנע פייגעלעך, ווען אַ שטורעם האָט זיך דערנענטערט...

— קוקט, דרוזשינאָווע — האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהן, דערלאַנגענדיק אים זײַן לאָרנעט — פון וואַנען עס קומט אַזאַ שטאַרק פײַער.

— יאָ, איך זע! דאָס איז אַ מאַשינגעווער־פּונקט — האָט שלמה געזאָגט, נישט אַוועקנעמענדיק פון די אויגן די לאָרנעט.

— ריכטיק! — האָט צוגעשטימט יאַנקאָווסקי, זאָלן אײַערע סנײַפּער אַהין קערעווען דאָס פײַער!

שלמה האָט גלײַך איבערגעחזרט דעם באַפעל, אויסדרייענדיק זיך צו זײַנע סנײַפּער. עטלעכע פײַפן האָבן דורכגעשניטן די לופט האַרט נעבן אים, גליִענדיקע פונקען האָבן ווי אין אַ געיעג פאַרבלענדט זײַנע אויגן.

— אַך, גאָט! — האָט שלמה דערהערט אַ טיפן קרעכץ אין זײַן לינקער זײַט.

— פּראָוטשניק יאַנקאָווסקי! פּראָוטשניק יאַנקאָווסקי! — האָט שלמה, אויפשפּרונגענדיק האַסטיק פון זײַן אָרט, אויסגערופן פאַרצווייפלט מיט אַ יאָמערלעך געשריי.

דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר, פּראָוטשניק יאַנקאָווסקי, דער העלדישער יונגער בלאָנדער בחור, איז שטיל געשטאָרבן, אַזוי ווי ער האָט שטיל געלעבט. זײַן האַרץ איז געווען דורכגעלעכערט פון אַ סעריע קוילן. אין בײַדע הענט האָט ער געהאַלטן פאַרקראַמפּט צו ביסלעך גראָז, וואָס ער האָט אין די לעצטע גסיסה־אַנגסטן אַרויסגעריסן פון דער ערד... פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה: דער פּראָוטשניק יאַנקאָווסקי איז טויט!

די זעלנער זענען געבליבן טרײַ זײַן צוואה... מיט נאָך אַ שטאַרקערער פאַרביסנקייט האָבן זיי גענומען שיקן זייערע לעצטע קוילן צו די היטלעריסטישע מערדער. דער שונא האָט אונטערגענומען אַ קרייצפײַער, וועלנדיק אַזוי אַרום שטערן צוצוקומען מיט הילף אַפילו צו די פאַרווונדעטע. בײַ פיל פון די זעלנער איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק פון האָפענונג צו דערלעבן דעם פרימאָרגן.

— איך פיל, הער דרוזשינאָווע, אַז איך ווער משוגע! איך הער שוין גאָר נישט אויף מײַנע אויערן, איך בין שוין אינגאַנצן טויב! ווי לאַנג קאָן נאָך דאָס אַזוי דויערן? — האָט געזאָגט דער סנײַפּער סאַווע.

— מען מוז זיין שטאַרק, ליבער פרײַנד, איר וועט זען, אַז אין קורצן וועט מען איבעררייסן דעם רינג אַרום אונדז. זעט, אונדזער אַרטילעריע האָט געעפנט אַ פייער, — האָט געענטפערט שלמה, ווייזנדיק אויף די פליענדיקע סנאָפּעס פייער איבער זייערע קעפּ.

— הילף! חברים! — האָט זיך ווידער דערהערט אַ געשריי.

שלמה, קריכנדיק אויפן בויך, האָט זיך דערגענטערט צום אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געבעט. גנאַטעק איז געלעגן מיט אַן אויפגעריסענעם בויך, אין וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ גרויסער שפּיטער פון אַ סנאַריאַד. שלמה האָט נישט באַוויזן אַרויסצונעמען דעם באַנדאַזש, ווו אַ קויל האָט ווידער דורכגעלעכערט גנאַטעקן דעם האַלדז.

— צו מיין פר... האָט גנאַטעק אויפגעהויבן זיין האַנט, ווייזנדיק דאָס קידושין־רינגל אויף זיין פינגער... די הילף איז שוין גנאַטעקן נישט געווען נייטיק... דאָס בלוט האָט מיט אַ שטראָם געגאָסן פון מויל... דער טויט איז געווען אַזוי אכזריותדיק, אַז ער האָט גנאַטעקן אפילו נישט דערלויבט איבערצוגעבן דעם לעצטן ווונטש פאַר זיין פרוי...

שלמה איז אַ מאַכטלאָזער אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים צו דער פייכטער ערד.

— אַך, גאָט! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — ווי וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט ווירקלעך זיין! צי וואָלסטו דען דערלאָזט צו אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן! ניין! ניין! און טויזנט מאָל ניין! עס איז נישט פאַראַן אַזאַ פאַרברעכן אויף דער וועלט, מען זאָל דאַרפן באַצאָלן מיט אַזעלכע גרויסע קרבנות!

שלמה האָט שוין נישט געקאָנט צוריקקריכן אויף זיין פּלאַץ. דאָס פייער האָט גענומען בושעווען מיט אַזאַ קראַפט, אַז מען האָט שוין אפילו נישט געהערט דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע און גוססדיקע.
— מען מוז זיך דאָ אויף שנעל איינגראָבן — האָט ער געגעבן אַ טראַכט.

דער קאַרטאָפל־באָדן איז געווען אַ ווייכער. מיט די הענט האָט שלמה אָנגעהויבן רייסן אונטער זיך די ערד, נישט פילנדיק אפילו, ווי דאָס בלוט רינט אים פון די פינגער, צוליב די אָפּגעריסענע נעגל. צוציענדיק צו זיך דעם נאָך וואַרעמען קערפּער פון גנאַטעקן, האָט ער געפּרוווט כאָטש פון איין זייט צו פאַרשטעלן זיך פון די פייפנדיקע קוילן. איצט איז שוין מעגלעך געווען אָפּצוטשעפּן זיין לאָפּאַטקעלע.

— דזין — דזין! האָט געגעבן אַ קלונג אין זיינע אויערן. ער האָט דערפילט אַ ריס ביים קאָפּ. די האָר פון דער רעכטער זייט זענען ווי אָפּגעסמאַליעט געוואָרן. אַ שטיק פון זיין העלם האָט געפעלט...

אין דער לופטן האָט זיך גענומען קרייצן דאָס פייער פון דער אייגענער און פיינטלעכער אַרטילעריע. די מינענוואַרפער האָבן געקלאַפּט, די קרוינען פון די ביימער זענען געפלויגן פון זייערע שטאַמען, ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע פון שניטער. דער הימל איז געווען רויט פונעם פייער פון די ברענענדיקע דאָרפישע הייזלעך אַרום. ביי יעדער זשומען פון אַ מינע אָדער גראַנאַט, האָט שלמה אינסטינקטיוו אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. ווער ווייסט? אפשר שוין! אָדער ער וועט אויפרייסן אַ ביסל ווייטער? אַזוי זענען פאַרגאַנגען שעהן — אָבער יעדע מינוט האָט זיך געצויגן אַן אייביקייט...

אַ קורצער פייף — און אַ קראַך. אויף אַ ווייַלע איז די לופט אויסגעשעפּט געוואָרן ווי מיט אַ פּאָמפּע. שלמהן האָט אַזש פאַרשפּאַרט דעם אָטעם. ווי אַ רעגן האָבן קליינע שפּליטערס באַדעקט זיין גאַנצן קערפּער. אַ פייכטע וואַרעמקייט איז אים דורכגעגאַנגען פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט געפּרוווט באַוועגן מיט זיינע הענט, אָבער זיי זענען מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין קערפּער. ער האָט איבערהויפּט נישט געפילט קיין ווייטיק. — צי שוין? — האָט שלמה זיך אַליין געפרעגט. דער טויט איז דאָך גאָרנישט אַזוי שרעקלעך! עס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו פינקלען פאַר די אויגן. אין מאָגן האָט אָנגעהויבן רייסן ווי פון הונגער־קראַמפּן. די ליפּן זענען געווען פאַרשמאַכט... אַ ביסל וואַסער! וואַ... סער... עס האָט שוין אָבער קיינער נישט געהערט...

שלמהן איז פאַר די אויגן געשטאַנען די מאַמע.

— איך האָב מיך מיט דיר נישט געזעגנט. עס איז שוין נישט געווען. איך האָב זיך נישט געטאָרט פאַרשפּעטיקן — האָט ער ווי אין חלום געפּרווט זיך פאַרענטפערן.

ער האָט געזען פאַר זיך דאָס קאָרקעווער וועלדל, ווו טעאָדאָר רומקעוויטש האָט אים געגעבן די ערשטע בראָשורן.

רומקעוויטש האָט באַקומען אַ באַפעל פון דער פאַרטיי זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם בחור פון דער קלויז, וואָס האָט געשטעלט זיין רבין חיים ראַווער די פראַגע: „ווער האָט באַשאַפן גאָט?“, די דאָזיקע פראַגע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דעם קליינעם שטעטעלע

וואריש. מען האָט באַשלאָסן דעם 13־יעריקן שלמה אַרויסצוואַרפן פון דער גרופּע בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין קלויז...

...און אָט איז דאָס קליינע שטיבעלע ביי יאַשקע דידאַ... ווו עס איז פאָרגעקומען די זיצונג, אויף וועלכער מעאָדאָר האָט אים מיטגענומען. דעם דעלעגאַט פון דער לינקער פּפּס פון לעמבערג, סמאָל, וועלכער איז אויך געווען אויף דער דאָזיקער זיצונג, האָט שלמה דאַן געפרעגט, צי ער דאַרף זיך שוין קויפן אַ רעוואָלווער... — ניין — האָט סמאָל געענטפערט, — ווען די רעוואָלוציע וועט קומען, וועט איר שוין געווער קריגן, קוקנדיק מיט פאַרוווּנדערונג אויף דער אַנטשלאָסענער האַלטונג פון פריצייטיקער רייפקייט פון דעם יונגן בחורל.

— איר וועט אויספירן די באַפעלן פון דעם חבר מעאָדאָר — האָט געזאָגט סמאָל. דערווייל נאָך אָן געווער...

איצט האָט ער שוין דאָס געווער געקריגן, אָבער ער קאָן שוין נישט שיסן... — קלאַרע, נעם ביי מיר דאָס געווער...

ביז אין די שפּעטע שעהן נאָכמיטאָג האָבן זיך די צעשלאָגענע רעשטלעך פון דער פּריוויליקער קאָמפּאַניע פּאַרטיידיקט. דאָס גאַנצע וועלדל און דאָס דערבייאיקע פעלד איז געווען געדיכט באַדעקט מיט טויטע און פאַרווונדעטע... אנשטאט סאַניטאַרן זענען איצט געלאָפן מיט טראָג־בעטלעך זעלנער אין פּוילישע מונדירן, אָבער שוין אונטער דער אויפזיכט פון היטלעריסטן, און צוזאַמענגענומען פונעם שלאַכטפעלד די, וועלכע האָבן נאָך געוויזן אַ צייכן פון לעבן.

דער וויטיק ביים פּרוון אָפּרייסן די אין בלוט־פאַרגליווערטע אין צוגעקלעפּטע צו די ווונדן קליידער האָט שלמהן אויפגעוועקט. ער האָט געפּרווט עפענען די אויגן. אַ שווערער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט...

— לעבסט, דו שמוציקער פּוילישער באַנדיט!? — איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען דער היטלעריסט, וועלכער איז כלומרשט געגאַנגען זוכן קאַמפּס־פלעגער ביי די געפאַלענע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, און אין דער אמתן, כדי צונויפצונעמען פון די טויטע דאָס געלט, רינגלעך, זייגערס און אַנדערע ווערטפולע חפצים.

— אַך, איין הער אונטעראָפיציר! — האָט ער איראָניש צוגעגעבן, דערזעענדיק די זילבערנע, אין בלוט און אין בלאָטע אויסגעווייקטע אַקסלבענדער פון שלמהן.

— דערהיסן דעם הונט! — האָט ער אַלס נקמה, וואָס עס איז אים נישט געלונגען צוצוהייבן שלמהס האַנט־זייגערל, אויסגעשריגן, אַרויפלייגנדיק די רעכטע האַנט אויפן רעוואָלווער.

— דו קענסט שיסן — האָט זיך שלמה געטראַכט, ליגנדיק פּאַר־שטייפט — עס איז שוין אַלצאיינס.

שלמה איז שוין צוויי טעג געווען פולשטענדיק אָן עסן און טרינקען, דערשעפּט און אויסגעמאַטערט פון די איבערלעבענישן און פון דעם אָפּ־געפּלאַטשעטן בלוט — דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז ער האָט אויף די ווילדע דראָונגען פון דער היטלעריסטישער בעסטיע נישט רעאַגירט... די חיהשע אויגן פון דעם היטלעריסט האָבן זיך אָנגעצונדן, ווי מען וואָלט אים זיין טאַטע־מאַמע דערמאָרדעט.

— וואָס ווילסטו? — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער — ער איז דאָך שוין ווערלאָז. און איינבייגנדיק זיך צו שלמהן, האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט דעם קריג נישט געדאַרפט. איך — אויך נישט. דער קריג איז נאָר פאַר אַזעלכע ווי ער — האָט ער אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף דעם זיך דערווייטערנדיקן פעלדפעבל.

— אַ ביסל וואַסער! — האָט שלמה געבעטן.

— איך גיב דיר גלייך! — האָט געענטפערט דער דייטשישער זעל־נער, אַרויסנעמענדיק זיין פעלד־פלאַש פון די רימענדלעך און צוגעטראָגן צו שלמהס פאַרהלשט מויל.

דערהפילנדיק דעם געשמאַק פון טיי מיט רום, האָט שלמה מיט איין־מאָל געוואָלט עס אַריינשלינגען אין זיין ברענענדיקן קערפער.

— טרינק לאַנגזאַם — האָט דער דייטש געזאָגט — איך נעם עס ביי דיר נישט אַוועק. דו וועסט עס איינגאַנצן אַליין אויסטרינקען.

אין שלמהס זכרון האָט זיך טיף איינגעקריצט דאָס געזיכט פון דעם דאָזיקן מענטש אין היטלעריסטישן מונדיר, זיין לעגגלעך פּנים מיט דעם גאָלדענעם צאָן, וואָס האָט אַזוי געפּאַסט צו זיין שמייכל, בעת ער האָט גערעדט.

— נעמט אים צו דעם טראַנספּאָרט פאַרוווּנדעטע, וואָס גייט קיין פּלאָצק! — האָט ער זיך געווענדעט צו די סאַניטאַרן — געפאַנגענע.

צוויי שטאַרקע יונגע קריגס־געפאַנגענע האָבן גענומען אויספירן זיין באַפעל. ווען שלמה איז שוין געלעגן אויפן טראָגבעטל, האָט זיך דער דייטש נאָכאַמאָל אָנגעבויגן איבער אים, אַריינגעלייגט אַ ווייסן פּירעקיקן

סוכאַר אין זיין האַנט און פאַרמאַכנדיק די שטייפע פינגער, איינגעבויגן זי צום מויל.

— פרווט לאַנגזאַם גריזשען — האָט ער געזאָגט.

— וואָס זאָגט איר צו אים? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די געפאַנגענע, ווען דער דייטשער זעלנער האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט

— אָ — האָט געזאָגט דער צווייטער — דאָס איז באַשטימט נישט קיין נאַצי. — ער האָט מיר אויך געגעבן צוויי שטיקלעך ברויט מיט קעז, אַז קיינער זאָל נישט זען.

די קריגס־געפאַנגענע האָבן גענומען טראָגן שלמהן צו דער באַזע פון די פאַרוונדעטע, לענגויס דעם געוועזענעם שלאַכטפעלד. מיטאַמאָל האָט שלמה אַ געשריי געגעבן. די געפאַנגענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָבן זיי פאַרוונדערט געפרעגט.

— בלייבט! בלייבט! — האָט שלמה געבעטן — דאָ ליגן מיינע זעלנער... גזשעלאַק... קעז... סאַוואַ... מיט אַ ציטערנדיקער שטים האָט ער אויסגערעכנט די נעמען, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף יעדן פון זיי... גזשעלאַק איז געלעגן מיט צוויי אָפּגעריסענע פיס. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געוועזן איבערגעזעגט אויף צווייען. זיין פּנים האָט זיך כמעט ווי נישט געענדערט...

— אַך, וואָס פאַר אַ לוסטיקער בחור דאָס איז געווען! וואָס פאַר אַ וויצלער! — שלמה האָט דערציילט די געפאַנגענע, וואָס גזשעלאַק האָט אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז אפילו ווען מען וועט אים אַ טויטן זען, וועט מען אויך מוזן זיך צעלאַכן. אָבער קיינער האָט איצט נישט געלאַכט — זיין ווונטש איז נישט מקוים געוואָרן...

אין עק פונעם וועלדל איז געלעגן דער יעפרייטער גאָלדשטיין. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אַנידערגעלייגט אָפּרוען און זיין שיינעם צוגעפּאַסטן מונדיר.

— וואָס שטייט איר, פוילישע באַנדיטן, און קוקט?! — האָט זיך ווידער דערהערט האָס געשריי פון דעם היטלעריסטישן פעלדפעבעל — עס איז שוין האַלב פינף און איר שפּילט אייך. ער האָט אַרויסגענומען פון דעם הויזן־קעשענקעלע אַ זייגער, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ גילדענער קייט.

שלמה האָט אַ ציטער געטאָן: ער האָט דערקענט דעם פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקיס גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט...

אויף דעם סאַניטאַר־פּונקט האָט שלמה געטראָפן אויך דעם פאַר־וווּנדעטן יאַניצקי.

— אַך, פּאַניע דרוזשינאָווע! — האָט זיך יאַניצקי דערפרייט — וואָס פאַר אַ גליק צו טרעפן אַ לעבעדיקן פון אונדזער קאָמפּאַניע! ממש אַ נס! — איר ווייסט דרוזשינאָווע — האָט ווייטער יאַניצקי פאָרגע־זעצט — דער קאַוואַלעריסט און דער קאָוואַל לעוואַנדאָווסקי זענען פאַר־ברענט געוואָרן אין דעם סאַניטאַר־שטיבל צוזאַמען מיט אַנדערע פאַר־וווּנדעטע. איך האָב געזען ווי אַ גראַנאַט האָט געטראָפן אין דעם שטיבל און עס האָט אָנגעהויבן צו ברענען מיטאַמאָל פון אַלע זייטן. איך האָב געהערט דאָס יאָמערלעכע געשריי פון די אומגליקלעכע, אָבער עס איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל זיי ראַטעווען. איך אַליין בין שוין געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער...

דער וואָגן מיט פאַרוווּנדעטע האָט זיך לאַנגזאַם דערנעענטערט צו פּלאָצק.

דעם 16־טן סעפּטעמבער 1939 זענען שלמה מיט יאַניצקין אָנגעקו־מען אין דער שטאָט פּלאָצק — שוין נישט אַלס שטאָלצע זעלנער פון דער פרייוויליקער קאָמפּאַניע פונעם 19־טן לעמבערגער פּולק — „פאַר־טיידיקער פון לעמבערג“ — נאָר אַלס פאַרוווּנדעטע אין היטלעריסטישער געפאַנגענשאַפט...

קאַפּיטל 7

דער באַזוך פֿון שווימאַלסקין

שלמה האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן קומען צו זיך. ער האָט אָנגעהויבן עסן אָן קיינעמס הילף און אפילו פּרובירט אַליין זיך אויפֿצוזעצן. דער דאָקטער, אויך אַ פּוילישער קריגס-געפֿאַנגענער, האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די ביינער זענען אין ערגעץ נישט באַשעדיקט, עס איז נאָר אָפּגעריסן דאָס פֿלייש, און אַז אין אַ קורצער צייט וועט זיך אַלץ פֿאַרהיילן. און עס איז ווירקלעך אַזוי געווען.

ביים איבערוויקלען די באַנדאַזשן פֿלעגן די סאַניטאַרן זיך וווּנדערן מיט וואָס פֿאַר אַ שנעלקייט עס טריקענען די ווונדן. זיי פֿלעגן זיך אפילו וויצלען און זאָגן: — עס היילט זיך ווי אויף אַ הונט, דו וועסט זען, אַז דו וועסט נאָך אפילו קאָנען פֿאָרן אויף נאַרטן.

שלמה האָט זיך געפֿילט מיט יעדן טאָג בעסער.

עס האָבן אים אָבער געפּלאָגט די טרויעריקע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פֿון אַלע זייטן: וואַרשע איז איין גרויסע חורבה. די פּוילישע אַרמיי איז אינגאַנצן צעקלאַפּט. די צייטונגען האָבן שוין געשריבן וועגן דער קאַפּיטולאַציע פֿון דער פּוילישער רעגירונג.

נאָך שרעקלעכער זענען געווען די נייעס, וואָס יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער קריגס-געפֿאַנגענער געבראַכט וועגן דעם, וואָס די היטלעריסטן טוען אָפּ מיט דער יידישער ציוויל-באַפֿעלקערונג.

— אפילו די יידישע געפֿאַנגענע הייבט מען שוין אָן אָפּצוטיילן פֿון אונדז — האָט שטיל דערציילט איין אוקראַינישער געפֿאַנגענער, — מען וועט באַשטימט אָפּטיילן אַלע נאַציעס באַזונדער — האָט ער ווייטער געזאָגט, — באַזונדער די יידן, באַזונדער די פּאָליאַקן, באַזונדער די אוקראַינער. אין דער אמתן בין איך דאָך נישט געגאַנגען פֿרייוויליק זיך שלאָגן מיט דייטשלאַנד. מען האָט מיך געצוווּנגען דערצו. ווען איך וואָלט

גישט געווען געגאַנגען אין דער אַרמיי, וואָלט מיך די פּוילישע זשאַנדאַרמען דערשאָסן. איך בין תמיד געווען פאַר היטלערן, איך וועט זען, ער וועט נאָך אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיק אוקראַינע. און וויפל סמערטעס מיט תבואה האָב איך אונטערגעצונדן פּוילישע — האָט ער זיך באַרימט — איך האָב שוין לאַנג אויף אַזאַ טאָג געוואַרט.

—איך בין אויך אַן אוקראַינער — האָט זיך אַרייַנגעמישט אַ צווייטער — אָבער איך האָב קיין סמערטעס נישט אונטערגעצונדן.

שלמה האָט זיך צוגעהערט צו די אַלע דיסקוסיעס. ער האָט באַשלאָסן דערווייל נישט אויסצוגעבן זיך אַלס ייד, ביז ער וועט נישט ווערן איינגאַנצן געזונט. ווער ווייסט — האָט ער זיך געטראַכט — דאָרטן אין אַ באַזונדערן לאַגער פאַר יידן קאָנען אפילו קיין מעדיצינישע מיטלען נישט זיין און דאָס וועט פאַרציען דאָס אויסהיילן.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די פּוילישע חברים אין וואַריש פלעגן אים אנשטאט שלאָמקע רופן טאָמקע. און שטראוס איז דאָך אַ דייטשישער פאַמיליען-נאָמען און טייל פאָליאַקן הייסן אויך שטראוס...

פאַרשידענע פלענער האָבן זיך אים געמישט אין קאָפּ. פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן מיט דעם באַשלוס אויפצושטיין אַלס שטראוס טאָמאַש.

אין משך פון טאָג האָט ער ספּעציעל דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס, און וועלכע מען האָט אים גערופן מיטן נאָמען טאָמאַש.

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז צופעליק אַרייַנגעקומען אַ געוועזענער זעלנער און איצט אַ קריגס-געפאַנגענער, שלמהס אַ גוטער באַקאַנטער און פריינד מיט דעם נאָמען יוזעף שוויטאַלסקי *).

— שטראוס! — האָט ער מיט גרויס פרייד אויסגעשריען. דערזעענדיק אָבער זיין צושטאַנד, איז ער אַ ביסל טרויעריק געוואָרן. — איך פריי מיך זייער, וואָס איך האָב דיך געטראָפן, נאָר פריער פון אַלץ זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר, וואָס איז מיט דיין געזונט?

— נישט געפערלעך — האָט שלמה געענטפערט — איך האָף אין קורצן די פּריטשע צו פאַרלאָזן. אָבער זאָג מיר נאָר צוערשט, צי איז

---

*)פון יאָר 1945 — 1948 האָט שוויטאַלסקי געאַרבעט אלס זשורנאַליסט אין דער אַרבעטער-צייטונג „גלאָס ראַבאָטניטשי", וועלכע איז דערשינען אין לאָדזש. שפּעטער איז ער איבערגעפירט געוואָרן קיין וראָצלאַוו, וו ער געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

אמת דאָס אַלץ, וואָס מען דערציילט דאָ וועגן יידן און וועגן דער לאַגע אין לאַנד? און די געשיכטע וועגן אָפּזונדערן די יידישע געפאַנגענע?

— עס איז נאָך מער ווי אמת — האָט שווימאַלסקי געענטפערט — די גאַנצע פּוילישע רעגירונג איז דורך זאַלעשטשיקי אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. די קאַרפּן־קעפּ זענען אַוועקגעפלויגן קיין אויסלאַנד מיטנע־מענדיק זייערע געליבטע, ווי אויך דעם מלוכה־אוצר, און איבערלאָזנדיק ווי אין אַ מדבר דאָס גאַנצע פאָלק. איך וויל דיר נאָך מער זאָגן: די היטלעריסטן האָבן שוין אַריינגעמאַרשירט קיין לעמבערג. איצט וועלן זיי איבערנעמען די אַקטן ביי דער פּאָליציי — דאַמאָלט ביסטו פאַר־לוירן. דו מוזט עפּעס טאָן, דו מוזט ענדערן דיין נאָמען.

— איך האָב שוין דאָס געטאָן — האָט געענטפערט שלמה. איך האָב באַשלאָסן זיך נישט אויסצוגעבן אַלס ייד און געענדערט מיין נאָמען אויף טאָמאַש.

— דאָס איז זייער קלוג — האָט זיך דערפרייט שווימאַלסקי. קאָמו־ניסטן וועלן זיי זיכער אַריינזעצן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. נאָר ווי קריגס־געפאַנגענע זענען זיי שוין אינגאַנצן פאַרלוירן. נו, זיי געזונט! איך מוז שוין לויפן. איך וועל דיך נאָך באַזוכן, ווען עס וועט זיין עפּעס וויכטיקס, וואָס קאָן דיך אינטערעסירן, וועל איך גלייך קומען.

— זיי געזונט! — האָט שלמה געענטפערט, מקנא זייענדיק שווי־מאַלסקין, וואָס ער גייט אַליין, אָן קיינעמס הילף. ווען איך וואָלט שוין געקאָנט אַזוי גיין — האָט ער געטראַכט — וואָלט איך אפשר געפּרוווט אַנטלויפן.

באַלד איז איינער אַריינגעקומען מיט אַ פרישער נייעס:

— חברים! עס איז נישט גוט. מאָרגן קריגן מיר נישט קיין ברויט אַלס שטראָף, וואָס עס זענען היינט אַ סך אַנטלאָפן. מען זאָגט אויך, אַז מען וועט אונדז אַרויספירן טיף אין דייטשלאַנד אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַז די שטעכל־דראָטן אַרום דעם לאַגער זאָלן זיין עלעקטרי־זירט אַזוי, אַז ווען עמעצער וועט זיך בלויז צורירן צו זיי, וועט ער גלייך פאַרברענט ווערן.

שלמה האָט זיך ספּעציעל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, כדי מען זאָל נישט באַמערקן, ווי ער אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט די אַלע נייעסן. ער איז געלעגן ווי אַ דערשלאָגענער פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט געהערט. ביי יעדער סקריפּ פון דער טיר האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט קומט עמעצער, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט,

און נעמט אים, אַ קראַנקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. די זופּ, וואָס ער האָט באַקומען אויף מיטאָג איז געשטאַנען אומבאַרירט. ער האָט אי־בערהויפּט נישט געקאָנט עסן.

— מיינע נערוון האַלטן מער נישט אויס! — האָט שלמה צו זיך אַליין געזאָגט — איך בין אינגאַנצן מאַכטלאָז. זאָלן זיי מיט מיר מאַכן וואָס זיי ווילן. אָבער אַן אינערלעך קול אין אים האָט גערופן:

— ניין, שלמה! ניין! דו טאָרסט זיך נישט אונטערגעבן! דו מוזט זיין שטאַרק! דיין קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיקט!

קאַפּיטל 8

דער פּלאַן צו ווערן אַן אוקראַינער

דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט וואָלקנס. עס האָט געשפּריצט אַ הראָבנער רעגן. אַ דרויסן, ווי ביי שלמהן אויפן האַרצן. טייל קראַנקע האָבן געשפּילט אין קאָרטן אָדער געדרימלט.

— פאַרוואָס עסטו נישט, טאָמאַש, דאָס עסן איז דאָך שוין גאַנץ קאַלט? — האָט געפרעגט אַקעגנליגנדיקער קראַנקער געפאַנגענער — פילסט זיך נאָך שלעכט?

— עס ברענען מיך די וווּנדן — האָט געענטפערט שלמה, וועלנדיק פאַרמאַסקירן זיינע מחשבות פול מיט אומעט און זאָרגן.

פון דרויסן האָבן זיך געהערט די ווילדע געשרייען פון די היטלע־ריסטן.

וואָס פאַר אַ נאָמען קאָן איך מיר דאָ אויסוויילן? האָט שלמה גע־טראַכט, מען מוז דאָך האָבן כאָטש אַ שטיקל פּאַפּירל אויף דעם אַלעמען. און טאָמער וועט עמעצער מיך דערקענען? — קאָן מען מיך נאָך אָננעמען פאַר אַ שפּיאָן! דעמלט וועט מען מיר שוין קיין לייכטן טויט נישט געבן.

שלמה איז געלעגן אַ נישט ראַזירטער. איצט — האָט ער געטראַכט — איז אַ גוטע געלעגנהייט אויך ווייטער זיך נישט צו ראַזירן. פאַרטיידיקן וועט ער זיך קענען דערמיט, וואָס ער וויל נישט נעצן די וווּנד אויפן פּנים. שפּעטער וועט ער זיך אָפּראַזירן, די קליינע וואָנצעלעך פאַרלענגערן ביז טיף צו די באַקן — און דעמלט וועט אים שוין קיינער נישט דער־קענען. פּלוצעם איז אַ פאַרסאַפּעטער אַריינגעלאָפן דער סאַניטאַר:

— חברים! — האָט ער אויסגערופן — מיט קורצע... האַלצשייט־לעך מיט סענקען... און ווייטער נישט געקאָנט ענדיקן.

— וואָס אַזוינס מיט שייטלעך? — האָבן געפרעגט די געפאַנגע־נע — צי ביסטו פאַרשטומט געוואָרן מיטאַמאָל?

— אוי, זיי האָבן אים שוין זיכער דערהרגעט! — האָט ער ווײַטער קוים אַרויסגעזאָגט — זיי האָבן דערקענט אַ געפּאַנגענעם, וואָס איז נאָכ־אַמאָל געשטאַנען אין דער ריי נאָך זופּ. האָבן זיי אים אַרויסגעשלעפּט פֿון דער ריי און אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן שלאָגן מיט האָלצשייטלעך, אַז דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן אים רינען פֿון די אויערן, פֿון דער נאָז. ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד כמעט אַ האַלב־טויטער און זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט צו שלאָגן.

— און די אַנדערע געפּאַנגענע וואָס האָבן דערצו געזאָגט? — האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן דער קראַנקער דאַנילוק, וואָס איז געלעגן לעבן שלמהן.

— די אַנדערע? — האָט איבערגעחזרט דער סאַגיטאַר — אַ טייל זענען אַוועקגעגאַנגען הונגעריקע פֿון דער קיך און האָבן שוין נישט גע־וואָלט נעמען די זופּ, אָבער אַ סך זענען געשטאַנען און געוואַרט ביז דער קוכער וועט קריגן אַ באַפֿעל ווײַטער אויסצוטיילן דאָס עסן. אָבער אַזאַ באַפֿעל איז נישט געקומען... דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט געזאָגט, אַז אַלס שטראָף וועט הײַנט קיינער מער קיין עסן נישט באַקומען. עס האָבן עטלעכע געפּאַנגענע אַ ביסל אָנגעהויבן צו שעלטן און נישט געוואָלט אַוועקגיין פֿון דער קיך, האָבן די היטלעריסטן זיי אָנגעהויבן אַזוי צו שלאָגן, אַז אַלע זענען זיך תיכף צעלאָפֿן, און איך בין גלייך אַהער צו אײַך.

— אַך, אַזעלכע באַנדיטן! — האָט געזאָגט דאַנילוק — פֿאַר אַ ביסל זופּ צו הרגענען אַ מענטשן! אָ, זיי זוכן נאָר אַ געלעגנהייט, זיי זאָלן קאָנען שלאָגן. — צו היטן די געפּאַנגענע האָט מען דאָך אויסגעקליבן די ערגסטע באַנדיטן — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער.

שלמה האָט זיך אין דעם געשפּרעך נישט באַטייליקט. זײַנע געדאַנ־קען זענען געווען פֿאַרנומען דערמיט, ווי אַזוי זיך בעסער צו מאַסקירן און ראַטעווען פֿון די היטלעריסטישע הענט, ווי אַזוי אויסצוקלערן בעסע־רע און זיכערע דאַטעס, ערטער און נעמען פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן פֿאַמיליע. און מאָמער וועט מען זיך וועלן איבערצײַגן, צי דאָס אַלץ וואָס איך זאָג איז אמת און פּרוּוון שרײַבן אַהיים? ניין! עס מוז זײַן אַזאַ אָרט, וווּ מען וועט זיך נישט קאָנען איבערצײַגן. אָבער וואָס טאָן מיט דעם „דאָוויד אָסאָביסטי"? און מיט די צוויי בילדער פֿון קלאַרען און פֿון פּעטער הערש? אַ נײַער פּלאַן איז געקומען שלמהן אויפֿן געדאַנק: עס איז נישט גוט צו האָבן אַזאַ גרויסע פֿאַמיליע. מען קאָן זיך שטאַרק פֿאַר־

פּלאָנטערן ביי די נעמען, ביי די פאַכן, ביים עלטער, און דאָ — איז מען דערליידיקט... בעסער וועט זיין, אַז איך האָב קיינעם נישט, נאָר אַ מאַמען — דעם טאַטן האָב איך נישט געקענט. מיין מאַמע האָט מיך געבוירן פון אַן אומבאַקאַנטן טאַטן... אויך זי האָט זיין נאָמען נישט געטראָגן. און איך טראָג דעם נאָמען פון מיין מאַמען.

די טיר האָט געסקריפּעט, די געפאַנגענע האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס. די סאַניטאַרן האָבן אַלע ווײַלע אַן אַנדערן עפּעס דערלאַנגט — איינעם איבגערודערט דעם שטרוי=זאַק, ער זאָל אים נישט אַזוי דריקן, אַ צווייטן איבערגעבונדן די וווּנדן. נאָר שלמה איז געלעגן אין האָט איצט פון קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגט...

— אַך, ווי גוט איז, וואָס מען האָט אַמאָל געשפּילט טעאַטער! — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין — האָט מען זיך וויניקסטנס אויסגעלערנט אַ ביסל כאַראַקטעריזירן. איך האָב גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן: איך קאָן דאָך מיר די פריזור אויך ענדערן! — און שלמה האָט גלייך אַרויסגענומען זיין טאַשן=שפּיגעלע מיטן קעמעלע און אָנגעהויבן ענדערן די פריזור, צעטיילנדיק די האָר אויף צוויי טיילן מיט אַ שרונט אין דער לינקער זייט. ער האָט מיט צופרינקייט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס פּנים ענדערט זיך אַ ביסל. און ווען איך וועל מיר נאָך פאַרלאָזן לאַנגע וואָנצעס — האָט ער אין געדאַנק צוגעגעבן —... נו, פאַר דעם האָב איך שוין קיין מורא נישט — אויסערלעך וועט מען מיך שוין נישט דערקענען. אָבער די אַנדערע זאַכן? דער נאָמען, די שפּראַך, דאָס אָפּריכטן די צערקווע=תפילות, די מנהגים פון די אוקראַאינער — אָט דאָס איז אַ פּראָבלעם...

אַלע קראַנקע זענען שוין לאַנג געשלאָפן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום, נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיך געהערט די שווערע טריט פון די אונטערגעקאָוועטע שטיוול פון די היטלעריסטן, וואָס האָבן מאַרשירט צו בייטן די וואַך=פּאָסטנס. שלמה האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן... זיין פּלאַן איז נאָך אַלץ נישט געווען מיט אַלע פּרטים פאַרטיק. אין דרויסן הערט זיך פון צייט צו צייט אַ קנאַל פון אַ ביקס — דאָס שיסן די וואַך=פּאָסטנס, כדי אָפּצושרעקן די געפאַנגענע פון עווענטועלע פּרווון צו אַנטלויפן...

— געוווינט האָבן מיר אין לעמבערג אויפן פּלאַץ קאָשימיעזשאַ וויעלקאַ נומ. 8/12 — האָט שלמה ווייטער געבויט זיין פּלאַן — דאָרטן

וועט שוין אפילו דער רוח אַליין נישט טרעפן. דאָרט האָט דאָך געוווינט
דער גאַנצער לומפּן=פּראָלעטאַריאַט פון לעמבערג! ווער וועט דאָרט אַהינ=
גיין פרעגן? צווייטנס, זאָל מען גיין, און זאָל מען אָנרופן דאָרטן אַ נאָ=
מען... יאָ, ריכטיק, אַ נאָמען!... דאָס וויכטיקסטע איז דער נאָמען...
שלמה קלערט. זיין קאָפּ פּלאַצט אים שיר=נישט פון טראַכטן. מיטאַמאָל
איז אים געקומען אַ נייער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: ער וועט מאַקע הייסן
אויפן נאָמען פון זיין מאַמען, נאָר אַ ביסעלע פאַרדרייט. די מאַמע האָט
געהייסן פון דער היים מאַרקוס, און ער וועט הייסן — מאַרקאָ — אַן
עכטער אוקראַיִנישער פאַמיליען=נאָמען! און שלמה האָט ער דאָך שוין
געענדערט אויף טאָמאַש, וועט איצט אויף אוקראַיִניש זיין — טימאָ=
פּיעי.. אויסגעצייכנט! — מאַרקאָ טימאָפּיעי!... די מאַמע — דאָס איז
שוין נאַרישקייטן, ס'קאָן אַפילו זיין קאַטערינע; קיינער וועט דאָך זי נישט
געפינען, און אויב מען וועט אפילו גיין פרעגן אויפן פּלאַץ קאַזשימיעזשאַ
וויעלקעגאָ 8/12 אין לעמבערג ביים הויז=וועכטער אויף קאַטערינע מאַר=
קאָ — וועט דער הויז=וועכטער מיט אַ געלעכטער ענטפערן — האָ=האָ!
צי איינע אַזעלכע האָט דען דאָ געוווינט, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעזעצ=
לעך קינד — זי איז זיך איבערגעשלאָפן מיט אַ בחור און זיך אַוועקגע=
גאַנגען...

דאָס פאַך מוז מען אויך ענדערן, מען מוז זיך פאַרזיכערן פון אַלע
זייטן...

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. פון דרויסן האָט זיך שוין ווידער גע=
הערט דאָס ווילדע ריטשען פון די היטלעריסטן אויף די געפאַנגענע.
שלמה איז ענדלעך איינגעשלאָפן. די חברים האָבן אים נישט געלאָזט
וועקן. — ער פילט זיך זייער שלעכט — האָבן זיי געזאָגט. — ווייזט
אויס, אַז עס מאַכט זיך אייטער אין זיינע וווּנדן — האָט צוגעגעבן דאַ=
ניליוק. מען האָט אים אפילו נישט אויפגעוועקט ווען מען האָט אַריינגע=
בראַכט די קאַווע. די מעגאַשקע שוואַרצע קאַווע האָט מען אַנידערגע=
שטעלט לעבן זיין פּרימעשע...

שלמה איז איינגעשלאָפן אַלס ייד, אַ געבוירענער אין דעם קליינעם
פּוילישן שטעטל וואַריש פון די עלטערן לייבוש און שיינדל (סאַלקע
האָט מען זי גערופן) שטראַוס. אָבער שוין מיט דעם באַשלוס אויפצו=
שטיין אַלס אוקראַיִנער פון גריכיש=קאַטוילישן גלויבן מיט דעם נאָמען
מאַרקאָ טימאָפּיעי, געבוירן אין לעמבערג, דעם 2 נאָוועמבער 1912,
פונעם פאַך אַ שלאָסער. אַלס זון פון אַן אומגעזעצלעכער
חתונה. די מאַמע האָט געהייסן קאַטערינע מאַרקאָ — אויך פון

גריכיש־קאַטוילישן גלויבן. ער טראָגט דעם נאָמען פון זיין מאַמען — דעם טאַטן זיינעם האָט ער קיינמאָל נישט געקענט.. די מאַמע האָט ער איבערגעלאָזט אין לעמבערג און איר וווינונג אויף פלאַץ קאַזשימיעזשאַ ווישעלקענאַ נומ. 8/12, פון באַרוף איז זי אַ וועשין. זי האָט נישט געהאַט קיין שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ. ווי פיל אוקראַינער אין לעמבערג האָט זי גערעדט פּויליש, און דערפאַר האָט זי איר זון גערופן טאַמאַש. אָבער ער איז געטויפט געוואָרן אין דער צערקווע אַלס טימאָפיעי. דאָס וואָס ער איז געמלעט, האָט אים די מאַמע דערציילט, אַז נאָך אַלס קינד האָט ער געהאַט עפּעס אַ קראַנקהייט — זי האָט אים געגוי נישט געקאָנט אויסטייטשן, וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז געווען, ווייל זי איז געווען ווייניק געלערנט — זי האָט אפילו נישט געקענט שרייבן. וואָס שייך ווידער זיין „האָוויד אָסאָביסטי", האָט ער שוין אַראָפּגעריסן פון דעם זיין בילד און די בלעטלעך וועט ער שפּיקלעכווייז אַראָפּשלינגען מיטן עסן, וואָס מען וועט דערלאַנגען... עס איז נאָך געבליבן דאָס בילד פון קלאַרען. איר נאָמען האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בוכשטאַב „ק" — אויך קאַטערינע. עס פּאַסירט דאָך אַז די מאַמע הייסט קאַטערינע און די כלה אויך קאַטערינע — זיי האָבן דאָך ביידע געקאָנט געבוירן ווערן אין דעם טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע... דאָס בילד ווידער פונעם פעטער הערש קאָן אים נאָך העלפן אין אַ נויט! דער פעטער הערש איז גאָרנישט ענלעך אויף קיין ייד. דערצו איז ער נאָך אין מונדיר פון אַן עסטרייכישן צוגספירער, אַ מיליטערמאַן מיט מעדאַלן! פון היינט אָן איז דער פעטער הערש מער נישט דער ברודער פון זיין טאַטן, נאָר פון זיין מאַמען, און האָט אויך געהייסן מאַרקאָ, און גערופן האָט מען אים (עס וועט זיין לייכט צום פאַרגעדענקען) הענריק...

שלמה האָט דעם גאַנצן פּלאַן עטלעכע מאָל איינגעהזרט. ער האָט זיך אפילו קיין איינמאָל נישט טועה געווען, ווען ער האָט זיך אַליין עקזאַמינירט. איצט מעג ער שוין געשמאַק שלאָפן אפילו אָן חלומות...

די סאַניטאַרן — אויך קריגס־געפאַנגענע — האָבן אָנגעהויבן איבערבינדן די וווּנדן פון די קראַנקע. די קראַנקע, וואָס האָבן שוין געקאָנט אַרומגיין, האָבן זיך אָנגעהויבן אַליין צו וואַשן, אַנדערע ווידער האָבן אויסגעקלאַפּט דעם שטויב פון די קאָצן, וועלכע האָבן נאָך געשטאַמט פון דער פּוילישער אַרמיי. אַ טייל האָבן פאַררייכט זייערע מונדירן. דער קראַנקן־באַראַק איז געווען אין פולער באַוועגונג.

— נו, מיין ליבער טאָמאַש — האָט געזאָגט אַ סאַניטאַר — צייט

מאַרקאָ װאָלאָס אוקראַינער.

אויפֿצושטיין! — לאָמיר נאָר אַ קוק געבן, ווי עס האַלטן דײַנע פּיסעלעך. קלאַפּנדיק פֿרײַנדלעך שלמהן איבערן אַקסל.

שלמה האָט פֿון דעם געוויש און טומל שוין לאַנג נישט געקאָנט שלאָפֿן, שפּילנדיק אָבער די ראָל, ווי דער סאַניטאַר וואָלט אים ערשט איצט אויפֿגעוועקט.

— טימאָפֿיעי — האָט שלמה ווי פֿון שלאָף אויסגעבעסערט דעם סאַניטאַר.

— טימאָפֿיעי, נישט טאָמאַש? — האָט געפֿרעגט דער סאַניטאַר.

— קיין גרויסן טעות האָסטו, אייגנטלעך, נישט געמאַכט — האָט אים שלמה ווי פֿאַרענטפֿערט. — גערופֿן האָט מען מיך טאָמאַש, אָבער אין דער מעטריקע שטיי איך טימאָפֿיעי. איך בין אַן אוקראַיִנער...

דאַנילוק האָט זיך געווען צוגעהערט צום גאַנצן געשפּרעך, וואָס שלמה האָט געפֿירט מיטן סאַניטאַר. זײַנע אויגן האָבן געפֿינקלט פֿון פֿרייד, וואָס ער האָט געפֿונען אַ מענטשן פֿון זײַן נאַציאָנאַליטעט, און דערצו נאָך טאָמאַש, זײַן שכן, מיט וועמען מען וועט איצט קאָנען אַ ביסל אָפּגענער רעדן. ווען דער סאַניטאַר איז אַוועק, האָט שלמה לײַכטער אָפּגע־טעמט. — נו — האָט ער אין האַרצן געטראַכט, מײַן טראַגיקאָמעדיע האָט זיך אָנגעהויבן...

די ערשטע שטיקלעך פֿון זײַן צעריסענעם „דאָוויד אָסאָביסטי" האָט שלמה שוין אָנגעהויבן אַראָפּצושלינגען מיט דער קאַלטער קאַווע, וואָס איז געשטאַנען לעבן זײַן פּרימשע. — עס גייט אפֿילו נישט שלעכט — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — אין איין טאָג וועל איך דאָס אינגאַנצן „אויפֿעסן"... — ווי אויף צו להכעיס קומט נישט שווימאַלסקי. איך האָב דאָך אים געקאָנט געבן די צעריסענע שטיקלעך, ער זאָל זיי פֿאַרברענען אָדער אַרײַנוואַרפֿן אין קלאָזעט אַרײַן. נאָר, מילא, וואָס קאָן מען טאָן... דעם אָרעמאַן איז דער ווינט תמיד אין די אויגן — זאָגט אַן אַלט שפּריכ־וואָרט.

— טאָמאַש, דו ביסט אַן אוקראַיִנער? — האָט דאַנילוק אַרויסגע־שלאָגן שלמהן פֿון זײַנע געדאַנקען — וואָס פֿאַר אַ גליק איז אַזאַ צײַט צו האָבן אַן אייגענעם! איך בין דאָך אייך אַן אוקראַיִנער.

— דאָס ווייס איך, אַז דו ביסט אַן אוקראַיִנער — האָט געענטפֿערט שלמה. — איך געדענק דאָך, ווי דו האָסט געענטפֿערט דעם אוקראַיִנער וואָס האָט זיך אַנומלט באַרימט, אַז ער האָט די פּוילישע סטערטעס

תבואה געברענט. און אַז איך בין אַן אוקראַינער האָסטו נישט געוווּסט? — האָט מיט אַ טאָן פון זעלבסטזיכערקייט שלמה געפרעגט.

דאַנילוק איז ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו שלמהן.

— פון היינט אָן וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען — האָט דאַנילוק פאָרגעשלאָגן. מיר מוזן פּרוּוון אויפצושטיין פון די פריטשן.

די נאַכט איז שוין שלמה פרי איינגעשלאָפן. ער האָט געפילט, ווי אַ שווערער מיל־שטיין זאָל אים האָבן אַראָפּגעפאַלן פון ברוסט... אָבער ווי ווייט דאָס אַלץ וועט אים דערפירן און וואָס פאַר אַ שווערן לעבנס־וועג עס דערוואַרט אים נאָך — דאָס האָט זיך אים אפילו נישט געחלומט.

קאַפּיטל 9

דער וועג קיין דײַטשלאַנד

די סעפּטעמבער־טעג פֿון 1939 זענען געווען וואַרעמע און זוניקע. די קראַנקע געפֿאַנגענע זענען געלעגן אינדרויסן און געוואַרעמט זייערע נאַר וואָס פֿאַרהיילטע ווונדן. דאַנילוק מיט שלמהן זענען אויך אַרויסגעגאַנגען. דאַנילוק האָט אויסגעשפּרייט זײַן קאַץ.

— קום אַהער, מאַרקאָ — האָט ער שלמהן גערופֿן — איך האָב אַ ווײַל ערטעלע.

שלמה האָט פֿאַרשאַרצט די הויזן ביז איבער די קני, כּדי אויסצוּוואַרעמען זײַנע פֿיס, וועלכע זענען אַזוי לאַנג פֿאַרוויקלט געווען מיט די באַנדאַזשן און די ליכטיקע שײַן נישט געזען. — אַך, ווי גוט, וואָס איך בײַטיק זיך שוין נישט אין דער הילף פֿון די סאַניטאַרן! — האָט שלמה געטראַכט, און דאַרף שוין נישט מער מאַניפּולירן מיטן העמד, כּדי זיי זאָלן נישט באַמערקן, אַז איך בין אַ ייִד... פֿון פֿרייד האָט ער אַזש אָנגעהויבן שטיל אונטערצוזינגען.

— אַך, גיב אַהער דײַן פֿינפֿטל, מאַרקאָ! — האָט דאַנילוק אויסגעשטרעקט די האַנט. — איך בין געווען אין אַ כאָר — און זינגען איז מײַן לעבן.

זייענדיק אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט שלמה געהאַט פֿיל אוקראַיִנישע חבֿרים, פֿון וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט רעדן און זינגען אוקראַיִניש.

— און דאָס קאָזאַקן־ליד פֿון דער טערקישער געפֿאַנגענשאַפֿט געדענקסטו? — האָט געפֿרעגט דאַנילוק.

— אָ, נאָך וויאַזוי! — האָט געענטפֿערט שלמה, אָנהייבנדיק צו זינגען:

יאַ, סעהאָדניאַ שטשאָזש דוזשע סומיו,
פראָ קאָזאַמשקו יאַ האָליו זהאַדאַוו.
אי פראָ סלאַווו סוואָיו נע זאַבודו,
שטשאָם קוליש יאַק טוי וויכער הוליאַוו!...

— זינג, מאַרקאָ, זינג! — האָבן אויך געבעטן די אַנדערע געפאַנגענע, פאַר וועלכע די אוקראַינישע שפּראַך איז געווען אומבאַקאַנט. די מעלאַנכאָליע פון דעם ליד האָט אַלעמען באַהערשט. זיי האָבן אויך געבעטן מאַרקאָן, ער זאָל זיי די ווערטער איבערזעצן...

— חברים, איר האָט געהערט!? — איז צוגעקומען אַ געפאַנגענער מיט אַ פּאַק צייטונגען אין דער האַנט.

— שטער איצט נישט! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די קראַנקע — האָסט זיכער ווידער עפּעס טרויעריקס.

— עס איז ליידער נישט קיין גוטס — האָט געזאָגט דער מיט די צייטונגען — עס איז דאָ אַ באַפעל אונדז אַלעמען אַרויסצופירן קיין דייטשלאַנד, און דאָרט זענען שוין פאַר אונדז צוגעגרייטע לאַגערן, וו מיר וועלן זיך געפינען ביז די קריג וועט זיך ענדיקן. די היטלעריסטן האָבן שוין אפילו אומעטום אַרויסגעשטעלט טאָפּלטע וואַך־פּאָסטנס, כדי מיר זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפן...

— זאָלן זיי אונדז בעסער לאָזן גיין אַהיים. פאַר אונדז איז די קריג שוין פאַרענדיקט. צו וואָס פירן זיי אונדז קיין דייטשלאַנד? — האָט געזאָגט דער קראַנקער.

— יאָ, — האָט זיך אָנגערופן זאַרעמסקי — פאַר דיר איז זי געענדיקט, אָבער פאַר זיי נישט. זיי הייבן ערשט די קריג אָן.

אַלע מאָל האָט מען איבערגעגעבן אַנדערע נייעסן... מען האָט זיך מיט זיי געטיילט ביי יעדער געלעגנהייט...

— איר האָט געהערט? — האָט דערציילט איינער — מען טרייבט אַרויס אַלע יידן פון די פּוילישע שטעט. מען האָט זיי אויך פאַרבאָטן צו פאָרן אין די טראַמווייען און צו גיין אויף די טראָטואַרן צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג...

— איצט וועט מען זיי שוין אָנלערנען, די זשידאָ־קאָמונע! — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער...

די היטלעריסטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פּאַקן...

די געפאַנגענע האָבן געוואַשן די לאַסט־וואָגנס, געפּוצט די שטיוול

פון די דייטשן. מיט שוואַרצער פּאַסטע איבערגעווישט זייערע פּאַסקעס מיט די קליאַמרעס, אויף וועלכע עס איז געווען די אויפשריפט: „גאָט מיט אונדז“.

— ווער ווייסט, ווו מען וועט אונדז פאַרפירן... האָט געזאָגט דאַניִלוק צו מאַרקאָן.

— מיר האָבן נישט קיין ברירה. — האָט געענטפערט שלמה — צום אַנטלויפן זענען מיר נאָך צו שוואַך.

*
**

די געפאַנגענע זענען געווען אויסגעשטעלט צו פיר אין דער ברייט. אַ ביסל קאָמיש האָט אויסגעזען די „אַרמיי“: געמישטע היטלען מיט לאַמפּאַסן פון קאַוואַלעריע, פּיעכאָטע, אַרטילעריע, פּוראַזשערקעס, ראָגאַטוווקעס, ציווילע היטלען, אין פאַרשידענע מונדירן — יעדער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, יעדער האָט געפילט, ווי ער וואָלט פאַרלאָזט אויף אייביק זיינע נאָענטע, זיין פאָטערלאַנד...

די זון האָט זיך פאַרשטעקט אין די וואָלקנס, אַ לייכט ווינטל האָט געבראַכט די לעצטע גרוסן פון דער היים...

— אַכטונג! — האָט זיך דערהערט אַ ווילד קול פון אַ היטלעריסט — אום גלייכן שריט מאַרש!

די קאָלומנע האָט געריקט פון פּלאַץ. טייל געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און זי אָנגעהויבן צו קושן... אויף דעם גאַנצן וועג איז די לאַנגע קאָלומנע באַגלייט געוואָרן פון פּוילישע פרויען, מענער און קינדער, וועלכע זענען יעדעס מאָל אַוועקגעטריבן געוואָרן דורך די פאָרנדיקע אויף מאָטאָציקלען היטלעריסטן. דער טרויער פון דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט נאָכמער דערשלאָגן די געמיטער פון די געפאַנגענע.

— וווּ גיין — האָט געפרעגט אין אַ שלעכטן דייטש שידלאָווסקי דעם היטלעריסט, וועלכער האָט מאַרשירט ביי זיין זייט.

— שפּריכסט דו דויטש? — האָט געפרעגט דער היטלעריסט.

— אַביסכען, אין שולע געלערנט — האָט געענטפערט שידלאָווסקי.

צווישן שידלאָווסקי און דעם היטלעריסט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס. שידלאָווסקי האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. וואָס ער האָט

נישט געקאָנט אַרויסרעדן, האָט ער זיך צוגעהאַלפּן מיט די הענט, און דאָס וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגנדיק: „יאַוואָל“, „יאַוואָל“. שידלאָווסקי האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר גייען קיין וראָצלאַוו (ברעסלאַו), און פון דאָרטן וועלן מיר מיט דער באַן פאָרן קיין דייטשלאַנד, און אַז אויף דעם וועג וועלן מיר נאָך זיין אין פאַרשידענע דורכגאַנגס־לאַגערן. די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער קאָלומנע. עס איז געגאַנגען ווי אַ מעלדונג צו די פאָדערשטע און אונטערשטע רייען...

עס איז געווען אַ טריבער נאָכמיטאָג, ווען די קאָלומנע האָט אַדורכמאַרשירט דאָס שטעטל קוטנע. די גאַנצגעבליבענע הייזער פונעם שטעטל זענען געשטאַנען ווי פאַריתומט צווישן די חורבות. די גאַסן זענען געווען פוסט. דאָס לוסטיקע יידישע שטעטל קוטנע איז געבליבן אָן איין ייד...

— אַזוי האָט איר פאַרטיידיקט אונדזער פאָטערלאַנד?! — האָט מיט אַ פרעכן טאָן אויסגעשריגן אַן אויסגעפּוצטע דאַמע, וועלכע האָט געפירט אַ דייטשישן זעלנער אונטערן אָרעם. דער שוואַרצער זיידענער שאַל, וועלכן זי האָט געהאַט פאַרוואָרפן אויף אירע אַקסלען, איז געווען איינער פון די, וועלכע עס פלעגן טראָגן רייכע יידישע פרויען שבת אָדער יום־טוב אין שול אַריין.

— איִדי, טי בליאַד! — האָט אויפן קול אויסגערופן וויקטאָראָוויטש.

אַלע אַרום אים זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן, דער היטלעריסט זאָל אַמאָל נישט וועלן פאַרטיידיקן זיין באַליידיקטע דאַמע. אַלע האָבן געקענט וויקטאָראָוויטשן, אַז ער איז פעיק צוריקצוגעבן דעם היטלעריסט, אפילו ער זאָל דאַרפן באַצאָלן מיטן לעבן. אָבער ווייזט אויס, אַז די „דאַמע“ האָט זיך דערפון נישט געפילט שטאַרק געטראָפן און אַוועקגעגאַנגען ווייטער מיט איר געליבטן, באַגלייט מיט פאַראַכטונגס־בליקן פון אַלע געפאַנגענע.

— שטאָ, טי רוסקי? — האָט געפרעגט דער דייטש, וואָס האָט דיסקוטירט מיט שידלאָווסקין.

— דאַ, ביאַלאָרוס! — האָט געענטפערט וויקטאָראָוויטש.

וויקטאָראָוויטש האָט באַלד אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן דייטשישן שומר, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש נאָך בעת זיין געפאַנגענשאַפט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער הונגער האָט אָנגעהויבן באַהערשן די גאַנצע קאָלומנע. אַ טייל

האָבן שוין אַרויסגענומען די לעצטע רעזערוון ברויט פון זייערע ברויט-זעק. דאַנילוק האָט מכבד געווען מאַרקאָן מיט אַ שטיקל צוקער:

— גיב עס אַריין אין מויל און צמאָקע. דאָס קאָן פאַרטרעטן אַ האַלבן טאָג עסן — האָט ער צוגעגעבן...

עס איז געוואָרן טונקל. די היטלעריסטן האָבן פאַרטאָפּלט די שמירה. אויטאָס מיט פרישע היטלעריסטן זענען אָנגעפאָרן און אין גאַנג זיך אָנגעשלאָסן צו די באַגלייטער.

— קיין וואָרט! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

— וואָס, רעדן טאָר מען שוין אויך נישט?! — האָט זיך געהערט אַ שטימע פון דער קאָלומנע אַרויס.

— ווער האָט געוואַגט צו רעדן! — האָבן ווילד געריעוועט די היטלעריסטן. באַמבוס-שטעקנס האָבן גענומען פייפן איבער קעפּ און פּלייצעס פון דעם קרייז געפאַנגענע, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קול.

— הילף, חברים! מ׳הרגעט! — האָבן זיך געהערט די געשרייען פון די געשלאָגענע. אין דער קאָלומנע איז געוואָרן אַ געווירבל. מיטאַמאָל איז די גאַנצע קאָלומנע געבליבן שטיין. אַרום דעם אָרט פון די געשרייען האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע ראָד פון מענטשן. די היטלעריסטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער פילקעפּיקער מאַסע געפאַנגענע. אַ טייל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן שיסן צו די אַנטלויפנדיקע.

— לאַוס! לאוס! — האָבן די דייטשן ווילד געשריגן צו די ערשטע רייען, העלפנדיק זיך מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. ווי די פאַרסמטע מייז זענען זיי אַרומגעלאָפן מיט די עלעקטרישע טאַשן-לעמפּלעך אין די הענט, לייכטנדיק די געפאַנגענע גלייך אין די אויגן אַריין. די מאָטאָציקליסטן האָבן געיאָגט פון ביידע זייטן קאָלומנע אַהין און צוריק, ווי אויף אַ געיעג. אַלע האָבן אַראָפּגענומען זייערע ביקסן פון די אַקסלען, האַלטנדיק זיי אין די הענט אין אַ פּאָזיציע גרייט צום שיסן, ווי זיי וואָלטן געפירט די גרעסטע פאַרברעכער פון דער וועלט.

— עס האָט דיר גאָרנישט פּאַסירט? — האָט שטיל געפרעגט דאַנילוק, דערפרייענדיק זיך, וואָס ער האָט ווידער דערזען מאַרקאָן ביי זיין זייט.

— ניין! — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— און מיר האָבן זיי דערלאַנגט אַ גוטן וויש מיט אַ גומע-שטעקן — האָט דאַנילוק געזאָגט — ווייזנדיק די גראָבע אָנגעלאָפענע קישקע אויף

זיין האַלדז, צו וועלכער ער האָט צוגעלייגט אַ פייכט טיכל, באַנעצט מיט די לעצטע טראָפּנס פון זיין פעלד־פלאַש. — עס ברענט ווי אַ פייער — האָט שטיל צוגעגעבן דאַנילוק.

אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט די קאָלומנע. די געפאַנגענע זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַ האַלבע לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער די וואָלקנס און אָנגעהויבן באַגלייטן די קאָלומנע אין איר טרויער־צוג. זי איז געקומען ווי נאָך איין שומר, וועלכע האָט דערמעגלעכט די היטלעריסטן נאָך בעסער צו אָבסערווירן די געפאַנגענע. דער וועג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. די, וועלכע זענען פאַר מידקייט אַנידערגעפאַלן, האָבן די היטלעריסטן מיט די קאָלבעס שנעל אויפגעשטעלט און צוריק אַריינגעשטויסן אין דער ריי. אַ געפאַנגענער מיט אַ פאַרוואונדעטער האַנט איז אַ ברעקל אַנידערגעפאַלן, בעטנדיק מ'זאָל אים דערשיסן... ענלעכע פאַלן האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט. ווי אַ סטאַדע אָקסן, וואָס מע פירט צו דער שחיטה, האָט די קאָלומנע זיך גערוקט אַרויס אויף מערב...

קאַפּיטל 10

דער דורכגאַנגס־לאַגער אין פּיאַנטעק

עס איז געווען האַלבע נאַכט. ווו נישט ווו האָבן זיך אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל באַוויזן עטלעכע שטערן. די קאָלומנע האָט זיך דערנענטערט צו דעם דורכגאַנגס־לאַגער אין דעם קליינעם פוילישן שטעטל פּיאַנטעק, אויסמיידנדיק דעם וועג, ביי וועלכן עס זענען געשטאַנען קליינע הילצערנע שטיבלעך, איבערשניידנדיק די לאָנקעס און פעלדער. פונדערווייטנס האָבן זיך באַוויזן נאַקעטע קוימענס פון פאַרברענטע הייזער, טיילן פון צעבראָכענעם פויערישן וואָגן, אַן אויטאָ אָן רעדער מיט אַן איינגעבראָכענעם דאַך, אַ טויט פערד מיט אַ געשוואָלענעם בויך, איינגעפאַלענע פּלויטן ביי די שטיבלעך. פון צייט צו צייט האָט זיך נאָר געהערט אַ יאָמערלעך בילן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן הונט. פונדערווייטנס האָט זיך שוין באַוויזן דאָס ליכט פון דעם לאַגער. די רעפלעקטאָרן האָבן גענומען וואַרפן פּאַסן ליכט אויף דער זיך דערנענטערנדיקער קאָלומנע.

אַ גרויסער שטח ערד, אויף וועלכן עס זענען געוואַקסן בוראַקעס, איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט אויף צוויי מעטער די הויך. אויף דער אויסערלעכער זייט פון דער אַרומצוימונג, אַן ערך אַ מעטער ווייטער, זענען געלעגן וואַלן פון שטעכל־דראָט — דאָס האָט געזאָלט זיין די צווייטע שטערונג, ווען עס וועט עמעצן געלינגען אַדורכצורייסן זיך דורך דער ערשטער. פון אַלע פיר זייטן זענען געווען אויפגעבויט וואַך־טורעמס, ווי טויבנשלאַקן, אויף הויכע, דיקע פלאָקנס, פון וועלכע רעפלעקטאָרן האָבן אומאויפהערלעך געוואָרפן פּאַסן ליכט און באַלויכטן דעם גאַנצן פּלאַץ.

ביי דעם באַראַק, אין וועלכן עס זענען געווען איינקוואַרטירט די היטלעריסטן, איז געווען אַ קליין טירל אויף אַריינצוגיין אין לאַגער. אויף דער צווייטער זייט לאַגער איז געווען אַ לאַנגער אויסגעגראָבענער גרוב פון אַ מעטער די ברייט, דורכגעצויגן אין דער מיט מיט אַ גראָבן דראָנג.

דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס קלאָזעט פֿאַר די געפֿאַנגענע. די מענטשן זענען געלעגן אויף דער הוילער ערד, פֿון וועלכער עס זענען שוין געווען טיילווייז אַרויסגעריסן די בוראַקעס.

אחוץ די מאַשינגעווערן, וואָס די היטלעריסטן האָבן געהאַט אויף די בוידעם־שטיבלעך זענען נאָך געווען פּונקטן פֿון מאַשינגעווער אויף דער ערד און באַוועגלעכע פּאָסטנס, וואָס האָבן מאַרשירט אהין און צוריק לענגאויס די דראָטן.

שלמה איז גלייך אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד ווי אַ טויטער. ער האָט שוין נישט געפֿילט קיין הונגער, קיין ווייטיק פֿון די נאָך שוואַכע פֿיס, קיין דורשט. ער האָט אונטערגעשפּרייט אַ פּאָר בלעטער פֿון בוראַקעס און איז איינגעשלאָפֿן. אַריבערגעצויגן דעם קאָץ איבערן קאָפּ, האָט ער אַפֿילו נישט געפֿילט, ווען עס האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. עס האָט גענומען טאָגן. אַ גרויסע מענטשן־מאַסע האָט אָנגעהויבן שטראָמען אין דער ריכטונג צו די דראָטן, רעכטס פֿונעם אַריינגאַנגס־טויער. צו פֿיר אין דער ברייט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַליין אויסצושטעלן, ווי זיי וואָלטן שוין וואָס שנעלער געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם לאַגער.

— אָרדנונג! אָרדנונג! — האָבן געשריגן די היטלעריסטן. אָבער יעדער האָט שוין געוווסט, אַז די רייען וועלן נישט זיין גלייך ווי אַ סטרונע, וועלן די היטלעריסטן אַפֿילו נישט אָנהייבן אויסטיילן דאָס ברויט, אויף וועלכן אַלע האָבן שוין מיט בויך־גרימעניש געוואַרט. אַ סך זענען געשטאַנען מיט די קאָצן אויף די קעפּ, וועלכע זענען נאָך געווען נאַס פֿונעם רעגן, ציטערנדיק פֿון קעלט.

— הערונטער מיט די דעקען! — איז געפֿאַלן ווייטער אַ באַפֿעל. — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ באַנדע? אַלע האָבן גענומען איינוויקלען די קאָצן און געהאַלטן זיי אונטער די אָרעמס. די ס.ס.־לייט, אָנגעטאָן אין די געפֿלעקטע, ווי זשיראַפֿן, צעלטענע פֿעלערינעס האָבן גענומען אויסבעסערן די אויסגעשטעלטע רייען.

— לינקס! מער לינקס! דו, דיקער! דעם קאָפּ וועק! — עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאַטערן די מענטשן, וועלכע זענען קוים געשטאַנען אויף זייערע פֿיס, וואַרטנדיק אויפֿן פֿערטל ברויט מיטן שטיקל מאַרמעלאַדע.

מאַרקאָ איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דער ערד, איינגעוויקלט אין זיין קאָץ ביז צו די אַקסלען.

— טאַטשו! — האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע.

— טאַדעק! — האָט שלמה, אַ שטאַרק פֿאַרוווּנדערטער אויסגערופֿן, געבנדיק אַ צייכן צו שווייגן.

— איך פֿאַרשטיי — האָט טאַדעק געענטפֿערט — איך בין נישט קיין גענטיקער.*)

טאַדעק וווּנזשאָווסקי איז געווען שלמהס אַ שול־חבר און אויך אַ סימפּאַטיקער פֿון קאָמוניזם.

— ביסט קראַנק, טאַמאַש? — האָט וווּנזשאָווסקי געפֿרעגט.

— ניין, איך בין בלויז דערשעפּט פֿונעם וועג. איך בין אויך געווען פֿאַרוווּנדעט און די ווונדן טוען מיר נאָך איצט אַ ביסל דערקוויקן — האָט טאַרקאָ געענטפֿערט — אָנווייזנדיק אויף זיינע פֿיס.

— וואַרט אַ ביסל — האָט טאַדעק געזאָגט — איך ברענג דיר באַלד עפּעס צו עסן. טאַדעק וווּנזשאָווסקי איז שוין געווען אַן אַלטער תּושב אין לאַגער. ער האָט שוין געוווּסט, ווי מען קאָן עפּעס פֿאַרהאַנדלען, פֿון וועלכער זייט עס קומען אָן די פּוילישע פֿרויען און ברענגען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ פֿלעשל זופּ.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז טאַדעק צוריקגעקומען אַ שיינענדי־קער מיט אַ פֿלעשל זופּ אין דער האַנט.

— ווו האָסטו דאָס באַקומען? — האָט טאַרקאָ מיט גרויס פֿאַרוווּנ־דערונג געפֿרעגט.

— אָ, נישט אַלע פּויערים זענען געלט־גייציק און פֿאָדערן פֿאַר אַזאַ פֿלעשל זופּ אַ גאָלדן רינגל אָדער אַ קיימעלע פֿון אַ זייגער; אַ סך וואַרפֿן אַריבער צו אונדז איבער די דראָטן אויך אומזיסט: ברויט, אוגערקעס און אַנדערע פּראָדוקטן — איך האָב שוין היינט דאָס צווייטע פֿלעשל געכאַפּט! דאָס ערשטע מאָל האָט די אָרעמע פּויערטע זיך פֿאַרקוקט און נישט געזען ווי עס גייט דער היטלעריסט און ער האָט איר דערלאַנגט צוויי זעץ מיט דער קאָלבע איבער די אַלטע פּלייצעס, אַז זי איז נעבעך אַוועקגעפֿאַלן אַ פֿאַרחלשטע אויף דער ערד...

אַ נייעם פּלאַן האָבן די היטלעריסטן דערפֿונדן, כּדי אויפֿצודעקן די געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג פֿאַרשטעקט אין לאַגער, זיי זאָלן נישט אָנקניפּן קיין קאָנטאַקט מיט דער ציווילער באַפֿעלקערונג און כּדי

---

*) טאַדעק וווּנזשאָווסקי וווינט היינט אין סטאַראָגראַד־שטשעטשינסקי, אַרמיאַ לודאָוואַ נומ 41, באַשעפֿטיקט אַלס בריוטרעגער.

זיי צו קאָנען אַפּטראַנספּאָרטירן אין די לאַגערן קיין דייטשלאַנד. מען האָט איבערגעצוימט דעם לאַגער. די אַלטע געפאַנגענע האָט מען אַריבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט און די אָנגעקומענע האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ, אַזוי אַז די אַלטע זענען געווען די ערשטע ביים צונויפשטעלן אַ קאָלומנע אַוועקצושיקן קיין דייטשלאַנד. עס האָט אָבער דאָס אויך נישט געהאָלפן. עס זענען געווען אַ סך פאַלן, ווען געפאַנגענע האָבן זיך אויסגעדרייט פון טראַנספּאָרט, נישט וועלנדיק פאָרן קיין דייטשלאַנד. מאַרקאָ האָט דאָ נישט געוואָלט בלייבן. קיין געלט האָט ער נישט געהאַט. אויף די פיס איז ער נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל זיך קאָנען אונטערנעמען צו מאַכן אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. און דאָ ליגן אין דער בלאָטע האָט ער געהאַט גענוג...

— האָסט געהערט, טאָמאַש? — האָט טאַדעק געזאָגט, לייגנדיק זיך נעבן מאַרקאָן — וואָס מען טוט מיט די ייִדן. לויט מיין מיינונג, דאַרפסטו טאַקע בלייבן ביים נאָמען טאָמאַש און זיך אָנגעבן אַלס פּאָליאַק.

מאַרקאָ האָט ביי זיך געטראַכט, אַז זיין פּלאַן אַלס אוקראַאינער איז בעסער. ייִדן, וואָס וועלן זיך אָנגעבן אַלס פּאָליאַקן, וועלן זיין אַ סך, אָבער אוקראַאינער וועלן זיכער זיין ווייניק.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן פון זעלבן טאָג איז מאַרקאָ שוין געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ גרייט צום אָפּמאַרש... עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע קאָלומנע פון געפאַנגענע.

ווען מאַרקאָ האָט געגעבן אַ קוק הינטער זיך, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי די היטלעריסטן וואָלטן אַרויסגעפירט אַלע געפאַנגענע. די שמירה איז געוואָרן יעדעס מאָל שטאַרקער. די היטלעריסטן זענען געווען אָנגעטאָן גלייך ווי צום פראָנט. די שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ, די רוקזעק מיט די הינטישע פעלעכלעך אויף די פּלייצעס, די קאַצן געראָלט.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעצויגן זייערע צעלטענע פעלערינעס.

די געפאַנגענע האָבן זיך געצויגן ווי אַ לאַנגער שלאַנג, אונטערגעיאָגט פון די קאָלבעס און שטעקנס פון די היטלעריסטן. אין אויסגעווייקטע מונדירן, הונגעריק, אָן אַ לעפל געקעכץ, האָט מען געטריבן די מענטשן וואָס אַמאָל שנעלער. מאַרקאָ איז געגאַנגען שוין אינגאַנצן אַן אַדורכגענעצטער. זיין העמד האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין קערפּער. ער האָט שוין גאָרנישט געפילט ווי עס קאַפּעט פון זיין פוראַזשערקע אין האַלדז אַריין.

זיין גאַנץ פּנים איז געווען נאַס. די גאַנצע קאָלומנע האָט אויסגעזען ווי מען האָט זי נאָרוואָס אַרויסגעצויגן פון וואַסער. איבער די קעפּ האָט זיך ווי אַ נעפּל געצויגן די פּאַרע פון די פאַרשוויצטע קערפּערס.

— דאָס איז אַ גוט מיטל אונדז אויסצוזעגדיקן — האָט געזאָגט שידלאָווסקי — טרייבנדיק אונדז הונגעריק אין רעגן און אָן מאַנטלען. די די פּאַרוואונדעטע האָבן גענומען צודעקן זייערע באַנדאַזשירטע טיילן פון קערפּער מיט פאַרשיידענע מעגלעכע זאַכן. די וועלכע האָבן געהאַט פאַרוואונדעטע הענט האָבן צוגעדעקט די באַנדאַזשן מיט די היטלען, ברויט־זעק. אַ סך האָבן געהאַט קאָצן, האָבן זיי אויסגעליען זייערע פאַרוואונדעטע חברים. עס האָבן אויך נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר. די סאָלידאַריטעט איז געווען זייער אַ גרויסע. חברים האָבן גענומען די שוואַכערע אונטער אָרעם, געטיילט זיך מיט דעם קליינעם ביסן ברויט, וואָס איז נאָך ביי וועמען געבליבן, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן אַ שטיקל ציגאַר פון מויל צו מויל, צו געבן כאָטש אַ צי.

די קאָלומנע איז פאַרבייגעגאַנגען דורך אַ דאָרף. אַלע זענען אַרויס פון זייערע וווינונגען. עס האָבן נישט געפעלט קיין באַליידיקונגען אויפן אַדרעס פון די געפאַנגענע מצד אייניקע, וואָס האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט אונטערחנפענען די היטלעריסטן, אָדער פון סתם פאָלקס־דויטשן. אָבער דאָס רוב פויערים איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פרויען און קינדער האָבן געוויינט.

— וואַרפט אונדז עפּעס צו עסן! — האָבן זיך געהערט שטימען פון דער קאָלומנע.

ווי אויף אַ באַפעל האָבן זיך אַלע ווי איין מאַן אַ לאָז געטאָן צוריק צו זייערע היימען. די מענטשן זענען שנעל צוריקגעקומען מיט וואָס איינער האָט געקאָנט. עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן איבער די קעפּ פון די געפאַנגענע שטיקלעך ברויט, אפילו באַשמירטע מיט פּוטער, עפּלעך, באַרלעך, ציבעלעס, אוגערקעס, אַ סך האָבן אויך געוואָרפן טיילן פון מלבושים, ווי טיכלעך און העמדער. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט רירנדיקע סצענעס. אַן אַלטע פרוי האָט זיך געוואָרפן אַ פאַרבייגייענדיקן געפאַנגענעם אויפן האַלדז מיט אַ יאָמערלעך געשריי: „מיין קינד! מיין קינד! — ער לעבט שוין נישט... די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן אַוועקטרייבן די ציווילע־לייט מיט די קאָלבעס. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויסצורייסן דאָס עסן צעטרעטן עס מיט די פיס. די אַלטע צעבראָכענע מאַמע האָבן זיי

אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד און געקאָפּעט מיט די באַנעגלטע שטיוול... עס איז גלייך געקומען אַ באַפעל: „אויף דריי שריט נישט צולאָזן קיין ציווילע צו די געפאַנגענע!“. די גליקלעכע, וואָס האָבן באַוויזן עפּעס צו כאַפּן, האָבן עס שנעל פאַרשטעקט, ווו נאָר איינער עס האָט געקאָנט, כדי די היטלעריסטן זאָלן עס ביי זיי נישט צורויבן און פאַרניכטן.

מאַרקאָ האָט ווי מעכאַניש געשלעפּט זיינע פיס פון דער בלאָטע, ווי דאָס וואָלט אים שוין גאָרנישט געאַרט. ער האָט שוין אויך פאַרלוירן די רעכטע געטרע און געמוזט צובינדן דעם הויז מיט אַ שטריקל. זיינע געדאַנקען זענען איצט ווייט געווען פון דאַנען — אין זיין היימשטעטל וואַריש...

— אַז מען טרייבט אַרויס די יידן פון די שטעט — האָט ער געטראַכט, פירט מען זיי באַשטימט ווי דאָ אונדז... ער האָט איצט געזען: אַ קאָלומנע יידן און צווישן זיי די מאַמע, דעם טאַטן, און זיינע שוועסטער און ברידער... די געשטאַלטן פון זיינע נאָענטסטע זענען אים אַלץ בולטער געקומען פאַר די אויגן. זיי שטייען לעבן אים... ער זעט די גאַנצע עדה פון זיין שטעטל... שמואל־אַנשלען, יוחנן שמש, זיין ווייב חנה, לייבקע באָרפוס... זיי גייען... זיי גייען אַלע דאָ פאַר אים... זיי פאַלן... מען שלאָגט מיט קאָלבעס און שטעקנס...

אַ שטאַרקער שניט מיט אַ שטעקן איבער די פּלייצעס האָט מאַרקאָן אויפגעוועקט פון זיינע חלומות... — „לאוס! לאוס! ווייטער!“ דאָס ווילדע געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם קנאַלן פון ביקסן. דאָס פעלד פון בוראַקעס איז באַדעקט געווען מיט געפאַנגענע. דער הונגער האָט מיט אַן אייזערנער קראַפט געוואָרפן די מענטשן צו דער ערד. טייל האָבן שוין, לויפנדיק צוריק אין דער ריי, אָנגעהויבן אריינבייסן זיך אין די רויע בוראַקעס. אַנדערע האָבן זיך געטיילט מיט די חברים, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַליין צו כאַפּן. דאָס שיסן און דאָס שלאָגן מיט די קאָלבעס און שטעקנס האָט נישט אויפגעהערט...

צוויי געפאַנגענע, צוויי יונגע מענטשן, האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר אַ פּאָר רויע בוראַקעס...

קאַפּיטל 11

סטאַלאַג AII — נייבראַנדענבורג

דאָס מאָל האָט דער היטלעריסט נישט געזאָגט קיין ליגן. די געפאַנגענע זענען טאַקע אָנגעקומען קיין וורצלאַוו. די דאָזיקע שטאָט איז איצט געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון געפאַנגענע, וועלכע מ'האָט פון דאַנען אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד און די א. ג. „שטאַם־לאַגערן". מען האָט זיי פאַרלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען, ווי בהמות, אפילו נאָך ערגער, ווייל אָן אַ ביסל שטרוי, וו זיך אַוועקצולייגן און געפאַקט ווי הערינג אין אַ פאַס.

— שנעל! שנעל! האָבן זיך געהערט ווילדע קולות פון די היטלעריסטן — צוהעלפנדיק זיך מיט די קאָלבעס און פייטשן.

— איך דאַרף אויף דער זייט. — האָט זיך אַ געפאַנגענער אויף דייטש געווענדעט צו איינעם פון די שומרים.

— לאוס! לאוס! דו וועסט שוין דאָרט מאַכן. — אין וואַגאָן וועט שוין זיין אַ קלאָזעט מיט אַ שפּריץ־באָד — האָט מיט אַ געלעכטער געענטפערט דער היטלעריסט.

— זיי וואָלטן וויניקסטנס אונדז דערלויבט אויסצורייניקן דעם וואַגאָן פון דעם שמוץ, וואָס די פערד האָבן דאָרט איבערגעלאָזט! — האָט זיך געבייזערט זאַרעמסקי. — יאָ, און וו וועלן מיר זיך דערליידיקן?...

די ריגלען האָבן אָנגעהויבן צו גרילצן. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקלאַפּן די וואַגאָנען.

— נישט אַרויסקוקן דורך די שפּאַלטן פון די קראַטן! — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל, וועלכער קאָפּ עס וועט זיך באַווייזן, וועט אָן אַ פריערדיקער וואָרענונג באַקומען אַ קויל!...

עס האָט זיך געהערט אַ פייף. דער צוג האָט גערירט פון אָרט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן שווער צו סאַפּען, ציענדיק נאָך זיך די וואַגאָנען.

— מיר האָבן נאָך געהאַט אַ גרויס גליק — האָט זיך געהערט אַ שטימע פון וואַגאָן — זאָל שוין זיין פערד=צואה; אין דעם צווייטן וואַגאָן איז געווען קאַלך. איך ווייס נישט ווי די מענטשן וועלן דאָרט אויסהאַלטן; זיי וועלן ברענגען אַ העלפט דערשטיקטע...

מאַרקאָ איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט פון וואַגאָן, ווי ער וואָלט שטייענדיק איינגעשלאָפן. אָבער דאָס געשפרעך פון זיינע שכנים האָבן אים גלייך וואַך געמאַכט.

— האָסטו דאָס אייזן? — האָט איינער שטיל געפרעגט דעם צווייטן.

— יאָ! — האָט קורץ געענטפערט דער דערנעבן שטייענדיקער הויכער געפאַנגענער אין אַ מונדיר פון אַ קאַוואַלעריסט.

— קאָן מען שוין אָנהייבן! — האָט דער ערשטער באַפוילן.

דער קאַוואַלעריסט האָט זיך שנעל אָנגעהויבן דורכצושטופּן דורך דער געדיכט=אָנגעפּראָפּטער מענטשן=מאַסע אין דער מיט פון וואַגאָן און גלייך מיט דעם אייזן אָנגעהויבן אויפצוברעכן די פּאָדלאָגע פונעם וואַגאָן.

— וואָס טוסטו? — האָט געפרעגט אַ געפאַנגענער — ביסט משוגע געוואָרן?!

— איך מאַך דיר אַ לאָך, דו זאָלסט האָבן וווּ צו פּייפן... ווייל די היטלעריסטן האָבן, ווייזט אויס, פאַרגעסן... — האָט געענטפערט איראָניש דער קאַוואַלעריסט.

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ טומל... אַנטלויפן... איר וועט זען, וואָס זיי וועלן אָנאַרבעטן! — האָט זיך געהערט אַ שטימע — דורך זיי וועלן אַלע ליידן.

— שטיל זאָל זיין! — האָט מיט אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט דער קאַוואַלעריסט. — ווער עס וועט נאָר פּרוּוון עפּעס צו רעדן פריער ווי אין אַ שעה אַרום, ווי מיר וועלן דאָ שוין נישט זיין, זאָל וויסן, אַז ער בלייבט נישט קיין לעבעדיקער. אויב נישט מיר, וועלן אים שוין אַנדערע געפינען און אים באַצאָלן... אַלע זענען מיטאַמאָל שטיל געבליבן. דאָס לאָך איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ גרעסער. דאָס גערויש פון די רעדער האָט פאַרטויבט דאָס קלאַפּן בײַם אויפרייסן די פּאָדלאָגע. אַרום זענען געשטאַנען די איבעריקע געפאַנגענע און באַוווּנדערט די פלינקע אַרבעט פון דעם קאַוואַלעריסט.

— וואָס ביסטו פון פאַך — אַ קאַסע=ברעכער? — האָט זיך געוויצלט וויקטאָראָוויטש.

— גוטער ברודער — האָט געענטפערט דער קאַוואַלעריסט — אין אַזאַ צייט מוז מען אַלץ קענען, אויב נישט, ביסטו פאַרלוירן.

מאַרקאָ האָט אין גדאַנק איבערגעחזרט די ווערטער: „אין אַזאַ צייט מוזטו אַלץ קענען".

דער צוג האָט אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן דעם לויף. ווייזט אויס, ער איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. די וואַגאָנען האָבן זיך ווי אָנגעשטרענגט צו־ריקצוציען דעם לאָקאָמאָטיוו. דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָט זיך פאַר־לאַנגזאַמערט. אַלע אין וואַגאָן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— פאַרבלייבט געזונט, חברים! — האָט אויסגערופן דער קאַוואַלע־ריסט. מיר לאָזן איבער די מונדירן. און דאָס אייזן גייט ווייטער איבער אַ צווייטן וואַגאָן! דריי מאָן האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער עפענונג פונעם וואַגאָן און געבליבן ליגן צוגעפּלאַטשט צו דער ערד, ביז דער גאַנצער צוג איז אַדורך. אַ לענגערע ווײַלע האָט אין וואַגאָן גע־הערשט אַ טויטע שטילקייט.

— דאָס זענען ווילע יאַטן! — האָט זיך אָנגערופן דאַנילוק, איבער־רייסנדיק דאָס שווייגן.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן, חברים? — האָט געפרעגט שיר־לאָווסקי.

— איינפאַך, גאָרנישט! — האָט זיך אַריינגעמישט מאַרקאָ. איך וואָלט אויך דאָס זעלבע געטאָן, וואָס זיי. איך קאָן זיך אָבער דערויף דער־וויל נישט דערלויבן. מיר טוען נאָך שטאַרק ווי די פיס פון די וונדן. און איצט חברים, ווייסט קיינער פון גאָרנישט. איך לייג פאָר זיך אַנידער־צולייגן שלאָפן און זיך אַפילו נישט ווייסנדיק מאַכן אויך דאָ, ווען מיר וועלן פון דאַנען אַרויסגיין. די היטלעריסטן האָבן דאָך אונדז נישט גע־ציילט ביים אַריינגיין. — ריכטיק! ריכטיק! — דער וואַנטעדיקער איז געוועזן! — האָבן זיך עטלעכע שטימען מיטאַמאָל אָנגערופן. אַלע האָבן זיך גענומען גרייטן צום שלאָפן. דער צוג האָט אָנגעהויבן שנעלער פאָרן. דורך די קראַטעס האָט זיך אַריינגעריסן אַ קיל ווינטל, מיטברענגענדיק אַ געשמאַקן ריח פון די אַרומיקע לאָנקעס און סעדער... פון צייט צו צייט איז ווי אַ פונק אַדורכגעפלויגן דאָס ליכט פון די פאַרבייפאָרנדיקע סטאַציעס.

— צום טייוול! האָסט דאָך מיר שיעור נישט דאָס פנים צעטרעטן מיט דיינע שיך! — איך האָב שוין אַ פול מויל מיט בלאָטע! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ליגנדיקן האַרט ביי דער עפענונג.

— איך האָב מיך געוואָלט דערלייזן — האָט זיך פאַרענטפערט דער צווייטער.

— האָסט נאָך גרויס מזל, וואָס נאָר בלאָטע — האָט זיך געוויצלט זאַרעמסקי. — דער תכשיט האָט זיך היינט איבערגעפּרעסן מיט בוראַקעס... ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פּאַסירט, ווען די חברה וואָלטן דאָס לאַנג נישט געמאַכט...

דער צוג האָט זיך פאַרשנעלערט, דאָ פאַרלאַנגזאַמערט זיין גאַנג.

— ווער ווייסט, ווו זיי פירן אונדז, די שדים? — האָט זיך אָנגערופן עמעצער.

— וואָס איז דאָ צו קלערן וועגן — באַשטימט נישט אויף קיין דאַטשע! מיך אינטערעסירט בעסער, ווו זיי קאָנען שוין זיין, די דריי חברה־לייט? — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער. יאָ, חברים, מיר מוזן אויך שנעל פאַרטיילן די מונדירן. ערשטנס, איז אַ שאָד דאָס איבערצולאָזן און צווייטנס, קאָן דאָס פירן אויף אַ שפּור.

מאַרקאָ האָט וואָס אַמאָל אויסגעבעסערט זיין פּלאַן. — איך טאָר זיך נישט אויסגעבן, אַז איך פאַרשטיי די דייטשישע שפּראַך — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. ערשטנס, ווי קומט דאָס צו אַ שלאָסער ער זאָל קענען פרעמדע שפּראַכן. צווייטנס, קאָן איך אַמאָל געשטרויכלט ווערן מיט אַ יידיש וואָרט — דאַן, שלמהלע, ביסטו שוין פאַרלוירן לעולם־ועד... דער געדאַנק וועגן נייעם לאַגער, נייע חברים, עס־עס־לייט — דאָס אַלץ האָט מאַרקאָן נישט געלאָזט איינשלאָפן.

אַ שיסעריי פון אַלע זייטן האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם צוג. אַ שטאַרקער טרייסל פון די צונויפגעשלאָגענע וואַגאָנען האָט אַלעמען אויפגעוועקט פון שלאָף.

— וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט פּאַסירט!? — האָט דערשראָקן געפרעגט עמעצנס אַ שטים.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט איבערגעחזרט אַ צווייטער — באַשטימט דאָס זעלבע, וואָס ביי אונדז, נאָר ווייזט אויס אַז זיי האָבן דאָרט ווייניקער מזל געהאַט ווי אונדזערע...

די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן אַרומצולויפן ווי די יאָגד־הינט. מיט די עלעקטרישע מאַשן־לעמפּלעך אין די הענט האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַקוקן די וואַגאָנען. עס האָבן אָנגעהויבן גרילצן די רינגלעך...

— רוקט צו דאָס ברעט אויף דעם לאָך און לייגט זיך דערויף אַרויף!

— האָט וויקטאָראָוויטש געזאָגט צו זיין שכן — זיי קאָנען נאָך צו אונדז אויך אַריינקומען. אַלע האָבן אויפגעשטעלט די אויערן און זיך צוגעהערט צו די טריט פון די מערדער.

— אַ, מיין קאָפּ! איך קאָן שוין נישט מער! — האָט זיך געהערט אַ יאָמערלעך ק־עכצן פון דרויסן פון אַ געפאַנגענעם, וואָס האָט שוין, ווייזט אויס, נישט געקאָנט גיין אויף זיינע אייגענע פיס.

— זיי האָבן אים, ווייזט אויס, געכאַפּט! — האָט עמעצער געזאָגט. קיינער האָט דערויף נישט געענטפערט. אַלע זענען געזעסן שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערן און געטראַכט איבער דעם פינצטערן גורל פון די מענטשן.

אויפן באַנהויף אין נויבראַנדענבורג איז געשטאַנען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטע היטלעריסטן. מיט די שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ און באַצירטע מיט האַקנקרייצן אין דער זייט — האָבן זיי אויסגעזען, ווי טייוואָלאָנים פון גיהנום.

דאָס אויסלאָדן פון די וואַגאָנען איז צוגעגאַנגען זייער שנעל. ווי פון אַ זאַק אַרויס האָבן זיך פון די וואַגאָנען גענומען שיטן די געפאַנגענע. דורך די טירן פון די פראַכט־וואַגאָנען זענען געשפרונגען צו פיר און צו פינף מיטאַמאָל. יעדער האָט געוואָלט וואָס שנעלער געניסן פון דער פרישער לופט. די קאָמפּאַניע פון די היטלעריסטישע גזלנים האָט זיך גלייך פאַרטיילט אין צוויי רייען און אין דער מיט אַריינגעטריבן די אַרויסגעשטיגענע פון די וואַגאָנען געפאַנגענע.

— שנעלער! איר הרעקיקע פוילישע באַנדיטן! האָבן די נייע שומרים באַגריסט די אַזוי אויך שוין גענוג ,שנעל אייליקדיקע געפאַנגענע.

— די לעצטע זאָלן אַ ביסל צורוקן די טיר פונעם וואַגאָן — האָט געזאָגט שידלאָווסקי, כדי זיי זאָלן נישט באַמערקן דאָס לאָך פון דער פּאָדלאָגע...

— איך וועל זיין דער לעצטער — האָט זיך אָנגערופן וויקטאָראָוויטש — עס וועט שוין זיין אַלץ אין אָרדענונג. אַ לאַנגע ריי — צו פיר אויסגעשטעלטע — האָט זיך געצויגן ווייט איבער די וואַגאָנען. די היטלעריסטן האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאָרמירן אַ צווייטע קאָלומנע. די מענטשן האָבן אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי ספּעציעל אַזוי אויסגעשמירט מיט קאַלך, מיט שמוץ, מיט מעל, כדי צו מאַכן אַ לוסטיקן ספּעקטאַקל דער

דייטשישער ציווילער באַפעלקערונג, פאַר וועלכער מען וועט די געפאַנ־געגנע אַדורכפירן. די געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרריכטן און אָפּ־שטויבן זייערע פאַרקניטשטע און אויסגעשמירטע מונדירן. די נישט ראַזירטע בערד, די פנימער און הענט, וועלכע זענען שוין אַ סך טעג נישט געווען געוואַשן, האָבן אויף יעדן פון זיי געמאַכט אַ דערשיטערנ־דיקן איינדרוק.

— שנעלער! שנעלער! איר דרעקיקעס געזינדל! — האָבן געשריגן ביי דער מינדסטער געלעגנהייט די היטלעריסטן. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ באַפעל:

— די געפאַנגענע פון 16־טן וואַגאָן אַרויסטרעטן! דאָס בייזע פּנים פונעם הויכן פעלדפעבעל האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער. זיין שפּיציקע נאָז איז געוואָרן נאָך שפּיציקער.

— אַרויסטרעטן! האָב איך באַפוילן! — האָט געליאַרעמט די חיה, דראָענדיק מיט זיין פויסט דער פילקעפּיקער קאָלומנע. קיינער רירט זיך נישט פונעם אָרט. עס איז שוין פאַרביי אַ לענגערע ווײַלע. די היטלעריסטן קוקן אויף די מענטשן ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט איינשלינגען. עס הערן זיך די געמיינסטע אויסדרוקן און זידלווערטער...

כאָטש איין טאָג בלייבן לעבן נאָך זייער מפּלה, און דערנאָך אפילו גלייך שטאַרבן! — האָט מאַרקאָ אין האַרץ געבעטן...

— פאַר שטראָף קריגט היינט קיינער קיין עסן נישט! — האָט זיך ווידער דערהערט דאָס ווילדע רימשען פונעם פעלדפעבעל.

— עס איז פאַרבאָטן אַזוי צו באַהאַנדלען קריגס־געפאַנגענע! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון אַ ריינער דייטשישער שפּראַך פון דער קאָלומנע אַרויס.

— ווער האָט געוואַגט?! אַרויסטרעטן! — האָט געשריגן דער פעלדפעבעל. אַ קאַלטער ציטער איז אַדורכגעלאָפן אַלעמען איבער די קערפּערס. אַלע אויגן האָבן שיף, נישט אויסדרייענדיק די קעפּ געגומען: קוקן אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קול. אַ הויכער, בלאָנדער בחור פון אַ יאָר 30, וועלכער האָט נאָך געטראָגן די אָפּצייכנס פון אַ פוילישן אונטעראָפיציר, האָט זיך אָנגעהויבן אַדורכ־שלאָגן דורך די רייען, מאַכנדיק 3 שריט פאָרויס דער ערשטער קאָלומנע און בלייבנדיק שטיין אויף „אַכטונג“. די קאָלומנעס זענען געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ביי אַ סך האָבן פאַר אויפרעגונג געגומען ציטערן די הענט מיט די פיס. מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט צוויי אויסגע־

שפיצמע אויגן, ווי ביי א וואָלף, האָט דער פעלדפעבעל מיט גיכע שריט זיך דערנעענטערט צום „חוצפהדיקן" געפאַנגענעם.

— דו באַנדיט! וווּ האָסטו רעכט געלערנט!? — איז דער היטלעריסט געווען ווילד פון כעס און אָנגעהויבן שלאָגן דעם פוילישן אונטעראָפיציר מיט דער פייטש איבערן פּנים. דער בחור האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַנידערגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער אויף דער ערד. דער היטלעריסטישער מערדער האָט אים נאָך גענומען קאָפּען מיט די שטיוול. ווי אַ שטורעם איז אַדורך דורך דער קאָלאָנע:

— ניט ביטש! ניט ביטש! — האָבן אַלע ווי איין מאַן אָנגעהויבן צו שרייען. די היטלעריסטן זענען אויף אַ קורצער ווײַלע ווי איבערגעשראָקן געוואָרן פון די געשרייען פון די געפאַנגענע. די קולות זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. די היטלעריסטן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער קאָלאָנע מיט קאָלבעס און שטעקנס און זיי גענומען טרײַבן. זעלטן וועמען עס איז געלונגען אויסצומײַדן די קלעפּ, וועלכע זענען געפאַלן ווי אַ האָגל איבער דעם גאַנצן וועג ביז אין לאַגער אַרײַן.

* * *

טאָפּלטע פלויטן פון שטעכל־דראָט און אויסגעגראָבענע פּאַסעס האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער, אין וועלכן עס האָבן זיך שוין געפונען טויזנטער געפאַנגענע. אַ גאַנצע ריי הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען פאַרשידענע קאַנצעלאַריעס און מאַגאַזינען, האָבן געבילדעט דעם שענערן טייל פונעם לאַגער. אויף דעם אַרײַנגאַנגס־טויער האָט אויך ניט געפעלט דער אויפשריפט: „אַרבייט מאַכט דאָס לעבן פריי!". פאַר די געפאַנגענע האָט מען אָנגעהויבן אויפשטעלן געלטענע בוידן, ווי פאַר ציגײַנער. בייטאָג און בײַנאַכט האָבן דאָ געהאַלטן רינגסט אויף די וואַך־טורעמלעך היטלעריסטן באַוואָפנטע מיט מאַשינגעווער. ווי נאָר עס איז געוואָרן טונקל, האָבן די געפאַנגענע ניט געטאָרט זיך באַווײַזן אויסער זייערע בוידן. די רעפלעקטאָרן פון די וואַך־טורעמס האָבן אַ גאַנצע נאַכט דורכגעשפּיזט מיט זייער ליכט דעם גאַנצן לאַגער...

— מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? — האָט געזאָגט שידלאָווסקי צו מאַרקאַן, לייגנדיק זיך לעבן אים אויף דעם שטרוי, — די לייז האָבן שוין אָן אויך צו פרעסן און קיין העמד איז נישטאָ איבער־



מאַרקאָס לאַגער־נומער — 10998.

צוטון. עס קאָן זיך נאָך אַרייַנבאַקומען דער טיפוס, און דאַן וועט שוין קיינער פון אונדז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

מיטן אויפגיין פון דער זון האָט זיך גלייך געהערט דאָס קול פון א טראָמפּייט, וועלכער האָט אויפגעוועקט די געפאַנגענע. אין די הויזן בלויז, אָן די העמדער, האָבן די געפאנגענע זיך אָנגעהויבן זאַמלען צו די פרימאָרגן־איבונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען יעדן טאָג נאָכן אויפשטיין אויף דעם פלאַץ פאַר די בוידן. עס איז געוואָרן באַשטימט אַן עלטסטער פון די גרופן קריגס־געפאנגענע אָנצופירן מיט די איבונגען אונטער דער אויפזיכט פון אַ היטלעריסט.

— שפּעוואַטש! — האָט אין א צעקאַליעטשעטן פּויליש באַפוילן דער היטלעריסט, ווען די גרופּע האָט אָנגעהויבן צו מאַרשירן.

— כלאָפּצי, זאַטשנימי! — האָט געזאָגט הניפּהדיק פראנטשישעק קוויאַטקאָווסקי, וועלכן מ׳האָט געגעבן אַ צונאָמען „סכאַב“.

— זינג, אַז ס׳איז דיר אַזוי לוסטיק! — האָט געזאָגט וויקטאָראָוויטש.

קוויאַטקאָווסקי האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו זינגען אַן אַלט מיליטעריש לידל. זיין באַסיקע שטימע האָט געכריפּעט ווי א געפּלאַצטער זאַק.

ראַנאָ, ראַנאָ, ראַנאָשענקאָ, ראַנאָ פּאָ ראָסיע,
וויגאַניאַלאַ קאַסיאַ וואָלקי, ראַזווידניאַלאַ שיען.

* * *

שוואַרצע קאַווע מיט אַ ברייטל אויף פינף מענטשן האָט מען אויסגעטיילט אונטער א דאַך, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף נידעריקע סלופּעס, גלייך ביים אַרייַנגאַנגס־טויער לינקס. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו רעגיסטרירן די געפאנגענע. מ׳האָט געעפנט א קאַנצעלאַריע און גענומען יעדן איינעם באַזונדער געני אויספרעגן: זיין נאָמען, פאַמיליען־נאָמען, געבורטס־אָרט נאַציאָנאַליטעט, רעליגיע אאַוו. עס איז געקומען די ריי אויף שלמהן. ער איז שוין געווען דער געפאַנגענער אונטערן נומער 10.998. נאָך אים איז רעגיסטרירט געוואָרן דאַנילוק מיטן נומער 10.999. שלמה האָט אָנגעגעבן אַלץ גענוי לויטן פריער צוגעגרייטן פּלאַן: מאַרקאָ טימאָפיעי, אַן אוקראַאינער, גריכיש קאַטויליש, פון באַרוף אַ שלאָסער אאַוו. ער האָט אויך באַקומען, ווי אַלע געפאַנגענע, א בלעכל, וואָס ער האָט געטראָגן שטענדיק אויפן האַלדז אויפגעהאַנגען אויף א

גרױ שטריקל. דאָס בלעבל איז געװען אין מיטן געלעכערט, אַז מען זאָל עס קאָנען איבערברעכן אויף 2 טײלן. װען אַ געפאַנגענער איז געשטאָרבן איז איין העלפט געבליבן אויף זיין האַלדז און די צווייטע העלפט איז געוואָרן אַרייַנגעטראָגן אין זיינע עווידענץ־אַקטן. אויף ביידע העלפטן פון שלמהס בלעכל איז געווען אויסגעקריצט „סטאַלאַג — 2 — א" נומער 10.998. די היטלעריסטן האָבן איצט אָנגעהויבן אַלע געפאַנגענע צו פאָטאָגראַפירן מיט זייערע נומערן אויפן האַלדז. פון היינט אָן האָט שוין קיינער נישט געהאַט מער קיין נאָמען, פאַר די דייטשן איז איצט יעדער געפאַנגענער געווען בלויז אַ נומער.

יעדן טאָג זענען צוגעקומען נייע געפאַנגענע. דער לאַגער האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט. דאָס עסן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער. עס האָט ממש געהערשט אַ הונגער...

— האַנס, גיב נאָר אַ קוק, צי די רײ איז נאָך גרויס! — האָט געזאָגט דער היטלעריסטישער קוכער צו זיין געהילף.

האַנס איז שנעל אפּגעלאָפן פון אונטער דעם דאַך, וווּ די קיך איז געשטאַנען און אין אַ קורצער ווײלע אַרום שנעל צוריקגעקומען.

— אַ, יאַ — האָט ער געענטפערט — די רײ ציט זיך ביז צו די לעצטע צעלטן.

שוין לאַנג זענען די מענטשן געשטאַנען אין דער רײ, כדי צו באַקומען אַ ביסל געקאָכט וואַסער פון נישט געוואַשענע בוראַקעס, אויסגעמישט מיט בלעטער און עטלעכע קאַרטאָפל. אַ גליקלעכער איז געווען דער, וואָס האָט געקריגן אַ שטיק ביין פון אַ פערד. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט פיל ווייניקער זופּ אין זיין מענאַשקע. האַנס האָט שוין נישט באַדאַרפט קיין קאָמענטאַרן פון זיין שעף. ער האָט גלייך גענומען 3—2 עמער נישט געקאָכט װאַסער, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט אין די פעסער נישט ווייט פון דער קיך און אַרייַנגעגאָסן אין דער אַזוי אויך שוין וואַסערדיקער זופּ. דערנאָך האָט ער פאַכמעניש אויסגעמישט מיט אַ לאַנגער הילצערנער לאָפּאַטע דעם קעסל און ווי קיינמאָל גאָרנישט ווייטער געטיילט יעדן געפאַנגענעם צו איין כאָכלע.

אין לאַגער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פאַרשידענע בויך־קראַנקהייטן. אַ גאַנצע נאַכט איז אין די צעלטן געשטאַנען אַ גרויסע רײ צום קיבעל. פון טאָג צו טאָג האָט איינער דעם אַנדערן נישט דערקענט.

— ביסט קראַנק, מאַרקאָ? — האָט געפרעגט וויקטאָראָוויטש — דו זעסט היינט אַזוי בלאַס אויס.

— איך האָב די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט — האָט געענטפערט מאַרקאָ. 6 מאָל געלאָפן צו קיבעל. מיר וועלן דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן. דו ווייסט, מען מוז עפּעס צוקלערן וואָס ווייטער צו טאָן.

— איך האָב געהערט, אַז אַ סך גייען יעדן טאָג אויף אַרבעט צו די אַרומיקע פּויערים. די היטלעריסטן נעמען זיי צוזאַמען אין גרופּן. אין דער פרי פירט מען זיי אַרויס און ביינאַכט ברענגט מען זיי צוריק — האָט געזאָגט וויקטאָראָוויטש. און דאָרטן האָבן זיי כאָטש וויניקסטנס וואָס צו עסן. אַ סך מאָל געלינגט זיי אַריינצונעמען עפּעס אין קעשענע אַריין, ווען דער פּויער באַמערקט נישט, און העלפן נאָך דערמיט אַנדערע געפאַנגענע. דו ווייסט — האָט וויקטאָראָוויטש ווייטער פאָרגעזעצט — היינט האָבן די חברים פאַרברענט דאָס שטרוי פון דעם געפאַנגענעם מיט די קאָמישע לאַטעס אויף די הויזן. מען זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן אויף טיפוס. אָט דאָרט, נעבן דעם קליינעם וועלדל — האָט אָנגעוויזן וויקטאָראָוויטש — האָט מען אים באַגראָבן.

ליגנקם פונעם אַריינגאַנג אין לאַגער, אַן ערך 300 מעטער, האָט מען אָנגעהויבן באַגראָבן די טויטע געפאַנגענע. יעדן טאָג זענען צוגע־קומען פרישע קברים. דאָס צווינטערל איז געוואָרן מיט יעדן טאָג גרעסער...

די שטילקייט פון דער נאַכט איז פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן. צווישן די צעלטן האָבן זיך געהערט טריט פון געפאַנגענע, זייערע געשפּרעכן און דאָס שרייען פון די היטלעריסטן.

— וואָס קאָן דאָס זיין? — האָט מען אפשר ווידער געברענגט געפאַנגענע? — האָט זיך אָנגערופן סאַראַקאַ (סמעפאַן סאַראַקאַ איז אין יאָר 1942 געפאָרן אויף אורלויב צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון עטלעכע אַכציק מאַן און דערנאָך אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער).

— איצט, אין מיטן דער נאַכט? — האָט געפרעגט שידלאָווסקי — און ווו וועט מען זיי אַהינטאָן?

די היטלעריסטן זענען גרופּעכווייז געלאָפן פון צעלט צו צעלט, לייכטנדיק מיט זייערע עלעקטרישע לעמפּלעך. ווי די היישעריקן זענען זיי אַריין אין מאַרקאָס צעלט.

— יודען אויפשטיין! — האָט זיך געהערט אַ באַפעל.

אין מאַרקאָן האָט עפּעס ווי אויפגעריסן. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער, ווען שמעצער קוקט זיך איצט צו אויפמערקזאַם צו

אים, וואָלט ער געזען, אז זיין גאַנץ בלוט איז מיט איינמאָל פונעם פנים פאַרשוווּנדן. עס איז געווען זיין ערשטע שווערע פּראָבע...

— איך בין דאָך אַן אוקראַאינער — האָט שלמה געטראַכט — איך הייס דאָך מאַרקאָ. ער האָט שנעל אַרויסגעצויגן דעם קאָץ איבערן קאָפּ. נאָר די אויגן נישט פאַרשטעלט און זיך נישט גערירט פון אָרט. פון פאַרשידענע זייטן פון צעלט האָבן זיך פון די שטרוי־געלעגערס אָנגעהויבן אויפצוהייבן יידישע געפאַנגענע.

— אפשר זאָל איך אויך גיין מיט זיי צוזאַמען? — האָט מאַרקאָ ביי זיך אַליין געפרעגט. — ניין! — האָט אַן אינערלעכע שטים זיך קעגנגעשטעלט, — דו האָסט זיך שוין אָנגעגעבן אַלס מאַרקאָ, אַלס אוקראַאינער און איצט ווען דו וועסט אָנהייבן צו דרייען, וועלן זיי ערשט דיך ממית זיין ביז צום טויט. מאַרקאָ איז געבליבן דער זיגער. די ערשטע פּראָבע האָט ער אויסגעהאַלטן... די נאַכט אָבער איז ער שוין מער נישט איינגעשלאָפן.

— נו, ענדלעך האָט מען אַוועקגענומען פון אונדז די פאַרשיווּנ קאָמוניסטן! — האָט זיך אָנגערופן פּאַוולאָווסקי.

— ווער ווייסט, צי מאָרגן וועט מען דיך נישט אַוועקנעמען אַלס פאַרשיוון פּאָליאַק! — האָט אים געענטפערט שידלאָווסקי. — היינט זיי, מאָרגן — אונדז.

— דו ביסט אפשר אויך אַ קאָמוניסט? — האָט ווידער געזאָגט פּאַוולאָווסקי.

— פאַרמאַך דיין ענדעקישן פּיסק! — האָט זיך אַריינגעמישט סאַראַקאַ. — ביי אונדז זענען נישטאָ קיין יידן, פּאָליאַקן, קאָמוניסטן, צי אַנדערע. מיר זענען איצט אַלע געפאַנגענע, און אַלע אויף די זעלבע צרות. יעדער מוז איצט זיין אַ ברודער דעם צווייטן.

— גוט! — האָט סאַראַקאַ געזאָגט — גוט! — האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע שטימען צוזאַמען.

מיט אַ געוואַלדיקער ראַפינירטקייט האָבן די היטלעריסטן איצט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין לאַגער, שאַפנדיק אַרום זיך אַ גאַנצע ריי שפּיאָנען און שפּיצלעס. פאַר אַ שטיקל ברויט מיט וווּרשט, פאַר 2 ציגאַרן האָבן זיך געפונען אויסוואָרפן, וועלכע זענען גרייט געווען פאַר די היטלעריסטן אַלץ צו טאָן. ווער שמועסט נאָך, ווען עס איז זיי געלונגען אויסצושפּיאָנירן אַ ייד, אָדער אַ קאָמוניסט, האָבן זיי שוין פאַר אַזאַ שטיקל אַחבעט באַקומען אַ פּאָר שיך, אַ העמד און טיילמאָל אויך אפילו אַ מונדיר. דער הונגער איז אין לאַגער געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. כדי

אין אים צו פאַרגעסן, האָבן די געפאַנגענע אָנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן. מ'האָט געשפּילט אויף שוועבעלעך. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשפּילט אויף פּויליש געלט, אָבער די מערהייט האָט קיין געלט נישט געהאַט.

— אופּפּאַסען, דער „גאָריל" גייט! — האָט געמאָלדן דער געפאַנגענער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן, צי עס קומט נישט אָן קיין היטלעריסט. אַלע האָבן באַהאַלטן די קאָרטן.

יעדער היטלעריסט האָט געהאַט זיין צונאָמען, לויט זיין אויסערלעכן אויסזען אָדער לויט דער געשאַפענער לאַגע אין געוויסע מאָמענטן. איבער דעם צעלטענעם באַראַק, וו מאַרקאָ האָט געוווינט, האָבן געהאַט, ווייזט אויס, די שמירה דער „גאָריל" און דאָס „נאַרישע פּנים".

— איר ווײט זען, חברים — האָט געזאָגט זענעק — איך מאַך אייך היינט א טעאַטער, נאָר איר מוזט אייך האַלטן. זאָל נאָר קומען דער „גאָריל". זענעק האָט געהאַט ביי זיך דאָס בילד פון זיין כלה, זייער א שיין מיידל, מיט צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ, און שיינע בלויע אויגן, מיט איר קיילעכדיק פּנימל האָט זי אויסגעזען ווי אן אמתע פּרינצעסין. דאָס בילד איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און די געפאַנגענע האָבן נאָר טרייעריק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. זענעק איז געווען שטאָלץ מיט זיין כלה. ער האָט פון איר זייער א סך דערציילט. זי איז געווען א פּאָסטבאַאמטין אין לאָדזש. זיי האָבן שוין געזאָלט חתונה האָבן, נאָר עס האָט זיי געשטערט דער אויסברוך פון קריג.

— ער גייט! — האָט ווידער אויסגערופן דער פּאָסטן. די געפאַנגענע האָבן ווידער באַהאַלטן די קאָרטן.

— וועלכער? — האָט געפרעגט סאַראקאַ. — דער „גאָריל"! — האָט געענטפערט דער פּאָסטן.

— זענעק! — האָט סאַראקאַ געזאָגט — דער „גאָריל" גייט!

— איך וועל דאָס מאָל שרייען „אַכטונג" — האָט געזאָגט זענעק.

דער היטלעריסט מיטן פּנים פון א מאַלפּע, מיט צוויי גראָבע באַוואַקסענע הענט, וועלכע האָבן ווירקלעך אויסגעזען ווי פון א גאָריל, איז אַריינגעקומען אין צעלט.

— אַכטונג! — האָט אַ געשריי געטאָן זענעק. אַלע געפאַנגענע זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. דער „גאָריל" איז געווען שטאַרק צופרידן פון זענעקן, ווייל נישט איינמאָל האָט ער געקאָנט לאַנג וואַרטן, ביז עמעצער האָט אויסגערופן „אַכטונג". דאָס מאָל איז ווירקלעך

געווען אימפּאָזאַנט. זענעק האָט זיך אָנגעהויבן דרייען לעבן „גאָריל“, ווי א שעמעוודיקער חתן פאר א כלה.

— פון וואַנען ביסטו? — האָט דער „גאָריל“ געפרעגט זענעקן.

— פון לאָדזש! — האָט ער געענטפערט.

— אהא! ליצמאנשטאט — האָט אויסגעבעסערט דער „גאָריל“.

זענעק, וועלכער איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי די פויערים אויף אַרבעט אונטער דער שמירה פון „גאָריל“ פלעגט דערציילן, ווי אַזוי דער „גאָריל“ קוקט נאָך יעדעם מיידל. — ער האָט נאָך זיכער קיין פרוי קיינמאָל קיין קוש נישט געגעבן — פלעגט זענעק צוגעבן, ווייל וועלכע פרוי וואָלט געוואָלט אָנקוקן אַזאַ מיאוס פּרצוף?...

— הער וואכמאן! זי ווילן הייראטען מיט מיין שוועסטער? — האָט זענעק אין אַ שלעכטן דייטש מיט גרויס חניפה זיך אָנגערופן. — אַרויסציענדיק דאָס בילד פון זיין כלה.

— א, ניין! דאָס איז ראסן־שאַנדע — האָט פּראָטעסטירט דער „גאָריל“, אויסשטרעקנדיק גלייכצייטיק זיין מאַלפּע־לאַפּע צום בילד. ווען דער „גאָריל“ האָט דערזען דאָס בילד־שיינע מיידל האָט ער אויסגע־גלאָצט זיינע צוויי אויגן און זיך ממש אָנגעהויבן צו באַלעקן. — זי קען ווערן א דויטשע, דאן קאָן זי מיט מיר הייראטען — האָט ער זיך אַ שיינענדיקער אָנגערופן.

די חברים האָבן זיך פארשטעקט ווי די מייז אין די לעכער, כדי זיי זאָלן נישט אויספּלאצן מיט א געלעכטער. זענעק איז געשטאַנען אַן ערנסטער און האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געגעבן.

— איך וועל שרייבן אהיים וועגן דעם — האָט זענעק ערנסט געזאָגט.

— יא, יא! — האָט דער „גאָריל“ מסכים געווען און איז אַרויסגע־גאַנגען.

ערשט דאַן האָבן אַלע אַרויסגעזועצט מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

אין אייניקע מינוט ארום איז דער „גאָריל“ ווידער אַריינגעקומען און זיך נאָכאַמאָל געהייסן ווייזן דאָס בילד. זענעק האָט שוין אָנגעהויבן צו באַדויערן דעם גאַנצן וויץ. — ווער ווייסט — האָט ער געזאָגט — ער קאָן זיך נאָך ווירקלעך איינשפּאַרן צו ווערן מיין שוואָגער... די חברים האָבן אָבער שוין איצט געקאָנט רואיק שפּילן אין קאָרטן, און אז דער „גאָריל“ איז געגאַנגען, האָט שוין איצט קיינער קיין מורא נישט

געהאַט. מען האָט אים שוין פון היינט אָן מער נישט גערופן דער „גאָריל“, נאָר דער „חתן“.

— איר שפּילט דאָ אין קאָרטן, און דאָרט טוט מען אויס די יידן פון די גוטע מונדירן און שיך! — איז מיט אַ גרויסער פרייד אַריינגעפאַלן פּאַוולאָווסקי מיט זיין חבר. — ווער עס האָט אַ שלעכטן מונדיר, העמד אָדער הויזן, קאָן זיך דאָס אויסבייטן ביי די יידן. דו גיסט אים דאָס ערגערע און ער מוז זיך מיט דיר בייטן.

מאַרקאָ איז געשטאַנען אין דער זייט און צוגעהערט...

— וואָס זאָגסטו צו דעם שוואַרצן, וואָס האָט מיר נישט געוואָלט געבן זיינע שיך? — האָט ווייטער גערזאָגט פּאַוולאָווסקי צו זיין חבר. — איך האָב אים אָבער געגעבן אַ שמיר איבערן פּיסק, אַז דער קאָמענדאַנט אַליין האָט אַזש אָנגעהויבן צו לאַכן, און אים גלייך די שיך געהייסן אויסטאָן. קוקט אַ פּאָר שיכעלעך! — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלעמען, ווייזנדיק זיינע פיס.

— טראָג זיך אַרויס פון דאַנען! — איז צו צו אים וויקטאָראָוויטש

— דו ענדעקישער רויבער! ביסט גלייך ווי זיי! — און ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער פויסט אויף פּאַוולאָווסקין.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין וויקטאָראָוויטש געשטאַנען אָנגעטאָן דעם טאָרניסטער מיט 4 שטיינער און אים מיטן פּנים אַרויסגעשטעלט צו דער ברענענדיקער זון, אַלס שטראָף — 4 שעה איז ער אַזוי געשטאַנען.

וויקטאָראָוויטש איז געווען אַ זייער שטאַרקער בחור. אין צעלט האָט זיך מיט אים קיינער נישט געקאָנט פאַרמעסטן אין די כּוחות. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער זון און אפילו קיין איינמאָל נישט אַנידערגעפאַלן, אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען אין צעלט, איז ער גלייך אַנידערגעפאַלן אויף דעם שטרוי און האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. זענעק האָט אים שנעל דערלאַנגט אַ האַלבן עפּל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן נאָך פון נעכטן, בעת ער האָט געאַרבעט ביים פויער.

אַלע יידן האָט מען צוזאַמענגענומען אין איין באַזונדערן צעלט, אָנגעטאָן אין די ערגסטע מונדירן, וואָס נאָר עמעצער פון די געפאַנגענע האָט געהאַט. מען האָט אויך ביי זיי צוגענומען דאָס געלט, רינגלעך, זייגערלעך, איבערהויפּט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ ווערט. עס

האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע אויסוואורפן, וואָס האָבן ביי די יידן צוגענומען אַפילו די רימענס פון הויזן.

— דו דאַרפסט עס שוין נישט! — האָט געזאָגט איינער בעתן אַראָפּרייסן דעם רימען פון אַ יידישן געפאַנגענעם — דיך וועט מען סיי ווי באַלד שיסן!

די יידישע געפאַנגענע האָבן די היטלעריסטן איצט אָנגעהויבן צו צייכענען: צוויי רויטע פּאַסן און אַ קרייץ אויפן מונדיר און געלע פּאַכן אויף די הויזן. די היטלעריסטן האָבן געהאַט אַ משוגענע פּאַרוויילונג.

— גיב אים נאָך אַ פּאַס איבערן אַרבל! — האָט זיך געווינצלט אַ גראָבער אונטעראָפיציר, וועט אים זיין וואַרעמער, ער האָט נישט קיין מאַנטל...

די יידן האָט מען גענומען צו אַלע ערגסטע אַרבעטן: צו רייניקן די קלאָזעטן, וואַשן די פּאָדלאָגעס ביי די היטלעריסטן, אָבער צום עסן זענען זיי געווען די לעצטע. אַ ביסל זופּ אָן איין קאַרטאָפל, כמעט הוילע וואַסער. די יידן האָט מען אויך נישט געפירט אויף קיין אַרבעט צו די פּויערים. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָפּגעצייכנט מיט די פּאַסן, אַזוי אַז פיל האָבן אַפילו מורא געהאַט מיט זיי צו רעדן.

די שטערבלעכקייט אין לאַגער איז געוואַקסן און מיט איר אויך די גלייכגילטיקייט פון די נאָך לעבן געבליבענע געפאַנגענע.

— מאַכט פּלאַץ! — האָט גערופן דאַנילוק — שנעלער, שפּרייט אויף דעם קאַץ!

— וואָס האָט ווידער פּאַסירט? — האָבן זיך אָנגערופן די חברים פון די קאָרטן. זע נאָר, ווי מען לאָזט נישט רואיק שפּילן!

— דער סטודענט איז דאָס דריטע מאָל אַנידערגעפאַלן — האָט געזאָגט זאַרעמסקי. מען האָט אויף אים צוויי מאָל געגאָסן וואַסער און אים ווידער אַנידערגעשטעלט אויף דער זון. זיי האָבן באַמערקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען איבערן פּאַס צו די דראָטן. דאָס דריטע מאָל איז ער אַנידערגעפאַלן, אָבער דאָס וואַסער האָט שוין אויך נישט געהאָלפן. ער איז מער שוין נישט אויפגעשטאַנען, און איצט איז ער געלעגן אויף דעם קאַץ, וואָס דאַנילוק האָט אויסגעשפּרייט.

— מען מוז זיך אָנשליסן אין דעם ערשטן טראַנספּאָרט אויף אַרבעט! — האָט געזאָגט שידלאָווסקי צו דאַנילוקן. אויב נישט ווייס איך נישט, צי עס וועט זיין מעגלעך כאָטש אַ חודש דאָ אויסצוהאַלטן.

עס זענען שוין געווען פאַלן, אַז עטלעכע געפאַנגענע זענען אַנטלאָפן, בעתן פירן זיי צו דער אַרבעט — האָט זיך אַריינגעמישט סאַראָקאָ.

— איצט איז די בעסטע געלעגנהייט צו אַנטלויפן — האָט זיך אָנגערופן דאַנילוק.

דער לאַגער האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט. געפאַנגענע האָט מען געברענגט און אַוועקגעפירט. אַ סך זענען אויסגעשטאָרבן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, פון דערשעפּונג און הונגער. אַ סך האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס פאָלקס-דויטשן... די הימלעריסטן האָבן ווייטער געשלאָגן, באַשטראָפט פאַר יעדער קלייניקייט מיט שטעלן אויף דער זון אין פולער אויסריכטונג — מיט שווערע שטיינער. די שפּיצלען האָבן גענישטערט און געזוכט ייִדן צווישן די געפאַנגענע. דאָס לעבן אין גאַנצן לאַגער איז געגאַנגען מיט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט — צום ציל: אויסצומאַטערן די מענטשן, מאָראַליש זיי צו דערשלאָגן און פון די איבערגעבליבענע מאַכן געהאָרכזאַמע קנעכט.

פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען טרויעריקע ידיעות... די דייטשן גייען אויף אַלע פראָנטן פאָרויס... מען אַרעסטירט הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע ווערן פאַרשפּאַרט אין פאַרשידענע ציוויל-לאַגערן, די תּפיסות זענען איבערפולט. די הימלעריסטן נעמען אַוועק ביי הער ציווילער באַפעלקערונג דאָס לעצטע. אויך דאָ אין לאַגער האָט מען מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן אָנצוווענדן אַלץ שטרענגערע מיטלען, מען האָט שוין פאַרבאָטן אַריינצוגיין אין אַנדערע צעלטן. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געמערט פאַרשידענע קראַנקהייטן. כמעט אַלע געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן צו הוסטן. אַ טייל אַפילו מיט בלוט. די הימלעריסטן האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זייער אייגענעם לעבן און פלעגן איצט בלויז פונדערווייטנס געבן באַפעלן. צום שלאָפן האָבן זיך די געפאַנגענע אָנגעהויבן צו לייגן אינצווייען כדי מען זאָל זיך קאָנען מיט די קאָצן און מאַנטלען צוזאַמען צודעקן, עס זאָל זיין אַ ביסל וואַרעמער. אין מיטן דער נאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. די ערשטע מינוטן האָט די מענטשן אַנידערגעלייגט, אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען זיך אויפגעכאַפּט אַ פאַרשטייפטער. די קני האָבן געבראָכן פון קעלט, און אַז מען האָט זיך אַ ביסל דערוואַרעמט, האָבן זיך די לייז אָפּגערופן און אָנגעהויבן צו בייסן. זענעק איז געלעגן און געקרעכצט. ער האָט געהאַט גרויס פיבער...

מאַרקאָ איז געפֿאַלן אויף אַ נייער המצאָה. אַז מען קאָן מאַכן פֿון איין קאַץ פֿיר סוועטערס. דער פּלאַן איז מיט גרויס פֿרייד אויפֿגענומען געוואָרן פֿון אַלע. דאַנילוק האָט דער ערשטער געגעבן זיין קאַץ. מאַרקאָ האָט אים צעשניטן אויף פֿיר גלייכע טיילן. יעדער טייל פֿון ביידע זייטן צוגעגייט און נאָר איבערגעלאָזט צוויי עפֿענונגען אויף אַדורכזועצן די הענט. אויף דער גאַנצער זייט האָט ער אויפֿגעשניטן אַ שפּאַלט, אַרויסנעמענדיק 2 קלינעס, דורך וועלכן מען האָט דורכגעשטעקט דעם קאָפּ. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין געצייג האָט מען דאָס אַלץ געמאַכט מיט דער הילף פֿון אַ מעסער. פֿאָדעם האָט מען גענומען פֿון דער זוימינג פֿון די קאָצן. דער פּלאַן האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט אין אַלע צעלטן. די געפֿאַנגענע האָבן אָנגעהויבן טראָגן סוועטערס פֿון קאָצן. יעדן איז איצט געוואָרן וואַרעמער. אין די סוועטערס איז מען אויך געשלאָפֿן, אָבער דערפֿאַר האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די לייז. דאָס שטרוי האָט שוין אָנגעהויבן צו שטינקען. עס האָבן זיך שוין געמאַכט פֿאַרשידענע ווערעם. דאָס צווינטערל האָט זיך כּסדר פֿאַרגרעסערט.

— מאַרקאָ, גיב מיר אַ ביסל וואַסער! — האָט געבעטן זעניעק. איך פֿיל, אַז איך ווער ממש פֿאַרברענט. זעניעק האָט געהאַט הויכע היץ. — רעק מיך צו — האָט ער ווייטער געבעטן... אין דער פֿרי האָט שוין זעניעק נישט געלעבט...

איינגעוויקלט אין זיין קאָץ, האָט מען זעניעקן אַרויסגעלייגט אויף אַ טראָגבערעט, פֿיר קרעפּטיקע געפֿאַנגענע האָבן זעניעקן אַרויסגעטראָגן אויף דעם צווינטער פֿאַר געפֿאַנגענע...

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו זעצן. אַ האַרבסט־ווינטל האָט געבלאָזן און געשאָקלט מיט די שפּיצן פֿון די ביימער. די חברים זענען געגאַנגען שווייגנדיק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אַלע חברים פֿון צעלט זענען געשטאַנען פֿונדערווייטנס און מיט טרויעריקע בליקן באַגלייט זייער לוסטיקן זעניעקן...

די ביימער אויפֿן צווינטער פֿאַר געפֿאַנגענע האָבן נישט אויפֿגעהערט צו רוישן, געזעגענענדיק זעניעקן אין נאָמען פֿון זיין שיינעם באָגנד מיידל מיט די ליכטיקע צעפּ.

קאַפּיטל 12

דער נישט אויפגעדעקטער פּאַראַט

אַ גרויסער, פּירעקיקער באַראַק, אַן סטעליע, עס זעט זיך די גאַנצע בינדונג פון די קראָקוועס און באַנטעס. צוויי טירן — איינע אין גאַסטהויז אַריין, די צווייטע אויפן הויף אַרויס; צוויי רייען אויף שנעל געבויטע טאָפּלטע פּריטשן פון נישט געהובלעוועטע ברעטער, אַ קליין אייזערן אייוועלע, אָט דאָס איז געווען די נייע צוזאַמענוווינונג פון שלמהן מיט זיינע נאָך 69 געפאַנגענע.

— ווו האָט מען אונדז דאָ אַריינגעפירט? — האָט מאַרקאָ ווי צו זיך אַליין געזאָגט, אַריינשטעקנדיק דעם לעפל אין דער מענאַשקע מיט אַרבעס־זופּ.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ זופּ! — האָט געזאָגט קוויאַטקאָווסקי מיטן צונאָמען „סכאב", בליעפּטשענדיק אויף אַ קול און פּליאַסקענדיק מיט די ליפּן. פול מיט חזיר־שמאַלץ... בלאַפּאַקי, מיר האָבן גוט געטראָפן!
— האָט ער צוגעגעבן.

— עס וועט זיך דיר נאָך אָפּגלוסטן דאָס לעבן דאָ! — האָט זיך אָנגערופן אַלעקסאַנדער וויפּיעווסקי, אַ וואָלאָצלאַווקער בחור — דאָס האָט מען אונדז נאָר מכבד געווען דאָס ערשטע מאָל. מיין נישט, אַז די הערן פון גוי־גוטענהאָרף אָדער פון אַלט־גוטענדאָרף האָבן אונדז אַזוי שטאַרק ליב, און פאַר אונדזערע שיינע אויגן אונדז דאָ אַ פעטע אַרבעס־זופּ געגעבן — דו וועסט דאָ מוזן אַרבעטן מיט די זייטן. פינף מלאכי־חבלהניקעס האָט מען אויך שוין דאָ צוגעטיילט, זיי זאָלן אונדז אָפּהיטן, עס זאָל אונדז, חלילה, קיין שלעכטס נישט געשען — האָט ווייטער איראָניש געזאָגט וויפּיעווסקי.

— ווו וועלן דאָ קאָנען שלאָפן זיבעציק מאַן? — האָט זיך אָנגערופן שידלאָווסקי. — עס הייבט זיך, דאַכט זיך, נישט אַזוי פריילעך אָן.

— דו רעכנסט אוודאי, שידלאָווסקי, אַז מען האָט זיך צוהערגע־בּרענגט פון נוי־בּראַנדענבּורג אויף דאַמשע? — האָט זיך אָנגערופן סאַ־לאַמאָן, אַ מאַן פון אַ יאָר 45. איך בּין שוין בּיי זיי דאָס צווייטע מאָל אין געפאַנגענשאַפט. איך קען זיי שוין ווי אַן אַלטן גרייצער.

די היטלעריסטן האָבּן זיך אָנגעהויבּן דרייען צווישן די געפאַנגענע. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי ווילן זיך בּאַקענען מיט דעם מענטשן־מאַ־טעריאַל, וואָס זיי האָבּן דאָ בּאַקומען און איבּער וועלכע זיי דאַרפן זיין די הארן פון לעבּן און טויט. בּלויז פון איינעם פון זיי האָבּן די געפאַנגענע געוווּסט דעם נאָמען, העררנדיק צופעליק, ווי מען רופט אים. און ער איז שוין בּיי זיין נאָמען געבּליבּן. דאָס איז געווען אַ הויכער מאַן — פריץ. די אַנדערע האָבּן שוין די געפאַנגענע אַליין „געטויפט“. דער ערשטער פון די שומרים, וועלכער האָט זיך גלייך דעם ערשטן טאָג איינגעגעסן אין דער גאַל בּיי די געפאַנגענע, איז געווען דער „פּיפּלאָק“, אַ נידעריקער, גראָבּער, מיט אַ פּעם, אָנגעגאָסן פּרצוף, ווי בּיי אַן אָקס.

— פאַרגעסט די פלעצער! — האָט בּאַפוילן דער קאָמענדאַנט, אַן אונטעראָפיציר פון אַ יאָר 40.

— לאָוס! לאָוס! — האָט גלייך אָנגעהויבּן צו יאָגן דאָס „הויקערל“.

— לאָמיר פאַרנעמען אונדזערע פלעצער אויבּן — האָט געזאָגט שידלאָווסקי צו מאַרקאָן. און זיי האָבּן זיך בּיידע אַרויפגעדראַפּעט אויף דער אייבּערשטער פּריטשע. די פּריטשעס זענען נישט געווען אָפּגעטיילט, כּדי זיי זאָלן נישט פאַרנעמען קיין סך פּלאַץ, אַזוי, אַז די שמירוי זעק זענען געלעגן איינער לעבּן דעם אַנדערן. מאַרקאָ האָט גלייך גענומען איינ־אָרדענען זיין „וווינונג“. בּיי דעם קאָפּ פון דער לינקער זייט האָט ער גע־האַט דעם בּאַלקן, וווּ ער האָט גלייך אויפגעהאָנגען זיין לייוונטענע טאָרבּע פון דער פוילישער גאַז־מאַסקע, וועלכע האָט איצט אים געדינט אַלס בּרויט־זאַק, און אויך פאַרטרעטן אַ טעקע פאַר פאַרשידענע צייטונגען, פּאַפּירן, גאָטיצן, אַדרעסן פון חברים אאַז. אין דער זייט אויפן בּאַלקן האָט ער אויך אַוועקגעשטעלט זיין בּלעכענע קוואָרט, וועלכע ער האָט ערגעץ דערטאַפּט און וועלכע האָט איצט אים געדינט צו טרינקען די שוואַרצע קאַווע און צו טראָגן דאָס נישט דערעסענע מיטאָג, וואָס ער האָט זיך בּאַהאַלטן אויף בּיינאַכט אָדער אויף זונטיק.

— ווי דאָס גליק איז רעלאַטיוו, איינער פרייט זיך מיט פּאַלאַצן, מיט גאָלד, און מיר זענען איצט גליקלעך, וואָס מיר האָבּן אַ שמירוי־זאַק און

ווייניקסטנס אַ היילציטערנעם דאַך איבערן קאָפּ — האָט געזאָגט שידלאָווסקי — אויסציענדיק זיך דערביי אויף זיין געלעגער.

פונעם גאַסטהויז האָט זיך געהערט אַ טומל פון די אַריין און אַרויס־גייענדיקע דייטשן. פאַר דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט מען אויך געזען ביינערדיקע, וואָס זענען געקומען אָנקוקן די באָרוועסע און ווילדע פוילישע געפאַנגענע. די וואַכמענער האָבן זיך געפוצט, גרייטנדיק זיך, ווייזט אויס, ערגעץ צו גיין אויף אַ שפּאַציר. די געפאַנגענע האָבן זיך, נאָך אַזויפיל חדשים הונגער, צוגעכאַפּט צו דער פעטער אַרבעס־זופּ און זיך גוט אָנגעגעסן, אָבער יעדער האָט געפילט, ווי די אויגן וואָלטן נאָך געגעסן, כאָטש דער בויך האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריינגעמען.

— איך האָב גאָר מורא, אַז דאָס עסן זאָל מיר נישט שאַטן — האָט געזאָגט דאַנילוק — עס איז פעט געווען, און צווייטנס, האָב איך שוין לאַנג נישט געגעסן צו דער זעט.

— דו ביסט גערעכט! — האָבן זיך עטלעכע שטימען אָנגערופן מיט אַמאָל.

די רעאַקציע האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן... ווען עס איז געוואָרן טונקל האָט מען פאַרריגלט די טיר פון הויף, וואָס איז געווען דער איינציקער אַריינגאַנג פאַר די געפאַנגענע, ווייל מיט דער צווייטער טיר האָבן זיך נאָר געקאָנט באַנוצן די דייטשן. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ קיבעל, ווי אין אַ תפיסה, איבערלאָזנדיק זיי דאָס ליכט... צום קיבעל האָט זיך גלייך געשאַפן אַ ריי... זאַרעמסקי האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען אין עק פון דער פרימשע, און זיין מזל האָט צוגעשפּילט, אַז גראָד אין זיין ווינקל איז געשטאַנען דער קיבעל. איז ער נעבער געלעגן אַ גאַנצע נאַכט און געריכערט פאַרשידענע שאַר־ירקות, וואָס האָבן אימיטירט טאַבאַק־בלעטער. מען האָט אויך שפּעטער זאַרעמכוקין אַ נאָמען געגעבן דער „ים־לאַמטערן“, ווייל ווען מען האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט מען אין דער פינצטער געטראָפן צום קיבעל לויט דעם ליכט פון זיין ציגאַר...

אַ זייגער דריי פאַרטאָג, ווען אַלע געפאַנגענע זענען שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן דאָס ליכט, און עס האָט זיך דערהערט אַ ווילד געשריי פון דעם וואַכמאַן:

— אופשטיין! אָנציען!

אַלע זענען אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז זיי זענען אויסגעמאָן, צוליב דעם וואָס זיי זענען שוין לאַנג דערצו

נישט געווינט געווען — האָבן זיי זיך גלייך אויפגעשטעלט אויף די פּריטשן.

— שנעל! שנעל! — האָבן די היטלעריסטן געיאָגט. אַלע האָבן זיך אין גרויס אײַלעניש אָנגעטאָן. אײנער איז געלאָפן מיט נישט פאַרבונדענע שיך, דער צווייטער — אָנגעטאָן דעם מונדיר מיט איין אַרבל, נישט געוואַשן, ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער לעצטער, ווייסנדיק, אַז דאָס ווערט באַגלייט מיט אַ פּאָר קאַפּעס פון אַ היטלעריסטישן שטיוול, און אין בעסטן פאַל מיט אַ זעץ פון אַ ביקסן־קאָלבע. נאָך אין דער פינצטער האָבן די מענטשן מאַרשירט עטלעכע קילאָמעטער צו דער אַרבעט, צו די הייף פון אַלט־ און ניי־גומענדאָרף. די אַרבעט האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעטן אָוונט אונטער דער אויפזיכט פון דייטשישע עקאָנאָמען און אַרבעטס־אויפזעער און אויך פון די אייגענע וואַכלייט, אָן אַ וועלכער ס'איז מעגלעכקייט כאָטש אויף אַ מינוט אָפּצורוען. דער איינציקער איבעררייס איז נאָר געווען, ווען מען האָט זיי געפירט אין דער קיך אויף מיטאָג. די אַרבעט איז געווען אַ פאַרשידענע: אין שטאַל ביי די בהמות, אין פעלד ביי די סטערטעס היי און שטרוי, ביים אַרויסוואַרפן דאָס מיסט. די לייכטע אַרבעטן האָבן אויסגעפירט די דייטשישע אַרבעטער. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין געדונגענע ציווילע אַרבעטער פון פאַרשידענע לענדער.

מאַרקאָ איז די אַרבעט נישט אַזוי גוט געגאַנגען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן מיט אַ רידל אָדער מיט אַ ווידלע אין דער האַנט, אָבער דער געדאַנק, אַז דאָס קאָן אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט האָט אים געצוווּנגען אָנצושטרענגען זיינע לעצטע כוחות, צו האַלטן זיך גלייך מיט די אַנדערע געפאַנגענע.

ביים מיטאָג־עסן איז „סכאב“ שוין געווען דער גאַנצער „יא טעביע דאַם“. ער האָט דעצידירט, צי מע זאָל שוין אָנהייבן אויסטיילן דאָס עסן, צי מע זאָל נאָך וואַרטן אויף דעם אָדער יענעם; אין זיינע סאַפּערן־שטיוול מיט די קורצע כאָלעוועס האָט ער שטענדיק געהאַט גרייט זיין לעפל, וועלכן ער האָט נאָך יעדן עסן גענוי אָפּגעלעקט.

טעג זענען פאַרביי... מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט און ווידער צוריקגעקומען אין לאַגער. איין טאָג איז געווען ענלעך אויפן צווייטן. מיט דעם אונטערשיד, וואָס נישט יעדן טאָג האָט דער זעלבער געקריגן געשלאָגן. די 70־קעפּיקע גרופּע אין לאַגער האָבן זיך שוין אַ ביסל דערקענט איינער דעם אַנדערן. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו שאַפן קלענע־

רע גרופּן פֿון פּריווילעגירטע... און איבערהויפּט מוסרים, וואָס האָבן צוגעטראָגן די היטלעריסטן פֿאַרשידענע „חטאים“ פֿון די געפֿאַנגענע. צו די גרופּן פּריווילעגירטע האָבן געהערט די, וועלכע האָבן געקענט רעדן אַ ביסל דייטש. דאָס זענען געווען: פּיאַסעצקי, דער קלויסטער־דינער בודני, דער קאָוואַל, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעגעבן אַלס פֿאָלקסדויטש, פֿראַנטישיעק קיאַטקאָווסקי („כּבֿאַב“), דער ענדעק בובאַטש און דער פֿון דער אונטערשטער פּרימשע ביי דער טיר, סילוועק. זיי האָבן גערעדט מיט די וואַכלייט וועגן אָרדענונג, איבערזעצט די באַפֿעלן פֿון קאָמענדאַנט. אויך ביי דער אַרבעט האָבן זיי מער נושא־חן געווען ווי די אַנדערע. מאַרקאָ האָט זיך לגמרי נישט אויסגעגעבן, אַז ער פֿאַרשטייט דייטש, אָבער יעדע קלענסטע געלעגנהייט האָט ער אויסגענוצט צו לייענען, ווו ער האָט נאָר געפֿונען אַ שטיקל אַלטע דייטשישע צייטונג, אין וועלכע די דייטשישע אַרבעטער פֿלעגן איינפּאַקן זייער פֿרישטיק, עפּעס אַ בלעטל פֿון אַ ביכל. ער פֿלעגט זיך אויך פֿלייסיק צוהערן, ווען אַנדערע פֿלעגן רעדן.

— דו פֿאַרשטייסט עפּעס, מאַרקאָ? — פֿלעגן די חברים פֿרעגן.

יאָ, אַ ביסל! — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט, נאָר אין שול זעט עס גאַנץ אַנדערש אויס און אין דער פּראַקטיק — אויך אַנדערש. איך פֿאַרשטיי אַ ביסל, אָבער רעדן קאָן איך נישט.

מאַרקאָ איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַלס אָרעמער סטודענט פֿון מעדיצין, וואָס האָט נישט געהאַט פֿאַר וואָס זיך ווייטער צו לערנען און דערפֿאַר זיך אָנגעדונגען צו אַ שניידער, כּדי צו פֿאַרדינען אויף צו לעבן און אויסצוהאַלטן זיין מוטער.

* * *

די אַרבעט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער. טאָמער האָט מען איין טאָג אָנגעלאָדן 10 פֿורן קאַרטאָפֿל, האָט מען שוין דעם צווייטן טאָג פֿאַרלאַנגט 12, און אויב נישט האָט מען געדראָט, אַז דאָס מיטאָג וועט זיין ערגער און קלענער. די געפֿאַנגענע האָבן אָנגעהויבן ממש אַרויסצוציען פֿון זיך די קישקעס, ווייל דאָס מיטאָג־עסן איז טאַקע געווען פֿאַר זיי אַלץ. פֿון דעם מיטאָג האָט מען געקאָנט אַ ביסל קאַרטאָפֿל אָדער קאַשע באַהאַלטן אויך וועטשערע. אין לאַגער האָט זיך איצט געקאָכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע דיסקוסיע. אַ טייל האָבן געשריגן, אַז מען טאָר נישט אַזוי ווייטער יאָגן, ווייל דאָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, די היטלעריסטן וועלן פֿאָדערן וואָס אַמאָל מער.

— קוקט! — האָט געזאָגט סאַלאַמאָן — מיר האָבן פיר מאָן אויפגעלאָדן 30 פורן מיסט אַ טאָג, דערנאָך 35, עס איז שוין דערגאַנגען צו 42, איצט זאָגן זיי, אַז די פורן מוזן זיין העכער געלאָדנט, זיי מוזן אויסזען ווי אַ טראַפּעז. טוט ווי איר ווילט, איך קאָן נישט מער! איך בין שוין נישט קיין נעכטיקער. איר וועט זען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

— דו מעגסט נישט אַרבעטן — האָט געזאָגט סילוועק, און איך וועל טאַקע יאָ אַרבעטן און באַקומען פון קאָמענדאַנט טאַבאַק.

— איך ווייס, אַז דו וועסט באַקומען, אפשר נאָך עפּעס אויך! — האָט מיט בייזקייט צוריק געענטפערט סאַלאַמאָן.

— כלאַפּאַקי, הייגט איז דאָס עסן געווען ליטער סכאַב! — האָט זיך אַריינגעמישט פּראַנטישעק.

— גיי דיר מיט דיין סכאַב! — האָב אים אָוועקגעשטופּט אַלעק וויפּיעווסקי. — דו וואָלסט פאַר דעם סכאַב פאַרקויפט דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

אַלעקסאַנדער וויפּיעווסקי איז געווען זייער אַ גוטער בחור, אַ געטרייער חבר. ער איז אויך געווען דער שטאַרקסטער פונעם גאַנצן לאַגער. אַז ער האָט זיך אויסגעטאָן איז ממש געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף זיין מוסקולירטן קערפּער, איבערהויפּט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן זיינע ריזיקע הענט. ער האָט אויך געהאַט אַ חבר, וואָס איז לעבן אים געשלאָפן. מען האָט אים גערופן דער „ברייטפּלייציקער" — אויך אַ בחור פון וואָצלאַוועק. „סכאַב" איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז הינטער וויפּיעווסקין שטייט גרייט דער „ברייטפּלייציקער" און דער איז אַזעלכער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע. די דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

מאַרקאָ האָט אויך דאָ געפּרווט אָנהייבן מאַכן די סוועטערס. פאַר אויפגייען איינעם אַזאַ סוועטער האָט אים דער פריזיער שטענדיק געשוירן די האָר און פאַרריכט די לאַנגע וואָנצעס. פאַר אַ צווייטן האָט ער באַקומען אַ פאָר געגנבעטע קאַרטאָפל פון וועלכע מען האָט געבאַקן פּלעצלעך אויף דעם אייזערנעם קיבל, ביינאַכט, ווען מען האָט זיי פאַרשלאָסן און נישט מורא געהאַט, אַז די היטלעריסטן וועלן אַריינקומען. אפשר וועט מען אַזוי פּאַוואָליע איבערמוטשען די געפאַנגענשאַפט — האָט זיך מאַרקאָ געטראַכט...

אָבער מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ נייע ידיעה. צוליב דעם וואָס עס

האָבן זיך אָנגעהויבן מערן די לייז, האָט דער קאָמענדאַנט באַשלאָסן אַלע געפֿאַנגענע צו פֿירן אין באָד אַריין.

מאַרקאָ איז די נאַכט שוין נישט געשלאָפֿן...

— זאָלן זיי אונדז בעסער געבן אַ העמד איבערצוטאָן! — האָבן געשריגן האַגילוק און וויקטאָראָוויטש — וועט זיין בעסער פֿון דער באָד, וואָס איז די פּעולה, אַז מיר וועלן זיך אָפּוואַשן, ווען מיר וועלן זיך צוריק אָנטאָן האָס זעלבע לייזיקע העמד.

די דיסקוסיע האָט איבערגעריסן דאָס אַריינברענגען נייע געפֿאַנגענע. איינער פֿון זיי, יולעק, האָט געקענט רעדן דייטש, אָבער זיין דייטש איז מאַרקאָן געווען פֿאַרדעכטיקט — זאָל ער שוין אויפֿהערן! — האָט מאַרקאָ אין האַרץ געבעטן.

דער טאָג ווען מען האָט געדאַרפֿט גיין אין באָד אַריין, האָט זיך מיט שנעלע טריט דערנעענטערט. מען האָט שוין איצט געוווּסט — שבת גייט מען אין באָד אַריין...

מאַרקאָ האָט זיך געלייגט און אויפֿגעשטאַנען מיט דעם געדאַנק: — ש ב ת !... ד י ב אָ ד !... אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן, דערמאָנענדיק זיך אין דעם טאָג...

עס איז פֿרייטיק אינדערפֿרי. די קאָלאָנע מאַרשירט צו דער אַרבעט, טאָפּטשענדיק שווער אין דער פֿינצטער. מאַרקאָ גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אים מאַטערט איין געדאַנק: די ב אָ ד !.... מ אָ ר ג ן !... ש ב ת !...

דעם טאָג האָט מען אים צוגעטיילט צו אַ נייער אַרבעט. מען האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ פֿורמאַן. מאַרקאָ האָט באַקומען צוויי שווערע טיראָלער פֿערד צו פֿירן דאָס מיסט און נאָכהער זיי אויספּוצן. נאָר אַזוי ווי עס איז נאָך נישט געווען גענוג באַקאַנט אויף וועלכן פֿעלד צו פֿירן דאָס מיסט און אויך דער וואָגן איז נאָך נישט געווען גרייט, האָט ער דערווייל געטראָגן זעק מיט תּבֿואה אויף דעם שפּייכלער־בוידעם.

דער עקאָנאָם דאָמבעק, אַ פֿאָלקס־דויטש, האָט זיך געוויצלט:

— נו, שטודענט, ווייז וואָס דו קענסט! אַלע געפֿאַנגענע האָבן געטראָגן די זעק מיט תּבֿואה, גייענדיק אויף די שמאָלע טרעפּ מיט ציטערנדיקע קני. עס זענען געווען זעק צו 80 און 100 קילאָ. מאַרקאָ האָט שוין אַרויפֿגעטראָגן דעם צווייטן זאַק. וויפּיעווסקי מיטן „ברייטפּליציקן“ זענען שוין געגאַנגען מיט די פֿערטע זעק. יעדער האָט באַוווּנדערט מיט וואָס פֿאַר אַ געשיקטקייט זיי וואַרפֿן די זעק אויף דער פּלייצע. מאַרקאָ!

איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין, דער שווייס האָט פון אים זיך געגאָסן עמערווייז... מיטאַמאָל קומט אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ: מאָרגן איז שבת... איך וועל אַראָפּפאַלן מיטן זאַק פון די טרעפּ... און אויס באָד... דאָס האַרץ קלאַפּט, דאָס בלוט שלאָגט שטאַרקער צו די שלייפן... ניין, נאָך נישט איצט...

— מאַרקאָ! — האָט געזאָגט וויפּיעווסקי — שטיי דאָ, איך טראָג פאַר דיר אַרויף אַ זאַק. נאַ, האָסטו מיין ליידיקן זאַק.

מאַרקאָ האָט מיט האַנקבאַרע אויגן גענומען ביי וויפּיעווסקין דעם ליידיקן זאַק און אין אַ ווײַלע אַרום איז צוגעטראָגן צום עקאָנאָם, מען זאָל אים פאַררעכענען.

— ווער ווייסט, צי נאָך מיטאָג וועט נאָך זיין אַ געלעגנהייט — האָט געטראַכט מאַרקאָ. עס קאָן מער נישט זיין קיין זעק... און אַ סוף מיטן גאַנצן פּלאַן... מאַרקאָ גייט אויף די שטיגן מיט דעם זאַק אויף די פּלייצעס. — העכער — טראַכט ער, נאָך איין טרעפּל, עס וועט זיין בעסער פון דעם לעצטן... מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ וואַקל אויף צוריק... דער זאַק פליט פון זיינע פּלייצעס. מאַרקאָ פאַלט איבער אים. דער זאַק מיט אים קייקלען זיך איבער די טרעפּ. דער זאַק פּלאַצט, און די תבואה שיט זיך אינגאַנצן אויס.

— צום טייוול מיט אַזוינע אַרבייטער! — שעלט דער עקאָנאָם דאָמבעק. מאַרקאָ ליגט אַ פאַרבלומיקטער אויף דער ערד. ביי די געפאַנגענע ווערט אַ טומל. וויפּיעווסקי כאַפּט מאַרקאָן שנעל אויף די הענט און טראָגט אים שנעל אַרויס אויף דער גאַס.

די ערנסטע טעג אין לאַגער זענען געווען זונטיק. אַז מען האָט נישט געאַרבעט, האָט מען אויך קיין עסן נישט געגעבן. אַזוי אַז יעדער האָט שוין די גאַנצע וואָך געזאָרגט, ווי אַרום אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע קאַרטאָפל אויפן זונטיקדיקן טאָג. אין באַראַק איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער צום שלאָפן. די לייז האָבן געפרעסן. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן די באָד. אַ סך האָבן אָנגעהויבן גיין אָן העמדער, ווייל זיי זענען שוין געווען אינגאַנצן צעריסן. דאָס לויזן זיך יעדן אָוונט איז נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. מען האָט אַראָפּגעצויגן דאָס העמד, די גאַטקעס, דעם סוועטער און אַפילו די מונדירן, וועלכע זענען אויך שוין געווען פאַרלייזיקט און גענומען זיך געשמאַק לויזן. עס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז עס איז אַזש געקומען צו אַ פאַרמעסט צווישן פראַנטשישעק „סכאַב“ און הראָנזשעק — ווער עס וועט הייַנט כאַפּן מער לייז.

אַ גאַנצע קאָמיסיע איז געזעסן אין געגנוי געציילט... דאָס לויזן האָט מיט דער צייט געקריגן אַן אָפיציעלן נאָמען: די יאַגד.

מאַרקאָ האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרפולקאָמען זיך אין דער דייטשישער שפּראַך. ער האָט זיך געקויפט אַ קליין פּויליש־דייטשישן ווערטער־בוך ביי אַ דייטשישן אַרבעטער פאַר זיין גאַנצער וועכנטלעכער פּאָרציע טאַבאַק, וואָס די געפאַנגענע פלעגן באַקומען. אין יעדער פרייער מינוט פלעגט ער שטודירן און זיך אויף אויסנווייניק לערנען די ווערטער. דער בעסטער טאָג איז איצט געווען זונטיק, כאָטש דאָס איז געווען אַ הונ־גער־טאָג. דעמלט האָט מאַרקאָ דאָס ווערטערבוך נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. עס האָט אים אויך מיטגעהאָלפן דערצו אַ רייניער צופאַל. די טאָב־טער פון דעם באַראַק־איינגמימער און באַזיצער פון דער שענק האָט גע־פועלט ביים קאָמענדאַנט, אַז מאַרקאָ זאָל קאָנען אַריינקומען צו זיי אין שטוב, כדי אויפצוציען אַ פּאָר לייוונטענע שיכלעך פאַר איר יינגלע. אַלע געפאַנגענע האָבן מאַרקאָן דעמלט מקנא געווען. — אַ מזל פון אַ יונג! — האָבן זיי געזאָגט: — ער וועט זיך שוין היינט גוט אָנעסן, און דערצו נאָך אַזאַ שיינע פרוי... ער וועט באַשטימט זיין מיט איר אַליין...

די שיכלעך זענען אים אַפילו נישט אַזוי שטאַרק געלונגען, אָבער אָנגעגעסן האָט ער זיך צו דער זעט. די יינגערע שוועסטער האָט אים נאָך פאַרענטפערט, זאָגנדיק: וואָס ווילט איר, די שיכלעך זענען גאַנץ שיינע! און פאַר אַ קינד דאַרף מען נישט קיין בעסערע. און דאָס וויכ־טיקסטע — מען דאַרף נישט אויסגעבן קיין באַצאָל־שיין. איבעריקנס מאַרקאָ איז דאָך אַ סטודענט, נישט קיין שניידער אָדער אַ שוסטער.

צוויי שטיקלעך ברויט מיט וורשט און צוויי שטיקלעך מיט קעז האָט נאָך מאַרקאָ מיטגענומען פאַר שידלאָווסקין. נאָך מער איבעראַשט זענען געוואָרן מאַרקאָס חברים, ווען זיי האָבן דערזען עטלעכע אַלטע וואָכן־האָמאַנען, וואָס די יינגערע שוועסטער האָט אים מיטגעגעבן.

— מאַרקאָ, דו ביסט געזעסן לעבן איר? — האָבן אַלע אים אַרומ־גערינגלט און אָנגעהויבן שטעלן פאַרשידענע פראַגן. — אַ גליק פון אַ יונג.

— אַ, ווען איך זאָל אַזוי זיצן! — האָט געזאָגט „סכאַב“ — האָ, האָ!...

— וואָס וואָלט געווען? — האָט זיך אַריינגעמישט סאַלאַמאָן. — וואָלט מען דיך אויפגעהאָנגען, ווי דעם געפאַנגענעם אויף דעם צווייטן גוט, און איר האָט מען אָפּגעשוירן די גאַנצע האָר פונעם קאָפּ.

מען האָט שוין אויסגעגראָבן די קאַרטאָפֿל. אַ סך האָבן שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי די בוראַקעס, אַנדערע האָבן געמאַכט קאָפּעצעס אין פֿעלד. מאַרקאָ האָט נאָך אַלץ געפֿירט דאָס מיסט. עס איז שוין אויך געווען פֿאַלן פֿון אַרויסגיין אויף אַרבעט זונטיק. אַ גוטע אַרבעט האָבן באַקומען וויקטאָראָוויטש מיט דראָגנזשעקן. זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געמישט די תּבֿואה אין שפּייכלער און האָבן איצט מאַרשירט אַהיים טרוקענע, נישט אויסגענעצטע פֿונעם רעגן, ווי די איבעריקע. און דאָס וויכטיקסטע — מיט 2 קעשענעס תּבֿואה.

— ווי אַזוי וועלן מיר אינדערפֿרי גיין צו דער אַרבעט? — האָט מיט אויפֿרעגונג געזאָגט זאַרעמסקי, אויפֿהענגענדיק אויף די באַלקנס זיינע קליידער, נאַסע פֿון אַ גאַנצן טאָג רעגן. — זיי וועלן באַשטימט אַפֿילו ביז אין דער פֿרי זיך נישט אויסטריקענען. נאָך אַ ביסל וועט מען אונדז שוין איינגאַנצן אויסטריקענען — האָט געזאָגט וויפּיעווסקי. גיב אַ קוק אויף דעם סטראַזשאַק, ער האָט זיך שוין אַנידערגעלייגט אין זיינע נאַסן אָנגעטועכץ, אין די שיך — אים אַרט שוין איבערהויפּט גאָרנישט. דאַניליוק זאָגט, אַז ער מאַכט שוין אַפֿילן אין די הויזן... עס שטינקט פֿון אים שוין אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך נעבן אים צו שלאָפֿן.

— אפֿשר וואָלט איר דערלויבט נאָך עמעצן צוצוגיין צום אייוועלע? — האָבן געזאָגט שידלאָווסקי און דער ברייטפּלייציקער צו בובאַטשן — איר האָט אויסגעהאָנגען אייערע זאַכן צום טרוקענען, ווי איר וואָלט געווען אייגענער אַליין אין לאַגער! און דו, קאָוואַל, מעגסט אויך אַוועקנעמען דיינע זאַכן — דו ביסט אַ ביסל נאָס געוואָרן אויפֿן וועג, אָבער אַ גאַנצן טאָג ביסטו נישט געשטאַנען און געאַרבעט אויף דעם רעגן, ווי מיר. וויקטאָראָוויטש מיט דראָגנזשעקן האָבן איצט אַרויסגעשיט דעם ווייץ פֿון די קעשענעס און אויף אַ בלעך עס אַרויפֿגעשטעלט טריקענען אויף דעם אייוועלע. די צוגעברוינטע האָבן זיי אַריינגעשיט אין די מענאַשקעס און פֿאַוואָליע אָנגעהויבן צו עסן.

— שיט אַריין אין מיין מענאַשקע אַ ביסל! — האָט מיט אַ באַפֿעלעריש טאָן געזאָגט סילוועק, אויסשטרעקנדיק די מענאַשקע.

— און אויב נישט? — האָט געפֿרעגט וויקטאָראָוויטש.

— אויב נישט — האָט געענטפֿערט סילוועק, וועל איך דערציילן דאָמבעקן.

— מענטש דרעצייל, די מיאוסער ענדרעק! און איצט וועל איך דיר ערשט מאַקע אַ מכה געבן. נאָר זאָלסט וויסן, טאָמער וועט אונדז כאָטש אַ האָר אַראָפּפאַלן פון קאָפּ, וועסטו זיין מיט אַ קאָפּ קירצער!

די היטלעריסטן האָבן איבערגעריסן דאָס טריקענען די וויִיך־קערנער, די קריגערייען מיט בובאַטשן ביים אייוועלע, דאָס אַמפּעריי פון סילוועקן מיט וויקטאָראָוויטשן. עס האָט זיך געהערט אַ געשריי: — אַכטונג! די געפאַנגענע האָבן זיך שנעל אויפגעשטעלט, ווו ווער עס האָט זיך געפונען: אויף דער ערד, אויף דער פּריטשע — אָן אונטערשייד.

— עס מוז זיין אַ וויכטיקע נייעס! — האָט שמילערהייט געזאָגט כאַלאמאָן צו האַנילוקן — עס איז דאָך שוין געווען דער אַפּעל, זיי קומען דאָך קיינמאָל מער נישט אַריין נאָכן אַריינשטעלן דעם קיבעל.

— ווער איז דאָ יודע?! — האָט מיט אַ דונערדיק קול, וואָס האָט געהילכט איבערן גאַנצן לאַגער, געשריגן דער היטלעריסט.

מאַרקאָ איז געוואָרן ווייס און רויט. זיינע פיס האָבן זיך אָנגעהויבן צו זעצן... אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נאָר שטאַר־קער פאַרשטשעמעט די ציין און מיט אַ זיכערן אין זיך בליק אָנגעהויבן דרייסט קוקן אין דער ריכטונג פון די היטלעריסטן... עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט...

— אפשר אויסרופן דעם נאָמען? — דער קאָמפּאַניע־פירער — האָט זיך אָנגערופן בודגי. מאַרקאָ האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט זען, ווי דער יידישער בחור פון בענדין — יולעק האָט מען אים גערופן — וועט צוגיין צו די היטלעריסטן.

— ביסטו יודע? — האָט דער היטלעריסט געפרעגט יולעקן.

— ניין! — האָט יולעק קורץ געענטפערט — איך בין אַ פּאָליאַק.

צוויי זעץ מיט דער פויסט אין די אויגן און אַ קאָפּע מיטן שטיוול אונטערן בויך האָבן אַנידערגעוואָרפן יולעקן אויף דער ערד. דעם זעלבן אָוונט האָט מען אים אַרויסגעפירט פונעם לאַגער.

— וויניקער אַ פאַרשיווע זשיד! — האָט געזאָגט סילוועק.

מאַרקאָ האָט זיך די נאַכט נישט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ. פאַר די אויגן איז אים אַלץ געשטאַנען יולעק מיט די צוויי איידעלע פיס אין די וויקל־קאַמאַשן, אָנגעטאָן אין אַ דינעם מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק. דער זיבעטער שוויים פלעגט אים באַגיסן ביים דערלאַנגען די גאַרבן תבואה צום דרעשן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט היינטערשטעליק

בלייבן לגבי די אַנדערע געפֿאַנגענע. אין מאַרקאָס אויערן קלינגט נאָך יולעקס באַליבט ליד:

„שומיאָן יאָדלי נאַ גור שטיטשע,
שומיאָן סאָביע וו'דאַל...“

די דײַטשן זענען געפֿאַלן אויף אַ נייער המצאה, ווי אַזוי אויפֿצודעקן די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע ייִדן אין די לאַגערן. יעדער געפֿאַנגענער האָט געמוזט שרייבן אַהיים דורכן רויטן קרייץ. די געפֿאַנגענע האָבן באַקומען פּאָסט־קאַרטלעך פֿונעם בוי־בראַנדענבורגער לאַגער „סטאַלאַג־2א“, אויף וועלכן זיי האָבן געקענט שרייבן אַהיים און אויף דער צווייטער העלפֿט קאַרטל באַקומען ענטפֿער. בודני האָט צונויפֿגענומען בײַ אַלע די קאַרטלעך און איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיי שוין איבערגעשיקט אין דער הויפּט־קאָמענדע פֿון לאַגער,

מאַרקאָ האָט אויך געשריבן... אויף דעם שוין באַקאַנטן אַדרעס אין לעמבערג: פּלאַץ קאַזשימיעזשאַ ווייעלקעגאָ 8/12...

— וואָס איז דאָס? — האָט בודני געפֿרעגט מאַרקאָן — וואָס דו באַקומסט קיין ענטפֿער נישט.

— איך בין ווירקלעך באַאומרואיקט וועגן דעם! — האָט מיט אַ גע־מאַכטן זיפֿץ געענטפֿערט מאַרקאָ — ווער ווייסט, וואָס מײַן מאַמען האָט געקאָנט פּאַסירן, אפֿשר אַן אומגליק? און די שכנים, וועלכע נעמען איבער די בריוו ווילן זיכער מיר נישט פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת־נפֿש. איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס צו קלערן...

— דו ווייסט — האָט אַמאָל בודני געזאָגט צו מאַרקאָן מיט בלו־מרשטער פֿרײַנדשאַפֿט — אַז יולעק איז אַ ייִד, האָב איך שוין פֿון לאַנג געוווּסט, ווײַל ער האָט זיך מיט מיר געעצהט ווען ער זאָל שרייבן, אָבער איך האָב אים, פֿאַרשטענדלעך, נישט אויסגעגעבן. איך קלער, אַז צו אים איז צוריקגעקומען אַ בריוו, אָדער די דײַטשן האָבן דערשנאַפּט צו וועמען ער האָט געשריבן און אַזוי אַרום דערגאַנגען, אַז ער איז אַ ייִד.

— מעגלעך, גאַנץ מעגלעך — האָט געענטפֿערט מאַרקאָ מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז בודני זאָל זיך שוין ענדלעך פֿון אים אָפּטשעפּען.

— און קיין אַנדערע קרובים האָסטו נישט, מאַרקאָ, צו וועלכע דו זאָלסט שרייבן? — האָט זיך בודני ווײַטער געטשעפּעט. — ווײַל צו יעדן איז שוין געקומען אַפֿילו צו עטלעכע מאָל ענטפֿער, און צו דיר נאָך אַפֿילו קיין איינמאָל נישט. דאָס איז דאָך פֿאַרדעכטיק.

— וואָס פאַר אַ פאַרדאַכט!? — האָט בייז געענטפערט מאַרקאָ — צי מוז איך דען שרייבן צו פרעמדע מענטשן? איך האָב אַ מאַמען, און טאַטער, חלילה, איז מיט איר עפּעס געשען, דאַרף איך שוין קיינעם ניט מער, און אַ סוף!

בודני איז אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל אַ צעחושטער. אָבער מאַרקאָ האָט נאָך לאַנג אַנאַליזירט דאָס גאַנצע געשפּרעך.

ער האָט ווייטער געאַרבעט ביים אויפלייגן דאָס מיסט. איין מאָל האָט ער זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגן יולעקן, וועגן בודגין, אַז ער האָט איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז האָס פעחד פון דער ליניקער זייט וואָגן קאָפּעט, און ביים פאַרריכטן די לייצן האָט ער באַקומען פון אים אַזאַ מעכטיקן זעץ, אַז ער איז געבליבן ליגן אַ לענגערע צייט באַוווסטלאָז.

מאַרקאָ האָט אַ לענגערע צייט געהונקען. לויט דער ביטע פון דעם שעניקערס טאָכטער איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו אַ צווייטער אַרבעט.

קאַפּיטל 13

דער זונטיקדיקער שטרייק

די רעגנס זענען פאַרביי. עס האָט זיך געענדיקט דאָס וויסטע טאָפּטשען אין דער בלאָטע. מען האָט שוין נישט מער געדאַרפט אָנטאָן די נאַסע מונדירן צו דער אַרבעט. מען האָט שוין אויפגעהערט צו זיצן ביים איינוויקלען די פיס אין די נאַסע אָנוצעס, אָבער דערפאַר האָט מען אָנגעהויבן צו פרירן. די געפאַנגענע האָבן מאַרשירט, פאַרבונדן מיט שטריק די אויסגעריבענע מיליטערישע שינעלן, אַראָפּגערוקט די פוראַזשערקעס איבער די אויערן, אָן הענטשקעס. עס האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, ווי די געפאַנגענע וואָלטן געטראָגן נייע שיך געמאַכטע ספּעציעל מיט אַ סקריפּ.

— וווּ האָסטו גענומען אַ טיכל צו פאַרבינדן דיינע אויערן? — האָט וויקטאָראָוויטש געפרעגט דאַנילוקן.

— דער מאַשיניסט האָט דאָס מיר איבערגעלאָזט — האָט געענטפערט דאַנילוק — פאַר דעם פּעקל טאַבאַק. עס וועט איצט אויסקומען זיך צו באַגיין אָן רויכערן. אָבער איך האָב געפילט, אַז די אויערן פאַלן מיר ממש אַראָפּ, אַרבעטנדיק אַ גאַנצן פעליקן טאָג ביי די קאָפּעצעס מיט בוראַקעס.

— די בהמות פרעסן די בוראַקעס, אַ שרעק! — האָט געזאָגט וויקטאָראָוויטש. — וויפל מען זאָל נישט אויפמאַכן קאָפּעצעס אַ טאָג, איז אַלץ פאַר זיי וועניק. איצט האָט מען זיי שוין אויך אָנגעהויבן צו געבן קאַרטאָפל צו עסן. ווען מיר וועלן ברענגען די לעצטע פור מיט בוראַקעס, בלייב אַ ביסל מיט מיר אין שטאַל, אפשר וועט אונדז געלונגען אַוועקצונעמען ביי די בהמות אַ פּאָר קאַרטאָפל.

ביינאַכט האָבן שוין וויקטאָראָוויטש מיט דאַנילוקן געבאַקן פּלעצעלער פון קאַרטאָפל אויפן אייזערנעם אייוועלע.

אין באַראַק איז געווען קאַלט. די געפאַנגענע פלעגן זיך עטלעכע מאָל אין דער נאַכט וועקן פונעם שלאָף. די פיס האָבן געבראָכן פונעם ליגן אַזוי איינגעקורטשעט, אָבער טאָמער האָט מען זיי אויסגעגלייכט, האָט מען זיך גלייך אויפגעכאַפּט פון דער ביטערער קעלט, וואָס האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטן אין איין עולה־רגל זיין, איינגעוויקלט אין די קאָצן, דאָ צום קיבעל, דאָ צום אייוועלע, כדי זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען. מאַרקאָ איז אויך געווען איינער פון זיי.

— ביסט הונגעריק, מאַרקאָ? — האָט וויקטאָראָוויטש געפרעגט. מאַרקאָ האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נאַ, האָסטו עטלעכע פלעצלעך — האָט וויקטאָראָוויטש אים דערלאַנגט 4 פלעצלעך פון גישט אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל, וועלכע זענען געווען צעשניטן אין קיילעכדיקע רעדלעך. מאַרקאָ האָט מיט הונגעריקע אויגן געקוקט אויף די פלעצלעך און געטראַכט: היינט אין אָוונט האָבן די חברים אַרויפגעוואָרפן די לייז אויפן אָנגעגליטן אייוועלע, אָבסערווירנדיק ווי זיי פּלאַצן. אָבער דער הונגער איז געווען פיל שטאַרקער ווי דאָס בילד פון די געברענטע לייז אויף דעם אייוועלע... און מאַרקאָ האָט גענומען באַין ברירה עסן די פלעצלעך...

די שיך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו רייסן. די געפאַנגענע האָבן מיט יעדן טאָג אויסגעזען ערגער. אַ סך האָבן אָנגעהויבן גיבענען זעק אין שפּייכלער, זיי צעריסן און אַרומגעוויקלט די פיס. אָן שיך, אין בלויזע זעק האָבן די געפאַנגענע, אויסגעזען, ווי אַ מחנה שדים. אַ גאַנצן טאָג איז דער באַראַק געווען פאַרשלאָסן. פון דער קעלט האָבן זיך געמאַכט אייז־צעפּלעך אין גאַנצן לאַגער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן טייען, ווען די מענטשן זענען אַריינגעקומען. טאָמער איז נאָך געווען אַ זוניקער טאָג, דעמלט האָט מען שוין געקאָנט שווימען אין לאַגער. די געפאַנגענע האָבן אויפגעשטעלט די שטרוי־זעק יעדן טאָג, ווי בוידן, כדי זיי זאָלן זיך אַ ביסל אויסטריקענען. דאָס שטרוי האָט אָנגעהויבן פוילן פון דער נעץ, אָבער קיין אַנדערס האָט מען נישט געגעבן.

אַ גרופּע פון 12 מאַן האָט מען היינט פריער אויפגעוועקט. צווישן זיי איז געווען: זאַרעמסקי, דאַנילוק, וויקטאָראָוויטש און מאַרקאָ. נאָך אין אָוונט האָט מאַרקאָ זיך געזעגנט מיט זיינע איבערגעבליבענע חברים, האַלטנדיק פאַר זיי אַ פּאָליטישע רעדע. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: — מאַרקאָ איז דאָך קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָליטיקער! ווי קומט דאָס צו אים? פון וואַנען ווייסט ער דאָס אַלץ... — מאַרקאָ, אַז

— דו וועסט איבערלעבן, וועסט זײַן אַ גרויסער מענטש — האָט שידלאָווסקי געדריקט זײַן האַנט — שרײַב, מאַרקאָ, פֿון דער הײם... פֿאַרגעס נישט אין אונדז — האָבן געזאָגט די איבעריקע מיט טרערן אין די אויגן. זײ האָבן איצט מאַרשירט צום וואָקזאַל, פֿון וואַנען זײ האָבן געזאָלט אָפּפֿאָרן צוריק קײן נײַ־בראַנדענבורג און פֿון דאָרטן — גלײַך אַהײם.

— עס איז געווען דער מאָלאָטאָוו — האָט זײ „פּאָפּלאָק“ אויפֿן וועג דערציילט — און איר ווערט אויסגעטוישט, ווײַל איר זענט פֿון רוסישן געביט, און זײ וועלן אונדז צוריקגעבן די געפֿאַנגענע פֿון אונדזער געביט.

דער פֿראָסט האָט געקנאַקט אונטער די פֿיס בײַ יעדן שריט, דער שנײַדנדיקער ווינט האָט ממש געברענט דאָס פּנים. זײ זענען געגאַנגען אָן הענטשקעס, אָן אויערן־שיצער, אָן סוועטערס, ווײַל זײ האָבן דאָס אַלץ פֿאַרטײלט צווישן די איבערגעבליבענע חברים. אַפֿילו דעם אָפּגעשפּאָרטן טאַבאַק, וועלכער האָט געזאָלט זײַן „אויף אַ שוואַרצער שעה“ — האָט מאַרקאָ אויך אָפּגעגעבן שידלאָווסקין.

— מיר באַדאַרפֿן שוין נישט דאָס אַלץ — האָט ער געזאָגט — מיר פֿאָרן שוין אַהײם, פֿאַר אונדז זענען די צרות שוין געענדיקט.

מאַרקאָ האָט קײן קעלט נישט געפֿילט. זײַנע געדאַנקען זענען איצט געווען אין לעמבערג...

דער גאַנצער וועג איז פֿון בײדע זײַטן געווען פֿאַרשיט מיט שנײ. זײ האָבן מאַרשירט אין מיטן ווי אין אַ טונעל. אַפֿילו די סאַזשלקע, נעבן וועלכער זײ האָבן נישט אײנמאָל דורכמאַרשירט, איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט שנײ, אויסגעגלײַכט מיט די פֿעלדער אַרום. דער פֿראָסט האָט זיך געשטאַרקט, דעם סקריפּן פֿון די טריט פֿון די געפֿאַנגענע האָט אַקאָמפּאַנירט דאָס קנאַקן פֿון די בײמער אויפֿן שטאַרקן פֿראָסט. אויף דעם וועג האָט מען נישט געזען קײן לעבעדיק באַשעפֿעניש. אַלץ איז נאָר געווען אײַנגעהילט אין טיפֿן שלאָף. די גרופּע איז וואָס אַמאָל געגאַנגען שנעלער. זײ האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדן שריט דערנענטערן זײ זיך צו זײערע הײמען, צו זײערע שוועסטער און ברידער, פֿרויען און קינדער. יעדער האָט געקלערט, ווי אַזוי מען וועט אים אין דער הײם באַגעגענען, האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די פֿרײד פֿון דער דאָזיקער איבערלעבונג.... די פּנימער פֿון די מענטשן האָבן ממש געשײַנט פֿון גליק.

אין „סטאַלאַג — 2 — א“ נײַ־בראַנדענבורג האָבן זײ שוין געטראָפֿן אין די צענדליקער אַזעלכע גרופּן, וועלכע האָבן אויך געשטאַמט פֿון דעם טייל פּוילן, וואָס האָט איצט געהערט צום ראַטנפֿאַרבאַנד. פֿונ־

לאָק האָט זיי איצט איבערגעלאָזט און אַליין איז ער אַוועק אָפּגעבן דעם באַריכט, אַז ער האָט געהאַט געבראַכט 12 מאַן געפאַנגענע צום אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט, וואָס גייט אָפּ קיין סאָוויעטרוסלאַנד. אין הסכם מיטן געשלאָסענעם אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד וועגן אויסטויש פון געפאַנגענע.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, און פּופּלאַק איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען. ערשט דעם צווייטן טאָג אין דער פרי איז ער געקומען מיט אַ טרויעריק פּנים, און געזאָגט:

— מיר האָבן פאַרשפּעטיקט דעם טראַנספּאָרט. איר וועט ערשט פאָרן מיט דעם צווייטן, נאָר דערווייל מוזן מיר צוריקפאָרן אין אונדזער לאַגער.

ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט די דאָזיקע ידיעה אַלעמען געטראָפן. דער זיסער חלום איז פאַרשוואונדן... מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן האָבן די געפאַנגענע זיך געלאָזט אויפן וועג צוריק צו די אַלטע צרות. מיט אַן איראָניש געלעכטער האָט זיי באַגעגנט סילוועק:

— נו, וואָס, איר זענט שוין צוריקגעקומען? אַזוי גיך שוין געווען אין דער היים? — כאַ-כאַ-כאַ — האָט ער זיך מיט שאָדן-פרייד צעלאַכט — ווייזט אויס, אַז דאָ איז בעסער.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט קיין וואָרט. זייער טרויער האָט זיך איבערגעגעבן די אַנדערע געפאַנגענע. דערצו האָט אין לאַגער שוין געקאָכט וועגן די קורסירנדיקע קלאַנגען, אַז מ׳וועט אָנהייבן אַרבעטן אויך אין זונטיק.

— וואָס פרייסטו דיך אַזוי פון זייער אומגליק? — האָט געזאָגט וויפּיעווסקי צו סילוועקן — דו ווייסט נאָך נישט, וואָס דיך דערוואַרט דאָ, סיידן דו וועסט דיך פרייוויליק מעלדן אויף אַרבעט זונטיק, ווייל מיר — האָט ער אָנגעוויזן אויפן ברייטפּלייציקן — וועלן נישט גיין.

— מיר וועלן אויך נישט גיין — האָט געזאָגט מאַרקאָ. איך מיין, האָט ער אונטערגעשטראָכן — מיר אוקראַינער...

וועגן מאַרקאָס געזעגענונגס-רעדע האָט שוין דער קאָמענדאַנט געוווּסט. נאָר ווייל מאַרקאָ איז אַן אוקראַינער, און-אַ בירגער פון אַ באַפריינדעטער מלוכה, האָט ער באַקומען אַ קליינע שטראָף — צו לאָדן אין משך פון אַ וואָך דאָס מיסט פון גרויסן שטאַל, ווו מען האָט געמוזט שטיין ביז די קני אין דעם עיפּושדיקן וואַסער, ווו ס׳איז אָפּגעלאָפן דאָס

גאַנצע שמוץ פון די בהמות. עס האָט מאַרקאָן אויך געהאָלפן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אין זיין רעדע אַרויסגעטראָטן קעגן ענג־לאַנד, וואָס האָט הערפירט פוילן צום קריג. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס בכלל נישט געווען קיין פּאָליטישע רעדע קעגן דייטשלאַנד, נאָר אַ געזעגענונג מיט זיינע חברים.

דער זונטיק האָט זיך דערנענטערט... שבת אין אָוונט איז געפאַלן אַן איינשטימיקער באַשלוס, אַז קיינער וועט, אין דער פרי נישט אויפשטיין צו דער אַרבעט. ווען דער היטלעריסט וועט רופן „אַופשטיין!" און אָנ־צינדן די ליכט, וועט זיך קיינער נישט רירן פונעם אָרט.

אין דער זעלבער צייט זענען שוין געפליגן מעלדונגען אין אַלע זייטן: „די געפאַנגענע פון אַלט — און נוי־גוטענדאָרף גרייטן צו אַ בונט!, מיר בעטן פאַרשטאַרקונג".

די נאַציס האָבן דאָס אויסגענוצט פאַר זייער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, אַז די פוילישע באַנדיטן גרייטן צו אַן איבערפאַל אויפן דאָרף. די גאַנצע היטלער־יוגענט איז געוואָרן געשטעלט אויף די פיס. די אָרעמע געפאַנ־גענע האָבן זיך אַפילו נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט אָננעמען אַזאַ װענדונג, און פאַרנעם, און נאָר ווייניקער האָבן זיי זיך געריכט, אַז אייגענע חברים, וועלן זיין אַזוי נידערטרעכטיק און צוטראָגן אַלץ די היטלעריסטן.

די נאַכט פון שבת אויף זונטיק איז קיינער נישט געשלאָפן. אַלץ האָט מיט אַ האַרצקלאַפּן געוואַרט אויף דעם פרימאָרגן. אין איינוועלע האָט נישט געברענט דעם אָוונט, ווייל עס איז נישט געווען קיין קוילן. אַלע זענען געלעגן איינגעקאָרטשעט פון קעלט און געוואַרט...

און אָט האָט אַ גרילץ געטאָן דער שלאָס. די געפאַנגענע זענען גע־ליגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. עס האָבן זיך דערהערט טריט פון די היטלעריסטישע שטיוול. עמעץ האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָנטאַקט. אין באַראַק איז געוואָרן ליכטיק.

— „אופשטען!" — האָט זיך דערהערט דאָס באַקאַנטע רופן, ווי יעדן טאָג. די געפאַנגענע איז אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אונטער די טירן שטייען שוין צענדליקער באַוואָפנטע היטלעריסטן, צו־נויפגעזאַמלטע פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט.

— אופשטען! — האָט זיך ווידער געהערט דאָס זעלבע געשריי. אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ביי דעם דריטן מאָל „אַופ־שטען!" האָבן זיך פון ביידע טירן אַ שאָס געטאָן אַ באַנדע צעיושעטע היטלעריסטן און אָנגעהויבן מיט ווילדער רציחה שלאָגן די געפאַנגענע

מיט שטעקנס און קאָלבעס אויף רעכטס און לינקס, איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, איבער די הענט. די היטלעריסטן האָבן בלויז אויסגעמיטן דאָס ווינקל ווו עס זענען געשלאָפֿן די „פּריווילעגירטע“. די געשרייען זענען געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל. אויף דער גאַס איז געווען פֿאַרזאַמלט דאָס גאַנצע דאָרף. אַ טייל פּויערים זענען אויך געקומען באַוואָפֿנט מיט גראָבע שטעקנס. די געפֿאַנגענע האָבן אָנגעהויבן זיך שנעל אָנטאָן, כדי וויניקסטנס צו שיצן די נאַקעטע קערפּער פֿון דעם האָגל קלעפּ, וואָס איז אויף זיי אָן אויפֿהער געפֿאַלן. אַ טייל האָבן זיך איינגעוויקלט אין די קאָצן. מען האָט נאָר געהערט די אויסגעשרייען: „ניט ביטש! ניט ביטש!“ די קלעפּ האָט מען פֿון אויפֿרעגונג ניט געפֿילט. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסציִען די געפֿאַנגענע אויף דער גאַס האַלב־אָנגעטוענע. נאָר די „פּריווילעגירטע“ זענען געווען איינגאַנצן אָנגעטאָן, מיטנעמענדיק מיט זיך אַפֿילו די שינעלן.

— ווײַזט אויס, זיי זענען שוין געווען צוגעגרייט — האָט געזאָגט שידלאָווסקי צו מאַרקאָן, ווײַזנדיק מיט די אויגן אויף די אַרויסגייענדיקע.

דער גאַנצער לאַגער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין צוויי רייען. דער פֿראָסט האָט געברענט און געבראָכן די ביינער... די געפֿאַנגענע זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה. אַ סך האָבן זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. די היטלעריסטן האָבן זיך יעדעס מאָל געביטן, אַרײַנגעגאַנגען אין שענק זיך אָנצוואַרעמען און דערבײַ עפּעס איבערגעכאַפּט, און די אַנדערע האָבן זיך ווי שדים געדרייט אַרום די געפֿאַנגענע.

— ווער עס וויל אַרבעטן, זאָל אַרויסטרעטן! — האָט זיך דערהערט דאָס קול פֿון קאָמענדאַנט. די ערשטע זענען אַרויסגעטראָטן: בובאַטש, דער קאָוואַל, סילוועק, מאַרקאָס שכן פֿון דער אונטערשטער פּריטשע, בודני, פֿראַנטישעק „סכאַב“ און פּיאַסעצקי... ווײַטער האָט זיך קיינער ניט גערירט פֿון אָרט. די היטלעריסטן האָבן ווײַטער אָנגעהויבן צו שלאָגן. אָבער די געפֿאַנגענע האָבן פֿאַרקריצט די ציין און פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. אַ טייל האָבן אָנגעהויבן אויפֿצורייסן די מונדירן און באַווײַזן שוואַרצע צעריסענע העמדער. אַ כל פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערצוגיין. ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די פּוילישע געפֿאַנגענע האָבן ניט אָרגאַניזירט קיין שום בונט, כדי זיי אויסצוקוילען, נאָר פּשוט געוואָלט האָבן אַ טאָג רו, כדי אויסצוואַשן די שמוציקע העמדער און אַ ביסל אויסרוען די אויסגעמאַטערטע און דערשעפּטע גלידער. דער קאָמענדאַנט, זעענדיק

די אַנטשלאָסנקייט און גלייכצייטיק די פאַרצווייפלונג פון די מענטשן, האָט געגעבן אַ נייעם באַפעל, כדי איינצוהאַלטן זיין פּרעסטיזש.

— איך פאַרזיכער, אַז היינט איז דער לעצטער זונטיק, וואָס איר וועט אַרבעטן. היינט וועט איר נאָר אָפּרוימען דעם שניי לעבן אונדזער וועג, מען זאָל קאָנען צופירן מעל צו באַקן פאַר אייך ברויט.

און אַ האַלבער שעה אַרום האָבן די געפאַנגענע גערייניקט דעם וועג פונעם שניי...

די באַנדיטן האָבן אָבער די געפאַנגענע נישט געקאָנט מוחל זיין זייער „זיג“. און ווען זיי זענען נאָר צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין, האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, ווער עס איז געווען דער הויפּטאָרגאַניזאַטאָר פון דעם בונט. מען האָט אַלע געפאַנגענע אַריינגעטריבן אין קליינעם קיכל אַריין, און אין לאַגער איבערגעלאָזט בלויז וויפּיעווסקי. נאָך אַ קורצער ווייל האָט זיך געהערט אַ יאָמערלעך שרייען פון אַלעקן:

— ניכט! ניין! ניכט! אַלעק וויפּיעווסקי האָט נישט געקאָנט קיין דייטש, און וואָס ער האָט געוואָלט מיט די ווערטער זאָגן, האָט קיינער נישט געוווּסט. ער האָט זיך אַפילו נישט געקאָנט פאַרטיידיקן. זיין שרייען איז פון מינוט צו מינוט שוואַכער געוואָרן,

— לאָמיר עפּעס טאָן! זיי וועלן אים דערהרגענען! — האָט געזאָגט מאַרקאָ צו בובאַטשן — איר זענט דאָך די דאָלמעטשער! גייט אַריין און זאָגט, אַז ער איז נישט שולדיק, אַז ער איז נישט געווען דער אָרגאַניזאַטאָר, אַז מיר אַלע זענען געווען קעגן אַרבעטן אין זונטיק. עס האָט אונדז קיינער נישט אָרגאַניזירט.

— מיר זענען געפאַנגענע — האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט בובאַטש

— מיר קאָנען גאָרנישט העלפן. אַ צעבלוטיקטער איז אַלעק געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע. די חברים האָבן אים שפּעטער צוגעלייגט נאַסע טיכער צום קערפּער. די קלעפּ האָבן זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן אויף אַלעקס געזונט, ער האָט שוין נישט געקאָנט אַזוי פלינק פאַרוואַרפן דעם זאַק מיט תבואה אויף זיינע פּלייצעס. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען דעם לאַגער פון אַלט־ און ניי־גומענדאָרף ליקווידירט און די געפאַנגענע פאַנאַנדערגעשיקט אין פאַרשידענע אַנדערע לאַגערן. אָבער זונטיק האָט מען מער נישט געאַרבעט.

קאַפּיטל 14

קאַפּעלסדאָרף

ווי אויף אַ נס האָבן די געפֿאַנגענע געוואַרט אויפֿן אָנקומענדיקן פֿרילינג. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז מיטן וועקן זיך פֿון דער נאַטור צום נייעם לעבן וועלן פֿאַר זיי אויך קומען ענדערונגען צום בעסערן. דער שניי האָט שוין אָנגעהויבן צו צעגיין, דאָס אייז אויף די טייכן צו טייען. די זון האָט אָנגעהויבן שייקן אירע ערשטע וואַרעמע שטראַלן. ערטערווייז האָבן זיך שוין באַוויזן גרעזלעך, די ערשטע שלוחים פֿונעם פֿרילינג — דאָס אַלץ האָט די געפֿאַנגענע אַרייַנגעפֿירט אין אַ זיס־מעלאַנכאָלישער שטימונג. עס האָט זיך דערמאָנט די היים, די חברים און חברטעס, די גערטנער, וווּ מ'פֿלעגט אין די אָוונטן שפּאַצירן...

אָבער דער דערוואַרטער נס איז נישט געקומען... די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון די מענטשן איז אַלץ געוואַקסן. אַ גאַנצן טאָג זענען די געפֿאַנגענע געווען צעזייט צווישן די פֿייערים אויף אַרבעט און בייַנאַכט האָט מען זיי צוזאַמענגענומען אין דעם לאַגער קאַפּעלסדאָרף, וואָס איז באַקאַנט געווען א. נ. „די מיל". יעדער האָט דערציילט נייעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט ביי דער אַרבעט אַ גאַנצן טאָג.

— היינט האָט מען ביי אונדז גערעדט, אַז די אוקראַינער זאָל מען אָפּזונדערן פֿון די פּאָליאַקן — האָט געזאָגט פֿראַנטישעק נאָוואַק.

— איך האָב אויך דאָס זעלבע געהערט — האָט צוגעגעבן מאַריאַן.

— חברים, איך האָב אַ פּלאַן צו מאַכן פֿאַרגעסן אין די צרות — האָט געזאָגט קאַסיאַן — לאָמיר זיך אָנהייבן צו לערנען דייטש, אָדער זיך צוזאַמענלייגן אויף אַ מאַנדאָלין און ביינאַכט זיך לערנען שפּילן.

— איך וואָלט פֿאָרגעלייגט, מאַרקאָ זאָל אונדז לערנען דייטש — האָט געזאָגט שידלאָווסקי.

מאַרקאָ בײַ דער אַרבעט, אַלס קריגס־געפֿאַנגענער

— איך קען אַליין נישט, וועל איך נאָך אייך לערנען — האָט זיך צעלאַכט מאַרקאָ.

— וויפל דו קענסט, וועסטו אונדז לערנען. אַ ווערטערבוך האָסטו, און דו אַליין וועסט דיך אויך דערביי לערנען. דאַרפסט נישט קיין מורא האָבן, עס וועט דיך קיינער נישט כאַפּן ביי קיין גרייזן.

מאַרקאָן האָט מען אָנגעהויבן רופן ביי פאַרשידענע ענינים, ביי סכסוכים צווישן חברים און זייערע אַרבעטס-געבער, ביים איבערזעצן פאַר די פויערים די אָנקלאַגעס אָדער בקשות פון די געפאַנגענע. אפילו ביים עסן איז מען זיך אויך נישט באַגאַנגען אָן מאַרקאָס עצות (די געפאַנגענע האָבן אַליין געקאָכט). אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די געפאַנגענע זיך געווענדעט צו מאַרקאָן, אַז ער זאָל פועלן ביים קאָמענדאַנט מ'זאָל מאַכן אין לאַגער אַ קליין אַפּטייקל. מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן פיל צו לייענען. ער האָט אויך געפּרוווט פאַר די געפאַנגענע עפּעס פאָרצולייענען פון דייטשישע צייטונגען און איבערזעצן אויף פויליש אָדער אוקראַיניש. דאָס שטענדיקע רופן מאַרקאָן צו פאַרמיטלען ביי פאַרשידענע ענינים. וואָס האָט זיך געפאָדערט איבערצוזעצן פון דייטש אויף פויליש אָדער אוקראַיניש און פאַרקערט, האָט מאַרקאָן פּאָפּולער געמאַכט און מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער אָפיציעלער דאָלמעטשער און פאַרמיטלער צווישן זיינע חברים און די פויערים. דאָס וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן דאָס אַפּטייקל, האָט אים נאָך מער צוגעגעבן חשיבות און אָנזען ביי זיינע חברים. מאַרקאָ האָט אויך באַשטימט אַ סאַניטאַר, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבן אין פאַל, ווען עס זענען געבליבן מער ווי 2 קראַנקע אין לאַגער, זיי צו געבן הילף און האָבן די אויפזיכט איבער זיי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דעם טאָג, איז ער שוין נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. לעאָן שידלאָווסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס סאַניטאַר.

מאַרקאָ האָט אויך באַזאָרגט אַ שאַך-שפּיל פאַרן לאַגער. אויף אַ סך געביטן איז דאָס לעבן אין לאַגער געוואָרן לייכטער. אָבער די אַרבעט איז דערפאַר געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די פויערים האָבן פון די געפאַנגענע פאַרלאַנגט צו אַרבעטן וואָס מער. יוזעף מיט מאַרקאָן זענען געוואָרן צוגעטיילט צו אַרבעטן ביי איינעם פון די רייכסטע פויערים אין קאָפּעלסדאָרף — לינדענבורגער. ער איז געווען זייער אַ שטרענגער און אַ פּינקטלעכער ביי דער אַרבעט. יוזעף פלעגט זאָגן, אַז ער האָט טויזנט אויגן, אַלץ זעט ער. די קלענסטע זאַך, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזט ביי

די פעלד־אַרבעטן, אָדער עפּעס שלעכטס געמאַכט אויפן הויף, האָט ער גלייך באַמערקט. אויף לינדענבורגערן האָט מען געקאָנט זאָגן: אַ פּרייסישער יונקער אויף יעדן געביט. ער האָט אויך שטאַרק געגלויבט אינעם זיג פון דייטשלאַנד. ביי דער אַרבעט האָבן די צוויי געפאַנגענע נישט געהאַט קיין לייכט לעבן ביי אים. אָבער דערפאַר האָט ער זיי געקאָרמעט און אַפילו זיי דערלויבט צו עסן ביים טיש גלייך מיט אַלע דייטשן צוזאַמען. און אין דער גרויסער קיך איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, מיט בענק פון ביידע זייטן. לינדענבורגער איז געזעסן מעשה בעל־הבית אויבנאָן, און אַרום זענען געזעסן די פרוי, דער זון, די צוויי דינסט־מיידלעך — קעטע און פעפּי — די אַנדערע דייטשישע אַרבעטער און צום סוף — יוזעף און מאַרקאָ. ווייזט אויס, אַז די היטלעריסטישע אידעע האָט זיך נאָך נישט אַזוי טיף איינגעזאַפּט ביי לינדענבורגערן. ביי אים איז נאָך געווען די ווירטשאַפט איבער אַלעם.

אין דאָרף האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס זענען געפאַנגענע פון דער פּוילישער אַרמיי, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי קאַזאַקן, וואָס האָבן געוווינט אין פּוילן, און דער בעסטער באַווייז איז זייער פירער — דער הויכער שוואַרצער, וואָס אַרבעט ביי לינדענבורגערן, מיט זיינע לאַנגע קאַזאַקישע וואָנצעס. אַ סך מיידלעך האָבן אַפילו אָנגעהויבן נאָכצוקוקן די קאַזאַקן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מורא ביי די היטלער־לייט, אַז עס זאָל חלילה נישט קומען צו ראַסן־שאַנדע. מען האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער היטלער־יוגענד און באַפוילן זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף די מיידלעך, וועלכע וועלן פּרוּוון רעדן מיט די געפאַנגענע, און איבערהויפּט נאָכשפּאָנירן די געפאַנגענע אַליין. יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט האָבן די געפאַנגענע דערציילט די נייעס, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט ביי די פּויערים אין משך פון דעם גאַנצן טאָג אַרבעט. קאַסיאַן האָט שוין פון ערגעצוו מיטגעבראַכט אַ מאַנדאָלין און יעדן אָוונט קאָנצערטירט. דאַנילוק האָט שוין דערשנאַפּט אַן אוקראַאינישע פאַמיליע, וועלכע האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און שוין דאָרט פאַרבליבן. זונטיק האָט ער שוין געפירט אַהין דעמישוקן, זאַרעמסקין, וויקטאָראָוויטשן און איבערהויפּט איז שוין דאָרט געוואָרן אַ סטאַביל איינגייער־הויז פון די אוקראַאינישע געפאַנגענע.

עס האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אוקראַאינער וועלן אין קורצן אַהיימפאָרן. נאָך אַ פאַרזאַמלונג פון די פּויערים צוזאַמען מיט די

הימלעריסטן, וואָס האָבן געהאַט די איבערזיכט איבער די געפאַנגענע, האָט מען באַשלאָסן די געפאַנגענע נאָך מער אויסצוניצן ביי דער אַרבעט, ווייל ווער ווייסט, טאָמער וועלן זיי ווירקלעך באַפרייט ווערן, איז דאָך אַ שאָד יעדער אַרבעטס־טאָג, עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז די געפאַנגענע זאָלן נישט מער וווינען אין לאַגער, ווייל עס איז אַ שאָד די צייט פון גיין אַהין און צוריק צו דער אַרבעט, נאָר יעדער פויער זאָל שאַפן ביי זיך אַן אָרט פאַר איבערנעכטיקן זיי, און די הימלעריסטן וועלן בלויז האָבן אַ שטענדיקע קאָנטראָל איבער זיי.

מאַרקאָ און יוזעף האָבן באַקומען אַ קליין בוידעם־שטיבל מיט 2 בעטן און אַ טיש. מען האָט זיי אויך געגעבן בעטגעוואַנט און אַפילו האַנטוכער. די ערשטע נאַכט איז מאַרקאָ אַזוי געשמאַק איינגעשלאָפן, ווי קיינמאָל אין זיין לעבן. אויף אַ בוידעם־שטיבל, אָבער דאָך נישט מער אין קיין לאַגער... ער ליגט זיך נישט מער מיט דער שרעק, טאָמער וועט ער זיך אויפדעקן אין שלאָף ביינאַכט... אָדער טאָמער וועט ער פון שלאָף זיך אַרויסכאַפן מיט אַ יידיש וואָרט... יוזעף איז געווען אַ פּראָסטער ערד־אַרבעטער פון פּאָלעסיע און אים האָט מען געקאָנט אַלץ אויפקלערן און ער וואָלט געגלייבט. יוזעף האָט שטאַרק ליב געהאַט מאַרקאָן, ווייל ער האָט אים געלערנט אַ ביסל שרייבן, רעכענען, אַמאָל אים עפּעס פאָרגעלייענט פון אַ צייטונג און געגעבן צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן, וואָס יוזעף האָט פון זיי צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהערט. ער איז מאַרקאָן שטאַרק דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט גראָד אים, יוזעפן, אויסגעווײלט צו אַרבעטן צוזאַמען. ערשטנס, האָט לינדענבורגער געהאַט אַן אייגענע בעקעריי, ווו מען האָט געקאָנט עסן צו דער זעט פריש ברויט, וויפל מ'האַרץ גלוסט, צווייטנס, איז ער געווען דער רייכסטער לאַנד־באַזיצער אין דאָרף, און ווי יוזעף פלעגט זיך אויסדריקן: „אויב שוין דינען, איז טאַקע נאָר ביי אַ רייכן".

די זון האָט געוואַרעמט, דער רעגן איז געפאַלן אין דער צייט. אַלץ אויפן פעלד איז זייער שיין געראָטן. די פרוכטן־ביימער האָבן אויך אָנגעהויבן צו שיטן מיט אויבס. אַזאַ געראָטעניש האָבן די פּויערים שוין לאַנג נישט געהאַט. טייל געפאַנגענע זענען געווען צופרידן פון דעם וווינען ביי די פּויערים, אַנדערע ווידער האָבן דערפילט, אַז זיי זענען ווירקלעך געוואָרן ווי שקלאַפן ביי דער אַרבעט. יעדע נאַכט זענען אַנדערע געפאַנגענע געקומען צו לויפן צו מאַרקאָן מיט פאַרשידענע דאגות און צרות...

— מאַרקאָ, ברודער, קום, ראַטעווע!... דער פֿויער שלאָגט!... מען גיט נישט קיין רו פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. פֿריער האָט מען כאָטש ווייניקסטנס געוווּסט, אַז נאָך דער אַרבעט האָט מען געמוזט באַפֿרייען אַהיימצוגיין אין לאַגער. אָבער איצט שלעפּט מען זיך אַרום צו דער אַרבעט אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט...

מאַרקאָ איז געלאָפֿן, געבעטן, געטרערט... ביי אַ טייל פֿויערים האָט דאָס געהאָלפֿן, אָבער אַ סך האָבן אין געפֿאַנגענעם געזען אַ חיה, וואָס דאַרף געהאָרכזאַם אויספֿירן אַלע באַפֿעלן, טאָן אַלין, וואָס מען הייסט אים צו יעדער צייט, אָן אונטערשיד פֿון טאָג צי נאַכט. מאַרקאָ פֿלעגט אָפֿט אַהיימקומען אַ צעבראָכענער...

— וואָס איז געשען? — האָט יוזעף געפֿרעגט, ווען מאַרקאָ האָט געעפֿנט די טיר. — מען האָט ווידער שוין וועמען געשלאָגן?

— יאָ — האָט מאַרקאָ טרויעריק געענטפֿערט. — דאַנילוק האָט געטראָפֿן צו אַ מיאוסן באַנדיט. ער וועט אים נאָך דערהרגענען. גלייך מאָרגן מוז איך לויפֿן בעטן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל אים אַוועקנעמען פֿון דעם אויסוווּרף.

די איינציקע טרייסט מאַרקאָס איז געווען די דייטשישע פֿאַמיליע שולץ, צו וועלכער ער פֿלעגט שטענדיק אַריינקומען. עריך שולץ האָט געאַרבעט אַלס בעקער ביי לינדענבורגערן. אָפֿטמאָל פֿלעגט עריך מיט זיין פֿרוי, לוציע, צוזאַמען קומען אויפֿן פֿעלד העלפֿן ביי דער אַרבעט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מאַרקאָ זיך מיט זיי גוט צוזאַמענגעלעבט און אויך פּאָליטיש פֿאַרשטאַנען... מאַרקאָ האָט זיך פֿון זיי אַ סך דערוווּסט וועגן דער איצטיקער לאַגע אויף די פֿראָנטן, וועגן דער שטימונג אין לאַנד, און דערנאָך פֿלעגט ער זיך מיט די נייעס טיילן מיט זיינע חברים. עריך און לוציע האָבן פֿיינט געהאַט היטלערן בתכלית השנאה. די נאַציס פֿלעגן זיי רופֿן די פּאַרטיי־באַנצן. מאַרקאָ האָט פֿון זיי אויך באַקומען געוויסע מלבושים.

אַ סך פּוילישע געפֿאַנגענע האָט מען אָנגעהויבן באַפֿרייען און זיי דערקלערט אַלס ציווילע אַרבעטער. ערגער איז געווען מיט די, וועלכע האָבן געהערט צו דעם טייל פּוילן, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד; זיי האָבן ווייטער געמוזט פֿאַרבלייבן געפֿאַנגענע.

מאַרקאָ האָט זיך מיט יעדן טאָג געפֿילט שטאַרקער אין זיין ראָל אַלס אוקראַינער. כדי ער זאָל אויסזען עלטער ווי אין דער ווירקלעכקייט האָט ער אָנגעהויבן צו רייכערן אַ לאַנגע ליולקע, מעשה־קאָזאַק. דאָס האָט אים טאַקע צוגעגעבן שטאַרק חשיבות ביי אַלעמען... עס איז שוין אַפֿילו דער־

שטייענדיק דער ערשטער פון רעכטס — יוזעף, דער דריטער — קאַסיאַן זיצנדיק: דער צווייטער פון לינקס — מאַרקאָ

גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען קאַסיאַן פלעגט פרעגן אויף מאַרקאָן, פלעגט ער נישט אַנדערש זיך אויסדריקן, ווי „דע יע באַש אַטאַמאַן?"

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען מאַרקאָ איז געשטאַנען אויף דער ליי־טער און געמאָלן די פענצטער און טירן פונעם גאַנעק פון לינדענבורגס הויף, איז געקומען צו פאָרן דער קאָמענדאַנט.

— מאַרקאָ, גיי שנעל און רוף צונויף אַלע געפאַנגענע, אָבער נאָר אוק־ראַינער! — האָט ער אונטערגעשטראָכן, — ווייל איר פאָרט מאָרגן אָפּ אין אַן אַנדער לאַגער, און פון דאָרטן — אַהיים...

מאַרקאָן האָט די ידיעה נישט אַזוי שטאַרק דערפרייט, ווייל ער איז שוין איינמאָל „אַהיים" אַזוי געפאָרן...

קאַפּיטל 15

אין לאַגער BVIII — לאַמסדאָרף

דאָ איז שוין געווען דער אמתער בבֿל־טורעם.. געפֿאַנגענע פֿון אַ האַלבער וועלט, פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן; פּאָליאַקן, אוקראַינער, ענגלענדער, פֿראַנצייזן — כלערליי שפּראַכן האָט מען דאָ געקאָנט הערן, אויסער איינער — דער יידישער... דערפֿאַר אָבער זענען „דאָס רייך“, „דער פֿעלקישער בעאָבאַכטער“, „דער שטירמער“ און אַלע אַנדערע היטלעריסטישע צייטונגען אָנגעפּיקעוועט געווען מיט קאַריקאַטורן פֿון יידן אין אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע פּאָזעס: יידן־שטשורעס, יידן־גנבֿים, יידן־בלוטזויגערס, קאָמוניסטישע „באַנדיטן“ און שמרייכלער, יופּעציעס. עס האָט אויך נישט געפֿעלט דער לאָזונג: „די יודען האָבן דעם קריג געוואָלט — וועלן זי דעם קריג האָבן!“, וועלכער האָט טאָג־טעגלעך באַצירט מיט קידוש־לבֿנה־אותיות די ערשטע זייטן פֿון די אויבנדערמאָנטע צייטונגען...

— גיב אַכטונג אויף מיין פּעקל! — האָט זיך געווענדעט דאַנילוק צו האָרעטשקין — איך וועל צו גיין אַ קוק געבן צו די דראָטן פֿון די פֿראַנצויזן. ביי די דראָטן איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל, וועלכן מע וואָלט געקענט אָנרופֿן: „דער אינטערנאַציאָנאַלער יאַריד אין לאַגער לאַמסדאָרף“. דער גאַנצער האַנדל איז פֿאָרגעקומען אָן אַ צורת מטבע. מען האָט געביטן ברויט, צוקער, מאַנדאָלינעס, שיך, שאָקאָלאַד, טיכעלעך, קאַווע, — אַלץ דורך די דראָטן...

יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט דאָ געהאַט אירע באַראַקן, איינע פֿון די אַנדערע זענען געווען איבערגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן, דורך וועלכע מען האָט געקאָנט דורכשטופּן די האַנט און דורכפֿירן די פֿאַרשידענע טראַנזאַקציעס. פֿיל מיטגעהאָלפֿן ביים אויסטויש־האַנדל האָט קאַזשימיעזש מאַציאַן, אַ פּאָליאַק פֿון לאָדזש, וואָס האָט זיך געפֿונען אין לאַגער פֿון די

פּראָנצווין. ער האָט אויך שפּעטער געאַרבעט מיט אַנדערע פּראָנצווישע קריגס־געפאַנגענע אין די „ווינער־נוישטעטער פליגערווערקע“. ביינאַכט איז געוואָרן פולשטענדיק שטיל. מען האָט נאָר געזען די היטלעריסטישע וואַכ־לייט. מער האָט זיך קיינער נישט געטאָרט באַווייזן אויפן שטח פון לאַגער.

עס האָבן זיך געשאַפן גרופּן, וועלכע האָבן פאַרנומען יעדע איר ווינקעלע אין באַראַק. צו מאַרקאָס גרופּע האָבן זיך אָנגעשלאָסן: פּאָלעד, יאַרעמקאָ, פּאַאוק, דאַנילוק, דעגישוק, אמעלאַניוק, האָרעמשקאָ און אַנדערע...

די גרופּעס האָבן זיך געהאַלטן שטרענג אָפּגעזונדערט. אויסער גנבים, האָבן אין לאַגער אָנגעהויבן אַרומצוגיין שפּיצלעס, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע נאָכצושפּירן ווער עס רעדט פּויליש, אָדער ווער עס רעדט שלעכטס אויף היטלער־דייטשלאַנד. די גרופּן האָבן זיך אָבער געהאַלטן צוזאַמען און דער מינדסטער אָנגריף אויף וועמען פון זיי איז גלייך אָפּגעשלאָגן געוואָרן. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן צווישן די געפאַנגענע אוקראַינער אַזעלכע, וואָס קענען רעדן און עפּוואָס שרייבן דייטש. ווי געוויינלעך האָט מאַרקאָ זיך ווייטער נישט אויסגעגעבן. עס איז בעסער צו זיין אין אַ מאַסע — האָט ער געטראַכט — ווי ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. עס קאָן פּאַסירן אַ פאַל, אַז עמעצער זאָל אים דערקענען... אָבער די חברים פון זיין גרופּע האָבן אים נישט צורו געלאָזט.

— גיי, מאַרקאָ, — האָבן זיי געזאָגט, — גיי, עס וועט דיר זיין לייכ־טער און אונדז וועסטו אויך מיט עפּעס קאָנען העלפן. ווען די וואַכלייט זע־נען אַריינגעקומען אין באַראַק און אָנגעהויבן פרעגן ווער עס רעדט דייטש, האָבן אַלע אָנגעהויבן צו שרייען: מאַרקאָ! מאַרקאָ!

— שפּריכסט דו דויטש? דו קאַזאַק! האָט אַ היטלעראָוויעץ זיך געווענדעט צו מאַרקאָן.

מיט די צוויי לאַנגע וואָנצעס, דעם קאָפּ שוואַרצע געדיכטע האָר, הוי־כער פיגור און שטרענגן בליק, מיט וועלכן ער האָט דעם היטלעראָוויעץ אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, האָט מאַרקאָ איצטווירקלעך אויסגעזען ווי אַ קאַזאַק.

— אַ ביסכען — האָט געענטפערט מאַרקאָ, אַ דערמונטערטער דער־פון, וואָס דער היטלעריסט האָט אים אָנגערופן קאַזאַק. ווייזט אויס, אַז איך בין גוט מאַסקירט — האָט מאַרקאָ ביי זיך געטראַכט.

— קאָם מיט! — האָט באַפוילן דער היטלעריסט.

מאַרקאָ האָט באַקומען טינט און פּאַפּיר און לויט אַ באַפעל האָט ער צוזאַמענגעשטעלט רשימות פון די געפאַנגענע. די היטלעריסטן האָבן דאָ

צוזאַמענגעטריבן אַלע אוקראַינישע געפֿאַנגענע פֿון אַלע דײַטשישע לאַגערן. עס זענען דאָ אויך געווען אוקראַינער, וואָס האָבן פֿאַר דער מלחמה אויסגעוואַנדערט פֿון פּוילן אין פֿרעמדע לענדער און איצט זיך געפֿונען אַלס געפֿאַנגענע אין פֿרעמדע אַרמייען. מען האָט געשאַצט די געפֿאַנגענע אויף 50 — 60 טויזנט מאַן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז צווישן די אוקראַינישע געפֿאַנגענע געפֿינען זיך אַ סך פּאָליאַקן, וואָס קענען די אוקראַינישע שפּראַך, ווײַל די אוקראַינישע געפֿאַנגענע וועט מען נעמען באַזונדער און זיי וועלן טראַקטירט ווערן גלײַך מיט די פֿראַנצויזן.

ווען מאַרקאָ איז צוריק אַרײַנגעקומען אין באַראַק אַרײַן, האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן שטעלן פֿראַגן:

— איז דאָס אמת, אַז מען זאָל אונדז אָפּטיילן פֿון די פּאָליאַקן אין באַזונדערע לאַגערן?

— ווײַזט אויס, אַז יאָ — האָט געזאָגט מאַרקאָ — עס דאַרף קומען אַ קאָמיסיע פֿון אוקראַינער, און דאָס — נאָך אין די טעג, און יעדן עקזאַמענירן, ווײַל עס זענען דאָ אַ סך פּאָליאַקן, וואָס גיבן זיך אָן אַלס אוקראַינער.

דער אויטאָריטעט פֿון מאַרקאָן איז כסדר געוואַקסן. דער גאַנצער באַראַק פֿלעגט מיט אומגעדולד וואַרטן, ווען ער וועט שוין קומען מיט ווײַכטיקע נײַעס. אָבער מאַרקאָ אַליין איז ווידער נישט געשלאָפֿן. — ווער ווייסט — האָט ער געטראַכט — אפֿשר האָבן זיי אַלטע אַקטן פֿון פּוילן, מיט בילדער, און מען וועט אים דערקענען, אַז דאָס איז ער שלמה שטראַום. און אפֿשר וועט גראָד זײַן בײַ דער קאָמיסיע עמעצער פֿון זײַן שטעטל וואַריש. דאָרטן זענען דאָך געווען פֿאַרברענטע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן אים, שלמהן, נאָך צו גוט געקענט. אַזוי איז מאַרקאָ איבערגעלעגן די גאַנצע נאַכט און קיין אויג נישט געקאָנט צוטאָן ביז עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן...

ווען די קאָמיסיע איז געקומען איז מאַרקאָ געווען איינער פֿון די ערשטע.

— מען זאָגט, אַז זיי האָבן אַנטדעקט אַ פּאָליאַק — האָט זיך אָנגערופֿן איינער פֿון דער ריי — איך בין אים נישט מקנא, דער וואַכמאַן האָט אים גלײַך אַוועקגענומען.

— וואָס קאָן מען אים טאָן? — האָט באַמערקט אַן אַנדערער — העכסטנס וועט מען אים שיקן אין לאַגער פֿון די פּאָליאַקן. — אַ קלייניקייט!

וועט ער נישט באַקומען קיין פראַנצויזישן שינעל, וועט ער זיין אומגליקלעך...

פאַרשידענע מעשיות און פּלאָטקעס האָט מען געקענט הערן אין דער ריי, יעדער האָט דערציילט אַזוי, ווי ער האָט אין האַרצן זיך געווּנטשן עס זאָל מקוים ווערן...

מאַרקאָ האָט אַפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט. ער האָט אין די געדאַנקען איבערגעחזרט פאַרשידענע פראַגן, וואָס די קאָמיסיע האָט געשטעלט... די ריי האָט זיך כסדר דערנעענטערט צו דער טיר... מען האָט ווידער איינעם אַרויסגעפירט... ער איז געווען ווייס ווי קרייד...

אַ סך טריקן, וואָס די קאָמיסיע האָט אנגעוואָנדן בײַם אויפדעקן די פּאָליאַקן, האָט מאַרקאָ שוין געוווּסט. — אָ, מיך וועלן זיי באַשטימט נישט כאַפּן! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — צו לאַנג האָב איך געלעבט צווישן אוקראַאינער, מען זאָל מיך אויף אַזעלכע קלייניקייטן כאַפּן... אָבער זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער... די ריי איז ענדלעך געקומען אויף אים... ער האָט זיך פאַרריכט דעם מונדיר, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, און אַזוי אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער קאָמיסיע.

— סלאַווא אוקראַיני! — האָט ער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אין דער הייך באַגריסט די אַרום טיש זיצנדיקע פאָרשטייער.

— וואָזשדעווי סלאַווא! — האָט ער געהערט אַן ענטפער. מאַרקאָ איז צוגעגאַנגען נענטער צום עקזאַמיניר־טיש.

— נאַ, פּערעכרעסטיטסיאַ! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דער קאָמיסיע. אַ סך פּאָליאַקן האָט מען אויף דעם טריק געכאַפּט, ווייל די רוימיש־קאַטוילישע זאָגן אין זייער געבעט: „אין נאָמען פון פאָטער, און זון און גייסט דעם הייליקן". אַזוי אַרום מאַכן זיי דעם קרייץ פריער פונעם לינקן אַקסל און דערנאָך דעם רעכטן, און די גריכיש־קאַטוילישע זאָגן פריער: „דעם הייליקן" און דערנאָך ערשט „גייסט". אַזוי אַרום מאַכן זיי דעם קרייץ פריער אויפן רעכטן אַקסל... מאַרקאָ האָט געמאַכט, לויטן גריכיש־קאַטוילישן דין, דריי מאָל אַ קרייץ און מיט קלינגענדיקער שטים האָט ער פייערלעך אַרויסגעזאָגט: „וו אימיאַ אָטצאַ אי סינאַ שוויאַטאָהאָ דוכאַ אַמין". מאַרקאָ האָט ווייטער פאָרגעזעצט דאָס געבעט: „אויטשע נאַש אי וויהא שוויאַטשטשע אימיאַ טוואָיע... דע פרידע צאַרסטוואָ טוואָיע... די ווערטער האָבן זיך געשיט ווי פּערל פון זיין מויל, דער ניגון איז געווען גענוי ווי פון גלח אויף דער אַמבאָנע... די קאָמיסיע האָט זיך גענוי איינגעהערט אין מאַרקאָס יעדן וואָרט.

— אַ טעפּער ווי מעני סקאַזשיט — האָט זיך אָנגערופֿן דער, וואָס איז געזעסן בײַם סאַמע מיט טיש — קולי מאיעמו שוויאַטאָהאָ פּעטרא אי פּאַוולא?

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פֿראַגן פֿון אַלע זײַטן. עס האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין קרייץ־פֿראַגן... אָבער מאַרקאָ האָט אויף יעדער פֿראַגע געענטפֿערט זאַכלעך און גענוי... אך, יונה זינגער! — האָט מאַרקאָ געגעבן אַ טראַכט — דו האָסט מיך אויסגעלערנט לאַכן, ווען מען דאַרף וויינען, און וויינען דעמלט, ווען מען דאַרף לאַכן. איך בין שוין נישט בייז אויף דיר דערפֿאַר, וואָס דו פֿלעגסט אונדז אַזוי יאָגן: נאָכאַמאָל אַרויף דער סצענע! נאָכאַמאָל איבערחזרן די ראָל! דו קענסט דאָך גאָרנישט! דאָס דאַרף מען זאָגן מיט אַ וויינענדיק קול, און דו לאַכסט גאָר! — אך, יונה זינגער! וווּ ביסטו איצט? ווער ווייסט וואָס די מערדער האָבן מיט דיר געמאַכט...

מיטאַמאָל איז מאַרקאָ געבליבן שטיין אין ערנסט פֿאַרזאָרגטער... ער האָט אָנגעהויבן קווייטשן דעם שטערן, אָבער ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען, צי אַזאַ הייליקער איז בכלל פֿאַראַן בײַ די גריכיש־קאַטוילישע... שוויאַטי סעבאַסטיאַן? — האָט מאַרקאָ איבערגעחזרט עטלעכע מאָל... און אפֿשר איז דאָס גאָר אַ רוימיש־קאַטוילישער צדיק און זיי ווילן מיך כאַפּן אויף דער ווענדקע מיטן „הייליקן סעבאַסטיאַן“? מען מוז זאָגן דעם אמת — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט: — יאָ וואַס סקאַזשו שטשירי פּראַוודו — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ פֿעסטער, זעלבסטזיכערער שטים — איך בין אין צערקווע נישט געגאַנגען דאַווענען; איך בין אַ לעמבערגער באַטיאַר, איך בין אין צערקווע געגאַנגען בלויז צוליב די מיידלעך, און דאָס געבעט האָב איך געמאַכט נאָך דעמלט, ווען די מאַמע האָט מיך געצויגן פֿאַר די אויערן. אָבער דאָ — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט — שלאָגט אַן אוקראַיִניש האַרץ! און פֿאַר אַ זעלבשטענדיק אוקראַיִנע בין איך גרייט אַפֿילו צו גיין אין פֿייער אַרײַן!...

דער עקזאַמענער מאַרקאָס האָט שטאַרק איבערראַשט די גאַנצע קאָמיסיע, און זיי האָבן אים שוין ווײַטער נישט עקזאַמענירט. דער פֿאָרזיצער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן פּלאַץ, אויסגעשטרעקט צו מאַרקאָן די האַנט, און שמייכלענדיק פֿרײַנדלעך געזאָגט:

— ווידנאָ, ווידנאָ, שטשאָ איקראַיִניעץ! שטשע יאַקי אוקראַיִניעץ!...

דער עקזאַמען איז געווען פֿאַרענדיקט...

ווי איך האָב דאָס אויסגעצייכנט געשפּילט! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — די סצענע וואָלט אַפילו יונה זינגער געלויבט...

די קאָמיסיע האָט פאַרשריבן: דעם נאָמען, פאַמיליע־נאָמען, געבורט־אָרט, דאַטע פון געבוירן, באַרוף און אַזוי ווייטער, און דאָס אַלץ, מיט די פאָטאָגראַפיעס פון יעדן עקזאַמענירטן מיטגענומען קיין בערלין, וווּ עס איז דעמאָלט געווען די הויפּט־קוואַרטיר פונעם אוקראַינישן קאָמיטעט אין דייטשלאַנד.

— נו, ווי איז דיר דורכגעגאַנגען דער עקזאַמען? — האָט געפרעגט פּאַוק.

— זייער גוט — האָט קורץ געענטפערט מאַרקאָ.

— נו, יאָ — האָט ווייטער געזאָגט פּאַווק — זיי האָבן דיך נאָר אָנגעקוקט, האָבן זיי גלייך געזען, אַז דו ביסט אַן אוקראַיניעץ.

די אַלע פאַרזיכערונגען האָבן מאַרקאָן נאָך מער מוט צוגעגעבן אויסצוהאַלטן... אָבער אינגאַנצן זיכער האָט ער זיך ערשט דעמאָלט דערפילט, ווען פון בערלין זענען אָנגעקומען די לעגיטימאַציעס פאַר אַלע אוקראַינער און ער האָט דערזען זיין לעגיטימאַציע מיט דער פאָטאָגראַפיע, מיט די צוויי לאַנגע וואָנצעס, איצט וועט ביי קיינעם נישט נישט זיין קיין צווייפל, אַז ער איז אַ געבוירענער אוקראַינער *).

מאַרקאָ האָט ווי פריער געמאַכט די רשימות פון די געפאַנגענע. ער האָט אָנגעהויבן צו רעגיסטרירן די אוקראַינער, וואָס האָבן געדינט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. איצט האָט מען זיי אָפּגעטיילט פון די פראַנצויזישע געפאַנגענע און זיי איבערגעשיקט אין לאַגער צוזאַמען מיט די אַנדערע אוקראַינער.

זינט מאַרקאָ האָט געבראַכט די נייעס, אַז קראַנקע אוקראַינער וועט מען אַהיימשיקן, איז אין לאַגער נישט געווען קיין רו. אַ טייל האָבן אויפגעהערט עסן און אָנגעהויבן טרינקען עכטע שוואַרצע קאַווע, וואָס מען האָט געקויפט ביי די פראַנצויזן, אַנדערע האָבן גענומען עסן רויע בוראַקעס, כדי צו באַקומען דיזענטעריע. עס זענען אויך אָנגעקומען ידיעות, אַז אַ סך אוקראַינער וועט מען שיקן אויף פאַך־קורסן, ווי: שלאָסער, מעכאַניקער, טאָקער, פרעזער, און פון די קורסן וועט מען זיי שיקן אויף אַרבעט אין פאַבריקן, אָבער שוין אַלס ציווילע אַרבעטער. איינמאָל איז אָנגעקומען אַ פרישע נייעס: אוקראַינער, וואָס זענען גוט געבויט, און פאַרמאָגן „גוטבלוט“ אין זיך, וועט מען אָפּקלייבן אַלס ראַסיקע און זיי וועלן ווערן דייטש... יעדן טאָג האָט זיך געקאָכט פון פאַרשיידענע נייעסן.



Anschrift:

Ort	Straße, Nr.

Dieser Ausweis ist Eigentum der Ukrainischen Vertrauensstelle und auf Anforderung jederzeit zurückzugeben. Eigenmächtige Änderungen dürfen in dem Ausweis nicht vorgenommen werden.

Ukrainische Vertrauensstelle im Deutschen Reiche

Vorläufige Ausweiskarte

Nr. P 5163

... bis zum 25. Jan 1942

bis 30. XII. 43

Unterschrift:

(Vor- und Zuname)

Name: Marko

Vorname: Tomasch

Geboren am: 2. XI. 12

Geburtsort:

Beruf: Metallarbeiter

Der Inhaber dieser Ausweiskarte ist bei der Ukrainischen Vertrauensstelle registriert.

Berlin, am 25. Jan 1941 19

מארקאס „אויסווייז", צוגעשיקט פון בערלין

עס איז שוין געווען גוט פינצטער. די זון איז שוין לאַנג געהאַט פאַר־גאַנגען. אין די היטלעריסטישע באַראַקן האָט מען שוין אָנגעהויבן אָנצינדן ליכט. מאַרקאָ איז נאָך געזעסן באַלייגט מיט אַ הויפן אַקטן פון די רעגיסטרירטע געפאַנגענע. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער די אַרבעט פאַרענדיקן. פּלוצעם האָט אים אַ קאַלטער שווייס באַגאָסן. פאַר אים איז געשטאַנען יוזעף מאַראַז פון וואַריש... — אַ פאַרברעכער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט, מיט וועלכן מאַרקאָ איז צוזאַמען געגאַנגען אין שול אַריין. דאָס מונקעלע ליכט פונעם קליינעם נאַפט־לעמפּל האָט נאָך שווארצער געמאַכט מאַרקאָס פּנים, וואָס איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און פעל־אַרבעט, און מאַראַז, ווייזט אויס, האָט אים נישט דערקענט.

— ווי הייסט איר? — האָט מאַרקאָ געפרעגט מיט אַ געמאַכטער גראָבער שטים.

— יוזעף מאַראַז — איז געווען דער ענטפער. געבוירן אין וואַריש.

— ווו איז דאָס וואַריש? — האָט מאַרקאָ ווייטער געפרעגט.

— לעבן סאָקאַל, אין לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפט — האָט מאַראַז געענטפערט. מאַרקאָ האָט שנעל פאַרענדיקט זיין אַרבעט, כדי פון אים וואָס שנעלער פּטור צו ווערן. — ער האָט מיך נישט דערקענט — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט, — ווען ער איז געבליבן אַליין. אַ שווערער שטיין איז אים אַראָפּ פון הארצן. אָבער מען קאָן נישט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט — האָט ער ווייטער געטראַכט — מען מוז עפּעס טאָן! ער קאָן מיך מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דערקענען. מאַרקאָ איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ער האָט אַריינגערוקט מאַראַזס אַקטן צווישן די אַקטן פון די קראַנקע, וועלכע מען האָט גלייך אַוועקגענומען באַזונדער אין אַנדערע באַראַקן און פון דאָרטן אַהיימגעשיקט...

יוזעף מאַראַז איז צוזאַמען מיט שלמהן געגאַנגען אין שול אַריין. געזעסן אויף איין באַנק. שפּעטער האָט מאַראַז עמיגרירט קיין פראַנקרייך און דאָרטן געדינט אין פראַנצויזישן מיליטער.

אין יאָר 1945 איז שלמה געקומען קיין וואַריש זוכן עמעצן פון זיין פאַמיליע אָדער אַנדערע לעבן געבליבענע יידן. אָבער לײַדער האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. ביי זיינע פּוילישע און אוקראַיִנישע פריינט־חברים, וועלכע האָבן אים זייער גוט אויפגענומען האָט שלמה זיך נאָכגעפרעגט אויף יוזעף מאַראַז...

— וואָס ראַפּסטו דעם אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליסט? — האָבן זיי פאַרוווּנדערט געפרעגט. — קומט מיט מיר צו אים, וועט איר זיך אַ ביסל אָנלאַכן! — האָט מאַרקאָ פאַרגעלייגט.

אַ גאַנצע גרופּע חברים זענען מיט אים מיטגעגאַנגען...

— אָ, וואָס פאַר אַ גאַסט! — האָט מיט גרויס איבעררעשונג אויסגערופן מאָראָז, זעענדיק ביי זיך מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט און איבערהויפּט שלמהן.... — אָ, שלאָמקו, דו לעבסט? וואָס פאַר אַ גליק! וואָס פאַר אַ גליק! — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

— ווו האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן?

— אין לאַגער B VIII אין לאַמסדאָרף! — האָט געענטפערט שלמה.

— אין לאַמסדאָרף! — האָט מיט פאַרוווּנדערונג אויסגעשריגן מאָראָז — איך בין דאָך אויך דאָרט געווען. גיב מיר אַ סימן, אַז דו ביסט דאָרט געווען! ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער פירער פון די אוקראַיִנער?

— וואָס הייסט? — האָט שלמה געזאָגט, לאַכנדיק — ער האָט געהאַט צוויי לאַנגע וואָנצעס, אַ שוואַרצער, אַ גראָב קול...

— אוי, יאָ! — האָט ער אַן איבעררעשטער אויסגערופן.

— און דו וואָלסט אים דערקענט? — האָט געפרעגט שלמה.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט געענטפערט מאָראָז.

— איך וועל דיר אים גלייך ווייזן — האָט שלמה געזאָגט — אַרויסציִענדיק זיין אוקראַיִנישע לעגיטימאַציע.

— אוי, האָב איך פאַר אים מורא געהאַט! — האָט מאָראָז געזאָגט.

— דו נאַר, ער האָט פאַר דיר נאָך מער מורא געהאַט — האָט מאַרקאָ זיך אָפּגערופן, דערלאַנגענדיק מאָראָזן זיין לעגיטימאַציע.

די געשיכטע פון מאַרקאָן און מאָראָזן האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל וואַריש.

קאַפּיטל 16

דער רייִנער אַריער, דער ראַסיש אויסגעוויילטער

דאָס משוגעת פון דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם האָט באַהערשט אַלע ברייטערע קרייזן פונעם דייטשישן פאָלק. די גאוות פון די היטלעריסטישע באַנדעס אויף אַלע פראָנטן האָט נאָך מער מוט צוגעגעבן די נאַציס. זיי האָבן שוין געזען די מעגלעכקייט פון איינפירן דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס“ האָט ביי זיי אָנגעהויבן ווערן ווירקלעכקייט. היטלער האָט זיך שוין געזען אַלס קיסר פון ביידע האַלב-קוילעכן פון דער וועלט. אין די הויכע קרייזן פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מען שוין אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי מע זאָל די אַנדערע לענדער באַהערשן מיט דער הילף פון אויסגע-וויילטע מענטשן פון דעם אָרטיקן פאָלק אונטער דער אויפזיכט פון היטלע-ריסטן. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז געזונטע מענער פון די סלאַווישע פעלקער זאָלן דערקלערט ווערן אַלס ראַסיק אויסדערוויילטע און עס וועט זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו ווערן דייטשן. די ערשטע פּראָבן האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון די פריינדלעך געשטימטע צו די דייטשן אוק-ראַינער, וואָס וווינען אין די געוו. פוילישע געביטן. עס איז נישט געווען קיין לייכטערע זאַך, ווי פון דעם לאַגער, וווּ עס איז געווען אַ גרויסע צאָל יונגע און געזונטע אוקראַיִנישע מענער, שוין אויסצוּוויילן די ערשטע פּאַר-טיע, זיי באַפרייען פון דער געפאַנגענשאַפט, געבן די מעגלעכקייטן זיך צו באַקענען מיט דייטשישע פרויען און זיי אויך באַשעפטיקן אין פאַרשידענע „אומשולונגס-ווערקע“.

עס איז נאָך געווען טונקל אויף דער גאַס. דער נעפּל האָט זיך אָנגעגע-הויבן זעצן. אויף די פעלדער אַרום דעם לאַגער האָט זיך באַוויזן אַ ראָסע, וואָס האָט אויסגעזען ווי פּערל אויף די שפּיצן פון די גרעזלעך. מאַרקאָ האָט געפילט, ווי עמעצער ציט אים לייכט פאַרן אַקסל.

— שטיי אויף! — האָט צו אים געזאָגט דאַנילוק — די היטלעריסטן זענען שוין אַלע אויף די פיס! עס מוז זיכער זיין עפּעס נייעס.

מאַרקאָ האָט זיך שנעל אָנגעטאָן.

— אַלע אַרויס פון די באַראַקן! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

די היטלעריסטן זענען אַרומגעלאָפן און קאָנטראָלירט, צי עס איז קיינער נישט געבליבן.

— אויסשטעלן זיך אין איינציקע רייען! — איז ווידער געפאַלן אַ באַפעל.

— מען האָט זיכער עפּעס צוגעלקחנט ביי עמעצן פון די היטלעריסטן — האָט געזאָגט סאַוריש — און זיי וועלן איצט אַרומגיין צווישן די רייען און זוכן, אַ שרעק איז געפאַלן אויף אַלעמען.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ גאַנצע קאָמיסיע פון אָפיצירן פון עס-עס.

— הייל היטלער! — האָט איינער פון דער גרופּע אָפיצירן באַגריסט די געפאַנגענע. קיינער האָט אָבער נישט צוריקגעגריסט, ווייל עס איז פאַרבאָטן געווען פאַר געפאַנגענע צו גריסן מיט „הייל היטלער!“

— מען וועט באַשטימט נעמען צום מיליטער! — האָט שטילערהייט געזאָגט פּאַוק האָרעטשקאָ, אויב נישט וואָלטן זיי אַזוי אונדז נישט באַגריסט. די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן צו גיין צווישן די רייען געפאַנגענע...

— דו, אַרויסטרעטן! — האָט דער זעלבער עס-עס-אָפיציר אָנגעוויזן איף איינעם פון די געפאַנגענע — דו אויך, — האָט ער געוויזן אויף דעם צווייטן, דריטן, פערטן, צענטן, אאוו. די געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן, און עטלעכע היטלעריסטן האָבן זיי שוין אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער מחנה. מאַרקאָן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, ער זאָל נאָר נישט ווייזן אויף מיר! — האָט ער ביי זיך געטראַכט — נאָר נישט זיין קיין אויסגעוויילטער אין אַ קלייגער גרופּע, בעסער אין אַ גרויסער מאַסע...

עס איז שוין געשטאַנען אַ גרופּע פון אַן ערך הונדערט געפאַנגענע, צווישן זיי האָרעטשקאָ, אמעלאַניוק, פּאַוק, דאַנילוק.

— אך, דאָס איזט איין ראַסיקער קאזאק! — האָט אויסגערופן איינער פון די אָפיצירן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף מאַרקאָן.

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט איינשטימיק צוגעגעבן אַ צווייטער.

— אַוסטרעטן! — האָט ער באַפוילן... מאַרקאָ האָט מיט פלעגמאַטישע טריט זיך דערנענטערט צו דער אָפּגעזונדערטער גרופּע, וועלכע איז כסדר געוואַקסן, זי האָט שוין געציילט ביי די 400 מאַן.

— וואָס איז דאָס? — האָט איינער געפרעגט דעם אַנדערן — וואָס

וועט מען מיט אונדז מאַכן? מיר זענען דאָך אַ 50, 60 טויזנט מאַן. קיינער האָט אָבער נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער.

מען האָט אויסגעוויילט 600 מאַן, צווישן זיי אויך דעניושק מיט סאַוואַרישן. די רעשט געפאַנגענע האָבן זיך אומגעקערט אין די באַראַקן. די היטלעריסטן האָבן גלייך אָנגעהויבן צו מאַכן רשימות פון די 600 מאַן. זיי האָבן געקריגן אַ באַפעל אָפּצוזונדערן די 600 מאַן פון די אַנדערע אוקראַינער. די גרופּע אויסדערוויילטע איז גלייך געגאַנגען נאָך זייערע זאַכן און אָפּגעפירט געוואָרן אין ספּעציעלע באַראַקן, וועלכע זענען געווען אַ סך בעסער איינגעאָרדנט. עס זענען געווען טישן און בענק, מען האָט זיך געקאָנט אַרומוואַשן, עס זענען אַפילו געווען באַזונדערע קלאָזעטן. אין דער פרי האָבן זיי באַקומען זיסע קאַווע, ברויט מיט פּוטער געמישט מיט מאַרגאַרין און אויך מיט מאַרמאַלאַד.

— עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט! — האָט געזאָגט האָרעטשקאָ.

— וואַרט נאָר, וואַרט! — האָט געלאַכט סאַוואַריש — זיי האָבן אַליין נישט וואָס צו פרעסן און דיר גיבן זיי זיסע קאַווע מיט ברויט מיט פּוטער. וועסט שוין דערפאַר מוזן גוט אָפּאַרבעטן!...

אין עטלעכע טעג אַרום איז די גאַנצע גרופּע 600 מאַן געווען פאַרזאַמלט אין אַ גרויסן באַראַק, אין וועלכן עס האָט זיך געפינען אַ נייע קאָמיסיע פון עס-עס-לייט מיט צוויי דאָקטוירים אין ווייסע קיטלען מיט פאַרשידענע מעדיצינישע אינסטרומענטן און מעסט-מכשירים, פאַר וועלכער יעדער געפאַנגענער האָט זיך געמוזט שטעלן, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט...

מאַרקאָן האָט אַרומגענומען אַ טיט-שרעק — וואָס טוט מען? — האָט ער געטראַכט — איצט בין איך שוין אַ פאַרפאַלענער...

די, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען דורך דער קאָמיסיע, האָבן דערציילט, אַז מען האָט זיי געקוקט אין די ציינער, געמאָסטן דעם קאָפּ, געהייסן אויסשפרייטן די הענט, באַטראַכט די פלייצעס, געהייסן ווייזן די פּאָדעשוועס פון די פיס. איבערהויפּט — האָבן זיי דערציילט — פאַראינטערעסירן זיך די דאָקטוירים מיטן קאָפּ. זיי באַקוקן זייער גענוי די אויגן, די נאָז, די ציין, די באַקן, די אויערן, און ווער עס געפעלט זיי, גיבן זיי נאָר אַ קלאַפּ איבער דער פלייצע...

עס איז געווען אַ קילער הארבסט-טאָג. די געפאַנגענע זענען געשטאַנען אויסגעשטאָן אין באַראַק און געציטערט פון קעלט... אַ טייל — אויך פאַר שרעק, אַז מען וועט זיי, ווי עס האָבן קורסירט קלאַנגען, נעמען צום

מיליטער. אַ כּד האָבן זיך איינגעוויקלט אין די קאָצן, עס וואָל זיין אַ ביסל וואַרעמער... עס האָט געהערשט אַן ערנסטע שטימונג...

מאַרקאָ האָט זיך נאָך נישט אויסגעטאָן...

— נו, ווי איז דיר צוגעגאַנגען? — האָט געפרעגט סאוריש האַ־דעטשקען, וועלכער איז נאַרוואָס אַרויסגעגאַנגען פון דער קאָמיסיע.

— זיי האָבן מיך באַטאַפּט, צי איך האָב שטאַרקע מוסקולן — האָט געענטפערט האַרעטשקאָ — און אויך דעם שטערן, און די ווינקלען פונעם קאָפּ און געהייסן גיין ווייטער...

מאַרקאָ האָט גענוי זיך צוגעהערט ווי אַזוי די קאָמיסיע פאָרשט, אויף וואָס זיי לייגן דעם גרעסטן געוויכט. זיין מוח האָט איצט געאַרבעט שאַר־פער און אָנגעשטרענגטער ווי ווען עס איז. עס האַנדלט זיך דאָך אין לעבן אָדער טויט...

— און אפשר זיך מודה זיין?...

ער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט. זיינע נערוון זענען געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט... ער האָט נערוועז געשפּאַנט אַהין און צוריק און גאָכגעקלערט וואָס צו טאָן... אין לעצטן מאָמענט איז ער אַריין צו זיך אין באַראַק, גענומען אַ שערל מיט אַ גרויסן פאָדעם און אַריין אין קלאָזעט... נאָך אַ מאַסאַזש איז דער אָרגאַן געוואָרן גאַנץ קליין — איינגעקאָרטשעט... אַ קליינעם פּאַרצי מיטן פאָדעם, און מאַרקאָ איז געווען גרייט צו גיין אויף דער קאָמיסיע... אַלצאיינס — האָט ער געטראַכט — אַזוי צי אַזוי איז דער טויט, אָבער פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג קאָן מען זיך נאָך אויסהיילן...

דאָגילוק, מאַרקאָ און דער גראָבער איוואַן זענען איצט אַריינגעגאַנגען אויף דער קאָמיסיע... איוואַן איז געווען דער ערשטער. זיי האָבן אים קורץ באַהאַנדלט... ווען עס איז געקומען די ריי אויף מאַרקאָן, האָט ער פאַר שרעק נאָך מער געציטערט און זיין אָרגאַן איז געוואָרן נאָך קלענער. ער האָט מיט אַ שמייכל מאַסקירט זיין ציטערן, זאָגנדיק אויף דייטש, אַז עס איז אים קאַלט.

— אָ, יאָ! — האָט צוגעשטימט דער דאָקטער, באַטראַכטנדיק און פאָרשנדיק פון דער נאָענט מאַרקאָס פּנים־שטריכן און פאַרשטעלנדיק אים אַזוי אַרום מיט זיין פאַרטעך... קיינער האָט אויף זיין אָרגאַן נישט געקוקט, ווייסנדיק, אַז די געפאַנגענע האָבן קיין פרויען שוין העכער אַ יאָר נישט געהאַט, ממילא קאָן פון קיין ווענערישע קראַנקהייטן קיין רייד נישט זיין. עס איז געווען אַ זעלטענער פאַל, ווען זיי האָבן וועמען באַטראַכט דעם געשלעכטס־אָרגאַן.

מאַרקאָ איז דעם דאָקטער געפעלן... — אַ היפּשער קערל! — האָט דער דאָקטער געזאָגט — רופנדיק דעם צווייטן, ער זאָל באַטראַכטן מאַרקאָס שניי־ווייסע ציין ווי פּערל.

— אין אָרדנונג! — האָט דער עס־עס־דאָקטער אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע.

מאַרקאָ איז שנעל אַריין אין קלאָזעט, כדי זיך צו באַפרייען פון זיין „אָפּעראַציע“.... ער האָט זיך איצט געפילט ווי ער וואָלט אויפסניי געבוירן געוואָרן, כאָטש זיין פּנים האָט נאָך נישט צוריקבאַקומען די נאַטירלעכע קאָלירן און די פיס האָבן נאָך געציטערט...

אין באַראַק האָט געזשומעט ווי אין אַ מיל. עס האָבן זיך געשאַפן קליינע גרופּן, וואָס האָבן צווישן זיך דעבאַטירט. יעדן האָט געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס עס וועט מיט זיי ווייטער זיין, וואָס פאַר אַ גורל דערוואַרט זיי? די היטלעריסטן האָבן זיך געדרייט צווישן די געפאַנגענע, ווי זיי וואָלטן געפאָרשט די שטימונג פון די מענטשן.

— מאַרקאָ, פרעג וועמען פון זיי, וואָס דאָס איז! — האָט זיך געבעטן רעגישוק. — פרעג, מאַרקאָ! — האָבן אויך אַנדערע געבעטן, אים אַרומרינגלענדיק:

— און אַז איך וועל פרעגן, וועט ער רעדן זאָגן? — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— פרעג, וואָס קאָן דען שאַטן, — האָט צוגעגעבן אמעלאַניוק — אָט גייט דער אָפיציר פון דער קאָמיסיע — האָבן די חברים געוויזן.

מאַרקאָ איז איצט געווען אין אַ גוטער שטימונג. דאָס ערגסטע האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך, און ער האָט זיך געלאָזט צום אָפיציר. אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, האָט מאַרקאָ ווי געהעריק סאַלוטירט און געבעטן אַ דערלויבעניש צו שטעלן אַ קורצע פראַגע. דער אָפיציר האָט זיך אָפּגעשטעלט, געבנדיק מאַרקאָן אַ צייכן, אַז ער איז גרייט אים אויסצוהערן. ווען מאַרקאָ האָט אים געשטעלט די פראַגע, וואָס עס באַדייט דאָס פאָרשן פון דער גאַנצער קאָמיסיע, איבערהויפּט נאָך די 600 מאַן, האָט זיך דער אָפיציר צעלאַכט און קלאַפנדיק מאַרקאָן איבערן אַקסל צוגעגעבן:

— מענטש! איר זייט ראַסיש אויסגעוויילט! דו קאָנסט יעצט איין דויטשעם מעדכען הייראַטען!...

די געפאַנגענע, זעענדיק ווי דער אָפיציר רעדט מיט מאַרקאָן אַזוי פריינדלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע נעענטער צוצושאַרן און מיט

געוואַלדיקער גייגעריקייט אויסגעשטרעקט די קעפּ, כּדי צו כאַפּן כאָטש איין וואָרט פון דעם געשפּרעך.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט פּאַוק ששיל געפרעגט מאַרקאָן.

— קאָנסט זיי אויך איבערגעבן, דאָס וואָס איך האָב דיר געזאָגט, האָט דערקלערט דער אָפיציר.

מאַרקאָ האָט זיך אויסגעדרייט צו די געפאַנגענע:

— כלאָפּטשי! — האָט ער געזאָגט אויף אוקראַיניש — מיר זענען דאָסיש אויסגעוויילט, מיר וועלן איצט גיין אין ציוויל. פון היינט אָן קאָנען מיר שוין חתונה האָבן אַפילו מיט דייטשישע מיידלעך...

— איך האָב דאָך שוין אַ ווייב! — האָט זיך אָנגערופן סאָקאָלאָוו־סקי.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט געפרעגט דער אָפיציר. ווען מאַר־קאָ האָט אים איבערגעזעצט סאָקאָלאָווסקיס רייד, האָט דער אָפיציר שטאַרק אָנגעהויבן צו לאַכן, און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט: „מענטש! מענטש! מענטש!“ — אַ פרייַ האָסטו אין דער היים, און דאָ ביסטו דאָך אַ מאַן!...

פאַר יעדן איז איצט געוואָרן קלאָר, אַז מיר גייען נישט צום מיליטער, נאָר מען וויל אונדז דאָ חתונה מאַכן... אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט שוין דער גאַנצער לאַגער געוווסט, צו וואָס מען האָט אויסגעוויילט די 600 מאַן...

עס זענען פאַרביי 14 טעג. מען האָט ווידער פאַרזאַמלט די 600 אויס־געוויילטע געפאַנגענע. אַ היטלעריסט מיט אַ רשימה אין דער האַנט האָט אָנגעהויבן לייענען די נעמען, און די אויסגערופענע האָבן זיך געשטעלט באַזונדער. דער היטלעריסט האָט אויסגערופן 210 מאַן... מאַרקאָ טימאָ־פיעי האָט זיך אויך געפונען צווישן די אויסגערופענע...

— די אַלע, וועלכע זענען נישט אויסגעלייענט געוואָרן אין דער רשימה — האָט געזאָגט דער היטלעריסט — נעמען צוגוויף זייערע זאַכן און גייען תיכּף צוריק אין די אַלטע באַראַקן צו די איבעריקע אוקראַינער.

— און איר! — האָט ער זיך געווענדעט צו די 210 מאַן, — מוזט נאָך דורכמאַכן אַ בלוט־פּראָבע, און דאַן וועט איר שוין זיין „ריינע, ראַסיקע אַריער“... — האָט ער אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט.

— אַ נבֿלה זאָל אין זיי אַריין! — האָט געשאָלטן דער גראָבער אי־וואַן — זיי וואָלטן כאָטש ווייניקסטנס אויסגעוואַרט איבערן מיטאָג, איך זאָל מיך כאָטש ווי ס׳דאַרף צו זיין אָנעסן! — און גענומען פּאַקן זיינע

זאַכן. — נו, זײ געזונט מאַרקאָ! — האָט ער געזאָגט — אפשר װעלן מיר זיך נאָך אַמאָל אין לעבן טרעפן, טאָמער נישט, פאַרגעס נישט אין איװאַנעץ, װאָס טראָגט די זעלבע װאָנצעס װי דו.

די בלוט-פּראָבע איז אָבער גאָר נישט געװען אַלץ. עס איז געקומען אַ פרישע קאָמיסיע, װעלכע האָט אױפסנײ אונטערזוכט די 210 מאַן...

דאָס מאָל האָט שױן מאַרקאָ געהאַט געגוג. ער האָט שױן באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן און מאַכן אַ סוף צו זײנע לײדן...

מען האָט װידער צוזאַמענגענומען אין דעם זעלבן זאַל די 210 מאַן, װידער די זעלבע שומרים... אָבער די קאָמיסיע איז באַשטאַנען בלױז פון 2 דאָקטױרים אין ציװילער קלײדונג, װאָס האָבן באַדאַרפט אונטערזוכן דאָס האַרץ און די לונגען...

— אױסטאָן זיך ביז אין דער העלפט! — איז געפאַלן אַ באַפעל... אַ נײע נשמה האָט מען מאַרקאָן אַרײנגעזעצט. ער האָט זיך שנעל אױסגעטאָן גלײך אַרײנגעגאַנגען אױף דער קאָמיסיע...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אָנגעקומען פאָרשטײער פון די „אומשולונגס-װאַרשטאַטן“, כּדי אַװעקצונעמען זײערע „ראַסיקע“ שילער...

— איר װעט איצט קריגן בעצוג-שײנען, איר זאָלט אײך קאָנען איבערטאָן אין ציװילע קלײדער, אָבער צוערשט מוזט איר ענדיקן די שולע! — האָט מען די געפאַנגענע דערקלערט. 150 מאַן פון אײך װעלן פאָרן אין אַ שולע קײן װינער-נױשטאַט, און 60 — קײן סאַנקט-פעלטן-פּיהױפן, אױך אין אַזאַ שולע... — די שולע װעט דױערן אַ האַלב יאָר — האָט װײטער געזאָגט דער קאָמענדאַנט — איר פאָרט דערװײל איצט נאָך אין אײערע מונדירן פון דער געפאַנגענשאַפט. איר װעט דאָרט שױן באַקומען שײנען, כּדי איר זאָלט קאָנען גײן אין שטאָט אַרײן װי פרײע מענטשן. איר װעט זיך דאָרט לערנען, אױף פרעזער, מעכאַניקער, טאָקער און שלאָסער. דאָס איז שױן פון אײך אַלײן אָפּהענגיק, צו װאָס איר װעט זיך בעסער טױגן. װען איר װעט די שולע ענדיקן, װעט איר גײן אין די פאַבריקן אַרבעטן. איר װעט קאָנען חתונה האָבן מיט דײטשישע מײדלעך, אַרײנטרעטן אין דער דײטשישער אַרמײ, װי אױך בלײבן װױנען אין דײטשלאַנד. נאָך דער דאָזיקער גאַנצער רעדע, האָט מען אָנגעהױבן די געפאַנגענע — איצט שױן „ראַסיקע“ אַריער — אױסטײלן אין 2 גרופּן. אײנע פון 150 מאַן און די צװײטע — פון 60. מאַרקאָ איז צוגעטײלט געװאָרן צו דער גרופּע פון 60 מאַן, װאָס האָבן געדאַרפט פאָרן קײן סאַנקט-פעלטן-פּיהױפן... צו מאַרקאָס גרופּע איז גלײך צוגעקומען דער פאָרשטײער פון דער שולע אין

סאַנקט=פּעלטן, באַגריסט זיי מיט „הייל־היטלער!“ און באַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אים פון היינט אָן אויך אַזוי באַגריסן. — עס איז אייך שוין צוגעטיילט געוואָרן דער גרויסער כבוד, אַלס „ראַסיקע“ אַריער, אַז איר מעגט שוין אויך מיט דעם היטלער=גרוס זיך באַנוצן. — מיין נאָמען איז מאַקואַרד — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. מאַקואַרד איז געווען דער זון פון דעם הויפּט=לייטער פון דער שולע אין סאַנקט=פּעלטן און גלייכצייטיק זיין פאַרטרעטער. — ווער שפּריכט פון אייך הויטש? — האָט מאַקואַרד געפרעגט.

— מאַרקאָ! מאַרקאָ! — האָבן אַלע אָנגעהויבן צו רופן.

— וועלכער איז דער מאַרקאָ? — האָט מאַקואַרד ווייטער געפרעגט.

— טוי! טיי! — האָט אָנגעוויזן דאַנילוק אויף מאַרקאָן.

— ביטע, טרעטן זי אַוס! — האָט מיט אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט מאַקואַרד.

— וואָס זענט איר פון באַרוף? — האָט ער געפרעגט.

— אַ סטודענט פון מעדיצין! — האָט געענטפערט מאַרקאָ. דער שול=לייטער האָט גלייך גענומען בלעטערן די אַקטן פון זיין גרופּע. — דאָ איז פאַרשריבן, אַז איר זענט אַ שלאָסער! — יאָ — האָט זיך פאַרענטפערט מאַרקאָ — איך בין געווען אַ סטודענט און נישט געהאַט קיין געלט צו ענדיקן די שטודיעס און געמוזט גיין זיך לערנען אַלס שלאָסער. — נו, אויב אַזוי, איז גוט. — פון היינט אָן וועסטו זיין דער פירער פון דיינע לאַנדסלייט און גלייכצייטיק דער פאַרמיטלער צווישן זיי און דער אָנפירונג פון דער שולע. אַלזאָ, מאַכט גרייט די זאַכן, נעמט אַלץ צונויף, ווייל אין 2 שעה אַרום מאַרשירן מיר אָפּ צום צוג. — נאַ, אָט האָסטו אַ ליסטע פון אונדזער שולע און רעגיסטריר גלייך אַלע נעמען, כדי מען זאָל אויפן וועג נישט דאַרפן מער אַרויסציִען די עווידענץ=אַקטן.

מאַרקאָ האָט גלייך געמאַכט אַ ליסטע פון די 60 מאַן. זיך האָט ער אַריינגעשטעלט אַלס 37=טער, לויטן אַלפאַבעט. די חברים האָבן זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען מיט די איבעריקע געפאַנגענע.

— איר זייט גליקלעכע מענטשן! — האָבן די איבערגעבליבענע געזאָגט — איר וועט זיך ווייניקסטנס כאָטש אָנעסן צו דער זעט...

גענוי אין צוויי שעה אַרום איז געקומען מאַקואַרד און דערקלערט, אַז די גרופּע פאָרט קיין סאַנקט=פּעלטן=פּיהויפּן. נישט ווייט פון ווין, געוועזענער עסטרייכישער געביט, היינט דייטשלאַנד.

די 60 מאַן, „ראַסיקע“ אַריער האָבן צו פיר אין אַ ריי פאַרלאָזט דאָס געפאַנגען=לאַגער סטאַלאַג B VIII לאַמסדאָרף...

קאַפּיטל 17

די „אומשולונג" אין סאַנקט־פּעלטן־פּיהויפן, אוסטינשטראַסע 101

אין דער שולע האָט מען די אוקראַאינער גלייך אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הויכן פּאַרטער רעכטס פון אַריינגאַנג. יעדער האָט באַקומען אַ באַזונדער בעטל מיט אַ שטרוי־זאַק אין אַ קאַץ. אין מיטן זאַל זענען געשטאַנען לאַנגע טישן און פון ביידע זייטן בענק. מען האָט זיי אויך צוגעטיילט באַזונדערע שאַפקעלעך — אויף ברויט און פּראָדוקטן, און די אונטערשטע טיילן — פאַר קליידער. די שולע האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער געביידע. פון פראָנט האָט אַראָפּגעשיינט אַ שילד: „אַרבייטס־געמיינשאַפט אייזן אונד מעטאַל אין דער דויטשער אַרבייטס־פראָנט"; און איבער דער שילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ ציינעק ראָד, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער האַקנקרייץ. רעכטס פון דער שולע איז געווען אַ גרויסער באַרג, און ווייטער האָט זיך געצויגן אַ וועלדל, וווּ די אוקראַאינער פלעגן נאָך דער אַרבעט אַרומשפּאַצירן, אָדער זיך אויסלייגן און זינגען לידער. לינקס פונעם אַריינגאַנג אין דער שולע איז געווען דאָס ביוראָ פונעם הויפּט־לייטער פון דער שולע, דער אַלטער מאַקוואַרד און זיין סעקרעטאַרין, מאַריאַ שעפּבעק. ווייטער האָט זיך געצויגן אַ גרויסער זאַל מיט הויכע פענצטער, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען פאַרשידענע מאַשינען: בויער־מאַשינען, פרעזער־מאַשינען, פרעס־מאַשינען, הובל־מאַשינען און אַנדערע. צוזאַמען מיט די אוקראַאינער האָט דאָרט אויך געוווינט אַ טשעכישער דייטש, בעם — דער וועכטער פון דער שולע.

אין דער פרי, גלאָך פרישטיק, האָט זיך די גאַנצע קאָמפּאַניע פאַרזאַמלט אונטן אין גרויסן זאַל. פון איין זייט זענען געשטאַנען די שילער, און פון דער צווייטער זייט די מייסטער מיטן אינזשעניער מאַקוואַרד און געוואַרט אויפן הויפּט־לייטער פון דער שולע, דעם אַלטן מאַקוואַרד. פּינקט־לעך 8 אַזייגער איז אַריינגעקומען דער לייטער פון שולע.

— הייל היטלער, קאַמעראַדן! — האָט ער אַלעמען באַגריסט, אויס־

שטרעקנדיק די האַנט אין דער הויך. די דײַטשן האָבן געענטפֿערט: הייל היטלער! אָבער די אוקראַינער זענען געשטאַנען און געשוויגן.

— קאַמעראַד מאַרקאָ! — האָט דער לײַטער מאַקואַרד זיך געוואָנדן צו מאַרקאָן — ביטע זאָגט אײַערע קאַמעראַדן, אַז איך ווינטש מיר, זיי זאָלן מיך אויך אַזוי באַגריסן. מאַרקאָ האָט גלײַך איבערגעזעצט מאַקואַרדס פֿאַרלאַנג. דאַן האָט מאַקואַרד איבערגעחזרט די באַגריסונג, און די אוקראַינער האָבן געענטפֿערט מיט אַ קאָמישן „הייל היטלער!“, אַז די מײַסטער האָבן איראָניש געשמייכלט. אָבער דער שטרענגער בליק פֿון דעם בעטריבס־לײַטער האָט זיי אַלע גלײַך באַרויקט און זייערע פּנימער זענען געוואָרן תּיכּף ערנסט. דער אַלטער מאַקואַרד האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין ווידערשפּעניקייט. זײַן וואָרט איז געווען פֿאַר יעדן אַ באַפֿעל. אפילו זײַן פֿאַרטרעטער — דער אייגענער זון — האָט גענוג געהאַט איין בליק פֿון דעם אַלטן, אַז ער זאָל בליץ־שנעל אויספֿירן אַלע זײַנע באַפֿעלן. נאָך דער גאַנצער צערעמאָניע האָבן די מײַסטער יעדן איינעם צוגעטיילט צו אַ באַשטימטער מאַשין.

דאָס איז נאָר דערווײַל — האָבן זיי געזאָגט — ווען מיר וועלן זיך אָריענטירן אין אײַערע פֿעיִקייטן, וועט מען אײַך שוין צוטיילן צו מאַשינען לויט יעדנס באַרוף. מאַרקאָ, פּאַוק און לאַבאַניעץ האָבן באַשלאָסן אָנהייבן ביי די טאָקער־מאַשינען און האָבן דערבײַ געאַרבעט ביזן סוף פֿון דער שוליונג. מאַרקאָן האָט די אַרבעט אָנגעהויבן צו פֿאַראינטערעסירן.

— איך וועל זיך בײַ דער געלעגנהייט אויסלערנען אַ פֿאַך — האָט ער געזאָגט צו אמעלאַנויקן — עס קאָן אַמאָל אין לעבן צונוץ קומען. נאָך דער אַרבעט האָבן אַלע אָפּגעפּוצט די מאַשינען, אַרײַנגעלייגט דאָס ווערקצייג אין די שופֿלאָדן און צוריק אַרויפֿגעגאַנגען צו זיך אין זאַל. שבת נאָכמיטאָג האָט מען אויסגעטיילט די ערשטע שײַנען אויף צו גיין זונטיק אין קינאָ אַרײַן. מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג האָט די ציוויל־באַפֿעלקערונג געקוקט אויף די געפֿאַנגענע, וואָס שפּאַצירן פֿראַנק און פֿרײַ אַרום איבער דער שטאָט אָן שומרים, און גייען נאָך דערצו אין קינאָ אַרײַן... עס איז אָבער באַלד געוואָרן אויפֿגעקלערט, אַז דאָס זענען ראַסיקע קאַזאַקן, וועלכע האָבן דאָס רעכט גלײַך ווי די דײַטשן, אַפֿילו מיט דײַטשישע מיידלעך חתונה צו האָבן. די מיידלעך האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזן וואַרטן. איבערהויפּט דערפֿאַר, וואָס פֿיל יונגע דײַטשן האָבן זיך געפֿונען אויף די פֿראָנטן און יעדער געזונטער בחור איז געווען מיט גאָלד צוגלײַך. דערצו נאָך קאַזאַקן...
דעם אַנדערן זונטיק איז שוין קיינער פֿון די אוקראַינער נישט געגאַנגען אין

קינאָ אַריין. אַלע האָבן שפּאַצירט מיט דייטשישע מיידלעך אין דעם וועלדל לעבן דער שולע ביז העט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין... מיט דער שפּראַך איז נאָך געווען אַ ביסל שווער, אָבער מען האָט זיך פאַרשטאַנען... נאָר ביי דער אַרבעט האָבן די מייסטער זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט די אוקראַינער, און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאַרקאָ זאָל יעדן טאָג זיי געבן אַ לעקציע דייטש אין משך פון אַ שעה, זיי זאָלן זיך אויסלערנען די וויכטיקסטע ווערטער, וואָס זענען נויטיק פאַר דער אַרבעט. אויפן צווייטן טאָג האָט מען גלייך צוגעגרייט אַ טאָוול מיט קרייד. יעדער איינער האָט באַקומען אַ העפט מיט אַ בלייפעדער און די לעקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן. מאַרקאָ האָט איצט געהאַט זייער אַ שווערע אַרבעט, ווייל יעדן אָוונט האָט ער געמוזט זיך צוגרייטן צו דער מאָרגנדיקער לעקציע. מיט דער הילף פון די מייסטער פלעגט ער יעדן טאָג זיך פאַרשרייבן די טיילן פון די מאַשינען, דאָס אַלץ איבערזעצן אויף אוקראַיניש און דערנאָך איבערגעבן אויף דער לעקציע זיינע חברים.

— בעסער לערן אונדז, ווי ס'איז אויף דייטש אַ האַנט, אַ פוס, קושן, שלאָפן! — האָט געזאָגט ווידענטשוק. — די טיילן פון מאַשינען איז נישט וויכטיק, דאָס וועלן מיר זיך שוין שפּעטער אויסלערנען.

— איך וועל אייך פאַרגלייכן! — האָט זיך געוויצלט סאַוריש — האַלב וועגן דער קונסט פון ליבע און האַלב וועגן די מאַשינען.

די שולע האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט. עס האָבן דאָ אָנגעהויבן זיך לערנען אויך דייטשישע יינגלעך צוזאַמען מיט די אוקראַינער. שפּעטער זענען אויך געקומען 5 מאַן פון קאַרפּאַטן־אוקראַינע, צווישן וועלכע עס זענען געווען: רעישע, ליבא און לעליק, וואָס האָבן תיכף אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צו אָרגאַניזירן פּרייווויליקע אוקראַינער, כדי צו העלפן היטלערן.

— געדענקט! — פלעגט ליבא זאָגן מיט אַ טאָן פון אַ גרויסן קענער — דער זיג פון היטלערן איז גלייכצייטיק אויך אונדזער זיג! נאָר ער וועט אונדז העלפן אויפשטעלן אַ „סאַמאָסטיינע אוקראַינע“. צו זיי האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן לעסיק, פורמאַן, באָיאַרסקי און אַנדערע (פורמאַן אַנדריי האָט זיך שפּעטער פּרייוויליק געמאָלדן צו דער עס־עס). דעם 27 פעברואַר 1941 איז ווידער געקומען אַ טראַנספּאָרט פון 30 מאַן, 10 אוקראַינער און 20 ווייסרוסן *). מאַרקאָ איז איצט געוואָרן אַ פירער פון אַ

* זע זייט 141

גרויסער גרופע מענטשן, אוקראַינער און ווייסרוסן. זיין אויטאָריטעט איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן. מיט אַלע פראַגן און זאָרגן איז מען געקומען צו מאַרקאָן.

— די נאַציאָנאַליסטן הייבן אָן צו פירן אַ שטאַרקע פראָפּאַגאַנדע! — האָט איינמאָל געזאָגט דענישוק צו מאַרקאָן און אמעלאניוקן — און מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען דאַרף זען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט עסטרייכישע אַרבעטער. — זאָג נאָר, מאַרקאָ — האָט זיך אָנגערופן אמעלאניוק — ווער איז געווען דער דייטש, וואָס האָט דיך פאַרטשעפּעט לעבן קינאָ?

— זיי רואיק — האָט געענטפערט מאַרקאָ — דאָס איז אַ ווילער יאַט.

— דאָס איז אפשר דער האַנס, וועגן וועלכן דו האָסט מיר דערציילט? — האָט ווייטער געפרעגט אמעלאניוק. — יאָ — האָט געענטפערט מאַרקאָ.

— איר ווייסט, חברים — האָט ווייטער פאָרגעזעצט מאַרקאָ — מיר געפעלט דער האָנפּט. דאָס איז איינער פון די בעסטע מייסטער. ווער ווייסט ווער דאָס איז? ער קאָן נאָר לפּנים טראָגן אַ האַקנקרייץ. עס איז דאָך אין עסטרייך געווען אַ שטאַרקע לינקע אַרבעטער־באַוועגונג. און היטלער האָט דאָך נישט אַלע אויסגעמאָרדעט. אַ סך האָבן זיך פאַרשטעקט, אַנדערע מאַסקירן זיך, און איבערהויפּט האָט מען היטלערן נישט ליב אין עסטרייך. — און ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם מייסטער באַוער?

— דאָס איז אַ ווילדע חיה! — האָט זיך אָנגערופן דענישוק. — ער גיט זיך נישט קיין ריר אָן דעם „הייל היטלער!“ פאַר אים האָב איך צומערהסטן מורא, נאָך מער ווי פאַר דעם יונגן מאַקואַרד. ווייל אין אים זעט מען שוין אויפן פּרצוף דעם היטלעריזם. ער קוקט דיר אַפילו נישט גלייך אין די אויגן אַריין! באַוער איז זיכער דער הייליקסטער פון די הייליקסטע...

אין קינאָ האָט שוין ווידער געוואַרט האַנס קאָטבאַוער... דאָס מאָל האָט מאַרקאָן זיך איינגעגעבן ארויסצוגנבענען זיך פונעם קינאָ און גיין מיטן קאָטבאַוערן צו אים אַהיים. די גייעסן, וועלכע מאַרקאָ האָט געהערט ביי קאָטבאַוערן, האָט ער איבערגעגעבן זיין קליינער גרופּע מענטשן, וועלכע איז געווען אָרגאַניזירט אין דער שולע, זיי זאָלן האָבן אַרגומענטן אָפּצושטויסן די אַטאַקעס פון די אוקראַינישע שאָוויניסטן.

ווי נאָר עס איז געוואָרן טונקל, פלעגט מאַרקאָ זיך אַרויסגנבענען פון דער שולע מיטן אויסרייד, אַז ער גייט כלומרשט אין קינאָ אַריין, אָבער אין דער אמתן האָט זיין וועג געפירט צו קאָטבאַוערן. האַנס פלעגט גלייך

[illegible]

V e r z e i c h n i s

der am [illegible] in der Arbeitsgemeinschaft St.Pölten, [illegible], Austinstrasse [illegible] vom Stalag I B, Hohenstein, Ostpreussen eingetroffenen 1o Ukrainer und 2o Weiss-Russen z.Umschulung a.Metall-Arbeit.

L.Nr.	Name Gef.Nr. / Beruf	geb.am u.in:	aus: Ukrainer o.W.Russe
1	Dereak Jan, 13244, Landwirt	30.5.1914 Kurban, Russland	Zapolo, Kr.Slonin Weiss-Russe.
2	Chlusewits Franciesek 10856, Schmied.	3.9.1916 Kropiwisca, Wolkowysk	Kropiwiea, Wolkowysk Weiss-Russe,
3	[illegible] Stanislaw, 73624, Tischler,	5.11.1917 Kawczykont, Stryj	Kawczykont, Stryj Ukrainer
4	[illegible] Wladyslaw 62297, Bäcker,	23.6.1916 Bublatyn, Kowel	Bublatyn, Kr.Kowel Ukrainer,
5	Filipow Jakob, 66224, Landwirt,	27.12.1916 Blaszyski, Braslau,	Blaszycki, Braslau Weiss-Russe,
6	Halisiw Andrej, 13175, Tischler	1.9.1914 Dobrzany, Stryj	Dobrzany, Kr.Stryj Ukrainer.
7	[illegible] Wladyslaw 63206, Arbeiter,	3.4.1911 Krasnow	Grodno, Bialostok- Weiss-Russ [illegible]
8	Klimczyk Basyli, 6830, Landwirt	15.1.1904 Siwka, Kalusz,	Siwka, Kr.Kalusz Ukrainer,
9	Kot Wladyslaw, 13202, Schneider	10.11.1918 Mastelery, Grodno	Mastelery, Grodno Weiss-Russe,
10	Kozlowicz Piotr, 36643, Fleischhauer	17.7.1914 Worobiewicze-Duze,	Worobiewicz-Duze Weiss-Russe,
11	[illegible] Viktor, 65324, Guts-Insp.	16.6.1914 Horani, Dziana,	Krukowszczyzna, Weiss-Russe,
12	Krawiec Aleksander, 73440, Schuster,	12.9.1914 [illegible], Rudki	Koropce Kr.Rudki Ukrainer,
13	Lapinski Antoni, 20996, Landwirt,	27.10.1918 Losowo, Sokolka,	Losowo, Sokolka Weiss-Russe,
14	Lisowski Konstanty, 62947, Gärtner,	13.1.1920 Dolny-Snow,	Dolny-Snow, Niewiez Weiss-Russe,
15	Nowik Michael, 53208, Schuster,	14.6.1915 Porzecze, Pinsk	Porzecze, Kr.Pinsk Weiss-Russe
16	Nowik Teodor, 15623, Landwirt,	8.6.1911 Koladycze, Wolkow,	Koladycze, Kr.Wolkow Weiss-Russe,
17	Piddubna, Wustachy, 65941, Landwirt,	20.11.1913 Kujdanow, Buczacz	Kujdanow, Buczacz Ukrainer,

- 2 -

רשימה פון ווייסרוסן און אוקראַינער, אָנגעקומענע אין שולע

אַרויסשיקן זיין פרוי, זי זאָל אַכטונג געבן, צי מען הערט נישט אויף דער גאַס דאָס קול פונעם אויסלענדישן זענדער... האַנס האָט געגעבן אינסטרוקציעס מאַרקאָן, וואָס ער זאָל טאָן, כדי צו באַקעמפן די שאָוויניסטישע איינפלוסן פון דער גרופע לעסיק און ליבא, און ווי אַזוי צו פאַרשפרייטן די ידיעות פונעם אויסלענדישן זענדער. דאָס קליינע קעמערל האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט, עס זענען צוגעקומען: דאַנילוק, סאָראָקאַ, זאַרעמסקי און פריבאָרקא. מאַרקאָ האָט אויך געבעטן, אַז האַנס זאָל זיך דערוויסן ווער דאָס איז דער מייסטער ראָנפט.

ווי עס האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן, האָט האַנס קאַטבאַוער באַקומען אַ באַפעל פון דער פאַרטיי אָנצוקניפן אַ קאָנטאַקט מיט די אוקראַאינער פון דער שולע...

די שולע האָט מען נישט צורו געלאָזט. אַלע מאָל זענען געקומען פאָרשטייער פון פאַרשידענע פאָליטישע גרופירונגען, וועלכע זענען איצט געווען אין דייטשלאַנד, און אַגיטירט אַריינצוטרעטן אין זייערע רייען. יעדן איינעם פון אַזעלכע פאָרשטייער האָט דער לייטער גלייך אָפגעשיקט צו מאַרקאָן. מאַרקאָס אויטאָריטעט ביים אַלטן מאַקואַרד זינט ער האָט אָנגעהויבן לערנען די אוקראַאינער דייטש — איז זייער געוואַקסן. אָבער וואָס מער דער אַלטער מאַקואַרד האָט מאַרקאָן ליב באַקומען, אַלץ גרעסער איז צו אים געוואַקסן די שנאה פונעם יונגן מאַקואַרד. אַ גרויסע ראָל האָט דאָ געשפילט דער פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַליסטן לעסיק מיכאַל, וועלכער פלעגט צוזאַמען מיט פורמאַנען מסרן די חברים פאַר דעם יונגן מאַקואַרד. איינמאָל נאָך אַ פאָליטישער דיסקוסיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אויבן אין זאַל, איז מאַרקאָ גערופן געוואָרן צום יונגן מאַקואַרד, וועלכער האָט אים גלייך דערקלערט, אַז אים איז באַוווּסט, אַז ער פאַרנעמט אַ לינקע שטעלונג אין די פאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס קומען פאָר צווישן די אוקראַאינער. מאַרקאָ האָט אין דעם זעלבן אָוונט צוזאַמענגערופן דאָס קעמערל און זיי דאָס אַלץ איבערגעגעבן.

— מען מוז אויף אַ צייט איבעררייסן די דיסקוסיעס! — האָט געזאָגט דענישוק — ביז מיר וועלן נישט וויסן, ווער עס זענען די מוסרים. און די ידיעות פונעם ראַדיאָ וועלן מיר נאָר איבערגעבן די נאָענטסטע מענטשן.

— איך האָב אַ פאָרשלאָג, אַז מאַרקאָ זאָל זיך אָנהייבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער סעקרעטאַרין פונעם שול-לייטער — האָט געזאָגט דאַנילוק. — איך האָב שוין עטלעכע מאָל באַמערקט, ווי זי קאָקעטירט אים,

בעת זי דערלאַנגט אים אַ ליסטע אָדער אַנדערע באַפעלן; פונעם אַלטן. איך מיין, אַז מען קאָן זיך פון איר אַ סך דערוויסן.

דער פאָרשלאָג איז נישט געווען קיין שלעכטער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך מאַרקאָ פון מיצין דערוווּסט, אַז דער יונגער מאַקוואַרד האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיטן אַלטן וועגן אים. מיט גרויס שרעק האָט מיצי אים איבערגעגעבן, אַז דער יונגער מאַקוואַרד האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אים, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, און אַז לעסיק מיט פורמאַנען האָבן אים דערציילט וועגן די דיסקוסיעס, וואָס קומען פאָר איעדע נאַכט אויבן אין זאַל. נאָר דער אַלטער — האָט מיצי דערציילט — האָט אין דעם אַלעמען נישט געוואָלט גלייבן. — מאַרקאָ איז צו אָנשטענדיק, צו זיין אַ קאָמוניסט — האָט ער דערווידערט — לעסיק מיט פורמאַנען זענען ליגנערס — האָט ער געזאָגט.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט קאַטבאַוער איבערגעגעבן מאַרקאָן, אַז צום מייסטער ראַנפט קאָן מען האָבן דעם גרעסטן פאַרטרויען, אַז ער זאָל אין דעם נישט צווייפלען, ווען אַפילו ער וועט אים זען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון אַן עס-עס-מאַן. דאָס קעמערל האָט באַשלאָסן, אַז דעם קאָנטאַקט מיט קאַטבאַוערן זאָל האָבן מאַרקאָ און מיטן מייסטער ראַנפט — אַמעלאַניוק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ראַנפט האָט אויף אַ קול אַלע זאָלן הערן אַרויסגערופן אַמעלאַניוקן אַלס זיין בעסטן שילער און אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף מיטאָג. די שנאה פון דעם יונגן מאַקוואַרד צו מאַרקאָן איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן. די געשפּרעכן אין דער קאַנצעלאַריע האָבן נישט אויפגעהערט. אָבער דער אַלטער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן, און דאָס האָט, נאָך מער אויפגערעגט דעם יונגן מאַקוואַרד.

די גאַנצע אָנפירונג פון דער שולע איז געווען באַהערשט פון טרויער. דער לייטער האָט מיט אַ דערדריקטער שטימע באַגריסט די שילער ביים מאָרגן-אַפּעל. די אוקראַאינער האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן, ווי מיט די אויגן זיך איבערגעפרעגט: וואָס איז געשען? אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. שפּעטער איז דער מייסטער ראַנפט צוגעגאַנגען צו מאַרקאָס מאַשין און, ווי ער וואָלט כלומרשט פאַרריכט דעם טריב, שטילערהייט געזאָגט, אַז דער מייסטער באַוער איז אַריינגעפאַלן. מען האָט אים מיט נאָך עטלעכע געכאַפּט ביי אַן אַרבעט, דוכט זיך ביי אַ געהיימער דרוקעריי — און עס דראָט אים טויט-שטראָף.

— ער איז דאָך געווען אַ פאַשיסט! — האָט שטיל געזאָגט מאַרקאָ.

— ביסט זיך טועה — האָט געענטפערט ראַנפט — איך וועל דיר

שפּעטער אַלץ דערציילן. איצט קאָן איך נישט. איך שטיי שוין אַזוי אויך צו לאַנג לעבן דיר, עס קאָן נאָך ווערן אויפפאַלנד.

דער יונגער מאַקואַרד האָט איצט שוין אינגאַנצן צורו געלאָזט מאַרקאָן. ער האָט שוין געהאַט מיט זיך צו טאָן...

— זע — האָט דער אַלטער מאַקואַרד געשריגן אויף זיין זון — אַזאַ אומשטענדיקן מענטש, ווי מאַרקאָן באַליידיקסטו, און דיין ליבן פּאַרטרעטער האָסטו גאָרנישט געקענט... לעסיק מיט פורמאַנען זענען אויך קאָמוניסטן, אַזוי ווי דיין מייסטער באַוער, און דערפאַר רעדן זיי שלעכטס אויף מאַרקאָן.

* * *

מאַרקאָ האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן קלערן וועגן זיין היים. שטייענדיק ביי דער מאַשין האָט ער אָן אויפהער געטראַכט: ווו זענען איצט מיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער, קלאַרע? צי האָבן זיי וואָס צו עסן?... פון פוילן זענען אָנגעקומען זייער שלעכטע ידיעות: די היטלעריסטן שלאָגן און הרגענען ייִדן אויף די גאַסן; מען פירט זיי צו די שמוציקסטע אַרבעטן, ייִדן טאָרן נישט גיין אויף די טראָטואַרן.

אָפט פלעגט איצט די סעקרעטאַרין מיצי אַרויסרופן מאַרקאָן אין דער קאַנצעלאַריע ער זאָל איר אויפקלערן ווי אַזוי מען שרייבט אַ געוויסן נאָמען אָדער שטאָט אין אוקראַינע, אָדער בכלל העלפן מאַכן ליסטעס פון די שלאָסער, פרעזער, טאָקער אאַוו. פאַרבלייבנדיק איינמאָל מיט אים אַליין, האָט זי אים פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו שטענדיק אַזוי טרויעריק, צי האָסטו איבערגעלאָזט אַ פרוי אין דער היים?

— איך האָב געהאַט אַ גוטע פריינדין, און איצט ווייס איך איבערהויפּט נישט, ווו זי געפינט זיך.

— איך וועל דיר העלפן אויפזוכן — האָט מיצי פאָרגעלייגט.

— און דו ווערסט נישט זיין אייפערזיכטיק? — האָט מאַרקאָ שפּאַסיק געפרעגט.

מיצי האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט.

— דו קאָנסט שרייבן אויף מיין פּריוואַטן אַדרעס, אויב דו ווילסט נישט, אַז די בריוו זאָלן קומען אין שולע אַריין...

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. נאָך אַנטשטאָט קלארא טאַבאַק, האָט ער געשריבן קאַטערינע טאַבאַקאָ. דער גורל האָט געוואָלט, אַז די שוועסטער קלאַרעס, זוניע, האָט געהאַט אַ באַקאַנטן אויף דער פּאָסט אין

מאַרטאַקוו, און זעענדיק דעם נאָמען טאַבאַקאַ, האָט ער גערעכנט אַז עס איז אַ טעות און דעם בריוו איבערגעגעבן קלאַרען, וועלכע האָט גלייך דערקענט שלמהס האַנטשריפט און פאַרשטאַנען דעם טייטש פון „מאַרקאָ טימאָפיעי". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער היים. מיט דער הילף פון פאַרשידענע נעמען און אויסטראַכטונגען פלעגט קלאַרע מיטטיילן וואָס עס הערט זיך ביי איר און ביי אים אין דער היים. מאַרקאָ פלעגט שוין אויך אַריינקומען צו מיצין אַהיים...

— זאָג מיר, מאַמאַס, — אַזוי האָבן מאַרקאָן אויך שפּעטער גערופן די אַנדערע דייטשן, מיט וועלכע מאַרקאָ איז געווען באַפריינדעט — ביסטו טאַקע אַ קאָמוניסט? — מיר מעגסטו זאָגן. דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל דיך נישט פאַרראַטן.

מאַרקאָ האָט זיך צעלאַכט: ווי איך זע האָט די אַגיטאַציע פון דעם משוגענעם מאַקוואַרד אויף דיר שוין געווירקט.

— גיי שוין, מאַמאַס, איך האָב בלויז געשפּאַסט. אויך דער אַלטער לאָזט אויף דיר קיין שלעכט וואָרט נישט רעדן.

אינגאַנצן זיכער האָבן זיך די אוקראַאינער אָנגעהויבן פילן, ווען זיי האָבן באַקומען די באַשטעטיקונגען אַלס באַפרייטע פון דער קריגס־געפאַנגענשאַפט, אין וועלכע עס איז אויך געווען אַריינגעטראָגן דער נומער פון זייערע לעגיטימאַציעס מיט וועלכער יעדער האָט זיך געקאָנט לעגיטימירן. אַ טייל האָט אויך פאַרלאַנגט מען זאָל זיי צוריקגעבן זייערע דעפּאָזיטן, וועלכע מען האָט ביי זיי צוגענומען, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. מאַרקאָ האָט געמאַכט איצט אַ ליסטע פון די אַלע, וואָס האָבן געהאַט דעפּאָזירט אין לאַגער געלט, ווערטפולע חפצים, און די ליסטעס אַרויסגעשיקט אין לאַגער לאַמסדאָרף „סטאַלאַג 8 בע". ווי דאַנקבאַר זענען די אוקראַאינער געווען מאַרקאָן, ווען זיי האָבן ווירקלעך אָנגעהויבן צוריקבאַקומען זייערע דעפּאָזירטע זאַכן און געלט.

אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג איז געווען פאַר די אוקראַאינער און אַ גרויסע פרייד פאַר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דער שולע איז געקומען אַ פאָרשטייער פון אוקראַאינישן נאַציאָנאַליסטישן קאָמיטעט, פּאָווישיק, מיטן ציל צו ווערבירן פאַר דער נאָך דעמלט אין געהיים אָרגאַניזירטער אוקראַאינישער אַרמיי, וועלכע זאָל קעמפן אויף דער זייט פון היטלערן א. נ. „ס. ס. — גאַליציען".

פּאָווישיק האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס קאָנסול פון דער „סאַמאָסטינער אוקראַאינאַ", וואָס וועט אין קורצן אויפשטיין מיט דער הילף פון היט־

לערן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ הויכן גאַסט האָט דער שול־לייטער זייער פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט געשיקט נאָך מאַרקאָן און אים פאָרגעשטעלט אַלס פירער פון די אוקראַינער און ווייסרוסן פון דער שולע.

פאָווּשיק, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ אוקראַיִנישן פירער, האָט מיט אים גלייך אָנגעהויבן רעדן צו דער זאַך...

— אונדזער ציל — האָט פאָווּשיק געזאָגט — איז צו אָרגאַניזירן אַן אוקראַיִנישע אַרמיי, וועלכע וועט קעמפן אויף דער זייט פון אַדאָלף היטלערן קעגן — „זשידיוו, מאָסקאַליוו אי ליאַכיוו"... דאָס זאָג איך אייך שטרענג פאַרטרויִלעך, ווייל דאָס איז נאָך אַלץ אין געהיים. זייט ווּיסן, אַז מען גרייט שוין צו דעם קריג קעגן די באָלשעוויקעס... אָבער דערמלט — האָט ווייטער געזאָגט פאָווּשיק—מוז שוין אונדזער אַרמיי זיין אויסגעשולט און האָבן אירע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן... האָט איר מיך פאַרשטאַנען?...

— אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען! — האָט קורץ געענטפערט מאַרקאָ.

דער שמועס האָט נאָך לאַנג געדויערט...

מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פולן קאָפ. ער איז געווען ווי שיכור...

— וואָס ביסטו עפּעס, מאַרקאָ, הייַנט אַזוי צעטראָגן? — האָט געפרעגט אמעלאַניוק — ווידער שלעכטע נייעס?

מאַרקאָ האָט אים געהייסן צונויפרופן די גאַנצע גרופּע און ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם שמועס מיט פאָווּשיקן.

— איך קאָן דאָס נישט גלייבן — האָט אויסגערופן דאַנילוק — אַ קריג מיט רוסלאַנד?! — צי האָסטו גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט?

— איך גלייב, אַז מאַרקאָ איז נישט געווען שיכור — האָט געזאָגט פריכאָדקאָ.

— וואָס איז דאָ אַ סך צו שמועסן — האָט גענומען אַ וואָרט אמעלאַניוק — מען מוז זיך ווי צומשנעלסטן שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן סאָוועטישן קאָנסולאַט אין ווין און פרעגן וואָס מיר האָבן ווייטער צו טאָן. עס גייט נאָר אין דעם, ווי אַזוי קאָן מען אַהין קומען און ווער...

— איך בין דערפאַר — האָט געזאָגט סאָראָקאַ — אַז פאָרן זאָל מאַרקאָ. ער קען דייטש, וועט ער זיך קאָנען דורכשוואַרצן אויף דער באַן. און אפשר וועט אים געלונגען צו באַקומען פון לייטער אַ רייזע־שיין?

— איך בין אויך ביי דער זעלבער מיינונג — האָט צוגעגעבן דעני־

שיק — געלט וועלן מיר זיך אַלע צוזאַמענלייגן. איך וועל אויך אויסלייען אַ לעדערנע קורטקע בײַ מײַן דײַטשישן מיטשילער. אַזוי אַז ער וועט קאָנען פֿאָרן ווי אַ ציווילער.

— חברים, איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר שטעלט אײַך דאָס אַלץ פֿאָר — האָט געזאָגט מאַרקאָ. — עס איז לײַכט צו זאָגן: אַ קורטקע, געלט, אַ רייזע-שײַן — וואָס האָב איך צו טאָן, אַ געפֿאַנגענער, אין ווין? און וואָס זאָל איך זאָגן דעם שול-ליימער, כּדי ער זאָל מיר געבן אַ רייזע-שײַן?

— איך האָב אַ פּלאַן — האָט געזאָגט אָמעלאַניוק, — זאָג דעם אַלטן, אַז דו ווילסט זען ווי עס זעט אויס די שולע אין וויִנער נוישטאַט. דער אַלטער וועט באַשטימט אויך זײַן נײַגעריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן, און ער וועט דיר אַזאַ רייזע-שײַן געבן, און דו, אַנשטאָט צו פֿאָרן קיין וויִנער נוישטאַט — וועסטו פֿאָרן קיין ווין!...

— איז שוין בעסער צו פֿאָרן אי קיין וויִנער נוישטאַט און אי קיין ווין — האָט געזאָגט מאַרקאָ. — איך וועל דאָך מוזן דעם אַלטן אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט, ווי עס זעט אויס אין דער נוישטאַטער שולע?

— ריכטיק! — האָבן אַלע אײַנגעשטימט.

דעם צווייטן טאָג האָט מאַרקאָ געבעטן מיצין, ער זאָל דעם אַלטן אונטערדרוקן אַ פּלאַן, ער זאָל אים אַרויסשיקן קיין וויִנער נוישטאַט געווויר ווערן, ווי עס זעט אויס בײַ די דאָרטיקע אוקראַיִנער און ווי זיי לערנען זיך... דעם אַלטן איז דער פּלאַן זייער געפֿעלן. און מאַרקאָ האָט געקריגן אַ רייזע-שײַן אויף 2 טעג.

די חברים האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט דאָס געלט... דענישוק האָט באַזאָרגט די לעדערנע קורטקע, און אויף דעם דריטן טאָג איז שוין מאַרקאָ געזעסן אין צוג, וואָס האָט געפֿירט קיין ווין...

קאַפּיטל 18

אין סאָוועטישן קאָנסולאַט אין ווין

דער צוג איז שנעל געפאָרן. די פרילינג-זון האָט אַריינגעלויכטן דורך די פענצטער פון דעם וואַגאָן. מאַרקאָ האָט אויסגעשטעלט זיין פנים צו דער זון, ווי זוכנדיק ביי איר אַ טרייסט אין זיין שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער מיסיע... און טאָמער וועט מען אים כאַפּן? — האָט ער געטראַכט. דער קאָנסולאַט איז באַשטימט באַוואַכט פון היטלעריסטישע שפּיצלען און געהיים-אַגענטן... ער געדענקט דאָך, ווי עס איז געווען אין פוילן, צום ביישפּיל, אין לעמבערג, אויף ביעלאַקאַ, ווו עס האָט זיך געפונען דער סאָוועטישער קאָנסולאַט... אָבער זיין איצטיקע מיסיע איז זייער אַ וויכטיקע, אים טאָר גאָרנישט אָפּשרעקן. שנעל אַריבער די גאַס און, נישט אומקוקנדיק זיך, גלייך אַריינגיין אין דער געביידע פון קאָנסולאַט. — האָט מאַרקאָ ווייטער געטראַכט. — אָ, דאָס דאַרף מען אים שוין נישט לערנען... נישט אומזיסט איז ער דאָך געווען אַ טעכניקער אין דער קאָמוניסטישער יוגנט-פּאַרטיי... ער מוז די מעלדונג איבערגעבן דעם קאָנסול, אַז זיי פּלאַנירן אַן איבערפאַל אויף דעם לאַנד פון זיינע טרוימען... פאַר אַזאַ אויפגאַבע איז אַפילו נישט קיין שרעק צו שטאַרבן...

— פאַרקאַרטען ביטע! — האָט אים דאָס קול פון דעם קאָנדוקטאָר אַרויסגעשלאָגן פון זיינע געדאַנקען. מאַרקאָ האָט דערלאַנגט זיין בילעט.

— אָ, אַ קריגס-געפאַנגענער פון דער אומשולונג...

— קיין קריגס-געפאַנגענער! — האָט מאַרקאָ שאַרף געענטפערט — אַן אוקראַינער, אַרויסציענדיק זיין אויסווייז מיט דעם רייזע-שיין... נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון דער האַנט. — דאַנקע, דאַנקע! — האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן דער קאָנדוקטאָר, ווילנדיק אָנקניפּן מיט מאַרקאָן אַ שמועס, האָט ער מיט נייגעריקייט צוגעגעבן: — קיין ווין? — ניין, — האָט מאַרקאָ קורץ געענטפערט, כדי אָפּצוהאַקן דעם שמועס...

— אָ, שוין נישט ווייט — האָט ווייטער געזאָגט דער קאָנדוקטאָר — נאָך אַ האַלבע שעה און מיר זענען אין ווין! — און דאַן וווהין? — האָט ער ווייטער געפרעגט... מאַרקאָ האָט נישט געענטפערט. — עס איז נישט דיין זאַך — האָט ער געטראַכט — וווהין איך פאָר. דער קאָנדוקטאָר האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער. — פאַרקאַרטען ביטע! — האָט זיך פונדערווייטנס געהערט זיין קול.

מאַרקאָ האָט נישט איינמאָל געטרוימט צו זען ווין, אָבער נישט אַזוי ווי איצט, אין אַזאַ צושטאַנד און אין אַזעלכע אומשטענדן... ער — און ווין... ער — אַלס געפאַנגענער, און די שטאָט באַזעצט פון היטלער־באַנדעס. — מאַרקאָ האָט זיך גלייך דערמאָנט דאָס ליד, וואָס מאַנעק זילבערמאַן האָט אים געלערנט אין תפיסה: „לינקס! לינקס! אונד לינקס! דער ראָטער וועדינג מאַרשירט... איצט איז אַ תפיסה פאַר מיר די אַרומיקע וועלט — האָט מאַרקאָ געטראַכט...

— ווין! אויסשטייגען! — הערט זיך דאָס רופן פון די קאָנדוקטאָרן...

מאַרקאָ איז שנעל אויסגעשטיגן פונעם צוג... עס האָט אים געגעבן אַ טיאָכקע ביים האַרצן... דער וויענער באַנהאָף!... גלייך ווי אין דער היים, אין לעמבערג... ער האָט זיך געלאָזט גלייך מיט די ערשטע בעסטע גאַסן זוכן אַ טעלעפאָן־בודקע... יאָ... עס איז דאָ... די סאָוועטישע געזאַנדשאַפט... מיט דעם „נול־וואַגען" איז ער געפאָרן צו זיין ציל... אַריבערגייענדיק שנעל די גאַס, ווי ער וואָלט שוין געקענט יעדעס שטיינדעלע, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער געביידע פון קאָנסולאַט... אין וואַרטע־צימער זענען שוין געזעסן אַ סך מענטשן... מאַרקאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט, וואַרטנדיק אויף זיין ריי...

— ביטע, גייען זי אַריין! — האָט זיך געווענדעט צו מאַרקאָן אַ מיטאַרבעטער פון קאָנסולאַט.

— איך דאַרף צום קאָנסול פערזענלעך — האָט זיך אָנגערופן מאַרקאָ — איך בין אַן אוקראַינער, מיט מיר קאָנט איר רעדן אוקראַיניש.

— אַך! אַן אוקראַינער! — פראָשו, פראָשו! — האָט העפלעך געזאָגט דער מיטאַרבעטער פון קאָנסולאַט, ווייזנדיק מיט אַ פריינדלעכן זשעסט מאַרקאָן די טיר צום קאָנסול.

— ביטע, פאַרנעמט פלאַץ — האָט זיך דער קאָנסול געווענדעט צו מאַרקאָן אויף רוסיש. מאַרקאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט נאָענט פון דער אַנדערער זייט שרייבטיש... — איך קאָן נישט קיין רוסיש — האָט מאַר־

קאָ ווי פאַרשעמט געזאָגט. איך רעד אוקראַיניש, ווי מען האָט גערעדט אין מערב־אוקראַינע. איך רעד אויך דייטש...

— רעדט ווי אַזוי עס איז אייך לייכטער, איך פאַרשטיי... מאַרקאָ איז גלייך צוגעטרעטן צום תוך... — איך בין אַ מיטגליד פון דער ק. פּ. ז. או... פון לעמבערג... אַ ייד... איך הייסט שלמה שטראַוס... איך לעב דאָ אויף אַ פרעמדן נאָמען. איך הייס איצט מאַרקאָ טימאָפיעי אַן אוקראַינער... אַלס פאַרוווּנדעטער בין איך אַריינגעפאַלן אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט. — דער קאָנסול האָט גענומען אַ בלייער און אַלץ פאַר־נאָטירט. — איך וווין אין סאַנקט־פּעלטן אין אַן אומשולונגס־ווערקע... עס ווערט דאָרט געפירט אַ געוואַלדיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן סאָוויעטרוסלאַנד — דער קאָנסול האָט אַריינגערופן אַ צווייטן מיטאַרבעטער....

— עס קומען פאַרשידענע פאַרשטייער און אַגיטירן, מען זאָל אַריינ־טרעטן אין זייערע אָרגאַניזאַציעס — האָט ווייטער געזאָגט מאַרקאָ...

דער צווייטער האָט אויך אָנגעהויבן נאָטירן מאַרקאָס ווערטער...

— זיי דערציילן וועגן אַ הונגער אין ראַטנפאַרבאַנד...

— און וואָס זאָגט איר דערצו? — האָט דאָס ערשטע מאָל גע־שטעלט אַ פראַגע דער קאָנסול.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיר פירן אַ קעגן־אַגיטאַציע. מיר שטייען אין קאָנטאַקט מיט די דייטשישע אַרבעטער. מיר האָבן ידיעות פון סאָ־וויעטישן ראַדיאָ... ווער דער מיר? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— מיר, אוקראַינער און ווייסרוסן! — האָט מאַרקאָ געענטפערט. — מיר האָבן אפילו אָרגאַניזירט אַ קעמערל אין דער שולע... ווייזט אויס, ער האָט צו מיר קיין צוטרוי נישט — האָט מאַרקאָ געטראַכט... נו, יאָ — ער קאָן דאָך מיך נישט... אָבער, דאָס וויכטיקסטע, — האָט מאַרקאָ אונ־טערגעשטראָכן — וואָס איך בין צו אייך געקומען, איז דאָס, וואָס איך וויל אייך איבערגעבן אַ מעלדונג, אַז מען גרייט צו אַן איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד...

פון וואָס פאַר אַ קוועלע האָט איר די ידיעות?

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי עס איז געקומען אין דער שולע אַריין פּאַווליק, דער פאַרשטייער פונעם אוקראַינישן קאָמיטעט. ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס קאָנסול פון דער צוקונפטיקער זעלבשטענ־דיקער אוקראַינע. און אַגיטירט אַריינצוטרעטן אין דער אוקראַינישער אַרמיי א .ג. „עס־עס־גאַליציען“, וואָס דאַרף קעמפן אויף דער זייט פון

היטלערן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, צוגעבנדיק צום סוף, אַז דאָס איז אַ שטרענג־פאַרטרויליכע ידיעה...

— אפשר וואָלט געווען מעגלעך — האָט מאַרקאָ ווייטער געזאָגט — מיך אויסצוטוישן קיין סאָוויעטרוסלאַנד. ווייל איך בין שוין אַ ביסל דעמאַסקירט אַלס לינקער?...

— גוט — האָט געענטפערט דער קאָנסול. — ווי שזע טשלען קאָמפּאַרטי אי וואַם נאַדאַ זדיעס ראַבאָטאַט...

— איר ווייסט מיט וואָס איך קאָן אייך העלפן — האָט דער קאָנסול געזאָגט — איך וועל אייך געבן אַנקעטע־בויגנס. איר וועט זיי אויספילן און אַרויסשיקן מיט דער פּאָסט קיין מאָסקווע. אין די אַנקעטעס זאָלט איר גאָרנישט דערמאָנען וועגן פּאָליטיק — האָט דער קאָנסול אינסטרואירט מאַרקאָן, — איר זאָלט בלויז שרייבן, אַז איר ווילט פאָרן אַהיים צו אייערע עלטערן, פרויען, שוועסטער און ברידער אאַוו. און דאַן וועט איך מאָסקווע אויסטוישן. איינער פון זיי האָט באַלד אַריינגעבראַכט אַ גאַנץ פּעקל מיט אַנקעטעס, וועלכע דער קאָנסול האָט איבערגעגעבן מאַרקאָן, וויזנדיק אים פריער אַן עקזעמפּליאַר, ער זאָל זיך מיט אים גענוי באַקענען.

— איר זאָלט נישט אַריינטרעטן אין קיין שום אַרמיי — האָט דער קאָנסול אים געעצהט — אייך קאָן מען נישט נעמען מיט צוואַנג, ווייל איר זענט געפאַנגענע... איר שרייבט נאָר, אַז איר ווילט אַהיים....

איינגעפּאַקט די אַנקעטעס אין אַ פּאַפּיר און צודריקנדיק זיי ווי אַ געוואַלדיקן אוצר אונטערן אָרעם, האָט מאַרקאָ פאַרלאָזט די געביידע פון סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין ווין. אַ גליקלעכער פון אַזאַ גרויסן דערפאָלג, איז ער איצט געפאָרן גלייך קיין ווינער־נוישטאַט. דער באַזוך אין דער שולע אין ווינער־נוישטאַט איז געווען אַ גאַנץ קורצער. ער האָט זיך באַגריסט מיט זיינע חברים, אויסגעפרעגט ווי עס גייט זיי ביי דער אַרבעט, אָנגעקוקט זייערע מאַשינען און גלייך זיך געקליבן אין וועג אַריין...

די חברים אין דער שולע פון סאַנקט־פעלטן האָבן שוין געוואַרט אויף מאַרקאָן מיט גרויס אומגעדולד. אין דער לאַגע, ווען די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן פון דעם יונגן מאַקאַרד זיך שוין דערוווסט וועגן פּאָווישקן, וועלכער איז גרייט גלייך צו אָרגאַניזירן אַן אוקראַינישע אַרמיי קעגן רוסלאַנד, איז דאָס באַווייזן זיך פון מאַרקאָן געווען פאַר זיי אַ גרויסע פרייד, ווי ער וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט. מאַרקאָ האָט גלייך אָנגעהויבן בכיוון אויף אַ קול צו דערציילן, ווי אַזוי עס זעט אויס די

שולע אין ווינער גווישטאט. ווי אַזוי די אוקראַינער אַרבעטן דאָרט, ווי אַזוי זיי לעבן, וואָס פאַרא מאַשינען זענען דאָרטן דאָ, וועגן זייער וווינונג און. ווי ער וואָלט דאָרטן האָבן געוועזן צוזאַמען מיטן ווינאַרסקיסטנס אַ האַלב יאָר. זיין קאַמעראַל האָט מאַרקאָ אָפּגעגעבן אַ גענויען באַריכט פון זיין באַזוך אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין ווין. די אַנקעטעס זענען גלייך איבערגעגעבן געוואָרן די חברים פון קאַמעראַל, כדי זיי זאָלן צעטיילן צווישן אַלע חברים פון דער שולע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביי מאַרקאָן טאָר גישט בלייבן קיין איין אַנקעטע אַפילו...

— דו וועסט קריגן אַן אַנקעטע פון מיר — האָט געזאָגט אַמעלאַניוק

— דאָס וועט זיין פיל בעסער, עס וועט גישט זיין קיין שום פאַרדאַכט, פון וואַנען מיר האָבן דאָס באַקומען. די פאַנאַנדערטיילונג פון די אַנקעטעס דאַרף זיך אָנהייבן ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. מיר וועלן זאָגן — האָט צוגעגעבן פּריכאָדקא — אַז אַרויסגייענדיק פון קינאָ, האָט אונדז געטראָפן אַ מאַן, וואָס קען רוסיש און אונדז איבערגעגעבן די אַנקעטעס.

די אַנקעטעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינציקווייז... די ערשטע האָט פּריכאָדקא געגעבן סאָקאָלאָווסקין. דאַנילוק, דערציילנדיק די איבערגעמאַכטע מעשה מיטן קינאָ — האָט איין אַנקעטע געגעבן סאַווישן און איינע האַרעטשקין. סאָקאָלאָווסקי איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער און געשריגן, אַז ער טרעט גישט אַריין אין קיין שום אַרמיי, אין קיין שום אָרגאַניזאַציע, אַז ער פאָרט שוין אַהיים צו זיין ווייב און צו זיינע קינדער... אַנדערע זענען שנעל געלאָפן צום קינאָ זוכן דעם דייטש וואָס רעדט רוסיש, כדי ער זאָל זיי אויך געבן אַנקעטעס.. זאַרעמסקי איז געקומען צו לויפן בלומרשט פון קינאָ מיט אַ גרויסער פרייד, אַז ער האָט אויך געקריגן עטלעכע שטיק, און ער וועט אויך גישט אַריינטרעטן אין קיין שום אַרמיי. ער וויל אויך פאָרן אַהיים — האָט ער געזאָגט — געבנדיק גלייכצייטיק אַנקעטעס יאַרעמקין, באַיאַשן און פעדאָראָווישן... אמעליאַניוק איז צוגעקומען צו לאַבאַניעצן און צו מאַרקאָן, און זיי אויך געגעבן צו איינציקע אַנקעטעס... אַלע האָבן אָנגעהויבן אויסצופילן די פראַגע־בויגנס, נאָר די ענגע גרופּע פון לעסיקן און ליבא האָבן גענומען דראָען, אַז די אוקראַינישע אַרמיי וועט זיך ווי געהעריק אָפּרעכענען מיט די פאַרעטער, וועלכע ווילן פאָרן צו די סאָוויעטן. נאָכמער — די וואָס וועלן גישט אַריינטרעטן אין דער אַרמיי, וועט מען שטעלן פאַר אַ פעלד־געריכט אַלס פאַרעטער פון דעם אוקראַינישן פאָלק.

— הו פאַרמאַך בעסער דאָס מויל! — האָט געזאָגט סאָקאָלאָווסקי

צו לעסיקן — איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין קאָמוניסט, בין נישט איצט און וועל ווייטער נישט זיין, אָבער איך שלאָף נישט יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערער, ווי דו... איך האָב אַ פרוי מיט קינדער, צו וועלכע איך וויל פאָרן אַהיים! זאָל דאָרט אַפילו זיין דער רוח אַליין, נישט בלויז די באָלשעוויקעס...

אין דער שולע האָבן זיך איצט געשאַפן צוויי זיך באַקעמפנדיקע גרופן. איינע — אַ נאַציאָנאַליסטישע, מיט לעסיקן און ליבאָן אין דער שפיץ, וואָס האָט אַגיטירט, אַז אַלע זאָלן אַריינטרעטן אין דער נייער אוקראַינישער אַרמיי, און די צווייטע — פון מאַרקאָן, וואָס האָט געשריגן, אַז זיי האָבן גאָרנישט אויסצוזעצן קעגן דער אַרמיי, אָבער זיי ווילן פאָרן אַהיים...

אין אַ פאָר טעג אַרום האָבן שוין אַלע די, וואָס האָבן אויסגעפילט די אַנקעטעס, זיי אַוועקגעשיקט מיט דער פאָסט קיין מאָסקווע...

פון די צוויי גרופן, וואָס האָבן זיך איצט געשאַפן אין דער שולע, האָט מען אין דעם אוקראַינישן קאָמיטעט נישט געוווסט. פאָווּשיק איז אַוועקגעפאָרן אין דער בעסטער איבערצייגונג, אַז ער האָט איבערגעגעבן די זאַך פון מאָביליזירן צו דער עס־עס אין די בעסטע הענט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אין קורצן וועט דער קאָמיטעט קריגן אַ מעלדונג, אַז אין דער שולע שטייט גרייט אַ קאָמפּאַניע פון „עס־עס־האַליטשינאַ" מיט מאַרקאָ טימאָפּיעי און דער שפיץ גרייט צו קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס, אויף היטלערס זייט...

פון דעם אוקראַינישן קאָמיטעט האָט מען שוין אומעטום באַקאַנט געמאַכט, אַז פאַרשידענע ניי־יאָר־קאַרטן, הייליקע בילדער, צייטונגען, זאַמל־ליסטעס, וואָס ווערן געשיקט קיין סאַנקט־פּעלטן זאָל מען שיקן אויפן אַדרעס פונעם פירער פון די אוקראַינער און ווייסרוסן — מאַרקאָ טימאָפּיעי.. פלוצים אָבער האָט מען מאַרקאָן אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע, ער זאָל אויפקלערן די סיבה, פאַרוואָס די אוקראַינער ווילן נישט גיין אין דער אַרמיי. דער יונגער מאַקואַרד האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן, אַז מאַרקאָ איז טאַקע, ווי ער האָט געזאָגט, אַ קאָמוניסט, און לעסיק, ליבאַ, פורמאַן און זייערע אָנהענגער זענען גוטע אוקראַינער דערפאַר, ווייל זיי ווילן אַריינטרעטן אין דער אַרמיי... אָבער ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען מאַרקאָ האָט אַרויסגעצויגן אַ גאַנצן פאַק מיט הייליקע בילדער און אַ בריוו *), וועלכן ער האָט באַקומען צוגעשיקט צו פאַרשפּרייטן צווישן די אוקראַינער אין שייכות מיטן יום־טוב פאַסכאַ. מאַרקאָ האָט די קאַרטן

צוגעטראָגן דעם יונגן מאַקואַרד, זאָגנדיק דערביי: זעט, ווער עס איז אַ קאָמוניסט — איך, צי לעסיק? צי ווייסן זיי אַפּילו פון אַן אוקראַיִנישן יום־טובֿ? זיי קאָנען גאָר צעפּלאַקערן קריגערייען צווישן די חבֿרים אין דער שולע, און איר, הער אינזשיניער, העלפט זיי נאָך מיט... מאַרקאָ האָט געזען בחוש, אַז דער אַלטער איז אינגאַנצן אויף זיין זייט און ער האָט אָנגעהויבן אויפצוהייבן זיין שטימע וואָס אַמאָל העכער... מיטאַמאָל האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס מאַרקאָ וואָלט זיך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאָרגעשטעלט. דער אַלטער מאַקואַרד איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ און מיט צוויי פאַרביילטע פויסטן צו צום זון און אָנגעהויבן אַזוי צו שרייען, אַז די גאַנצע שולע האָט געהילכט: — גיי! גיי אַרויס פון דאַנען! דו ביסט אויך אַ קאָמוניסט! גלייך ווי דיין פאַרטרעטער, באַוער, און דיין לעסיק און פורמאַן! גיי אַוועק פון מיינע אויגן!... דער יונגער מאַקואַרד, אַ שטאַרק פאַרשעמטער, האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פאַרלאָזט די קאַנצעלאַריע... דער אַלטער מאַקואַרד, ציטערנדיק פאַר אויפרעגונג, איז צוגעגאַנגען צו מאַרקאָן און דריקנדיק זיין האַנט געזאָגט: — איך דאַנק אייך, קאַמעראַד מאַרקאָ, פאַר אייער געטרייער אַרבעט, פאַר דער אידעע פון אונדזער פירער!...

די חבֿרים זענען אַלע געשטאַנען בלאַס, הערנדיק די געשרייען פון דעם שול־לייטער, און נאָכמער האָט זיי באַאומרואיקט דער פאַקט, וואָס דער יונגער איז אַרויס אַזוי בייז... — ווער ווייסט, וואָס דאָרטן איז געווען — האָט געזאָגט אַמעליאַניוק צו דיגנישוקן און פריבאָריקאָן — פאַרוואָס זעט מען נישט מאַרקאָ?...

ווען מאַרקאָ האָט זיך באַוויזן אין זאַל, האָבן אַלע געווענדעט זייערע בליקן אין זיין ריכטונג. דער לייכטער שמייכל אויף זיינע ליפּן האָט בפירוש געזאָגט, אַז ער איז אַרויס אַ זיגער...

דער יונגער מאַקואַרד האָט אָבער באַשלאָסן צו נעמען נקמה פאַר דעם אַלעמען אין מאַרקאָן. די שולע איז שוין באַלד געווען צו ענדע. די סעקרעטאַרין האָט שוין אָנגעהויבן אויסצופילן די צייגענישן פאַר אַלע שילער, וועמען אַלס טאָקער, פרעזער, שלאָסער. אויף מאַרקאָס צייגעניש האָט דער אַלטער מאַקואַרד צוגעשריבן אויף דער אַנדערער זייט נאָך אַ ספּעציעלן צושריפט, וואָס איז אים זייער צוגוץ געקומען און אַפילו געראַטעוועט אין זיין שפּעטערדיקן געראַנגל.

עטלעכע טעג פאַר דער פייערונג לכּבֿוד דעם פאַרענדיקן די שולע, האָט דער יונגער מאַקואַרד צוזאַמען מיט לעסיקן און ליבאַן אונטערגע־

העצט פורמאַנען, אַז ער זאָל אונטערן תירוץ, אַז מאַרקאָ האָט אים בלומרשט עפּעס געשטערט ביי דער מאַשין, אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל. און ווירקלעך האָט פורמאַן מיט אַן אייזן אין דער האַנט זיך געוואָרפן אויף מאַרקאָן און אים אויסגעהאַקט צוויי ציין... צווישן די חברים איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. דער יונגער מאַקואַרד האָט גלייך פורמאַנען גענומען אונטער זיין שוץ. אָבער דאָ האָט שוין דער מייסטער דאָנפּט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און מיט די ווערטער: — די באַנדיט! אויסוואורף! מיט געביילטע פויסטן צו צו פורמאַנען... באַגלייט פון יונגן מאַקואַרד איז פור־מאַן אַרויס פון זאַל. אַלס שטראָף האָט דער לייטער פון דער שולע נישט איינגעאָרדנט קיין געזעגענונגס־פייערונג. לעסיקן, פורמאַנען, באַיאַרסקין און נאָך עטלעכע גלייך אַרויסגעשיקט קיין ווינער־נוישטאַט, און ערשט אין עטלעכע טעג אַרום אויסגעשטעלט פאַר די איבעריקע די צייגעניסן. און צוזאַמען מיט מאַרקאָן זיי אַוועקגעשיקט אין די „פליגער ווערקע" קיין איבערגראפענדאָרף...

קאפיטל 19

מעטאלווערק אבער־גראפען־דארף

די צענטראלע פון דער „פליגער=ווערקע“ איז איצט געווארן ווינער=נוישטאט. דארטן זענען געווען די מאנטאזשן און די פראבן פון די פארטיקע עראפלאנען. ארום זענען געווען די „צווייג=ווערקע“, וועלכע האבן געליפערט קיין ווינער=נוישטאט פארשידענע טיילן, צווישן אנדערע „צווייג=ווערקע“ איז אויך געווען אבער=גראפען=דארף. קיין אבער=גראפען=דארף זענען די אוקראאינער געפארן שוין פולשטענדיק אלס ציווילע מענטשן. זיי האבן געהאט באצוג=שיינען, פאר וועלכע זיי האבן זיך שוין איינגעקויפט ציווילע קליידער. דא האט מען זיי שוין געצאלט גלייך ווי יעדן דייטשישן ארבעטער און זיי האבן אויך געהאט דאס רעכט צו וווינען אומעטום. אין א קורצער צייט ארום האט טאקע אייגער אן אוקראאינער, איוואן רעישע, חתונה געהאט און אויף שטענדיק פארבליבן אין גראפען=דארף. לעסיק האט איצט פארלוירן דעם צווייטן פון זיינע אנהענגער. פון ארגאניזירן איצט די עס=עס צווישן די מענטשן איז שוין געווען לגמרי אויסגעשלאסן. מארקאס גרופע האט איצט אנגעהויבן צו פארטיילן די איבערגעבליבענע אנקעטעס, וועלכע זענען נאך דעם אויספילן גלייך ארויסגעשיקט געווארן קיין מאסקווע. אין אבער=גראפען=דארף האבן די אוקראאינער געהאט זייער א סך פרייע צייט אויף פארשידענע פארוויילונגען, אויספלוגן און אנדערע שפילן. מארקאס ארגאניזירטע גרופע האט באשלאסן ווייטער אנצוהאלטן דעם קאנטאקט מיט סאנקט=פעלטן. אזוי ארום איז מארקא געפארן צו קאטבאווערן און אמעלאגיוק צו ראמפן. שוין פון דער שולע פון סאנקט=פעלטן איז מארקא געקומען אהער מיט א רעקאמענדאציע פונעם לייטער צו דער אנפירונג פון „פליגער=ווערקע“. עס איז געגאנגען א ספעציעלער באגלייט=בריוו וועגן זיין טעטיקייט אלס פירער פון די אוקראאינער און ווייסרוסן, און אויך אלס גרויסער אנהענגער פון דער נאציא=

נאַל=סאָציאַליסטישער אידעע. דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די בעטריבס=פירונג האָט גלייך געגעבן אַ מעלדונג אין ווערק, אַז מיט אַלע עווענטועלע פראַגן וועגן די אוקראַאינער זאָל מען זיך ווענדן צו זייער באַשטימטן פירער מאַרקאָ טימאָפיעו. גרויס סימפּאַטיע און אויפזען האָט מאַרקאָ באַקומען ספּעציעל ביים שייגעם מין פון דער „פליגער=ווערקע“, וועלכע האָבן ספּעציעל געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו ווענדן צו אים מכלומרשט אין אוקראַאינישע פראַגן, כדי זיך צו באַקענען. די סימפּאַטיע פון פרויען האָט אים אַ סך געהאָלפן אין זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט...*)

אָפיציעל איז מאַרקאָ דאָ צוגעטיילט געוואָרן אַלס מעטאַל=אַרבעטער, אָבער דאָס, וואָס ער איז כמעט שטענדיק געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע עניינים פון זיינע לאַנדסלייט, האָט גורם געווען, אַז מאַרקאָ האָט אַ סך ווייניקער פאַרדינט ווי זיינע חברים. דעריבער האָט די אָנפירונג פון דער „פליגער=ווערקע“ באַשלאָסן אים צוצוטיילן אַ שטענדיקן מאָנאַטלעכן געהאַלט אין דער הויך פון אַ דורכשניטלעכן חודשלעכן פאַרדינסט פון די איבעריקע אוקראַאינער.

עס האָבן קיין אָבער=גראַפען=דאָרף אויך מאַרקאָס נאָמען אָנגעהויבן אָנקומען פאַרשיידענע צייטונגען: פון ווין, פון פראָג און אַנדערע שטעט; פאַרשידענע זאַמל=ליסטעס פאַר אוקראַאינישע שולן... וואָס האָט נאָך מער אויפגעהויבן זיין אויטאָריטעט און חשיבות ביי די אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער פונעם „פליגער=ווערקע“... די התונה פון רעישין מיט אַ דייטשיש מיידל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין גראַפען=דאָרף. די נאַציס זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז און אַפילו אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויף די אוקראַאינער, און הויפּטזעכלעך אויף מאַרקאָן, וועלכער האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן צוליב זיינע צווי ריזיקע וואָנצעס, וועלכע ער האָט איצט ספּעציעל זייער געפלעגט. עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון די נאַציס צו דער ווערק=ליטונג מיט דער טענה, ווי אַזוי זיי האָבן דערלאָזט צו אַזאַ שאַנדע, אַז דער אוקראַאינער רעישי זאָל הייראַטן אַ דייטשיש מיידל. די גאַנצע פראַגע איז גלייך דורך דער ווערקס=ליטונג אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס זענען ראַסיש אויסגעוויילטע און זיי האָבן דאָס רעכט צו הייראַטן מיט דייטשן. זיי ווערן אויך אין ווערק באַהאַנדלט גלייך מיט די דייטשן, באַקומענדיק די זעלבע לוינען. די איבעראַשנדיקע גייעס האָט זיך נאָך אין זעלבן טאָג פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אָבער=גראַפען=דאָרף. די נאַציס זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן מאַרקאָן צו באַגריסן. כאָטש ער האָט נאָך קיינעם פון זיי נישט געקענט. מען

האָט אים אָנגעהויבן אײַנצולאַדן אין די שענסטע הײַזער פֿון אָבער-גראַפֿען-דאָרף. אַלע האָבן איצט געקאָנט דעם פֿירער פֿון די ראַסישע קאַזאַקן אין אָבער-גראַפֿען-דאָרף! נאָר פּלוצלינג, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, האָט זיך דורכן דײַטשישן ראַדיאָ דערהערט די שרעקלעכע ידיעה, אַז דעם 22-טן יוני 1941 זענען דײַטשישע מיליטער-אָפּטײלונגען אַריבער די סאָוועטישע גרענעצן — אַ מלחמה!

אמעלאַניוק איז גלײַך געקומען צו פֿאָרן צו מאַרקאָן. ער איז דעמלט געווען אין ווינער-נוישטאַט. — וואָס ווײַטער? — איז געווען זײַן ערשטע פֿראַגע. — מען מוז זיך גלײַך זען מיט ראָנפֿטן און קאָטבאַוערן! — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט...

קאָטבאַוער האָט מאַרקאָן געוויזן די צײַטונג, אויף וועלכער עס זענען געווען די ערשטע בילדער פֿון סאָוועטישע געפֿאַנגענע, מיט וועלכע די דײַטשישע צײַטונגען האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַרימט. — רוסישע געפֿאַנגענע! האָט מאַרקאָ דערשטוינט געזאָגט, ווי אַזוי זענען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט?... מאַרקאָס קאָפּ האָט געברענט.

— זיי האָבן געקאָנט ווערן פּלוצלינג אַרומגערינגלט — האָט אים באַרואיקט קאָטבאַוער. — דו וועסט זען, אַז אין קורצן וועט זײַן אויס מיט די היטלעריסטן! איצט מוז מען אָנהייבן אַ סאַבאָטאַזש-אַרבעט — האָט ווײַטער געזאָגט קאָטבאַוער. איר מוזט אײַערע חברים אויפֿקלערן, אַז פֿריִער צי שפּעטער וועט איר אַלס ראַסיק-אויסדערוויילטע מוזן דינען היטלערן קעגן אײַער אוקראַיִנישן פֿאָלק. פֿיל עסטרײַכער וועלן גיין צוזאַמען מיט אײַך. קלערט אויף אײַערע חברים, אַז אין עסטרײַך זענען נישט אַלע היטלעריסטן. עס זענען דאָ אַ סך קאַטאָליקן, וואָס טראָגן כלומרשט דעם היטלער-צייכן, אָבער וואָס האָבן פֿײַנט די היטלעריסטן, גלײַך ווי מיר, קאָמוניסטן. מיט אַ סך קאַטאָליקן מעג מען אַפֿילו גאַנץ אָפֿן רעדן קעגן היטלערן. נאָר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿאָרזיכטיק.

די גרופּן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט... מען האָט אָנגעהויבן אָנצוצינדן דאָס ליכט אין מיטן העלן טאָג. אין די וואַש-רוימען, אין די קלאָזעטן, און עס געלאָזט ווײַטער ברענען, פֿאַרבײַגייענדיק לעבן די אויפֿשריפֿטן: „ליכט שפּאָרן" מיט אַ שמייכל. אין די קלאָזעטן האָט מען אַרײַנגעשטופּט שמאַטעס פֿון די מאַשינען, צעבראָכענע פֿלעשלעך, אַזוי אַרום פֿלעגט מען פֿאַרלירן עטלעכע טעג בײַ דער אַרבעט פֿון אויפֿשטאָפּן זיי. מען האָט אָנגעהויבן צוצודריקן די טאָקער-מעסערס צו די מאַשינען, כּדי זיי זאָלן זיך שנעל אויסברענען און מען האָט געמוזט יעדעס מאָל זיי

לויפן שלייפן, אָדער איבערהויפט אויסבייטן אויף נייע. עס זענען אויך געווען פאַלן פון קאַליע מאַכן פאַרשידענע טיילן פון די מאַשינען און דערנאָך האָט מען זיי געמוזט אַ פּאָר טעג רעמאָנטירן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָבן געמאַכט אויך עסטרייכישע אַרבעטער. אַגענטן פון געסטאַפּאָ האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער „פליגער־ווערקע“, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַווייזן פאַרשידענע אויפשריפטן, ווי: „ראָט פראָנט“, „זאָל לעבן דער ראָטנפאַרבאַנד“ און אַנדערע. עס איז אויך צוריקגעקומען אַן עסטרייכישער מייסטער פון דייטשלאַנד, וועלכער איז אַנטלאָפן אין דער צייט פון דער שושניג־רעגירונג פאַר אומלעגאַלער אַרבעט אין דער היטלעריסטישער פאַרטיי. יעדן טאָג האָט מען געזען נייע פּנימער אין די האַלעס. מען האָט אויך אָנגעהויבן איינציקווייז רופן די אוקראַינער אויף אַ פאַרהער, ווער עס האָט געאַרבעט ביי דער אָדער ביי יענער מאַשין, ווער עס האָט געאַרבעט אין דער נאַכט־שיכט. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס זיי ווילן. אין גרויסער געהיימעניש האָט מאַרקאָ זיך דערוווּסט פון דער הויפּט־סעקרעטאַרין פון „פליגער־ווערקע“, פרוילײַן קריסעל, אַז עס איז צוריקגעקומען אַ פליגל פון אַן אַעראָפּלאַן מיט אַרויסגעפאַלענע ניטן. עס איז נאָך אַ גרויס גליק — האָט זי געזאָגט — וואָס דער אַעראָפּלאַן איז נישט געווען געלאָדנט מיט באָמבעס. עס וואָלט געקאָנט קומען צו אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע... אין ווערק האָט די געסטאַפּאָ אָנגעהויבן דורכצוקוקן אַלע אַרבעטן. אַלע טיילן פון די אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסגעשיקט ווערן קיין ווינער־נוישטאַט צום מאָנטאַזש. מען פלעגט איצט אַדורכפירן אַ טאָפּעלע קאָנטראָל, ביי וועלכער. עס איז שטענדיק געווען אָנוועזנדיק דער צוריקגעקומענער עסטרייכישער מייסטער. וועגן דעם סוד מיט דעם פליגל, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעפאַלן די ניטן, האָט זיך מאַרקאָ גלייך געטיילט מיט די חברים פון זיין קעמערל. איצט האָבן זיי דערזען, אַז זיי זענען נישט אַליין, ווייל די אוקראַינער האָבן נאָך דעמלט ביי קיין פליגל נישט געאַרבעט. דאָס האָבן געמאַכט ספּעציאַליסטן מיט עלעקטרישע האַמערס.

פון דעם פראָנט זענען אָבער אָנגעקומען טרויעריקע ידיעות, וועלכע האָבן זיך אויך באַשטעטיקט אינעם אויסלענדישן ראַדיאָ. די היטלעריסטישע באַנדעס זענען מיט יעדן טאָג אַלץ מער געגאַנגען פאָרויס, איינגענעמענדיק וואָס אַמאָל אַלץ נייע שטעט. זיי האָבן שוין אויך איבערגעשריטן די אַלטע סאָוויעטישע גרענעצן. עס זענען שוין געווען אין די שווערע טויזנטער געפאַנגענע סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן. אין די צייטונגען האָבן זיך

באַווייזן פאַרשידענע קאַריקאַטורן פון סאָוועטישע קאָמיסאַרן און פון ייִדן. עס האָבן אויך נישט געפעלט די באַקאַנטע אויפשריפטן אין אַלע צייטונגען: „די יודען האָבען דעם קריעג געוואָלט, ווערדען זי דעם קריעג האָבען“... מאַרקאָ איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרשלאָגענער. זיין טרויער האָט ער פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער באַקומט נישט קיין בריוו פון דער היים. קיין ליגן האָט ער נישט געזאָגט — דער קאָנטאַקט מיט קלאַרען איז טאַקע איצט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. די לעצטע דריי בריוו פון קלאַרען האָט מאַרקאָ באַקומען נאָך אין מאַי. וועגן דעם האָבן געוווּסט די מיידלעך אין דער קאַנצעלאַריע, ווייל די בריוו זענען דורכגעגאַנגען דורך זייערע הענט.

* * *

אויף מאַרקאָס קאָפּ האָבן זיך איצט אָנגעהויבן צו שיטן איין אומגליק נאָכן צווייטן. דער אויסווייז, וואָס איז געווען גילטיק נאָר אויף איין יאָר, האָט געמוזט פאַרלענגערט ווערן. אַ סך האָבן שוין אָנגעהויבן פאָרן צום אוקראַאינישן קאָמיטעט, כדי זיי צו פאַרלענגערן. מאַרקאָ איז אויך געפאָרן. אָבער אין קאָמיטעט האָט מען שוין געהאַט אַן אויג אויף אים. דער שאָוויניסט ליבאָ האָט אין קאָמיטעט דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט די אַנקעטעס, וועלכע האָבן געשטערט צו אָרגאַניזירן די „עס־עס גאַליציען“ אין דער שולע. דאָס אַליין — האָט ליבאָ אונטערגעשטראָכן — איז געווען מאַרקאָס אַרבעט. נישט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז מאַרקאָ איז אָדער אַ קאָמוניסט אָדער אַ פּאָליאַק. ווען מאַרקאָ האָט געגעבן זיין לעגיטימאַציע צו פאַרלענגערן, האָט ער געקריגן אַן ענטפער, אַז זיין לעגיטימאַציע קאָן נישט פאַרלענגערט ווערן, ווייל ער איז אַ פּאָליאַק און נישט קיין אוקראַאינער. דער בעסטער באַווייז איז — זיין פּוילישער נאָמען טאָמאַש אין דער לעגיטימאַציע. עס האָבן נישט געהאָלפן זיינע דערקלערונגען, אַז די דייטשן האָבן פאַרדרייט דעם נאָמען טימאָפיי אויף טאָמאַש, און אַז אין דער מעטריקע איז ער פאַרשריבן טימאָפיי.

— ברענגט אונדז אייער מעטריקע! — האָבן די פון אוקראַאינישן קאָמיטעט פאַרלאַנגט.

מאַרקאָ איז צוריקגעקומען קיין גראַפּען־דאָרף אַ צעבראָכענער. וועגן דעם, אַז מען האָט אים נישט געוואָלט פאַרלענגערן די לעגיטימאַציע, האָט קיינער נישט געוווּסט, אויסער איין אמעלאַניוק, אַפילו נישט די איבעריקע חברים פונעם קעמערל.

— וואָס קאָן מען איצט טאָן? — האָט מאַרקאָ געזאָגט צו אמעלאַניוקן — עס איז דאָך אוממעגלעך איצט ערגעץ צו באַקומען אַ מעטריקע.

— האָסט נאָך אַ ביסל צייט — האָט אים געטרייסט אמעלאַניוק — די לעגיטימאַציע איז דאָך נאָך גילטיק ביז סוף יאָר. און ביז דעמלט וועלן מיר זיך נאָך געבן אַן עצה.

מאַרקאָן האָט דאָס אָבער נישט געגעבן קיין רו. איצט, ווען לעמבערג איז אין דייטשישע הענט, קאָן מען אים צו יעדער צייט דאָרט אַהין ברענגען, ער זאָל ווייזן ווו ער האָט געוווינט און ווער עס האָט אים געקענט אַלס אוקראַאינער... איצט לאָזט זיך עס לייכט אויפדעקן, אַז ער איז אַ ייד. מען קאָן אים אויך אָננעמען פאַר אַ רוסישן שפּיאָן! עס וועט אויך זיין לאָגיש. די דייטשן האָבן איצט אַלע אַקטן פון די קאָמוניסטן אין לעמבערג און אויך זיינע בילדער פון דער דעפּענסיווע. דאָס, וואָס ער אַרבעט אין דער „פליגער-ווערקע“, איז אויך נישט קיין קלייניקייט... עס זענען געווען מינוטן, ווען מאַרקאָ האָט געפילט, אַז ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן...

און אפשר האָט ער אַ טראַכט געטאָן — גאָר ווערן אַ דייטש?! די סעקרעטאַרין פון דער שולע איר סאַנקט-פעלטן, מאַריא שעפבעק האָט אים אַמאָל דערציילט פון אַ גרויסן פירער פון די היטלעריסטן, אַ געוויסן פּומער... זי וועט אים באַשטימט העלפן. אמת, דעמלט קען מען אים אַלס דייטש נעמען צום מיליטער? איז אויך נישט געפערלעך! אויפן פראָנט וועט מען שוין געפינען אַ געלעגנהייט אַריבערצוגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט...

דער געדאַנק האָט מאַרקאָן אַ ביסל באַרואיקט.

קאַפּיטל 20

דער פּלאַן צו ווערן אַ דײַטש

ווען זײַן נײַעם פּלאַן האָט מאַרקאָ באַשלאָסן נישט צו דערציילן אַפֿילו אמעלאַנױוקן... אײגנטלעך וואָלט ער דאָס געקאָנט וויסן — האָט מאַרקאָ געטראַכט — אמעלאַנױוק האַלט דאָך מיך אויך פֿאַר אַ פּאָליאַק; ער האָט אײנמאָל שוין געזאָגט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט: — מאַרקאָ! דו רעדסט מיר עפּעס צו גוט פּויליש... — נו ווײסטו, איך בין דאָך אין אַ פּוילישער שול געגאַנגען — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט. — פֿונמײנעטוועגן מעגסטו זײַן אַפֿילו אַ טערק. בײַ מיר איז וויכטיק, אַז דו ביסט אַ קאָמוניסט. אָבער איצט — האָט מאַרקאָ ווײַטער געטראַכט — איז בעסער ער זאָל נאָך נישט וויסן... ווען אַלץ וועט זײַן שוין פֿאַרטיק, וועט ער זיך באַשטימט פֿרייען, ווײַל איך וועל ערשט דעמלט קאָנען מער אויפֿטאָן ווי איצט...

דעם ערשטן זונטיק איז מאַרקאָ שוין געזעסן אין צוג קײן קאַטאָ־פֿעלטן... — איך וועל איר טאַקע זאָגן דעם אמתן נאָמען — שטראַוס... דאָס, וואָס ביז איצט איז געווען, איז טאַקע אויך אמת. איך האָב געקענט נאָר מײַן מומער מאַרקאָ און דאָס איז איר צונאָמען. אָבער איך געדענק, ווי זי האָט מיר אײנמאָל געזאָגט, איבעצלמגדיק זיך און מיך דרײַ מאָל, ווי א שבועה, עס זאָל פֿון דעם קײנער נישט וויסן — דו זאָלסט וויסן, מײַן זון, אַז דײַן טאַטע איז געווען אַ דײַטש, אַן עסטרײַכישער זעלנער... מיצי וועט מיר זיכער גלייבן. און דעמלט וועט זײַן געװנג, זי זאָל איבערצײַגן דעם נאַצי פֿומער פֿון ווין. ער איז פֿון דער צענטראַלער אַרבײַטס־געמײנ־שאַפֿט „אײזען אונד מעטאַל“ פֿון גאַנץ עסטרײַך. אַזאַ גדול וועט דאָס שוין באַשטימט קאָנען דערלײדיקן...

מיצי האָט מאַרקאָן אויפֿגענומען מיט אַ גרויסן ברוך־הבא. זי האָט זיך ווירקלעך דערפֿרײט דערמיט, וואָס מאַרקאָ האָט איר נישט פֿאַר־

געסן. ווען מאַרקאָ האָט איר זיין גרויסן סוד דערציילט, האָט זי געהאַלטן די זאַך פאַר גאַנץ נאַטירלעך און צוגעזאָגט צו פאָרן קיין ווין איבערשמועסן וועגן דעם מיט פומערן... מאַרקאָ איז אַ צופרידענער אַרויסגעגאַנגען פון מיצין... עס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט לאַנג זיך צו פרייען. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין גראַפען־דאָרף האָט ער זיך דערוווּסט, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו צאָלן די אוקראַאינער פאַר די אַקאָר־אַרבעטן אַזויפיל ווי די דייטשן. די אוקראַאינער האָבן באַשלאָסן נישט צו גיין צו דער אַרבעט... אַלע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז מאַרקאָס קאָפּ דערביי, און די בעטריבס־פירונג האָט באַשלאָסן מאַרקאָן אַלס שטראָף אַוועקצושיקן קיין ווינער־נוישטאַט. אַ סך האָט דאָ אויך צוגעשפּילט דער שאָוויניסט ליבאָ, וועלכער האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו שושקען מיט דעם צוריקגעקומענעם ווערקשוץ־לייטער ליגדמאַן. אָבער די צייגעניש, וואָס דער אַלטער מאַקוואַרד האָט אויסגעשטעלט מאַרקאָן, איז געווען שטאַרקער ווי הונדערט ליבאָס...

דעם זעלבן טאָג איז מאַרקאָ שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ווינער־נוישטאַט... דעם צווייטן טאָג איז ער שוין געשטאַנען און געאַרבעט אַלס שלאָסער אין דער האַלע פונעם ווערק — 2 אין ווינער נוישטאַט...

אויך דאָ האָט מען מאַרקאָן נישט געלאָזט צורו... נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען, זענען זיינע פריערדיקע חברים געקומען צולויפן צו אים מיט פאַרשידענע ענינים. אין דער זעלבער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו פירן מאַסן מענטשן פון די אָקופּירטע געביטן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד... זעלטן וועלכער פון זיי האָט געקאָנט דייטש רעדן. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, ווי מען איז געקומען פון דעם לוין־ביוראָ, מאַרקאָ זאָל גיין דאָרט העלפן ביים אויסרעכענען די לוינען פון די אויסלענדער...

אין ווינער־נוישטאַט האָט מאַרקאָ געטראָפן אַ סך גוטע עסטרייכער, צווישן זיי אויך די פאַמיליע נאָטנאַגעל... שטייענדיק אַזוי פאַרטיפט ביים שליסן די ניטן מיט אַן עלעקטרישן האַמער, האָט ער פּלוצלינג דערפילט, ווי עמעצער רירט אים אָן ביים אַקסל.

— גיב אַ הער, וועל איך דיר ווייזן ווי דאָס צו מאַכן. — האָט געזאָגט נאָטנאַגעל — מיט אַזאַ אַרבעטן קאָן מען אַהיימגיין אָן הענט — האָט ער צוגעגעבן.

נאָטנאַגעל איז געווען אַ פאָראַרבעטער אין ווערק. דאָס איז געווען אַזאַ ראַנג ווי אַן אונטערמייסטער.

— איז דאָס אמת, מאַרקאָ? — האָט געזאָגט נאָטנאַגעל — ווי מע שמועסט דאָ, אַז דו ביסט געווען דער פֿירער פֿון די אוקראַינער, און ווייל איר האָט געשטרייקט, האָט מען דיך אַלס שטראָף פֿאַרשיקט אַהער צו אונדז אַרבעטן אַלס שלאָסער.

— איך האָב נישט געשטרייקט — האָט געענטפֿערט מאַרקאָ — איך האָב דאָך געמוזט די אוקראַינער באַרואיקן, דערפֿאַר ביז איך נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. צווייטנס, איך האָב דאָך נישט געקאָנט...

— מיט מיר קאָנסטו רעדן אָפֿן! — האָט געענטפֿערט נאָטנאַגעל. — איך האָב די פּיפּקעס אַזוי ליב, ווי דו... די עסטרייכער האָבן די דײַטשן אָנגערופֿן מיטן צונאָמען „פּיפּקעס“, ווייל זיי האָבן נאָר געגעסן קאַרטאָפל.

— דאַרפֿסט נישט זאָרגן, מיר וועלן דיר נישט לאָזן קיין שלעכטס טאָן... ווי אויף אַ באַפֿעל איז יעדעס מאָל געקומען אַן אַנדערער און האָט מאַרקאָן געהאָלפֿן אַרבעטן... מאַרקאָ האָט געפֿילט, אַז אין דעם אַלעם שטעקט די האַנט פֿון דער פּאַרטיי... אויך די אוקראַינער זענען אַלע מאָל געקומען צו מאַרקאָן מיט פֿאַרשידענע ביטעס: דאָ האָט מען איינעם נישט פֿאַררעכנט דעם אַקאָרד, אַ צווייטן האָט מען נישט אויסגעצאָלט פֿאַר צוויי טעג. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז מאַרקאָ איז מער געזעסן אין לוין-ביוראָ ווי ביי זיין אַרבעט. וואָס מער עס זענען אָנגעקומען אויסלענדער, אַלץ מער האָט מען זיך דאָ אָן מאַרקאָן נישט געקאָנט באַגיין...

— אפשר וואָלט איר טאַקע געבליבן דאָ אין לוין-ביוראָ — האָט איינמאָל געזאָגט דער לייטער פֿון ביוראָ, גרובער. — מען האָט דאָך אייך אַראָפּגעשיקט ווי פֿון הימל. אפשר וועט אַזוי אַרום אויפֿהערן דאָס וויינען פֿון די אויסלענדישע מיידלעך. אַ גאַנצן טאָג אונטער די טירן פֿונעם ביוראָ...

— איך ווייס — האָט געענטפֿערט מאַרקאָ — מיך האָט מען אַהערגעשיקט אַלס שלאָסער, און איר ווילט מיך מאַכן פֿאַר אַ באַאַמטן?

— ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, זענט איר דאָך אייגנטלעך אַ סטודענט, וואָס זשע האָט איר צו טאָן אין דער שלאָסעריי? איך וועל שוין דאָס אַלץ דערלעדיקן מיטן בעטריבס-פֿירער — האָט ווייטער געזאָגט גרובער. און איר קאָנט דערווייל אויסטאָן דעם קאָמבינעזאָן און בלייבן דאָ אין ביוראָ אַרבעטן...

די אוקראַינער האָבן מאַרקאָס נאָמינאַציע אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד. ענדלעך וועלן זיי אויך האָבן צו וועמען זיך צו ווענדן, ווי די טשעכן

און קראַנקן, וואָס האָבן געהאַט זייערע פּאָרשטייער אין לוין⸗ביוראָ. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אָנגעקומען אַנדערע אוקראַאינער פון אַבער⸗גראַפּענדאָרף. אויסער דער אַרבעט אין ביוראָ ביי די לוין⸗ענינים פלעגט מען אים אויך רופן צו אַנדערע פראַגן, דעם גאַנצן טאָג האָט מאַרקאָ נישט געהאַט קיין רו פון פרעמדע צרות, אַזוי אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו קלערן וועגן זײַנע אייגענע צרות. ענדלעך איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיציען, אין וועלכן זי האָט אים געשריבן וועגן דער פראַגע ביי פומערן....

— מען מוז שוין אויך ביי דער געלעגנהייט איבערפאָרן צו קאָטבאַוערן — האָט מאַרקאָ געטראַכט — ער וועט באַשטימט שוין וויסן וועגן דעם שטרייק אין אַבער⸗גראַפּענדאָרף.

די חברים האָבן מאַרקאָן דערציילט, אַז אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז מען האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ קאָנצענטראַציע⸗לאַגער, און אַז זיי האָבן דאָ פאַרן שטרייק זייער טייער באַצאָלט און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געמוזט צוריקקומען צו דער אַרבעט.

דער שמועס פון די חברים האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. שבת אין דער פרי איז שוין מאַרקאָ געפאָרן קיין וויען צו דערליידיקן זיין פראַגע ביי דעם פּאַרטיי⸗גענאָסע, פומער...

מאַרקאָ האָט זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט צו זיין אַן אוקראַאינער, איינגעלעבט זיך מיט די מענטשן, און ס'איז אים אויסגעקומען שווערלעך זיך צו שיידן... דערפאַר האָט ער אויך באַשלאָסן אָפּצוטרעטן דאָס לעצטע מאָל אין אוקראַאינישן קאָמיטעט. ער האָט דאָרט געהאַט זייער פיל באַקאַנטע. עס איז דאָ אויך געווען אַ זייער שיינער כאָר און אַרטיסטן, וואָס האָבן געשפּילט טעאַטער.

אין קאָמיטעט האָט מאַרקאָ זיך באַגעגנט מיט דעם פּראָפעסאָר האָלאָטאַ... פּראָפעסאָר האָלאָטאַ איז געווען אַן אוקראַאינער, וואָס האָט נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק אויסגעוואַנדערט קיין עסטרייך. אַ זייער אינטעליגענטער און פאָרגעשריטענער מענטש. אַלס דעם איינציקן זאַכקענער פון די אוקראַאינישע פראַגע האָבן אים די דייטשן געמאַכט אַלס פירער פון די אוקראַאינער ביי דעם דייטשישן אַרבעטס⸗פראָנט אויף גאַנץ עסטרייך.

— אָ, וועמען איך זע דאָ! דעם הער מאַרקאָ! וואָס הערט זיך ביי אייך? — האָט דער פּראָפעסאָר אויפגענומען מאַרקאָן ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. — עס פרייט מיך זייער צו באַקענען זיך מיט אייך. דער לייטער פון דער שולע אין סאַנקט⸗פּעלטן — האָט ווייטער געזאָגט דער פּראָפע⸗

סאָר — האָט מיר זייער אַ סך פון אייך דערציילט. ער האָט אייך אַזוי פאַרגעשטעלט, אַז ס'האָט נישט קיין סך געפעלט, איך זאָל פאָרן צו אייך, כדי זיך צו באַקענען. — ווו זענט איר איצט, דרוזשע מאַרקאָ!?...

— אין וויגער־נווישטאַט — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— אָ, — דאָרטן וועט איר איצט האָבן אַ סך אַרבעט, דרוזשע מאַר־קאָ. די פליגער־ווערקע ווערן פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט, אין אַ סך אַנדערע ערטער. אַהין וועלן מיר איצט שיקן אַלע אוקראַינער און אַנדע־רע אויסלענדער, וועלכע מוזן פאַרטרעטן די דייטשן, וואָס גייען אַוועק אויף די פראָנטן.

— איך האָב שוין אויך הייגט געגוג אַרבעט! — האָט געזאָגט מאַרקאָ.

— דרוזשע מאַרקאָ — האָט מיט אַ פריינדלעכער שטימע געזאָגט דער פּראָפעסאָר — דאָס זענען אומגליקלעכע מענטשן, אַוועקגעריסן פון זייערע היימען, פון זייערע שוועסטער און ברידער, פון זייערע קינדער, פון זייערע עלטערן. זיי ברענגען פּיילמאָל צו מיר קינדער, וועלכע דאַרפן נאָך זיין אונטער דער מאַמעס שויס. — דרוזשע מאַרקאָ — האָט ער טרויעריק ווי־טער געזאָגט. דאָס איז אויך נישט מיין באַרוף, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, מען מוז דאָך די מענטשן עפּעס העלפן אין זייער שווער לעבן. גלייבט מיר, איך וואַרט נישט אויף עולם־הבא, אָבער דאָס האַרץ שניידט צוזו־קוקן דעם עלנט פון די מענטשן. די ווערטער פון דעם מענטש מיטן גראָען קאָפּ האָר האָבן מאַרקאָן גערירט. אַ טרויער האָט זיך געלייגט אויף זיין פּנים. דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט דאָס דערקענט.

— ווי איך זע, האָט איר מיך פאַרשטאַנען, חבר מאַרקאָ. איך וויל, איר זאָלט מיר העלפן. איך וויל, איר זאָלט אייך נאָך מער פאַרנעמען מיט די פראַגן. זאָגט מיר, ביי וואָס אַרבעט איר איצט?

— איך בין איצט אין לוין־ביוראָ — האָט געענטפערט מאַרקאָ.

— גיין! איר קאָנט קיין צוויי אַרבעטן נישט אויספירן. איר מוזט אַ ביסל צייט האָבן אויך פאַר זיך. — פון וואַנען זענט איר?

— אַ לעמבערגער — האָט געענטפערט מאַרקאָ.

— אַ לעמבערגער? — האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעחזרט. איך קען די שטאָט. איך בין אַ סך מאָל דאָרט געווען, אָבער שוין זייער לאַנג צוריק... און דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט... און וואָס מאַכט איר הייגט אין ווין?

— איך בין געקומען מיר פֿאַרלענגערן מיין אוקראַיִנישן אויסווייז, אָבער זיי מאַכן מיר דאָ שוועריקייטן — האָט מאַרקאָ צוגעגעבן.

— ווער, פֿאַרוואָס? — האָט מיט אַ שטרענגען טאָן געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר.

— זיי האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מיין נאָמען, ווייל די דייטשן האָבן אָנגעשריבן מיין נאָמען אויף פּויליש — טאָמאַש.

— קומט מיט מיר! — האָט ער אויסגערופֿן, אָננעמענדיק מאַרקאָן ביי דער האַנט, ווי אַ קינד...

אין קאָמיטעט האָט זיך קיינער נישט געוואָלט מודה זיין, אַז מען האָט געפּרוווט מאַרקאָן מאַכן שוועריקייטן. מאַרקאָ האָט אַפֿילו דערקענט דעם באַאַמטן, וואָס האָט אים דעם אויסווייז נישט געוואָלט פֿאַרלענגערן, אָבער ער האָט זיך געטראַכט: אין דער לאַגע איז בעסער זיך נישט ווייסנדיק צו מאַכן.

מאַרקאָ איז צו דעם פּאַרטיי־גענאָסע פּומער שוין נישט געגאַנגען. אַ סך האָט אויף דעם געווירקט דאָס געשפּרעך מיטן פּראָפֿעסאָר האָלאָמאַ. ער האָט איצט אָנגעהויבן צו בויען נייע פּלענער. אַזוי איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער האָט זיך געפֿונען אויף דער מאַריאַ הילפֿערשטראַסע... אייגנטלעך ווו גיי איך? האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. עס איז דאָך שוין געבליבן ווייניק צייט צום אָפּגיין פֿון צוג קיין סאַנקט־פּעלטן... צו קאַמבאַוערן... עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. מאַרקאָ האָט אָנגעטאָן זיין מאַנטל און אייַנגעשטיגן אין טראַמוויי מיט דעם געדאַנק צו פֿאָרן צו זיין פֿריינד. דעם פּאַרטיי־חבר קאַמבאַוער...

ווען מאַרקאָ איז אַריינגעקומען צו קאַמבאַוערן אין שטוב, וועלכע איז תמיד געווען זויבער און ציכטיק צוגערוימט, ווו עס האָט ממש געלויכטן אין יעדן ווינקעלע, האָט ער געטראָפֿן האַנס פֿרוי און מאַמע פֿאַרוויינטע, און אין דער גאַנצער וווינונג אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג.

— וואָס איז געשען? — האָט מאַרקאָ מיט אַ דערשראָקן קול געפֿרעגט.

— האַנסן האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט — האָט די פֿרוי מיט אַ טרויעריקער שטימע געענטפֿערט...

— מען האָט עפּעס געפֿונען — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט.

— ניין, אין שטוב גאָרנישט, זיי האָבן אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַפֿילו די ברעטער פֿון דער פּאָדלאָגע אויפֿגעריסן, דאָס איבערבעט אויפֿגעשניטן. זיי האָבן די לעבנס־מיטל־קאַרטן מיר אויך נישט אי־

בערגעלאָזט, אויך דעם לוין, ווו האַנס האָט געאַרבעט אַלס מאַקער־מייס־טער, האָבן זיי פאַרהאַפטעט. ביי די באַנדיטן איז קיין רחמנות נישטאָ אַפילו אויף קיין קינד. ווען זיי אַרעסטירן עמעצן, מעג זיין פאַמיליע קראַ־פירן פאַר הונגער.

— דאָ האָט איר מיין מאַנטל, וועט איר האָבן כאָטש עפּעס מיט וואָס צו לעבן! — האָט מאַרקאָ אויסטוענדיק זיין מאַנטל געזאָגט.

— אָבער וואָס רעדט איר, מאַמאַס, אין וואָס וועט איר גיין?

— זאָרגט נישט פאַר מיר. איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן. אפשר וועל איך אויך מוזן ערגעץ אַנטלויפן...

— איר דאַרפט נישט קיין מורא האָבן, מאַמאַס — האָט ווייטער געזאָגט קאַטבאַווערס פרוי — איך קען האַנסן, ער וועט נישט שיטן, זיי קאָנען אים אַפילו צום טויט שלאָגן... די פרוי האָט אָנגעהויבן ביטער צו וויינען...

— ווין נישט, מאַמע! — האָט די קליינע אָנגעהויבן זי צו טרייס־טן — וועסט זען, אַז דער טאַטע וועט באַלד אַהיימקומען, וועסט זען, וועסט זען, מאַמע!...

—מיר וועלן זיי באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען. וויינט נישט. איר מוזט איצט זיין שטאַרקער ווי פריער. איר מוזט איצט זיין אי דער טאַטע אי די מאַמע...

— וואַרט, מאַמאַס! — האָט זי געזאָגט ביים געזעגענען, — איך וועל צוערשט אַרויסגיין זען, צי עס שטייט נישט קיינער, ווייל אונדזער הויז איז באַשטימט אָבסערווירט פון דער געסטאַפּאָ.

מאַרקאָ איז שוין צו דאָנפטן נישט געגאַנגען. ווער ווייסט, אפשר האָט אים עמעצער געזען, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַטבאַווערס הויז און אָבסערווירט אים ווייטער. ער האָט זיך גלייך געלאָזט צום צוג און אָפּגע־פאָרן קיין ווינער־נוישטאַט...

האַנס קאַטבאַוער איז אַרעסטירט געוואָרן אין אָקטאָבער 1941, און נאָך צוויי יאָר אויספאָרשונגען איז ער אַ פיזיש צעבראָכענער פאַר־אורטיילט געוואָרן אויף ניין יאָר תפיסה.

מיט 11 יאָר שפּעטער איז קיין לאָדזש, ווו מאַרקאָ איז געווען דער לייטער פאַר אויסלענדישע עניגים ביי דער לאָדזשער הויפּט־קאָמענדע פון דער בירגער־מיליץ, געקומען אַ מאַנטער פון סאַנקט־פעלטן מאָנטירן די נייגעקויפטע מאַשינען פאַר אַ לאָדזשער טעקסטיל פאַבריק. ווען דער בירא־באַאַמטער יוזעף נאָוואַק האָט אַריינגעבראַכט צו מאַרקאָן דעם פּאַס־

פאָרט אונטערצושרייבן די וויזע, האָט ער באַמערקט, אַז דער אייגנטימער פון פאַספאָרט שטאַמט פון סאַנקט־פעלטן.

— ביטע, רופט אַריין דעם מאָנטער! — איר זענט פון סאַנקט־פעלטן? — האָט מאַרקאָ געפרעגט. — יאָ! — האָט דער מאָנטער געענטפערט. — צי געדענקט איר די שולע אין סאַנקט־פעלטן פון די אוקראַינער? — האָט מאַרקאָ ווייטער געפרעגט — יאָ! איך געדענק גענוי. — דאָס איז געווען די שולע פון די ראַסיקע קאַזאַקן. — יאָ, עס שטימט — האָט מאַרקאָ געזאָגט. — איך בין אויך דאַן געווען אין דער שולע און האָב געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון עסטרייך... — מיט וועמען? האָט דער מאָנטער פאַרוואונדערט געפרעגט — איך בין אויך אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

— מיט האַנס קאָמבאַוער — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— מיט קאָמבאַוערן? האָט ער מיט פרייד איבערגעחזרט. ער איז היינט דער שעף פון דער פאָליציי... (עס איז דאָרט געווען דאָס געביט פון דער סאָוויעטישער זאָנע אין עסטרייך).

— איך שרייב אייך דאָ אונטער אייער וויזע, און ווען איר וועט קומען אַהיים, גייט, ביטע, גלייך צו אים און גיט אים איבער אַ גרוס פון טאָמאַסן מיט די וואָנצעס.

אין דריי וואָכן אַרום קלינגט דער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ אין לאָדזש, פּאָלקאָווניק סמושעלטשיק טאַדעוש:

— מאַרקאָ, קומט וואָס גיכער צו מיר. איך האָב באַקומען אַ דייטשישן בריוו. און איך וויל איר זאָלט אים מיר איבערלייענען.

מאַרקאָ האָט גענומען דעם בריוו אין דער האַנט און מיט פרייד אויסגעשריגן:

— דער בריוו איז דאָך צו מיר... פון קאָמבאַוערן!... ער לעבט ווירקלעך!....

קאַפּיטל 21

אין דער זאַנדער־אָפּטיילונג

דער אַרעסט פֿון קאַמבאַוערן האָט אַלעמען דערשלאָגן. דאָס איז געווען פֿאַר דער גרופּע אַ גרויסער קלאַפּ. עס איז נאָך געבליבן בלויז איין קאָנטאַקט — ראָנפֿט...

אין דער „פֿליגער־ווערקע" זענען אַלץ ווייטער אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן אַרבעטער, וועלכע די דייטשן פֿלעגן כאַפּן אין די שטעט פֿון די אָקופּירטע געביטן און אַרויספֿירן קיין דייטשלאַנד. עס זענען אויך געווען פֿיל פֿאַלן, ווען די פֿאַמיליעס האָבן אַפֿילו נישט געוווּסט, וווּ זייערע זין אָדער טעכטער זענען אַהינגעקומען. מענטשן זענען געקומען ווי זיי זענען געשטאַנען און געגאַנגען אויף דער גאַס. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען מענטשן זענען געקומען גאַנץ עלעגאַנט אָנגעטאָן און בלויז איין העמד מיט אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע... פֿאַר מאַרקאָן האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ שווערע אַרבעט. אַלע מאָל האָט מען אים אַוועקגעריסן פֿון זיין אַרבעט אין לוין־ביוראָ; עס האָט נישט געהאָלפֿן אַפֿילו דאָס פֿאַרמאַכן זיך אין ביוראָ. די מענטשן זענען געשטאַנען געדולדיק און געוואַרט ביז ער וועט נישט אַרויסגיין. מען פֿלעגט אים באַגלייטן צום אויטאָבוס, צום מיטאָג־עסן, און אַפֿילו קומען צו אים אַהיים. זיין איינציקע פֿאַרווײַלונג איז געווען דאָס אַרויספֿאָרן אין די זונטיקן ערגעץ אין אַ דאָרף אַריין, אָדער אין די בערג, וווּ ער האָט געקאָנט אויסרוען אַ ביסל זיינע נערוון. ער פֿלעגט אויך צופֿאָרן קיין באַדען־באַדען, וווּ עס איז געווען אַ שיינער שווים־באַסיין מיט אַ הויכער טראַמפּאָלין. דאָס פֿלעגט אים אַ ביסל דערמאָנען די היים. ער פֿלעגט אַרויפֿגיין אויף דער טראַמפּאָלין, אַריינשפּרינגען אין וואַסער אין אַ גרויס שטיק אָפּשווימען, ביז ער איז צוריק אַרויפֿגעקומען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון וואַסער. די אוקראַיִנער פֿלעגן עם אָנרופֿן „פּאַ קאָזאַצקי", דערנאָך פֿלעגט ער אַרויסגיין, זיך אַנידערזעצן אויף דער באַנק און זיך אָפּ־

ברענען אויף דער זון. די געדאַנקען זענען געווען העט ווייט. אָט איז דאָס שטעטעלע וואריש, דאָס קליינע טייכל ביי דער מיל און די צוויי גרויסע בערג, פון וועלכע ער פלעגט תמיד שפּרינגען אין וואַסער אַריין. קיינער אויסער אים און יאשקע דעם וויטס האָבן אין וואריש נישט געוואַגט צו שפּרינגען פון די בערג אין טייך אַריין... און די איינגעבראָכענע ווערבע ביי דער מיל... ווען מען פלעגט זיך אַזוי אַרויסגנבענען מיט די חברים פון דער קלויז... וויפל מאָל פלעגט מען זיך אַזוי צוזאַמען באָדן, ווען דאָס וואַסער האָט שוין ממש געשניטן פון קעלט. מען פלעגט אַריינשפּרינגען אין וואַסער און צושווימען צו די „דרענגלער“ און ציטערנדיק פאַר קעלט אויף שנעל זיך אָנטאָן. טיילמאָל פלעגן די חברים בעטן: שלמה, ווייז ווי אַזוי דו שווימסט די נייע „לאַפּקעס“... און שלמה האָט זיך ווידער אויסגעטאָן און אויפסניי אַריין אין וואַסער...

מיטאַמאָל האָט מאַרקאָ דערפילט, ווי עמעצער זיצט לעבן אים...

— וואָ האַבען זי זאָ גוט שווימען געלערנט? — האָט ער דערהערט אַ פרויען־שטים.

מאַרקאָ האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ און דערזען פאַר זיך אַ יונג, שיין ברונעט מיידל. איר שלאַנק־געטאָקטע פיגור איז געווען אָפּגעברענט אויף בראָנז און אירע לאַנגע שוואַרצע האָר אַזש געגלאַנצט און געמינעט זיך אין די זיך ברעכענדיקע זון־שטראַלן.

— אין דער אוקראַינע — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— אַך, זינד זי איין קאזאק!? — האָט זי געפרעגט, אַדורכשפּיזנדיק אים מיט אירע שוואַרצע, פייערדיקע אויגן... איר רעדט גוט דייטש? וואָס זענט איר פון באַרוף?

— אַ סטודענט פון מעדיצין. און איר, אויב עס איז דערלויבט צו וויסן?

— איך שטודיר קונסט־מאָלעריי — האָט זי קורץ געענטפערט.

— אַך, דערפאַר האָט איר זיך געזעצט לעבן מיר! — האָט מאַרקאָ מיט אַ שמייכל געזאָגט, ווייל איר ווילט באַשטימט מיינע וואָנצעס מאָלן...

— איר זענט אַ ביישוויליקער מענטש! — פאַרוואָס נאָר די וואָנצעס בלויז? אַז איר וועט דערלויבן וועל איך איין אינגאַנצן מאָלן. איר זענט גוט געבויט, וועט עס זיין אַ שיין בילד...

ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, האָט די סטודענטין פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, העדי, אויך געוווינט אין ווינער־נוישטאַט... דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי שוין ביידע פאַרברענגט צוזאַמען און אויך צוזאַמען אין אָוונט

געפֿאָרן אַהיים. מאַרקאָ פֿלעגט זיך שוין מיט איר נישט איינמאָל טרעפֿן, גיין צוזאַמען אין קינאָ אָדער אין קאַפֿע־הויז.

אין אַ שײנעם פֿרימאָרגן האָט מאַרקאָ באַקומען אַ מעלדונג, ער זאָל זיך תיכּף שטעלן אין דער „זאָנדער־אָפּטיילונג"... — וואָס האָבן זיי צו מיר? — האָט מאַרקאָ געטראַכט. אפֿשר האָבן זיי זיך דערוווּסט ווער איך בין... אָדער וואָס מיר טוען...

— קומט מיט מיר! — האָט מאַרקאָ זיך געווענדט צו דאַנילוקן און דענישוקן — דאַכט זיך מיר, אַז איר וועט שוין איצט טרינקען בראָנפֿן — האָט ער טרויעריק געזאָגט, אָבער אויף מיין קבֿר, און אפֿשר אויך דאָס נישט, ווייל איר וועט אַפֿילו נישט וויסן, וווּ מיין געביין איז אַהינגעקומען...

— וואָס איז ווידער געשען? — האָט אַ באַאומרואיקטער געפֿרעגט דאַנילוק.

— איך מוז מיך שטעלן אין דער „זאָנדער־אָפּטיילונג"...

— אין דער „זאָנדער־אָפּטיילונג"? — האָט איבערגעחזרט דאַנילוק.

— דו קלערסט, אַז זיי ווייסן עפּעס...

— איך קלער גאָרנישט — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט — נאָר גיין מוז מען, ווייל אויב נישט, וועלן מיר אַלע ליגן...

— און אפֿשר האָבן זיי עפּעס אַרויסגעקריגן ביי קאַטבאַוערן? — האָט זיך אָנגערופֿן דענישוק.

— דאָס גלייב איך נישט, האַנס איז געווען אַ ווילער יאַט. יעדנפֿאַלס, וואַרט אויף מיר. און טאָמער וועל איך זיך נישט אומקערן, גיט גלייך צו וויסן אַמעלאַניוקן...

מאַרקאָ האָט זיך געמעלדעט אין סעקרעטאַריאַט פֿון דער „זאָנדער־אָפּטיילונג".

— ביטע, איר וועט אויסוואַרטן! ווי איז אייער נאָמען? — האָט דאָס פֿריילין געפֿרעגט. — מאַרקאָ טימאָפֿיעי — האָט ער קורץ געענטפֿערט.

אין עטלעכע מינוט איז די זעלבע פֿריילין אַרויסגעקומען און געזאָגט, אַז דער שעף האָט געהייסן אַ ביסל אויסוואַרטן, ביז די צוויי הערן, וואָס געפֿינען זיך ביי אים וועלן אַרויסגיין...

— ווער קאָנען זיין די הערן, וועלכע זענען דאָרט ביי אים? — האָט מאַרקאָ געקלערט, אפֿשר אויך אין מיין ענין? אָבער ווער זיי זענען

האָט מאַרקאָ זיך נישט דערוווסט. מע האָט אים גלייך אַריינגעבעטן צום שעף.

אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געוועזענעם פּוילישן אונטעראָפיציר, איז מאַרקאָ געשטאַנען ביי דער טיר פון שעפס קאַבי־נעט, אויסציענדיק פאַר זיך זיין רעכטע האַנט...

— „הייל היטלער!" — האָט ער געקריגן אַן ענטפער.

ביי אַ שיינעם שרייבטיש, לעבן פענצטער איז געזעסן אַ ברונעטער מאַן פון אַ יאָר 40. זיינע ווינקלען זענען שוין געווען אַ ביסל גרוילעך. לינקס פון אַריינגאַנג איז געזעסן זיין סעקרעטאַרין ביי אַ שרייב־מאַשין און עפּעס געשריבן אונטער זיין דיקטאַנדע...

— ביטע, לאָזן זי אונדז אַליינע! — האָט זיך דער שעף געווענ־דעט צו דער סעקרעטאַרין. דאָס מיידל האָט פאַרלאָזט דאָס צימער...

— ביטע, נעמען זי פּלאַץ! — האָט דער שעף אָנגעוויזן מאַרקאָן אויף אַ שטול לעבן זיין שרייבטיש. ער האָט גלייך אַרויסגעצויגן זיין פּאָרטסי־גאַר און מכבד געווען מאַרקאָן.

— ווער ווייסט, וואָס פאַרא ציגאַרן דאָס איז, אפשר אָפּיומירטע? — האָט מאַרקאָ מיט חשד געטראַכט — און ער וויל מיך באַרוישן און פון מיר עפּעס אַרויסקריגן..

— זינד זי דער הער מאַרקאָ? — האָט דער שעף מיט אַ שמייכל געפרעגט.

— יאַוואָל! — האָט מאַרקאָ געענטפערט און דערביי זיך געטראַכט — צי צווייפלט ער, אַז איך הייס אַזוי? און אפשר ווייסט ער שוין טאַקע דעם גאַנצן אמת וועגן מיר, דערפאַר שמייכלט ער אַזוי... דער שעף האָט אויך גענומען אַ ציגאַר. מאַרקאָ האָט אים שנעל דערלאַנגט פייער און אַליין אויך פאַררויכערט...

— זינד זי דער הער מאַרקאָ. — האָט ער ווידער איבערגעחזרט... קענען זי דאָס פרויליין קלאָר, הער מאַרקאָ?

— דאָס פרויליין קלאָר? — האָט מאַרקאָ אָנגעשטרענגט זיין זכרון אַזאַ נאָמען זיך צו דערמאָנען — ניין! — האָט ער קורץ געענטפערט.

— קענען זי ניכט? — האָט מיט פאַרוווּנדערונג ווידער געפרעגט דער שעף. — און דאָס פרויליין העדי?...

טויזנטער געדאַנקען זענען מאַרקאָן אַדורך אין דער מינוט דורך זיין קאָפּ: עס איז דאָך זיין שיינע באַקאַנטע פון באַדען־באַדען... צי האָט זי עפּעס צוגעטראָגן אויף מיר?... איך האָב דאָך מיט איר קיינמאָל נישט

גערעדט פון פּאָליטיק?! און אַפילו יאָ, האָב איך דען ווען גערעדט קעגן היטלערן?... איך האָב אויך קיינמאָל מיין ראָק נישט אויסגעטאָן און איר קעגנוואַרט, זי זאָל קאָנען עפּעס זען אין מיינע טאַשן...

— דאָס פרוילײן העדי?... יאָ! קען איך.

— דאָס פרוילײן העדי קענען זי, און דאָס פרוילײן קלאָר — ניכט?

— האָט ער ווייטער מיט געהיימניספולן שמייכל צוגעגעבן. — און ווער איז דאָס פרוילײן העדי?

— וואָס וויל ער פון מיר? — האָט מאַרקאָס מוח פיבערהאַפט גע־אַרבעט, איבערוואַרפנדיק אין געדאַנק פאַרשידענע השערות — און אפשר איז זי אַרעסטירט, און ער וויל פון מיר עפּעס זיך דערוויסן וועגן איר?

— פון וואַנען זי שטאַמט — האָט מאַרקאָ געזאָגט — ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז אַ האָר־אַנשטענדיקעס מיידל.

— איין האָר־אַנשטענדיקעס מיידכען! — האָט דער שעף איבער־געחזרט... אַלזאָ, הער מאַרקאָ, נעמען זי צו קענטעניס, דאָס איז מיינע טאָכטער... ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ, און קלאַפּנדיק מאַרקאָן פריינדלעך איבערן אַקסל, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו לאַכן.. — איר האָט אייך אַ ביסל דערשראָקן, ווי איך זע...

— ניין — האָט מאַרקאָ געענטפערט — פאַרוואָס זאָל איך מיך דער־שרעקן, ווען איך גיי מיט אַן אַנשטענדיקן מענטשן, און איבערהויפּט ווען מיר טוען קיינעם קיין שלעכטס נישט...

— און אפשר וואָלט איר אונדז אין דער היים אַמאָל באַזוכט, הער מאַרקאָ? — האָט קלאָר זיך אָנגערופן.

— איך, אַזאַ קליין מענטשעלע, און זי, הער קלאָר? — איך ווייס, צי דאָס פּאַסט...

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט — האָט זיך קלאָר אָנגע־רופן — מיין טאָכטער קענען זי שוין לאַנג, מיך — אויך, און מיין פרוי וועלן זי קענען לערנען...

מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קאַבינעט. ווי מען וואָלט אים אַרויפגעזעצט אויף הונדערט פערד...

— ער גייט! — האָט מיט פרייד געזאָגט דעניסוק, און ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אים דערנעענטערן.

— מאַרקאָ! — האָבן זיי אים אָנגעכאַפּט ביידע ביי די הענט — וואָס האָבן זיי פון דיר געוואָלט?

— עס איז אַלץ אין אָרדענונג, חברים! ווינער=נוישטאַט איז אין אונדזערע הענט!

— מאַרקאָ, זאָג! — האָבן זיי געבעטן.

— איצט האָב איך קיין צייט ניט. מאָרגן וועט איר אַלץ וויסן. איך מוז איצט גיין שנעל אַהיים, זיך אָפּראַזירן, איבערטאָן און גיין צום הער שעף פון דער „זאָנדער=אָפּטיילונג“ אויף באַזוך — האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן.

— דו וועסט אַפילו אין פייער ניט פאַרברענט ווערן! — האָט אָנגעהויבן לאַכן רעניושק. די חברים האָבן אים נאָך אַ ביסל אָפּגעפירט און זיך צעגאַנגען...

ווי עס איז נאָר טונקל געוואָרן, האָט מאַרקאָ זיך געקליבן אין וועג.

— אַזאַ באַזוך האָב איך מיר אין לעבן ניט פאָרגעשטעלט! — האָט ער געטראַכט — אַ גאַסט זיין ביי היטלערס ממזרים! — אוי, שלמה, שלמה! — האָט ער צו זיך געזאָגט — ווען דער היטלער=גדול זאָל וויסן, ווער זיין גאַסט איז!... דער רייכער ראַסיקער אַריער, וועגן וועלכן זיין טאַכטער האָט אים דערציילט, וואָלט אים קאַלט געוואָרן אין זייגע היטלערישע אברים... נאָר גיין מוז מען... און אפשר וויל ער מיך גאָר פאַר אַן איידעם?... דאָס וועט ערשט זיין שיין... לייבוש שטראַום פון וואריש האָט פאַר אַ מחותן היטלערן!... מיין זיידע ר׳ ישראל וואָלט זיך איצט איבערגעדרייט אין קבר... אַזוי טראַכנדיק, איז ער פּאַוואָליע צוגעקומען צו דעם הויז, וווּ עס האָט געוווינט די פאַמיליע קלאָר...

— זענט איר איינגעמעלדעט? — האָט אים גלייך דער הויז=דינער פאַרהאַלטן, ניט ווילנדיק אים איבערהויפּט אַריינלאָזן.

— איך וויל צום הער קלאָר! — האָט מאַרקאָ אים דערקלערט. אין דעם מאָמענט איז גראָד אַרויסגעקומען קלאָר אַליין.

— יאָ, יאָ, אַריינלאָזן! — האָט ער באַפוילן...

דער הויז=דינער האָט זיך גלייך אויסגעצויגן פאַר מאַרקאָן, ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט מינדסטנס אַ מיניסטער...

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די שיינע וווינונג פון דער פאַמיליע קלאָר, און פּלוצים באַמערקט אַ קליינעם קרוציפיקס... — שלמהלע! — האָט ער צו זיך געזאָגט — דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט ביי זיך אין דער היים... עס איז געווען אַן אָנשטעל פון דער פּאַרטיי, אַז ביי די עסטרייכער, וואָס האָבן קרוציפיקסן, קען מען זיך דערלויבן אויף אַ לייכטער קריטיק קעגן היטלערן, ווייל דאָס זענען מערסטנס מענטשן סאָציאַל=דע=

מאָקראַטן, קאַטאָליקן, וואָס האָבן אַליין פּיינט היטלער־דייטשלאַנד תכלית שנאה...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש, און צווישן אַנדערן האָט מען אויך דערלאַנגט מאָן־שטרודל. מאַרקאָ, זייענדיק אין אַ גוטער שטימונג, האָט זיך דערלויבט אויף אַ קליינעם וויץ:

— הער קלאָר, איך וועל אייך איינצייגן, איר האָט מאָן־שטרודל אויפן טיש.

מאָן איז געווען אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון קריג אַ טייער אַרטיקל. פון מאָן האָט מע געמאַכט אייל און דערפאַר האָט מען אים צו אַנדערע צוועקן נישט געטאָרט נוצן.

— דער הער קלאָר מעג זיך דערויף דערלויבן! — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט. דער שמועס איז אַריבער אויף דער טעמע פון פרויען־אַרבעט... קאָכן... באַקן.. מיטאַמאָל האָט די פרוי קלאָר גענומען דאָס וואָרט, און אָנגעהויבן נישט מער און נישט ווייניקער: „מיר האָבן אַזוי גוט געהאַט אין עסטרייך! און די באַנדיטן זענען צו אונדז געקומען און אַלץ באַרויבט... מיר האָבן הייַנט אַפילו נישט וואָס צו באַקן און וואָס צו קאָכן... דער שטובן־מאָלער האָט געקאָנט דאָרט ביי זיי בלייבן, מיר האָבן אים נישט געדאַרפט...

מאַרקאָן איז קאַלט געוואָרן אין די אברים... — וווּ בין איך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — און אפשר איז דאָס אַ פּראָוואָקאַציע... דאַרף מען זיך דאָך עפּעס אָפּרופן... ווייניקסטנס מאַכן אַ באַוועגונג... מאַרקאָ האָט געגעבן אַ טיפן זיפץ, וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרשידנאַרטיק אויסטייטשן...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך מאַרקאָ וואָס אַמאָל מער דערלויבט צו קומען צו קלאָרן אין קאַבינעט מיט פאַרשידענע ביטעס פון זיינע לאַנדסלייט... אויך די מיידלעך אין סעקרעטאַריאַט האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער הער מאַרקאָ איז אַ פּערזענלעכער באַקאַנטער פונעם הער קלאָר... און דאָס איז זייער אַ גרויסע זאַך אין דער „פליגער ווערקע“....

מאַרקאָ האָט ווייטער געאַרבעט אין לוין־ביוראָ, און ווייל ער האָט פיגורירט אַלס סטודענט פון מעדיצין, האָט מען אים געגעבן אַ העכערע לוין־גרופּע. — וואָס הייסט — פלעגט זאָגן דער הער פּפייפער — ער האָט דאָך העכערע בילדונג! עס קומט דאָך אים! פּפייפער איז שפּעטער געוואָרן מאַרקאָס שעף און אויך זיין בעסטער פריינד... האַנס פּפייפער

איז דערנאָך אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיין אַמט אונטערן פאַרדאַכט, אַז ער איז אַ ליבקער, אָבער מען האָט קיין באַווייזן קעגן אים ניט געהאַט. זיין אַמט האָט איבערגענומען אַן עקלהאַפטער היטלעריסט, וועמענס לעבנס־ציל איז געווען נאָר צו הויבן און פרעסן. אָבער אַרבעטן דאַקעגן האָט ער ניט געוואָלט און אויך ניט געקענט...

איינמאָל, אין אַ שיינעם אָוונט, ווען מאַרקאָ איז געזעסן ביי קלאָרן אין דער היים און געבלעטערט די ציימונגען, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, האָט קלאָר זיך אָנגערופן:

— הער מאַרקאָ, צי וואָלט איר ניט געוואָלט אַ ביסל הערן דעם אויסלענדישן זענדער?

פון אַזאַ פאָרשלאַג איז מאַרקאָן ממש אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

— זייער גערן, הער קלאָר, אָבער דאָס קאָסט דאָך מאַנכעסמאָל דעם קאָפּ!...

— אָ, האָט קלאָר אָנגעהויבן צו לאַכן — איר זענט דאָך מיט מיר...

אין צווייטן צימער האָט קלאָר אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף מאָסקווע, און געבעטן מאַרקאָן אים איבערזעצן.

מיט אַ טאָג פריער איז געווען אַ גרויסע שלאַכט, בעת וועלכער די דייטשן האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן און מלחמה־מכשירים, אָבער די דייטשישע ציימונגען האָבן געשריבן פונקט דאָס פאַרקערטע. ווען מאַרקאָ האָט דאָס קלאָרן דערקלערט, האָט זיך קלאָר שטאַרק אויפגערעגט, און עס האָט זיך ביי אים ווי ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן: „זיי באַשווינדלען אונדז יעדן טאָג!". ער האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעכאַפּט, ווי ער וואָלט צופיל זיך דערלויבט.

באַמערקנדיק דאָס האָט מאַרקאָ זיך אָנגערופן:

— איך בין קיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, הער קלאָר!

—איך אויך ניט! — האָט געענטפערט קלאָר. — מיינע פירער זענען געווען אָטאָ באַוער און יוליוס דויטש...

מאַרקאָ, זעענדיק, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט זיך אָנגעגעבן אַלס פּעפּעסאָוויעץ... — דאָס איז דאָך אַ קרובהשע פּאַרטיי — האָט ער געטראַכט...

די פריינדשאַפט צווישן קלאָרן און מאַרקאָן איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. קלאָר איז געווען אַ העכסט אַנשטענדיקער מענטש. ער האָט מאַרקאָן שפּעטער זייער אַ סך געהאָלפן. קלאָר איז אויך געווען אַ גרויסער וויצלער. און אַזוי איינמאָל שפּאַסנדיק, האָט זיך מאַרקאָ אויך דערלויבט

אויף אַ שפּאַס, זאָגנדיק צו קלאָרן, אַז ער זאָל אים געבן אַ דאָקומענט, מיט וועלכן ער זאָל קאָנען אומעטום פֿריי אַרומפֿאָרן... דאָס רייזן פֿאַר אויסלענדער איז אין יענער צייט געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. עס זענען אויך שוין געמאַכט געוואָרן שוועריקייטן פֿאַר דייטשן, און מען האָט געדאַרפֿט האָבן אַ ספּעציעלע באַגרינדונג, כּדי צו קאָנען פֿאָרן מיט דער באַן...

— איך וועל דיר געבן אַזאַ דאָקומענט — האָט זיך צעלאַכט קלאָר — און אַז מען וועט דיך כאַפּן און מען וועט דיך פֿרעגן: ווער ביסטו און מיט וועלכן רעכט האָסטו אַזאַ דאָקומענט, וואָס וועסטו דאַן זאָגן?...

— וועגן אַזאַ מעגלעכקייט האָב איך גאָרנישט געקלערט...

— נו, יאָ! — האָט קלאָר ווייטער לאַכנדיק געזאָגט — מאַרקאָ וועט פֿאָרן שפּאַצירן, און קלאָר וועט זיצן אונטער די קראַטעס...

מאַרקאָ האָט אויך אָנגעהויבן צו לאַכן, אָבער זיך פֿאַרשעמט, וואָס ער האָט דערויף גישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן.

— וואַרט! — האָט קלאָר ווייטער געזאָגט — ביי מיר ליגט אַ בריוו פֿון דעם פּראָפֿעסאָר האַלאַטאַ, דעם אוקראַאינישן פֿירער ביים דייטשישן אַרבייטס־פֿראָנט. — ער וויל, מען זאָל דיר באַפֿרייען פֿון דעם לוין־ביוראָ און באַשטימען אַלס באַשיצער פֿון די אוקראַאינער, וואָס אַרבעטן אין דער „פֿליגער־ווערקע“... און דעמלט וועסטו קאָנען פֿאָרן, ווו דיין האַרץ גלוסט...

דעם צווייטן טאָג האָט זיך קלאָר פֿאַרשטענדיקט מיט דעם פֿירער פֿון דעם דייטשישן אַרבייטס־פֿראָנט פֿון דער „פֿליגער־ווערקע“, מיט דעם פּאַרטיי גענאָסע האָדורעק וועגן באַשטימען מאַרקאָן אַלס באַשיצער פֿון די אוקראַאינער, לויט דער ביטע פֿון פּראָפֿעסאָר האַלאָטאַ.

אין צוויי טעג אַרום זענען שוין איןביידע ווערקן — אין ווערק 1, און ווערק — 2 פֿון ווינער־נוישטאַט אַרויסגעגעבן געוואָרן צירקולאַרן, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז מאַרקאָ טימאָפֿיעוו איז פֿון היינט אָן באַפֿרייט פֿונעם לוין־ביוראָ און איז באַשטימט געוואָרן אַלס באַשיצער פֿון די אוקראַאינער פֿון ביידע ווערקן פֿון די ווינער־נוישטאַטער פֿלוגצויגער־ווערקע... אונטערגעשריבן — דער פֿירער פֿון דעם דייטשישן אַרבייטס־פֿראָנט אין די פֿלוגצויגער־ווערקע — האָדורעק, און דער לייטער פֿון דער „זאַגער־אָפּטיילונג“ — קלאָר...

איין צירקולאַר איז פֿערזענלעך איבערגעגעבן געוואָרן מאַרקאָן...

קאַפּיטל 22

די 14 יאָריקע פאָרלאָגע־וואַשערין אַננאַ קאַראַשקעוויטש

ביי די אוקראַינער איז היינט געווען יום־טוב: אַ קלייניקייט — אַן אייגענער באַשיצער! די נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן אַלע אויסלענדישע אַרבעטער פון דער „פליגער־ווערקע“. אַלע האָבן איצט אָנגעהויבן מקנא זיין די אוקראַינישע אַרבעטער... אָבער מאַרקאָ אַליין האָט זיך פון דעם אַלעמען נישט געפרייט. ער האָט געוווּסט, אַז עס וואַרט אויף אים נאָך אַ שווערער קאַמף, כדי צו זאָרגן פאַר מענטשן, וואָס זענען באַרויבט פון יעדן רעכט. אָבער אַז דער קאַמף וועט אָננעמען אַזעלכע בלוטיקע פאָרמען, דאָס האָט מאַרקאָ זיך נישט פאָרגעשטעלט... מיט יעדן טאָג איז דאָס „פליגער־ווערקע“ געוואָרן אַלץ גרעסער; אַלע מאָל האָט מען אויסגעבויט נייע האַלעס, וואָס אַמאָל זענען אָנגעקומען נייע אַרבעטער, הויפּטזעכלעך אויסלענדער... עס איז דאָ אין הער אמתי געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַל „פליגער־ווערקע“.

אין לעצטן טראַנספּאָרט זענען געווען לויטער יונגע מיידלעך, כמעט קינדער. איינע פון זיי האָט מען גלייך אַנידערגעשטעלט צו וואַשן די פּאָדלאָגעס אין די קלאָזעטן...

אָנגעטאָן אין אַ פּאָר האָלץ־שיך, אין אַ האַלב־ליגנדיקער פּאָזע אויף דער קני, האָט מיט אַ שמאַטע געוואַשן די שטיינערנע פּאָדלאָגעס פון די קלאָזעטן אַ 14־יעריק בלאָנד מיידל. אירע צוויי שיינע לאַנגע צעפּ, אַריבערגעוואָרפן איבער די דאַרע קינדערישע פּלייצעלעך, האָבן זיך געטונקען אין דעם שמוציקן וואַסער פון דעם עמער.

— ווי הייסטו, קליינע? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און נישט אָפּרייסנדיק זיך פון איר אַרבעט, געענטפערט:

— אַננאַ קאַראַשקעוויטש.

— שטיי אויף! — האָט מאַרקאָ באַפעלעריש געזאָגט.

— זענט איר דער הער מאַרקאָ? — האָט דאָס מיידל מיט מורא גע־פרעגט.

— יאָ, איך בין מאַרקאָ — האָט ער רואיק געענטפערט.

די קליינע האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען. — מען האָט מיר גע־זאָגט אין לאַגער, אַז איך זאָל גיין צו אייך.

— פאַרוואָס זשע ביסטו גישט געקומען? — האָט מאַרקאָ גע־פרעגט. — און איצט, קום מיט מיר.

מאַרקאָ מיט אַניען זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דייטשישן אַרבייטס־פּראָגנט.

— בלייב דאָ זיצן! — האָט מאַרקאָ געזאָגט צו אַניען, אַריינפירנ־דיק זי אין ביוראָ, און אַליין איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער פירערין פון די היטלער־פרויען ביים דייטשישן אַרבייטס־פּראָגנט. ווען מאַרקאָ האָט איר איבערגעגעבן וועגן וואָס ער איז צו איר געקומען, האָט זיך די היטלער־בעסטיע מיטן פאַרזשאַווערטן פּנים אָזש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. — הער מאַרקאָ! — האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען — עס איז קריג, אונדזערע פרויען אַרבעטן אויך!

זעענדיק, אַז ער וועט ביי איר גאָרנישט פועלן, איז ער גלייך אַוועק־געלאָפן צום פאַרטרעטער פון חעם דייטשישן אַרבייטס־פּראָגנט אין די „פליגער־ווערקע“ צו דעם פאַרטיי־גענאָסע יאָגליטשקער...

— און ווי ווילט איר דאָס מיידל געבן? — האָט יאָגליטשקער גע־פרעגט.

— אויף דעם אָרט פון דעם שיק־יינגל, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען צום מיליטער — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— און זי וועט דאָרט טויגן? — האָט יאָגליטשקער געפרעגט.

— באַשטימט וועט זי טויגן — האָט מיט אַ זיכערן טאָן געזאָגט מאַרקאָ, ווי ער וואָלט שוין דאָס מיידל געקענט זינט לאַנגע יאָרן. — דאָס איז זייער אַ קלוג מיידל...

מיט דער הילף פון קלאָרן איז אַניע געוואָרן באַשטימט אַלס לויף־מיידל, ווי מאַרקאָ האָט פאָרגעשלאָגן.

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו זאָרגן וועגן עסן און קליידונג פאַר די מענטשן. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אַ טאַטע פון אַזויפיל קינדער, וואָס אַ סך זענען שוין געווען פיל עלטער פון אים...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און צו מאַרקאָן איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון ווייסרוסישע יינגלעך מיט דער ביטע, ער זאָל ווערן אויך זייער באַשיצער.

— איך וועל אייך אַזוי העלפן — האָט מאַרקאָ זיי געענטפערט, די ווערק-לייטונג וועט דערויף נישט מסכים זיין, יעדע גרופע מוז האָבן אַ מענטש פון איר נאַציע. פרוווט, גייט צום דייטשישן אַרבייטס-פראָנט, אָדער אין דער „זאַנדער-אָפטיילונג". אויב זיי וועלן מסכים זיין, וועל איך אייך העלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען.

אין אַ חודש אַרום איז מאַרקאָ שוין געווען דער באַשיצער פון צוויי נאַציעס — פון די אוקראַיִנער און פון די ווייסרוסן...

די אַרבעט האָט איצט מאַרקאָן אַוועקגענומען זיין גאַנצע פרייע צייט. ביינאַכט פלעגט ער אַהיימקומען אַ שרעקלעך-מידער און אָפטמאָל אַנידערפאַלן ווי ער גייט און שטייט אויפן בעט. אַזוי זענען פאַרלאָפן טעג, וואָכן און חדשים.

נאָך דער טעגלעכער אַרבעט אין ווערק פלעגט זיך ערשט אָנהייבן אַ נייע אַרבעט אין די לאַגערן. ווען ער פלעגט נאָר אַריינקומען אין וועלכן עס איז באַראַק, זענען שוין געווען אַרום אים אַלע פאַרזאַמלט. יעדער מיט זיינע זאָרגן און ליידן, און דעם אַנדערן טאָג איז שוין ווידער געווען וווהין צו לויפן, מיט וועמען זיך צו קריגן, כדי עפּעס אויסצופועלן פאַר די מענטשן.

* * *

פונעם מזרח-פראָנט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען טרויעריקע ידיעות. די היטלעריסטישע אַרמיי איז געגאַנגען וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און טיפער. יעדעס מאָל איז געפאַלן אַ נייע שטאָט. מען האָט אָן אויפהער געבראַכט טויזנטער און טויזנטער נייע געפאַנגענע. עס זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַרומרינגלען גאַנצע סאָוויעטישע אַרמייען. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין גרויל-ידיעות וועגן שלאָגן און הרגענען יידן אין די גאַסן. אין אַ סך שטעט האָט מען שוין די יידן געהאַט אָפּגעזונדערט פון דער אַנדערער באַפעלקערונג און איינגעשלאָסן אין געטאָס...

די שווערע אַרבעט און די אַלע נייעסן האָבן מאַרקאָן אינגאַנצן נידערגעשלאָגן.

— מען מוז אַריבערפאָרן קיין אָבער-גראַפענדאָרף אָדער קיין ווין — האָט מאַרקאָ געזאָגט צו זיינע חברים — איך האָב באַקומען אַ בריוו פון אַמעלאַניוקן דאָרט איז עפּעס נייעס.

שטייענדיק, דער ערשטער פון רעכטס: דענישוק. עס זיצן: צווייטער פון רעכטס: מאַרקאָ, האַרעטשקאַ, לאַבאַניעץ.

— נו, ווער זאָל פאָרן? — האָט געפרעגט פריכאָדקאָ. — מיין מיינונג איז, אַז דענישוק אָדער דאַנילוק זאָלן פאָרן. זיי קענען שוין אַ ביסל דייטש רעדן און וועלן זיך שוין קאָנען אַן עצה געבן אויפן וועג...

— איך בין פולקאָם מסכים! — האָט זיך אָנגערופן מאַרקאָ — ווייל מען קאָן נישט וויסן, וואָס עס קאָן מיט מיר פּאַסירן, און איר מוזט אייך פּאַמעלעך צוגעווינען צו אַרבעטן אָן מיר... קלאָר האָט מיר אין געהיים געזאָגט, אַז איך זאָל אויפפּאַסן אויפן געסטאַפּאָוויעץ גרובער, ווייל ער האָט אויף מיר אַן אויג. איר מוזט וויסן, אַז דאָס איז אַ שרעקלעכער באַנדיט. ער איז אויך דער פאַרטרעטער פונעם שעף פון דער ווינער-נוישטאַטער געסטאַפּאָ — רודעשער. איך וויל אויך פרוון פאָרן אַהיים, און איך ווייס נישט, צי איך וועל צוריקקומען, ווייל ווי איך האָב געהערט דורכן אויסלענדישן זענדער, זענען שוין דאָרטן אָרגאַניזירט פּאַרטיזאַנער. מעגלעך, אַז איך וועל מיך דאָרטן צו זיי אָנשליסן. און ביי אַמעלאַניוקן מוז מען אומבאַדינגט זיין — האָט מאַרקאָ אונטערגעשטראָכן, אַרויסציענדיק ביי די ווערטער דעם בריוו. איך האָב שוין אַ סך פאַרשטראָכן, ווייל ער האָט צו אָפן געשריבן, אָבער איך קאָנט נאָך דאָ איבערלייענען: „ביי מיר איז קיין נייעס, אָבער ווען מיר וועלן זיך זען, וועט אפשר עפּעס זיין". איך מיין — האָט מאַרקאָ פאָרגעזעצט — אַז דאָס איז פאַר אונדז גענוג קלאָר...

— נו, גוט — האָט זיך אָנגערופן דענישוק — פאָרן מיר ביידע, מאַרקאָ! דו וועסט דאָך באַשטימט וועלן געזעגענען זיך מיט זיי.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טעראָר אין לאַנד איז געוואָרן מיט יעדן טאָג שטאַרקער. די תּפיסות זענען איבערפולט געוואָרן מיט מענטשן. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו בויען נייע לאַגערן, יעדן טאָג האָבן זיך אויף די ווינער מויערן באַוויזן קליינע, רויטע אַפישן אין דער גרייס פון אַ בוך-בלעטל, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגערעכנט די נעמען פון די צום טויט פאַראורטיילטע קאָמוניסטן, וועלכע די היטלעריסטן האָבן אָנגערופן „לאַנדעס-פאַרעטער". די לאַגע פון די אויסלענדישע אַרבעטער איז אויך מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער און ערגער געוואָרן. ווען עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט, האָט מען אין ערשטער ריי פאַרקלענערט די פּאָרציעס פאַר די אויסלענדער. עס איז געוואָרן ווייניקער ציגאַרן, פּאַפּיראָסן, קליידונג, אָבער אַרבעטן האָבן זיי פון די אויסלענדער פאַרלאַנגט וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער. מאַרקאָס לאַגע איז איצט נישט געווען מקנא צו זיין...

אמעלאַניוק, דענישוק און מאַרקאָ האָבן זיך געטראָפן גענוי אין דער

צייט, ווי עס איז געווען אָפּגעשמועסט אין בריוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַמעלאַניוק האָט ווירקלעך געהאַט זייער אַ סך נייעס פֿון דעם אויסלענדישן זעגדער. אין פּוילן זענען שוין אַ חוץ דער פּפּר, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יאַנואַר, אויפֿגעקומען פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אויך פֿון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אַמעלאַניוק האָט זיי אויך איבערגעגעבן וועגן דעם טויט פֿון היידריכן אין טשעכן, דעם שעף פֿון דער זיכערהייטס־פּאָליציי, און פֿון די גרויסע אַרעסטן און אורטיילן דאָרט. מען מוז אויך זען עפּעס טאָן וועגן די אורלויבן — האָט ער זיך געווענדעט צו מאַרקאָן.

— איך האָב שוין אַליין אויך געטראַכט וועגן דעם — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט — צוערשט וועט מען מוזן שיקן די אוקראַיִנער פֿון פּוילן, און אונטער זייער פֿירמע דורכשמוגלען רוסישע יינגלעך.

— אָבער וועסט מוזן גוט אַכטונג געבן, אַז פֿאָרן זאָלן גאָר אַזעלכע, וואָס וועלן מער נישט צוריקקומען.

— זאָרג נישט, אַמעלאַניוק, איך קען שוין דאָרטן אַלע רוסישע יאַטן, כאָטש איך בין נישט זייער אָפּיציעלער באַשיצער.

— ער וויל אַליין אויך פֿאָרן! — האָט זיך אָנגערופֿן רעגישוק — כדי מער נישט צוריקקומען.

— ביסט נישט גערעכט, מאַרקאָ! — האָט געזאָגט אַמעלאַניוק — דו טאָרסט דאָרט נישט בלייבן, דו מוזט צוריקקומען. דאָ קאָנסטו אַ סך מער אויפֿטאָן ווי דאָרט. דיך קען מען שוין, דו האָסט שוין ביי זיי אַ געוויסן אויטאָריטעט, אָן דיר וועט דאָ זיין שווער די מענטשן אין די לאַגערן, און הויפּטזעכלעך פֿאַר אונדז. פֿאָרן דאַרפֿסטו טאַקע, אָבער דו מוזט צוריקקומען...

אַלע דריי זענען דערנאָך געגאַנגען אויף דער באַנק־גאַסע אויף דעם אוקראַיִנישן קאָנצערט, וואָס האָט אין דעם אָוונט דאָרט געזאָלט פֿאָרקומען...

— און אפֿשר וועלן מיר דאָרטן עפּעס הערן פֿון די גרויסע זיגן פֿון דער „עס־עס־גאַליציען“? — האָט אויף דעם וועג צום קאָנצערט־זאַל איראָניש געזאָגט רענישוק צו מאַרקאָן און אַמעלאַניוקן.

שפּעט ביינאַכט זענען זיך די חברים צעפֿאָרן יעדער אין זיין ריכטונג...

קאַפּיטל 23

די רייזע קיין פּוילן און דער באַזוך אין לעמבערגער געטאָ

ווי נאָר מאַרקאָ איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע קיין ווין האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן אַהיים קיין פּוילן. ער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן פאַרשידענע באַשטעטיקונגען און דאָקומענטן, וואָס זאָלן אים דערמעגלעכן אַ פרייע באַוועגונג אין אַלע שטעט און ערטער אין פּוילן. אין דער ערשטער ריי האָט ער זיך וועגן דעם געווענדעט צו קלאָרן, וועלכער האָט אים טאַקע אַ סך געהאָלפן. קלאָר האָט גלייך געקלונגען צום געפּאַלקםשאַפטסאַמטלייטער” — פרימש און אים געזאָגט, אַז ער איז דערפאַר, מען זאָל מאַרקאָן שיקן אַ ביסל זיך אָפּרוען אַהיים, כאָטש אויף איין מאָנאַט, ווען נישט וועט ער זיך איינגאַנצן צוזאַמענברעכן ביי דער אַרבעט. — שטעל דיר פאָר — האָט קלאָר דורכן טעלעפאָן געזאָגט צו פרימשן אין קעגנוואַרט פון מאַרקאָן — מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַזאַ לאַסט צו זיין אַ בעטרויער פון צוויי נאַציאָנען, און אין דער זעלבער צייט האָט מען באַשטימט 2 באַשיצער צו איין קראָאַטישער נאַצ׳ע, וואָס זיי ציילן נישט מער ווי 60 מענטשן...

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם — האָט געענטפערט פרימש — איך פאַרשטיי אויך, אַז עס קומט אים אַ ביסל אָפּרו, אָבער איך מוז זיך צוערשט פאַרשטענדיקן מיטן דייטשישן אַרבייטס־פראָנט. — דו פאַרשטייסט דאָך, מאַרקאָ איז דאָך אַן אויסלענדער. — דאָס וועל איך שוין דערלדיקן — האָט קלאָר געזאָגט. — דו שטעל נאָר אויס די קאַרטע פאַר אים, און איך וועל שוין וועגן דעם רעדן מיט האַהורעקן. קלאָר האָט אויך מאַרקאָן געגעבן אַ באַשטעטיקונג, כדי ער זאָל קאָנען אַרייַנגיין האָרטן, ווו עס איז פאַר אויסלענדער פאַרבאָטן. דו ווייסט נישט — האָט ער געזאָגט צו מאַרקאָן — ווי עס זעט איצט אויס אין פּוילן. עס זענען דאָרט דאָ ער=

טער, ווו עס געפינען זיך אויפשריפטן: „נור פיר דויטשע“ און קיינער אויסער זיי טאָר דאָרט נישט אַריינגיין. אויך אין די טראַמווייען זענען פּאַראַן באַזונדערע פּלעצער. דעסגלייכן אין נאַסטהייזער, קינאָס, טעאַטערס אאַוו. באַהאַלט גוט די באַשטעטיקונג, זי וועט דיר שוין צונוץ קומען.

מאַרקאָ האָט אָנגעטאָן זיין אימפּרעגנירטן מאַנטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לעדערנער, אַן אוקראַיִנישער שליאַפּע, מיט דעם שפּאַלט אין הער ברייט, און אין דער קלאַפּע פון זיין מאַרינאַרקע האָט ער אָנגעשפּעט דעם אָפּצייכן פון די ווינער־נוישטאַטער „פּליגער־ווערקע“. — איצט, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, באַטראַכטנדיק אין שפּיגל זיין פּנים און די לאַנגע וואָנצעס — קאָן איך שוין פאָרן קיין פוילן...

— זאָל עמעצער פּרוּוון אָנצוהייבן מיט אַ ראַסיקן אוקראַיִנישן אַטאַמאַן...

* * *

עס איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען מאַרקאָ האָט דורכן פענצטער מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן דערזען אַז ער געפינט זיך אויף דער פּוילישער ערד... אויף דער ערד, ווו ער האָט איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע, קלאַרען, זיינע שוועסטער און ברודער... עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן... פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן ליכטיקער. מען זעט שוין די פּוילישע פעלדער, די קליינע פּויערישע הילצערנע כאַטקעס... אַפילו דאָס בילן פון די הינט איז, דאַכט זיך, אַנדערש... דער צוג לויפט פאַרביי אַ דאָרפישע סטאַציע. די פּויערים איילן ערגעץ אין שטאָט אַריין, אַ טייל צופוס, אַנדערע מיט פערד און וואָגן. דער „ווישטאַ־וויאָ“ קלינגט עפּעס אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט, ווי אינעם מויל פון פעטער הערש, אָ, ווי לאַנג האָט ער, שלמה, געוואַרט אויף דעם דאָזיקן טאָג!... ווידער צו זען זיין היים, זיינע נאָענטע...

קלאָר איז גערעכט געווען. שוין אויף דער באַן־סטאַציע אין לעמבערג איז געווען אַ באַזונדערער וואַרטע־זאַל, ווו קיין נישט־דייטש האָט נישט געטאָרט אַריינגיין. אַפילו די אוקראַיִנישע פּאָליציי האָט דאָרט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. אָבער פאַר שלמהן איז דער איינטריט פריי! דער ערשטער פּלאַן איז געווען צו פאָרן צו קלאַרען, קיין קסאַווערווקע, און דאָרט זיך דערוויסן, ווו עס געפינען זיך זיינע עלטערן. אויפן באַנהאָף האָט מען אומעטום געהערט די אוקראַיִנישע שפּראַך, די דייטשישע שפּראַך, אָבער גאַנץ ווייניק די פּוילישע. מאַרקאָ האָט איבערגעלאָזט זיין באַגאַזש אין באַהאַלט־זאַל אין לעמבערג, און נאָר מיט דער האַנט־טעשקע זיך געלאָזט



Wiener-Neustädter Flugzeugwerke, Verlagerungswerk II/R

Werkluftschutzleitung.

Rückkehr-Befehl Nr. 22

Gfm. Marko Thomas

Kontroll-Nr. 2099 (mit Bildausweis versehen) ist im Werkluftschutz herangezogen.

Im Einsatzfall muss unser Gfm. in sein Werk zurückfahren!

Laut Befehl des Luftgaukommandos XVII ist jeder andere Einsatz verboten!

Alle Partei-, Wehrmachts- und Staatsdienststellen werden gebeten, für die Rückkehr jede Hilfe zu geben.

Dieser Befehl wird nebenan 1/4 jährl. beglaubigt.

II/R, im März 1944.

Der Werkluftschutzleiter:

1944	1945	1946
1. Viertj.	1. Viertj.	1. Viertj.
2. Viertj.	2. Viertj.	2. Viertj.
3. Viertj.	3. Viertj.	3. Viertj.
4. Viertj.	4. Viertj.	4. Viertj.

דאָקומענט, וועלכער האָט דערלויבט מאַרקאָן פֿריי זיך באַוועגן און באַקומען הילף.

אין וועג אַריין. אין סאָקאָל האָט ער געדונגען אַ פורמאַן קיין טאַרטאַקיוו און פון דאָרט אַז ערד 4 קילאָמעטער צופוס קיין קסאַווערוווקע.

די איבערראַשונג פון מאַרקאָס קומען איז געווען אַזאַ, ווי מען וואָלט דערזען עמעצן פון יענער וועלט. אַלע אין שטוב האָבן אָנגעהויבן צו וויינען. ווי נאָר די דייטשן זענען געקומען, האָבן די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן קלאַרעס גאַנצע פאַמיליע צוזאַמענגעטריבן אין איין קליין שטיבל אַריין.

— אין די גרויסע שטעט — האָט שימעק געזאָגט — איז אַ סך ערגער. מען האָט די יידן צונויפגעטריבן אין געטאָס. זיי האָבן נישט וואָס צו עסן. ביי אונדז גייט עס נאָך ווי עס איז.

— מיר וועלן אפשר באַקומען פוילישע פּאַפּירן — האָט געזאָגט זויע און מיר וועלן פון דאַנען אַוועקפאָרן. דערווייל מוזן מיר נאָך וואַרטן.

— איך קלער, — האָט מאַרקאָ געזאָגט — אַז עס וועט מיר געלונגען פאַר אייך און פאַר מיין פאַמיליע אויסאַרבעטן דאָקומענטן און דעמלט וועל איך אייך אַלע אַוועקנעמען קיין דייטשלאַנד. דאָרטן וועל איך אייך שוין געבן אַ באַשעפטיקונג. קלאַרעס ברודער, ליאָלעק, האָט זיך אין סאָקאָל דערוווסט ביי באַקאַנטע פון וואַרשע, אַז שלמהס גאַנצע פאַמיליע וווינט אין גאָלע גורי ביי זלאָטשעוו.

ביינאַכט האָט זיך מאַרקאָ געזעגנט, און מיט דעם זעלבן וועג, ווי מיט 3 יאָר צוריק געפאָרן קיין לעמבערג. נאָר מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס דעמלט איז ער געפאָרן אויף אַ בריטשקע מיט אַ פּאָר שיינע פערד, פול מיט דער איבערצייגונג אין באַלדיקן זיג פון די כוחות פון גערעכטיקייט איבערן היטלעריזם — און איצט, איינגעקאָרטשעט אויף אַ שליטן מיט שטרוי, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט און די שליאַפּע איבער די אויגן, אַז דער פורמאַן זאָל אים נישט דערקענען... אין לעמבערג האָט זיך מאַרקאָ געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון זאַמאָרסטינאָווער, וווּ עס איז שוין געווען דאָס געטאָ.

— וואָהין! — האָט אים איינגעהאַלטן דער היטלעריסט נאָך דער זאַמאַרסטינאָווער בריק.

— וואָס פיר וואָ הין?! — האָט מאַרקאָ בייז געזאָגט, פאַרלייגנדיק די הענט פון הינטן — העסט דו געזאַגט: ביטע איר אויסוויז... מאַרקאָ האָט שנעל אויפגעקנעפּלט זיין מאַנטל, כדי אַרויסצונעמען זיינע דאָקומענטן, און דערביי בכיוון פאַרשאַרצט די לינקע פּאָלע עס זאָל זיך אַרויסזען דער אָפּצייכן פון די „פליגער־ווערקע“. דער היטלעריסט איז גע-

וואָרן ווי צעחושט פון מאַרקאָס זיכערער האַלטונג און ער האָט אַפילו די דאָקומענטן נישט גענומען אין דער האַנט.

ווען מאַרקאָ איז אָפּגעגאַנגען בלויז עטלעכע שריט, האָט זיך דער היטלעריסט ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף: יאַ, וואַס בראַוכען זי היר? — האָט ער נאָכגעשריגן. מאַרקאָ האָט זיך אויסגעדרייט און אין ווינער דיאַלעקט געענטפערט: דאַס געיט זי אַ שמאָרן אָן! און זיך ווייטער געגאַנגען...

מאַרקאָ איז אַוועק אין דער ריכטונג פון די גאַסן לוואָווסקע און מיכאַלא. פאַרבייגייענדיק לעבן דער מיכאַלא נומ. 3, ווו עס האָט געווינט זיין פעטער זיגמונט ביגדער, האָט ער באַמערקט, אַז די טיר איז געשלאָסן. — עס איז נישט גוט איצט צו קלאַפּן — האָט ער געטראַכט — מען קאָן אים נאָך עמעצער דערזען. עס וועט זיין בעסער, ווען עס וועט ווערן גוט טונקל. מאַרקאָ האָט זיך דערווייל געלאָזט גיין אין די אַנדערע גאַסן פון געטאָ. אויף דעם וועג האָט ער געטראָפן די הויכע מאָנקע פונעם שניידער-פאַריין.

— שטראַוס! — האָט זי מיט פרייד אים אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט זי פאַרהאַלטן — איך האָב דיך נישט דערקענט. דו זעסט דאָך אויס ווי אַ קאַזאַקישער פּיריער מיט דיינע וואָנצעס!... טאָנקע האָט געטראָגן אַן אָרעם-באַנד מיט אַ מגן-דוד...

— וואָס איז מיט דיר? ווו ביסטו? — האָט טאַנקע געפרעגט.

— שאַ! — האָט מאַרקאָ געזאָגט — דו האָסט דיך טאַקע נישט טועה געווען. איך בין ווירקלעך אַ קאַזאַקישער פּיריער — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער — איך הייס היינט מאַרקאָ. האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען, מאַרקאָ! — האָט טאָנקע געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ... — זאָג מיר, טאַנקע, וואָס הערט זיך דאָ ביי אייך? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— זייער נישט גוט, מען שלאָגט און מען הרגעט, אָן אַ שום פאַרוואָס.

— נו, און איר פּרוווט גאָרנישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד?

— וואָס פאַר אַ ווידערשטאַנד! — האָט געענטפערט טאַנקע, אַז דו האָסט נישט וואָס אין מויל אַריינצולייגן. אוודאי — האָט זי צוגעגעבן — ווען די קאָמוניסטישע פאַרטיי וואָלט נישט געווען אויפגעלעזט, וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען, וואָלטן די זינדעלעך פון די הויכע פענצטער דאָ נישט אַזוי געבאַלעבאַטעוועט... זיי זענען אַלע ביי דער פּאָליציי מיט דעם באָקסער גראָס אין דער שפּיץ. קיין איינציקער קאָמוניסט האָט זיך נישט באַשמוצט צו גיין דינען אין דער פּאָליציי. גייענדיק אַזוי איבער די געטאָ=

גאַסן האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ טאַרטאַקאָווער ייִנגל, קלאַרעס אַ חבר, וועלכער איז מיט זיי שוין ווייטער געגאַנגען.

— און וואָס איז מיט די פּאַרטיזאַנער? — האָט מאַרקאָ ווייטער געפרעגט.

— מיט פּאַרטיזאַנער — האָט מאָניקע איבערגעחזרט — עס זענען דאָ אַזעלכע, צו וועלכע דו גייסט און קומסט נישט מער צוריק, נישט דערפאַר, ווייל מע פאַלט אין קאַמף. ניין! זיי אַליין דערהרגענען דיך, נאָר דערפאַר ווייל דו ביסט אַ ייד... עס איז שוין בעסער דאָ זיך צו מוטשען, ווי דאָרטן אומזיסט געהרגעט צו ווערן...

געזעגענענדיק זיך מיט זיי, האָט מאַרקאָ באַגעגנט סאַלע דינער מיט אייכענבאַוּמען. אויך פון זיי האָט ער דאָס זעלבע געהערט... מאַרקאָ האָט נאָך אומבאַדינגט זיך געוואָלט זען מיט שודריכן. ווי שיין ער פלעגט רעציטירן דאָס ליד „די שטאָלענע פייגל" אין פרץ-קלוב. דער קלוב האָט זיך דאַן געפונען אויף דער בערנשטיין-גאַס נומ. 1. די פאַרזאַמלטע חברים... די יונגע מיידלעך און יינגלעך, וועלכע זענען פיל געווען מיט לעבן און ענטוזיאַזם... וווּ זענען זיי אַלע אַהינגעקומען?... מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט יאָמערלעכע געשרייען פון אַ הינטערגעסל לעבן זאַמאַרסטינאָווע. ער האָט דערזען צוויי יידישע פּאָליציאַנטן לויפן מיט די פּאַלקעס אין די הענט...

— ביטע, העלפן זי אונדז! — האָבן זיי זיך געווענדעט צו די צוויי הימלערישטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן ראָג.

— מיר האבן קיין צייט — האָט איינער געענטפערט. — לאָזן זיי זיך אַליין די קעפ אַראָפּרייסן צווישן זיך! — האָט ער געזאָגט צום צווייטן.

— אָבער קום! — האָט זיין חבר אים געבעטן — וואָס קאָן עס דיר שאַטן, און ביידע זענען אַוועק נאָך די יידישע פּאָליציאַנטן צו דעם הויז, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט די געשרייען... אויף דעם וועג האָבן זיי איבערגערוקט די פּוטליאַרן פון די רעוואָלווערן אויף פאָרנט...

מאַרקאָ איז נאָך אַריינגעגאַנגען צו שודריכן. עס איז שוין נישט געווען דער לוסטיקער, מיט לעבן-שפּרודלדיקער שודריך פון אַמאָל.

— נעם מיך מיט! — האָט ער טרויעריק געזאָגט.

— יאָ, גוטער פריינד! — האָט מאַרקאָ געזאָגט — איך וואָלט דיך גערן מיטגענומען, ווען איך זאָל נאָר האָבן דאָקומענטן פאַר דיר — אַ פּלאַץ וואָלט איך שוין פאַר דיר באַקומען. אַפילו מיט דיין יידישער נאָז... יאָ, ליבער פריינד, מיר האָבן אין דייטשלאַנד אַזויפיל נישט געוווּסט, וואָס דאָ

קומט פאָר. איך האָב שוין אויך געהאַט די מעגלעכקייט קענען צו לערנען די יידישע פּאָליציאַנטן!

— איך זאָג דיר, שטראַוס, אַז נאָך דער באַפרייאונג וועט אַפילו אַ קויל זיין אַ שאָד פאַר די באַנדיטן — האָט שודריך צוגעגעבן.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנגען פון שודריכן. — מען מוז שוין גיין צום פעטער...

אויף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזען קיין לעבעדיק נפש. דאָס געטאָ איז געווען איינגעהילט אין אַ טויטער פינצטערניש. פון קיין שום פענצטער האָט מען אַפילו קיין שיין נישט געזען...

די טיר ביים פעטער זיגמונט איז געווען פאַרמאַכט. מאַרקאָ האָט לייכט אָנגעקלאַפּט. עס האָט קיינער נישט געענטפערט. ער האָט ווידער געקלאַפּט. עס איז ווייטער שטיל. מאַרקאָ לייגט צו זיין אויער צו דער טיר. ער הערט אַ שטילע באַוועגונג לעבן דער טיר, אָבער קיינער עפנט נישט. ער הייבט אָן שטיל צו רופן ביי די נעמען: די מומע, די קוזינעס, דעם פעטער... לעבן דער טיר שטייט עמעץ... מאַרקאָ הערט, ווי עמעץ רירט זיך... זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא פאַר די באַנדיטן — האָט מאַרקאָ גע-טראַכט...

מאַרקאָ לייגט ווידער צו זיין אויער צו דער שפּאַרע פון דער טיר און הייבט אָן רופן: מירעלע! בראָנקע! עפנט! איך בין עס — סאַלעק...

— לעשט אויס דאָס ליכט! — האָט עמעצער אינעווייניק געזאָגט. עס האָט געטאָן אַ גרילץ דאָס קייטל און די טיר האָט זיך געעפנט... — סאַלעק! — האָט מירעלע אויסגעשריגן און אָנגעהויבן צו וויינען... דער פעטער האָט פאַרמאַכט די טיר און האָט צוריק אָנגעצונדן דאָס וואַקסענע ליכט. — וואָס פאַר אַ גליק! וואָס פאַרא גליק! — האָט די מומע געכליפּעט. — אוי, די מאַמע זאָל דיך זען! זי האָט זיך נעבעך די אויגן אויסגעוויינט, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דו ביסט געפאַלן אויפן פראָנט... און שטעל דיר פאָר וואָס דאָ האָט זיך געטאָן, ווען קלאַרע האָט צוויסן געגעבן, אַז דו לעבסט!... און אַז דו האָסט אַפילו צו איר געשריבן. זיי זענען אַלע אין גאָלע גורי ביי זלאָטשעוו, זיי זענען נעבעך אויף גרויסע צרות. דער גאַנצער פּרנסה-געבער איז דער 15-יעריקער וואָלוויש...

— איך ווייס, קלאַרע האָט עס מיר דערציילט...

— דו הייסט דאָך עפּעס אַזאַ קאָמישן נאָמען, ווי אַזוי האָט קלאַרע

געזאָגט? — איך געדענק שוין אַליין נישט — האָט זיך אָנגערופן דער פעטער זיגמונט.

— איך האָב דאָך היטלערן נישט געקאָנט זאָגן, אַז איך הייס שלמה? אַלע האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן.

— אוי, שלמה, שלמה! מיר האָבן שוין לאַנג נישט געלאַכט — האָט געזאָגט די מומע סאַלקע. — אָבער איצט מעגן מיר לאַכן, אַז דער אייבער־שטער האָט אונדז געהאָלפן דיך נאָך צו זען, איז טאַקע שמחת־תורה.

מירעלע האָט אַרויסגעפירט מאַרקאָן שלאָפן צו איר מאַמען, זיין פע־טערס טאָכטער, אסתרקע. דאָרטן האָט ער אויך געטראָפן איינע פון זיינע באַקאַנטע האַנדלס־אָנגעשטעלטע — רעגינע... מען האָט איצט אָנגעהויבן צו דערמאָנען די אַלטע גוטע צייטן, ווען מען איז געגאַנגען דעם ערשטן מאַי אין יאָר 1936 נאָך די אַפּריל־געשעענישן מיט די פויסטן אין דער הייך אי־בער די גאַסן פון לעמבערג, פון לעאָנא סאַפיעהא ביז צום פוילישן טעאַטער אין די פּאָליציי איז געזעסן פארשטעקט ווי די מייז אין די טויערן... און היינט! — האָט געזאָגט רעגינע — ציטערן מיר פאַר דער יידישער פּאָלי־ציי... לאַנג זענען זיי נאָך געזעסן און גערעדט, דערמאָנט פאַרשידענע חברים און באַקאַנטע. געלייגט האָט מען זיך ערשט אין מיטן דער נאַכט... מאַרקאָ האָט אָבער נישט באַוויזן זיך אַנידערצולייגן, ווי עס האָט זיך שוין געהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר...

— דאָס איז די יידישע פּאָליציי — האָט שטיל געזאָגט מירעלע. — זיי שלעפּן אַזוי אַרויס מענטשן אַלע נאַכט צו דער מאָרגנדיקער אַרבעט און גיבן אַפילו נישט קיין עסן. עס פּאַסירט אויך, אַז מען קומט שוין מער נישט צוריק... דאָס קלאַפּן האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט.

— אָטוואָזשיטש! זשידאָווסקאַ פּאָליציאַ! — האָט זיך געהערט אַ ווילד קול... מאַרקאָ האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן. — איך וועל זיי ווייזן, אַז זיי וועלן שוין מער אין זייער לעבן נישט קלאַפּן — האָט מאַרקאָ מיט־פאַרביילטע פויסטן געזאָגט.

— גיין! סאַלעק, גיין! — זענען אַלע צו אים צוגעפאַלן — זיי וועלן אונדז דערנאָך דערהרגענען!...

— זיי ווייסן דאָך, אַז ביי אונדז זענען נישטאָ קיין מענער, וועלכע קאָנען גיין צו דער אַרבעט, נאָר זיי קלאַפּן, אַבי אָנצוטרייבן שרעק.

אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין מאַרקאָ געשטאַנען אויפן וועג, וואָס פירט קיין זלאָטשעוו, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייטלעכן אויטאָ...

קאַפּיטל 24

מאַרקאָס באַגעגענונג מיט דער מאַמען

דער ווינטער האָט דאָס יאָר געקומען מיט דער גאַנצער קראַפט. די פעלדער זענען געווען באַדעקט מיט שניי. די קליינע הילצערנע שטיבלעך אויף דער פאַרשטאָט פון לעמבערג זענען געווען איינגעהילט ווי אין תכריכים. נאָר דער רויך, וואָס האָט זיך ערטצרווייז געצויגן פון אַ קוימען ערגעץ, האָט געגעבן אַ צייכן, אַז עס געפינען זיך נאָך דאָרטן לעבעדיקע באַשעפענישן... מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען אַהין און צוריק, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען די פיס...

— אָ, עס איז הייַנט גוט קאַלט! — האָט ער געזאָגט צו צוויי פויערעס, וואָס האָבן, ווייזט אויס, אויך געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט מיטצוכאַפּן זיך אויף אַן אויטאָ אַ פּאָר קילאָמעטער.

— עס איז הייַנט אוממעגלעך ערגעץ צו פאָרן — האָט געזאָגט איינע מיט אַ קלומעק אויף דער פּלייצע. — מיט דעם צוג מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש. האָסטו שוין די דערלויבעניש, איז אַזוי געפּאַקט, אַז דו האָסט נישט וווּ אַפילו אַ שפּילקע אַרייַנצושטעקן און מען מוז שטיין דעם גאַנצן וועג אין אַ פינצטערן וואַגאָן. נישט איינמאָל לייִדיקט מען דיר אויס די קעשענעס, אַז מען לאָזט דיר אַפילו נישט איבער קיין ברעקעלע פונעם ברויט... און אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג, קאָן אַמאָל דער צוג שטיין אַ גאַנצע נאַכט אין פעלד, אַז מען ווערט פשוט פאַרשטייפט פאַר קעלט אין די נישט געהייצטע וואַגאָנען. אַמבעסטן איז נאָך דאָ, עס קאָסט אַ ביסל טייערער, אָבער וואָס קאָן מען טאָן? אַ ביסל זאַלץ דאַרף מען דאָך, אַ ביסל נאַפט — אויך. קאָסט עס אַ פלעשל בראָנפן! אַמאָל טרעפט מען אַ דייטש, וואָס נעמט מיט, עס פאַסירט אויך, אַז ער נעמט צו דאָס פלעשל בראָנפן, פירט צו עטלעכע קילאָמעטער, און הייסט במחילה אַראָפּגיין.

פונדערוויטנס האָט זיך באַוויזן אַן אויטאָ. מאַרקאָ האָט זיך גע־שטעלט אין מיטן וועג, ווייזנדיק דעם שאָפער אַ צייכן, ער זאָל זיך אָפּ־שטעלן. מאַרקאָ האָט אַרויסגעצויגן זיינע דאָקומענטן. פון דער מאַשין האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ אין אַ מיליטערישן היטל מיט עפּעס בלישטשענ־דיקס. די פרויען האָבן זיך גלייך אָנגעקוקט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין שאָפער פאַר זיי...

— וואָ הין ברויכן זי? — האָט דער מיליטערמאַן געפרעגט.

— נאָך זלאַטשעוו! — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— ביטע שטייגן זי איין. — די מאַשין האָט גערירט פון אָרט.

— אין אורלויב, וואָס? — האָט געפרעגט דער מיליטערמאַן.

— ניין! — האָט מאַרקאָ געענטפערט — דינסטלעך. — איך בין פון די „פליגער־ווערקע“ און פאַר ווערבירן אַרבעטער פאַר אונדזערע ווער־קע.

— אַך! — האָט אויסגערופן אַ פאַרוווּנדערטער דער מיליטערמאַן — איר רעדט אויך נישט שלעכט דייטש — האָט ער צוגעגעבן — איר זענט אַ קאָזאַק?

— יאָ! — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— איך האָב מיך דאָס גלייך געמערקט, אין אייערע וואָנצעס און אין אייער נאָמען, וואָס איך האָב איבערגעלייענט אין דאָקומענט. די מאַשין איז געפאָרן מיט אַ גרויסער שנעלקייט. די טעלעפאָן־סלופּעס זענען ממש פאַרבייגעפלויגן. די דאָרפישע פורמאַנקעס האָבן זיך שוין פונדערווייטנס אָפּגעשטעלט, איינהאַלטנדיק די פערד ביי די ציימלעך, וואָס האָבן זיך גע־ריסן פאַר שרעק פאַר דעם פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ. אין זלאַטשעוו האָט מאַרקאָ אַרויסגענומען זיין פּאָרטפעל און געוואָלט באַצאָלן.

— ניין, ניין! פאַר דינסטלעכע רייזעס צאָלט מען נישט. — מאַרקאָ האָט העפלעך געדאַנקט און זיך געזעגנט. ער האָט זיך גלייך געלאָזט זוכן אַ גאַסטהויז, וווּ מען קאָן עפּעס אָפּעסן און גלייכצייטיק געפינען אַ געלעגנ־הייט צו פאָרן אין דאָרף פאַר גאָלע גורי. מאַרקאָ האָט אויפגעזוכט אַ פּוי־לישן הראָזשקאַזש, און זיך געהייסן פירן אין דאָרף פאַר גאָלע גורי.

— ווייסט איר כאָטש גוט דעם וועג? — האָט מאַרקאָ געפרעגט דעם הראָזשקאַזש.

— אָ, יאָ! נישט איינמאָל בין איך שוין דאָרט געווען. דאָס איז אַן ערך 5 קילאָמעטער פון גאָלע גורי.

— און ווי גייען היינט די פאַרדינסטן? — האָט מאַרקאָ ווייטער געפרעגט.

— אין דער ערד! — האָט דער דראָזשקאַזש געענטפערט. ווען חברה האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט די יידישע זאַכן, האָט מען אַ ביסל פאַרדינט. מען איז געפאָרן אַהין, אַהער, אַמאָל עפּעס אויסגעטרונקען. ווי גאָר אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטאָפּט די קעשענעס, איז אַ גוטן טאָג! קענען זיי נישט מער קיין דראָזשקעס. זיי פאָרן שוין מיט אויטאָס, געוואָרן בעסערע מענטשן, אָנגעטאָן אין פוטערס.

דער פראָסט האָט געברענט ווי אַ פייער, די דראָזשקע האָט זיך אַ ביסל געגליטשט, ווייל דער וועג איז שוין געווען פאַר אַ שליטן. עס איז אָבער געווען דאָס גוטע, וואָס די בויד האָט פאַרשטעלט פאַר דעם ווינט. מאַרקאָ האָט זיך איינגעהילט אין דעם ווינקל פון דער בויד, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דעם מאַנטל, די הענט צוזאַמען מיט די הענטשקעס אַרייַנגעשטעקט אין די קעשענעס און אָנגעהויבן צו דרימלען...

דער דראָזשקאַזש האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר דער שטוב פונעם סאָלטים פון דעם דאָרף. דער סאָלטים איז גראָד געווען אין דער היים.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט מאַרקאָ באַגריסט אויף אוקראַיניש.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט געענטפערט מיט אַ גראָבער שטים דער סאָלטים.

— איך וואָלט געוואָלט איבערנעכטיקן אין אייער דאָרף! — איז גלייך צוגעטראָטן צו דער זאַך מאַרקאָ. איך בין אינגאַנצן דורכגעפרוירן און האָב נאָך אַ גאַנץ ווייטן וועג.

— און ווער זענט איר? — האָט געפרעגט דער סאָלטים.

— איך בין אַן אוקראַיִנער פון ווין! — האָט מאַרקאָ געענטפערט, אַרויסציִענדיק זיין פאָרטפעל מיט די דאָקומענטן.

דער סאָלטים האָט נישט געענדיקט דאָס לייענען, ווי ער האָט זיך געווענדט צו אַ פויער, וואָס האָט זיך גראָד געפונען אין שטוב און געזאָגט:

— איוואַן, לויף שנעל צו וואַלאַשינען און זאָג, אַז ער וועט היינט האָבן אַ גרויסן גאַסט. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען! — האָט דער פויערישער בחור איבערגעחזרט, אָנטוענדיק זיין קורטקע.

— וואַלאַשין איז דער ערשטער באַלעבאָס פון אונדזער דאָרף — האָט געזאָגט דער סאָלטים צו מאַרקאָן, צוריקגעבנדיק אים מיט דרך־ארץ זיינע דאָקומענטן. — איר וועט דאָרט האָבן אַ געלעגער, ווי ביי אייער מאַמען

אין דער היים — האָט ער הניפהדיק צוגעגעבן. — און וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער ברייטער וועלט? — האָט ער מיט גרויס נייגער געפרעגט, צוריקגעדיק זיין שטול אַ ביסל נעענטער צו מאַרקאָן.

— געלויבט איז גאָט! — האָט מאַרקאָ געענטפערט, — וואָס מיר האָבן ווידער אוקראַיִנע.

— אָי, — האָט מיט פרייד צוגעשטימט דער סאָלטיס — געלויבט זאָל זיין היטלער, וואָס אַ דאַנק אים זענען מיר פּטור געוואָרן פון די ליאַכעס און זשידעס.

— אין אַ האַלבער שעה אַרום איז מאַרקאָ שוין געווען ביי וואַלאַשינען. דער באַלעבאָס האָט אים מיט גרויס כּבוד אויפגענומען. ער האָט אים אויך מכבד געווען מיט האָניק פון זיינע אייגענע בינשטאָקן. מאַרקאָ האָט אָפּגעגעסן אַ וואַרעם אָנטברויט. דאָס בעט האָט מען אָנגעהויבן איבערציען מיט ווייסע ציכן. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אַ קלייניקייט: אַן אויסלענדישער גאַסט! עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָליטישער שמועס, וועלכער איז געווען זייער אַן „אָפּגעהאַרציקער“. וואַלאַשין האָט דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן געהאָלפן דער היטלעריסטישער אַרמיי... ווי אַזוי זיי האָבן צוגעהאָלפן אויסזוכן די יידיש-באָלשעוויסטישע שפּיאָנען... אָ, אויף אונדזער אוקראַיִנישער פּאָליציי קאָן מען זיך שוין פאַרלאָזן! — האָט וואַלאָשין מיט שטאָלץ צוגעגעבן. דער שמועס איז איבערגעגאַנגען אויף גאָלע גורי...

— און וואָס זאָגט איר צו אונדזער אוקראַיִנע? — איז ווידער וואַלאָשין אַריבער צו זיין טריומפירנדיקן שמועס.

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? — האָט מאַרקאָ געענטפערט — „נאַשאַ סאַמאָסטיינע אוקראַיִנאַ בולאַ, יע, אי בודע“...

— האָסט געהערט? — האָט זיך וואַלאשין מיט גרויס פרייד געווענדעט צו זיין ווייב. מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צום שלאָפן. דאָס גאַנצע הויז-געזינד האָט זיך געשטעלט לעבן די בעטן אויף די קני צו זאָגן דעם פּאַטשעזש. מאַרקאָ האָט זיך אויך געשטעלט אויף די קני און אויסגעצויגן אַ הויכן „ווי אימיאַ אָטצאַ אי סינאַ“...

מאַרקאָ האָט זיך גאַנץ שפּעט אויפגעכאַפּט. אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען. וואַלאַשין איז שוין לאַנג געהאַט אויפגעשטאַנען, נאָר ער האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון דער שטוב, ער זאָל חלילה, נישט אויפוועקן דעם גאַסט. מאַרקאָ האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעהויבן אָנטאָן, ראַזירט,

אָפּגעוואַשן, מיט דעם שערל שיין צוגעגלייכט די וואָנצעס און זיך ציגעגרייט צום פרישטיק עסן.

— מיט וואָס ווילט איר פאָרן קיין גאָלע גורי? — האָט וואָלאָשין געפרעגט מאַרקאָן, — מיט אַ גרויסן שליטן, צי בעסער מיט אַ שפּאַצירשליטעלע?

— ווי איר פאַרשטייט! — האָט מאַרקאָ געענטפערט — מיר, ווינער, קענען זיך אויף די פוילישע וועגן נישט אויס. איך ווייס נאָך, אַז פון זלאָטשעוו אַהער איז געווען שטאַרק גליטשיק.

— איך שטעל מיר פאָר, ווי די רייזע אין דער דראָזשקע האָט אויסגעזען — האָט וואָלאָשין געשמייכלט. מיר וועלן פאָרן מיט אַ קליין, לייכט שליטעלע. עס איז נישט מער קיין ווינט, וועט זיין אָנגענעם צו פאָרן.

אינעם שיינעם זאַקאָפּאַנער שליטעלע, געשפּאַנט אין אַ שפּאַקאָוואַטע פערד, האָט זיך מאַרקאָן אויסגעדאַכט, אַז ער איז ווירקלעך דאָ אַהער געקומען אויף דאַטשע. וואָלאָשינס ווייב האָט נאָך אַרויסגעברענגט אַ קאָץ איינצוּוויקלען די פיס. — איר, שטאָטישע, זענט נישט געוווינט צו קיין קעלט — האָט זי צוגעגעבן. זיי האָבן געריכט פון אָרט. דאָס פערד האָט זיך געטראָגן ווי אַ פויגל. עס האָט זיך נאָך געהערט אַ לייכט שורשען פינעם שליטעלע איבערן שניי...

— אַנטשולדיקט! — האָט זיך וואָלאָשין געווענדעט צו מאַרקאָן — וואָס איז דאָרטן אין גאָלע גורי, וואָס איר פאָרט אַהין?

— איך האָב דאָרט אָפּצונעמען געלט — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

— זיכער ביי די זשידעס!? — האָט וואָלאָשין געפרעגט.

— יאָ! — האָט מאַרקאָ קורץ געזאָגט — ער זאָל זיך אָפּטשעפּען.

— אָ, די פאַרשיווועצעס! ביי זיי מוז מען אָפּנעמען. מען טאָר זיי אין דער ערד אַריין גאָר נישט מיטגעבן! — האָט ווי צו זיך אַליין געזאָגט וואָלאָשין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן גאַלע גורי. מאַרקאָ האָט שוין פונדערווייטנס דערזען די קוזשניע, וועלכע איז געשטאַנען לינקס פונעם וועג. גענוי אַזוי, ווי דער פעטער זיגמונט און קלאַרעס ברודער ליאָלעק האָבן אים זי אויסגעמאָלט... דער האָרפישער ברונעם... אַלץ גענוי... נאָר דאָס שטיבל?... עס איז דאָך אַ קעלער אויף קאַרטאָפל?...

מיטאַמאָל האָט מאַרקאָ דערזען אַרויסגיין פון דאָרטן זיין ייִנגערע שוועסטער ביילעניו... ער איז געוואָרן ווי פאַרגליווערט... דאָס האַרץ האָט

אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן... יאָ, דאָס איז זי... ווען ער האָט זי איבערגעלאָזט איז זי אַלט געווען 13 יאָר. היינט איז איר שוין 16. ווי זי איז אויפגעוואַקסן! זי האָט אים נישט דערקענט... זי האָט נאָר אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווייל זי האָט געזען אַ פרעמדן מענטשן אַנקומען, ווי געווייגלעך אין די קליינע ערטער.

— מיר וועלן דאָ ערגעץ צופאָרן טרינקען אַ גלאָז טיי, כדי זיך צו דערוואַרעמען — האָט געזאָגט מאַרקאָ צו וואָלאָשינען. עס איז אים נישט אַזוי געגאַנגען אין דער טיי, ווי די צייט זאָל אַריבער און עס זאָל טונקעלער ווערן, כדי מען זאָל אים נישט באַמערקן, ווען ער וועט אַריינגיין צו זיינע עלטערן...

— וואָס האָט איר צו עסן? — האָט מאַרקאָ געפרעגט די באַלעבאָסטע פונעם גאַסט־הויז.

— וואָס איר ווילט נאָר! ביי אונדז איז נישט לעמבערג, ביי אונדז קאָן מען עסן אפילו אָן לעבנס־מיטל־קאַרטן — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— אויב אַזוי, גיט מיר צוערשט אַ גוטן אוקראַאינישן באָרשטש! און וואָס דאָס צווייטע, וועלן מיר שוין כאַפּן אַ קלער.

— אָ, פאַר אַן אוקראַאינער, איז ספּעציעל עפּעס דאָ! — האָט זי געזאָגט, אַריינלויפנדיק פאַרפאָרעט אין קיך אַריין.

מאַרקאָ האָט פּאָוואָליע אָפּגעגעסן, זיך דערווייל צוגעהערט צו די שמועסן, וואָס זענען געפירט געוואָרן ביי די טישלעך און נאָכן באַצאָלן אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן טונקל ווי אויף אַ שפּאַציר האָט מאַרקאָ פּאַרקערעוועט אויף דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען צו פאָרן... דער וועג דויערט שוין יאָרן — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט... נאָר מען טאָר זיך נישט איילן... עס מוז גוט פינצטער ווערן... ער האָט שוין דערזען די קוזשניע. זי איז שוין געווען פאַרמאַכט. ארום זענען געלעגן די אויסגעברענטע זשוזשלען פון די קוילן. מאַרקאָ האָט זיך געלאָזט גיין אַרויף אויף דעם בערגל צום שטיבל צו.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט מאַרקאָ געזאָגט אויף אוקראַאיניש, אַריינגייענדיק אין שטיבל אַריין, און נישט ווייסנדיק ווער עס געפינט זיך דאָ.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט אויך אויף אוקראַאיניש געענטפערט זיין ייִנגערער ברודער וואָלוויש, וועלכער איז געשטאַנען ביים קיכל און עפּעס געקאָכט אַ פאַרפאַרבט וואַסער אויף אָנגעברויט. אין שטוב איז געווען

גאַנץ טונקל, עס האָט זיך געלויכטן נאָר פון דעם פייער אויף דעם קליינעם אייוועלע... עס איז ווירקלעך געווען אַ קעלער, נישט קיין שטוב. אויף אַ הילצערנער פּריטשע, ווי אין אַ לאַגער, איז געלעגן דער טאַטע, שוין אינגאַנצן קיין מענטש נישט, ווי אַ לעבעדיקער מת... די שייגע בלאָנדע מאַמע האָט אויסגעזען דאַר און קאָמיש איינגעשרומפּן פון הונגער...

— פּשי טו מעשקאַיע ראָדינא שטראַוס? — האָט געפרעגט מאַרקאָ.

— וואָס וויל ער? — האָט די מאַמע זיך געווענדעט צו וואָלוויש.

מאַרקאָ האָט אָבער שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון זיינע אויגן, וועענדיק דעם שוידערלעכן חורבן פון זיינע נאָענטסטע. אַלע אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן. עס איז אויך צוגעקומען די צווייטע שוועסטער פייגע.

— מאַמע! — האָט מאַרקאָ אויסגעשריגן — איך בין עס, שלמה...

די מאַמע איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אין חלשות. אַלע אין שטוב האָבן פאַר גרויס פרייד אָנגעהויבן צו וויינען.

— ווייסט, שלמה, — האָט געזאָגט זיין 13־יעריקער ברודער הערשעלע — איך האָב דיך גלייך דערקענט אין קול.

— איצט קאָן איך שוין רואיק שטאַרבן! — האָט געזאָגט די מאַמע, אַ דערמינטערטע, ליגנדיק אויף דער פּריטשע. — מיין איינציקע האָפענונג איז געווען דיך נאָך אַמאָל צו זען. מיין קינד, איך האָב געפילט, אַז איך וועל דיך נאָך זען. דער מאַמעס האַרצן האָט דאָס געפילט... דו האָסט זיך אַפילו מיט מיר נישט געזעגנט, ווען דו ביסט אַוועקגעגאַנגען אויפן פראָנט...

— דו וועסט נישט שטאַרבן, מאַמע. פאַרוואָס עפּעס שטאַרבן? — האָט געזאָגט מאַרקאָ — איך וועל אייך אַלעמען פון דאַנען אַוועקנעמען קיין דייטשלאַנד און וועל אויסאַרבעטן פאַר אייך אוקראַינישע פּאַפּירן... די גאַנצע נאַכט איז אין שטיבל קיינער נישט געשלאָפן... שלמה האָט אַרויסגענומען פון דער טעטשקע האָניק, אַ ווייס ברייטל, טרוקענעם וורשט, נאָך פון דייטשלאַנד, צוקער און געגעבן פייגען, זי זאָל יעדן פאַרטיילן...

—עסט פּאַוואָליע, עס איז דאָך פּעט, עס זאָל אייך, חלילה, נישט שאַטן. פאַרגיב מיר, רבונו של עולם, — האָט דער טאַטע געזאָגט, וואָס איך מוז אויף מיינע עלטערע יאָרן קוקן, ווי מיינע קינדער עסן חזיר און איך זאָג גאָרנישט. מיר גיב נאָר אַ שטיקל ברויט. פייגעלע שנייד פריער אָפּ אַ שטיקל ברויט, איידער דו שניידסט דעם וורשט...

— טאַטע! — האָט וואָלוויש געזאָגט, בייסנדיק געשמאַק דאָס ברויט

מיטן ווורשט — איך גאַראַנטיר דיר, אַז דער אייבערשטער אַליין וואָלט איצט אויך געגעסן חזיר, ווען ער זאָל אַזוי מיט אונדז זיצן אין דעם קעלער...

די מאַמע האָט אויך אָנגעהויבן צו שמייכלען.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זיך אָנגערופן דער טאַטע — איר זענט אַלע קאָמוניסטן צוזאַמען מיט דער מאַמען. שלמה האָט אייך אַלע אויסגעלערנט!... יענע צוויי, וואָס זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, זענען אויך אַזעלכע... דאָס וואָס עס איז היינט אַזוי ביטער, איז נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט ביים אייבערשטן... און ווער איז דען היטלער, ימח שמו זאָל ער ווערן?! — נישט געשיקט פונעם אייבערשטן?...

— אויב אַזוי — האָט זיך אָנגערופן די מאַמע — בין איך דיר שוין מוחל דיין אייבערשטן...

— וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט זיך ווידער אָנגערופן דער טאַטע — אַזוי ווי די מאַמע, אַזוי זענען די זין...

— גענוג שוין, טאַטע — האָט באַרואיקט מאַרקאָ — וואָס קאָן מען דען טאָן, זאָלן זיי נישט עסן? הו קאָנסט זיי געבן כשרן ווורשט? איך גאַראַנטיר דיר, אַז אויך דיר וואָלט דער אייבערשטער מוחל געווען ווען דו עסט.

ביילעניו איז שנעל געלאָפן צו וויסן געבן זייערע אַלטע שכנים פון וואריש, אַז שלמה איז געקומען. אין גרויס געהיים זאָל דאָס זיין! — האָט זי צוגעגעבן.

מיט איין אָטעם איז געקומען צו לויפן וויגדער רייכמאַן.

— שלמה! שלמה! אַזאַ גליק! אוי, שלמה, ווי מיין טאַטע וואָלט דיך געוואָלט זען. ער האָט אָבער מורא צו גיין איבער דער גאַס. ער דערמאָנט דיך שטענדיק. אוי — זאָגט ער תמיד — זיין מגילה לייענען, זיין אקדמות, און ווער געדענקט נישט זיין קידוש אין סוכה? ער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט, אָבער מיטן פינטעלע ייד האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשעמט... שלמה! — האָט ווייגדער געבעטן — ווען עס וועט טונקל ווערן, גיי זיך אַדורך צו אונדז...

דעם צווייטן טאָג איז מאַרקאָ געפאָרן קיין לעמבערג נאָך זיינע זאַכן און וועגן זיינע לעבנס־מיטל־קאַרטן.

— אַך, אַ לאַנדסמאַן! — האָט זיך דאָס מיידל ביים פענצטערל דערפרייט, נעמענדיק ביי מאַרקאָ די דאָקומענטן, כדי צו פאַרצייכענען ווען

זי האָט די לעבנסמיטל=קאַרטן אַרויסגעגעבן. — איך ענדיק באַלד מיין אַרבעט — האָט זי געזאָגט — קאָנט איר אויף מיר צוואַרטן?

זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין קינאָ...

צוויי מאָל איז מאַרקאָ געפאָרן פון גאָלע גורי קיין לעמבערג. די באַאַמטין פון דער אַפּראָוויזאַציע=ביוראָ האָט שוין פאַר מאַרקאָן צוגעגרייט גוטע לעבנס=מיטל=קאַרטן... מאַרקאָ האָט אָנגעקויפט פון כל גוטס: צוקער, קאַשע, מעל, וווּרשט, שמאַלץ, ער האָט אפילו נישט פאַרגעסן אין אַ פלעשל בראָנפן פאַרן טאַטן אויך צו קויפן. אין דער היים איז איצט געווען אמתדיק שמחת=תורה...

ישראלן — האָט די מאַמע דערציילט — האָבן די סאָוויעטן גענומען צום מיליטער. ער האָט מיטגענומען דיינע בילדער מיט זיך. איך האָב אים נישט געוואָלט געבן. אָבער ער האָט געזאָגט: איר בלייבט און איר וועט אים נאָך זען, אָבער איך! זאָל איך כאָטש האָבן זיינע בילדער. און גרשון האָט געאַרבעט אין סקאָליוו ביי די פליער. ווייסט דאָך — האָט די מאַמע צוגעגעבן — פלינק איז ער תמיד געווען האָט ער געמאַכט עפּעס אַן אויסבעסערונג ביים פּראָפּעלער. מען האָט אים געמאַכט אַ גרויסן באַנקעט, און ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָבן זיי אים מיטגענומען מיט זיך אויפן אַעראָפּלאַן. מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. דער טאַטע האָט נישט געוואָלט, דו קענסט דאָך דעם טאַטן. די דייטשן זענען העכסט אַנשטענדיקע מענטשן — האָט ער געזאָגט — איך קען זיי! איך בין געווען אין עסטרייכישן מיליטער. די גאַנצע מעשה מיט היטלערן, איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך... און דערנאָך — איז שוין געווען צו שפּעט...

אין דער היים האָט מען ממש נישט געוווּסט, וואָס מען האָט מיט שלמהן צו טאָן, פייגע האָט גענומען פרעסן זיינע הויזן, ביילעניו האָט גענומען אַרומשמירן זיינע אויערן=שיצער, וואָס קלאַרע האָט געמאַכט, כדי זיי זאָלן בעסער צוליגן צו די אויערן... יעדער האָט עפּעס געוואָלט פאַר אים טאָן... שלמה איז פון תמיד אָן געווען באַליבט אין דער היים. עס איז שטענדיק אַזוי געווען, ווען שלמה פלעגט קומען צו פאָרן פון לעמבערג אַהיים אויף אַ יום=טוב. ער פלעגט אַלע מאָל עפּעס ברענגען, איבערהויפּט פאַר דער מאַמען און די שוועסטער. די צייט איז שנעל פאַרביי. מען האָט שוין געמוזט אָנהייבן קלערן פון צוריקפאָרן...

— מאַמע! — האָט איינמאָל שלמה געזאָגט — אפשר וואָלט איך בכלל געבליבן מיט אייך דאָ?

— ניין, מיין קינד, ניין! מען וועט דיך אנהייבן פארשן, ווו דו ביסט געווען ביז איצט און ווו איז דיין אויסוויז? מען קאן דיך נאך אננעמען פאר א שפיאן. מיר וועלן זיך דא אן עצה געבן אן דיר. צווייטנס, דו האסט דאך דערמאנט וועגן דאקומענטן פאר אונדז. אפשר וועט דאס מא־קע געלינגען...

— אויב אזוי, מאמע, לאז איך אייך איבער אלע מיינע זאכן.

— ניין, ניין, מיין קינד! אין וואס וועסטו זיך אנטאן, און וואס וועס־טו אין דייטשלאנד זאגן, ווען דו וועסט צוריקקומען א נאקעטער?

— איך וועל זאגן, אז מען האט מיך באגנבעט אויפן וועג — האט געענטפערט מארקא. עס געשעען דאך אזעלכע זאכן. זארג נישט, מאמע, איך וועל זיך אן עצה געבן... אלע זענען טרויעריק געשטאנען און געקוקט, ווי מארקא האט ארויסגענומען פונעם קלענערן רענצעלע די אי־בעריקע זאכן און זיי אריינגעלייגט אין גרויסן. אין קליינעם רענצעלע האט ער אריינגעלייגט צוויי פאר וועש, ראזיר־געצייג, די מעמשקע און נאך עטלעכע קלייניקייטן.

— דאס נעם איך מיט! און דאס אלץ — האט מארקא געזאגט, אנ־ווייזנדיק אויפן גרויסן רענצל — זאלט איר פאוואליע פארקויפן און אייך העלפן צום לעבן... אין א פאר חדשים ארום אדער אפשר א האלב יאר בין איך ווידער דא צוריק מיט דאקומענטן פאר אייך אלעמען... מארקא האט אויך געגעבן דער מאמען זיין האנט־זייגערל. די מאמע האט זיך פאר־גאסן מיט בלוטיקע טרערן...

— איך האב דיינע זאכן נישט געלאזט פארקויפן — האט זי גע־זאגט — כאטש מיר האבן גישט אייגמאל נישט געהאט וואס צו עסן, און איצט לאזטו נאך איבער דאס לעצטע פון זיך.

— מאמע, דאס איז אלץ נישט וויכטיק! האלט נאר אויס ביז איך וועל צוריקקומען...

— און אפשר, מאמע, וועל איך דערווייל מיטנעמען ביילעניו?...

— וואס רעדסטו, שלמה!? — האט די מאמע געזאגט — ניין, שלמה, ניין! זי איז נאך א יונג קינד, און ווו וועסטו זי נעמען אן דאקו־מענטן?!... דו וועסט דיך אומגליקלעך מאכן צוזאמען מיט איר... ניין, שלמה, ווען דו וועסט קומען מיט דאקומענטן, איז שוין עפעס אנדערש...

מיט א צעבראכן הארץ האט מארקא פארלאזט זיין היים און זיינע נאענטסטע. עס האט אים נאר געשטארקט די האפענונג, אז ער וועט אין קורצן צוריקקומען מיט דאקומענטן און אלע מיטנעמען מיט זיך.

קאַפּיטל 25

דער בריוו פון פּראָפעסאָר האלאטא וועגן מאַריאַ פּאַוולעטשי

ווען מאַרקאָ איז צוריקגעקומען אין די „פליגער־ווערקע“, האָט אים דער הער פּפייפער איבערגעגעבן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער פלעגט אָפּנעמען אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. ער האָט אים אויך איבערגעגעבן וועגן אַ פּוילישער דעלעגאַציע, וואָס וואַרט אויף אים. מאַר־קאָ האָט גענומען עפענען די בריוו און גלייכצייטיק זיך פאַרטראַכט וועגן שאַפן דאָקומענטן פאַר זיינע נאָענטסטע. ער האָט געפרוווט אויסשטעלן נעמען — יעדן איינציקן אויף אַן אַנדער פאַמיליע און געפּלאַנט יעדן באַזונדער אַריינצוגעבן אין אַן אַנדער ווערק, כדי טאָמער געשעט, חלילה, אַן אומגליק, זאָל דער צווייטער כאָטש נישט אַריינפאַלן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין דער טיר. אין צימער זענען אַריינגעקומען אַ גאַנצע גרופּע מענטשן, באַגריסנדיק אויף פּויליש.

— וואָס האָט פּאַסירט, — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— מיר זענען געקומען צו אייך מיט אַ ביטע, הער מאַרקאָ — האָט אָנגעהויבן אַנאַ טשאַלקאָווסקאַ, — און מיר זענען זיכער, אַז איר וועט אונדז נישט אָפּזאָגן. די פּוילישע אַרבעטער פון די „פליגער־ווערקע“ האָבן אונדז אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַציע צו אייך, כדי אייך צו בעטן, איר זאָלט אויך אונדז, פּאָליאַקן, נעמען אונטער אייער שוץ.

— איך בין דאָך אַן אוקראַאינער — האָט געענטפערט מאַרקאָ. ווילט אויס עמעצן פון אייך, אַ פּאָליאַק. איר ווייסט דאָך, אַז אַ באַשיצער קאָן זיין נאָר פון דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט.

— מיר ווייסן, הער מאַרקאָ, אַז איר זענט אַן אוקראַאינער — האָט

געענטפערט טשאַלקאָווסקאַ *) — אָבער איר האָט האָך אונדז שוין פיל מאָל געהאָלפן, כאָטש איר זענט אַן אוקראַאינער. זאָגט אונדז נישט אָפּ, הער מאַרקאָ.

— צוליב פאַרשידענע סיבות קאָן איך נישט זיין אייער אָפיציעלער באַשיצער — האָט מאַרקאָ געזאָגט. — עס וואָלט אפילו אויסגעזען פאַר־דעכטיק, אַז אַן אוקראַאינער באַשיצט... פּאָליאַקן...

— אָבער, אַז מען וועט אייך פון אויבן באַשטימען, וועט איר מסכים זיין? — האָט זיך אָנגערופן ווישעכאָווסקי.

מאַרקאָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. די געזיכטער פון די מענטשן זענען געווען אָנגעשטרענגטע ביז גאָר, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויף דעם ענטפער, וואָס מאַרקאָ וועט זיי געבן...

— גוט, איך וועל מסכים זיין — האָט מאַרקאָ געענטפערט נאָך אַ ווײַלע שווייגן, גאָר קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איר זענט שוין ביי מיר געווען. די דעלעגאַציע איז אַרויסגעגאַנגען אַ צופרידענע.

די דעלעגאַציע האָט זיך געווענדעט צו דער „זאָנדער־אָפּטיילונג“ דערנאָך צום דייטשישן „אַרבייטס־פּראַנט“. זי איז אויך געגענאַגען צו דער בעטריבס־פירונג. אומעטום האָבן זיי געהערט נאָר איין פראַגע:

— מאַרקאָ איז דאָך אַן אוקראַאינער?

— ער איז אָבער אַן אומפּאַרטייאישער מענטש, און איז גרייט יעדן צו העלפן — איז געווען דער ענטפער פון דער דעלעגאַציע...

---

*) אַננאַ טשאַלקאָווסקאַ וווינט היינט אין שעראַדז, ביי לאָדזש. פון באַרוף איז זי אַ לערערין. אין יאָר 1945, ווען מאַרקאָ איז געקומען אין באַפרייטן פוילן, האָט ער געדאַרפט האָבן רעקאָמענדאַציעס. מאַרקאָ האָט זיך דע־מאָלט פאַררופן אויף אַננאַ טשאַלקאָווסקאַ, אָלגאַ רענדזשיקאָווסקאַ, לאַבאַ־ניעצס שווענערין אויף מאַטיקאַן פון לאָדזש און אויף פיל אַנדערע. אין יאָר 1947 איז אויך מאַרקאָ איינגעלאַדן געוואָרן קיין שעראַדז, אויף אַ באַל פון מאַטוריסטן. מאַרקאָ איז אַהין געפאָרן אַלס פּוילישער אָפיציר. די מענטשן האָבן זיך זייער געפרייט, ווען זיי האָבן דערזען מאַרקאָן אַ לעבעדיקן, ווייל פאַרן פאַרענדיקן די מלחמה, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מאַרקאָ איז דערהרגעט געוואָרן. אויף דעם דאָזיקן באַל האָט מאַרקאָ אַלעמען אויפגעקלערט, אַז ער איז אין דער אמתן קיין אוקראַאינער נישט, נאָר אַ ייד... וואָס איז גע־ווען פאַר אַלעמען אַ גרויסע איבערראַשונג.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט שוין מאַרקאָ געהאַט אונטער זיין שוץ דריי נאַציאָנאַליטעטן: אוקראַאינער ווייסרוסן און פּאָליאַקן...

— נאָך אַ ביסל, וועלן זיי אייך מאַכן פאַר אַ גאַולייטער! — האָט זיך געוויצלט פּראָפעסאָר האָלאָטאַ. — אָבער נישט געזאָרגט, דרוזשע מאַרקאָ! דעם קאָפּ אין דער הייך! מיר קאָנען נאָר שטאָלץ זיין, וואָס מענטשן האָבן צוטרוי צו אונדז, אוקראַאינער...

אין דער פרי, ווען מאַרקאָ איז געקומען אין ביוראָ, איז אויף זיין טיש געלעגן אַ בריוו, וואָס איז געווען אַדרעסירט: „פּערזענלעך צום הער מאַרקאָ“ (אויף רוסיש) און אויף דער אַנדערער זייט דער נאָמען פון אַדרעסאַט: ליובאַ טופּאָטינאַ.

מאַרקאָ האָט געעפנט און אָנגעהויבן צו לייענען... אַ ביטע... דאָס מאָל פון די רוסישע אַרבעטער... די אויפגאַבן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ שווערער און שווערער. ווער ווייסט, צי איך וועל זיך קאָנען מיט דעם אַלעמען אַליין אַן עצה געבן. מאַרקאָ האָט שוין אויך אָנגעהויבן צו שרייבן ביטעס פאַר מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהערט צו זיין אָפּיציעלער בעטרויונג. ער האָט אָנגעהויבן אויסצונוצן די באַקאַנטשאַפט מיט די מיידלעך פון קלאָרס סעקרעטאַריאַט, און זיי פלעגן אים אַ סך זאַכן שרייבן אויף די מאַשינען.

עס איז געווען אַ שיינער נאָכמיטאָג. אַלע זענען געווען צופרידן, וואָס די אַרבעט האָט זיך שוין געענדיקט און אָנגעהויבן פאַוואָליע פאַרלאָזן די אַרבעטס־האַלעס און דאָס ווערק. מאַרקאָ איז אויך שוין אַרויסגעגאַנגען. ווי נאָר ער האָט זיך דערווייטערט אַ פאָר שריט נאָכן טויער, הערט ער אַ שטימע פון אַ דייטשישן אַרבעטער:

— עס פרעגט זיך צו אייך אַ מיידל, אָנווייזנדיק אויף דער בלאָנדער, וואָס איז גאָענט פון אים געשטאַנען.

— איר זענט דער הער מאַרקאָ? — האָט זיך צו אים געווענדעט אַן אָרעם געקליידט מיידל מיט קורץ־געשוירענע האָר.

— ביטע, וואָס איז אייער ווונטש? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— איך האָב צו אייך אַ בריוו פון פּראָפעסאָר האָלאָטאַ — האָט דאָס מיידל געזאָגט, — דערלאַנגענדיק מאַרקאָן דעם בריוו. מאַרקאָ האָט דעם בריוו באַלד אָנגעהויבן צו לייענען.

— גוט, איר וועט קומען צו מיר מאָרגן אין דער פרי אין ביוראָ, וועלן מיר געבן אַ קלער, ווי אייך צו באַשעפטיקן. יאָ, און ווו איבערצונעכטיקן האָט איר, פרוילין?

אוקראַיִנישע פאַרבינדונגס־שטעלע אין דעם דייטשישן אַרבעטס־פראָנט, ג א ו־
װ אַ ל ט ו נ ג, װין און נידערדאָנאַו,
װין 1, דראַכענגאַססע 3/2 — טעלעפאָן ר־27־80־2.

װין, דעם 17 מאַי 1943.

צו דער װינער נױשטאַדטער פליגערװערקע, אויף דער האַנט פון הער טאָמאַס מאַרקאָ גאַואָכמאַן פאַר אוקראַינער

דערמיט רעקאָמענדיר איך אײך דאָס פרײלין מאַרגאַרעטא פּאַװלע־טשי, פונדערהײם שיכער, געבוירן 6.8.1917, אין װין. אַלט צײענדיק 2—3 חדשים איז זי אַװעקגעפאָרן מיט אירע עלטערן קײן כאַרקאָװ, װוּ זי האָט דאָרט געלעבט. אין יאָר 1923 איז איר טאַטע, א דײטש, צוריקגעקומען קײן װין און פון דעמלט אָן איז זײן שפּור פאַרלוירן געװאָרן. איר מוטער, אַן אוקראַינערין פון לעמבערג, איז מיט זעקס יאָר צוריק געשטאָרבן אין כאַרקאָװ. מאַרגאַריטע פּאַװלעטשי איז אויף אײגענע קאָסטן דעם 4 מאַי 1943 געקומען קײן װין זוכן איר טאַטן און אויך אַרבעט. פון באַרוף איז זי א לערערין. זי באַהערשט די אוקראַינישע, רוסישע און דײטשישע שפּראַכן. איך בעט אײך איר זאָלט נעמען אין אַכט אירע שפּראַך־קענטע־נישן און זי ביי אײך באַשעפטיקן.

הײל היטלער!

דער גאַופאַרבינדונגסמאַן פאַר אוקראַינער

ה אָ ל אָ ט אַ

— נײן! — האָט זי געענטפערט.

— אויב אַזוי, גיט מיר אײערע דאָקומענטן, װעל איך אײך שוין באַזאָרגן װוּ צו נעכטיקן — האָט מאַרקאָ זיך אָנגערופן.

— איך האָב קײנע דאָקומענטן — האָט זי טרויעריק געענטפערט...

— און װוּ זענען אײערע זאַכן? — האָט מאַרקאָ פאַרװוּנדערט גע־פרעגט.

— אויך קײן זאַכן האָב איך נישט... פאַר מאַרקאָן איז דער ענין שוין געװאָרן גאַנץ קלאָר — ער האָט שוין פאַרשטאַנען, מיט װעמען ער האָט האָ צו טאָן. — אויב אַזוי, קומט מיט מיר — האָט ער געזאָגט.

זײ זענען צוזאַמען געגאַנגען אין לאַגער אַרײן.

UKRAINISCHE VERBINDUNGSSTELLE
IN DER DAF. — GAUWALTUNG WIEN UND NIEDERDONAU
Wien I., Drachengasse 3 II – Fernruf R 2 30 27

Ihre Zeichen:
Ihre Nachricht vom:
Zeichen des Amtes:*
Betreff:
Margarite
Pawletschi

WIEN, den 17.Mai 1943.

An
Fa Wr.Neustadter Flugzeugwerke
zu H..d.H.Thomas Merko
Gebm.für Ukrainer.

Hiemit empfele ich Ihnen Fr.Margarite Pawletschi grb.Schiecher,geb.8.6.1917 in Wien.Im Alter von 2-3 Monaten ist sie mit ihren Eltern nach Charkow ausgewandert,wo sie auch lebte. Im Jahre 1923 ist ihr Vater, ein Deutsche, nach Wien zurückgekehrt, aber nichts von sich hören lassen hat. Ihre Mutter, eine Ukrainerin aus Lemberg, ist vor 6 Jahren in Charkow gestorben. Margarite Pawletschi ist auf eigene Kosten am 14. 5. 43 nach Wien gekommen. Sie sucht ihren Vater und sucht eine Arbeit. Von Beruf ist sie Lehrerin, beherrscht vollkommen die ukrainische, die russische und die deutsche Sprache.
Ich bitte, sie ihren Sprachkenntnissen entsprechend verwenden zu wollen.

Heil Hitler!
Gauverbindungsmann für Ukrainer
[signature]
(Holota)

* Das Aktenzeichen des Amtes ist im Interesse der zuverlässigen Erledigung stets anzugeben.

דער אָריגינאַל פֿונעם בריוו.

— דער פּראָפעסאָר האָלאָטאַ שרייבט מיר דאָ, אַז איר רעדט דייטש — האָט מאַרקאָ אויפן וועג זיך צו איר געווענדעט שוין אויף דייטש, כדי זיך צו אָריענטירן אויף וויפל זי באַהערשט די שפּראַך.

— יאָ — האָט זי קורץ געענטפערט.

מאַרקאָ האָט נאָך אַ ביסל מיט איר גערעדט. אין איר דייטש רעדן האָט מאַרקאָ זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט אין זיין ערשטן געדאַנק.

— אָדער זי איז אַ יידיש מיידל — האָט ער געטראַכט, אָדער זי איז ערגעץ אַנטלאָפן פון אַ לאַגער... אָבער איצט טאָר מען מיט איר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט רעדן, ווייל זי קאָן זיך נאָך פסיכיש צוזאַמענ־ברעכן...

אין לאַגער האָט זיך איצט געטומלט, ווי אויף אַ יאַריד... אייניקע זע־נען געלאָפן צו דער אַרבעט, אַנדערע זענען צוריקגעקומען. אַ טייל האָט געקאָכט, אַ טייל האָט גענייט; די פרויען האָבן געוואַשן די פאָדלאָגעס... דאָס גאַנצע רעדל האָבן דאָ געפירט די צוויי קראָאַטישע באַשיצער: דער אַלטער מיט די ברילן און זיין פאַרטרעטער קליטשקאָ. זיך צו הילף האָבן זיי גענומען דעם קראָאַטישן דאָקטאָר איוואַנאָוויטש. עס איז שוין דאָ געווען אַן אייגענע פּאָסט פאַר אויסלענדער. מיט דעם שטעמפּל און פּאָסטקאַרטן ספּעציעל פאַר אָסט־אַרבעטער, „געמיינשאַפטסלאַגער וויגער־נוישטאַט — מאַרספעלד, דויטשעס רייך". יעדן פאַרנאַכט האָבן זיך דאָ אַלע פאַרזאַמלט און די קראָאַטישע באַשיצער האָבן פאַרטיילט די פּאָסט פאַר אַלע אויסלענדער, וועלכע האָבן געוווינט אין לאַגער. דער לאַגער־פירער פּירקל האָט זיך גאַנץ ווייניק געזאָרגט וועגן דעם גאַנצן לאַגער. ביי אים איז געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע אַ גוט גלעזעלע ווייַן, און דאָס איבעריקע — מאַכט אייך, אויסלענדער, ווי איר ווילט אַליין. פאַר די קראָאַטישע באַשיצער האָבן דאָ אַלע געציטערט; זיי זענען פּאַקטיש דאָ געווען די הערשער. נאָר צו מאַרקאָן האָבן זיי זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט. מאַרקאָ איז דאָך דער באַשיצער פון דריי נאַציאָנאַליטעטן!...

— איך דאַרף אַ בעט פאַר אונדזער אַרבעטערין מאַרגאַריט פּאַוולע־טשי! — האָט מאַרקאָ געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן. פּאַוולעטשי איז אַן אוקראַינערין — האָט מאַרקאָ דיקטירט. געבוירן דעם 8־טן יוני 1917 יאָר אין ווין. איר וועט פאַר איר אויסשטעלן אַ לעגיטימאַציע פון אונדזער לאַגער — האָט ער געזאָגט צום סעקרעטאַר, כדי זי זאָל מאָרגן קאָנען אַדורכגיין דעם טויער ביי דער ווערקשוץ, ווייל מיט אירע דאָקו־

מענטן מוז איך מאָרגן גיין דערליידיקן פאַרשידענע ענינים אין שייכות מיט איר אַרבעט... פּאַוולעטשי איז אַ לערערין פון באַרוף, און מען מוז פאַר איר עפּעס בעסערס אויסזוכן...

— און מאָרגן — האָט ער זיך געווענדעט צו פּאַוולעטשען — וועט איר קומען צו מיר אין ביוראָ, און אָפּנעמען אייער רענצל מיט די זאַכן...

— האַנקע! — האָט פּאַוולעטשי אַ לייכטערן נייג געטאָן מיטן קאָפּ. דעם מיידל זענען געקומען טרערן אין די אויגן פאַר פרייד און דאַנק־באַרקייט.

דעם צווייטן טאָג האָט מאַרקאָ צו זיך גערופן די רוסישע אַרבעטערין, די טענצערין מאַניע, וועלכער מאַרקאָ האָט שוין געהאַט אויסגעאַרבעט פּאַפּירן אַלס אוקראַאינערין פון פּוילן. מאַניע האָט זיך שנעל אַריינגעדרייט אין די אוקראַאינישע קרייזן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי שוין נישט איין פּוילישן געקאָנט פאַרשטעקן אין אַרבל.

— מאַניע — האָט מאַרקאָ געזאָגט — איך דאַרף אַ קליידל, אפשר איז מעגלעך אויך אַ העמד, ווייל מען האָט מיר געשיקט אַ נייע אַרבע־טערין, אַן אוקראַאינערין, און אויף דעם וועג פאַרנדיק צו אונדז, האָט מען זי באַגנבעט און זי איז געבליבן ווי זי שטייט און גייט. געלט, פאַרשטייט זיך, קריגט איר פון מיר. האָט איר מיך פאַרשטאַנען?

— פולקאָם פאַרשטאַנען! — האָט מאַניע געענטפערט, ווינקענדיק מיט אירע גנבהשע אייגעלעך.

— מאַרקאָ האָט שוין לאַנג גערעדט מיטן פאַרטרעטער פון דעם בעטריבס־אָבמאַן יאַקלימשקער, ער זאָל אים געבן אַ געהילף צו דער אַר־בעט, ווייל אַליין איז ער נישט בכוח דאָס אַלץ צו דערליידיקן. יאַקלימש־קער האָט אים דאָס צוגעזאָגט, אַז דער ערשטער אויסלענדער, וואָס וועט קומען אין ווערק און וועט נאָר קענען אַ ביסל דייטש, וועט אים מאַרקאָ באַקומען אַלס געהילף. און איצט — האָט מאַרקאָ געטראַכט — איז די בעסטע געלעגנהייט פּאַוולעטשען איינצואָרדענען אויף דער דאָזיקער אַרבעט.

באַלד אינדערפרי האָט מאַרקאָ זיך געווענדעט אין דייטשישן „אַר־בייטס־פראָנט“. יאַקלימשקער האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן „געפאָלקשאַפטסאַמט“ און געפאָדערט דעם לייטער פרימש, וועמען ער האָט פאָרגעשלאָגן צוצוטיילן די לערערין פּאַוולעטשי אַלס געהילף צו מאַרקאָן.

ווען פּאַוולעמשי איז צוזאַמענגעקומען צו מאַרקאָן אין ביוראָ, איז שוין אַלץ געווען פֿאַרטיק.

— פֿון מאָרגן אָן — האָט מאַרקאָ געזאָגט — וועט איר מיר מאַכן ליסטעס פֿון די אוקראַאינער, פֿון יעדן באַראַק באַזונדער: ווער עס האָט נישט קיין שיך, קליידער, הויזן, העמדער אאַז"וו. און איצט, קומט מיט מיר אין „געפּאָלקשאַפּטס־אַמט", וועט איר קריגן אַן „אויפֿנאַמס־קאַרטע", וואָס וועט זיין פֿאַר אייך אַ יסוד פֿאַרן ווייטערדיקן לעבן אין לאַגער...

— — — — — — — —

די לאַגע אויף די פּראָנטן איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער פֿאַר די דייטשן. יעדן טאָג האָט אַן אַנדערע פֿאַמיליע באַקומען אַ מיטטיילונג, אַז זייער זון אָדער פֿאָטער איז העלדיש געפֿאַלן פֿאַרן „פֿירער און פֿאָטערלאַנד". די שטימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג האָבן די היטלעריסטן געפּרוווט הייבן מיט עסן, וויין, מיט קליידונג. אָבער אויף דעם געביט איז אויך נישט געווען אַזוי פֿויגלדיק. און דאָס אַלץ האָט מען געוואָלט אָפּשלאָגן אויף די פּלייטים און חשבון פֿון די אויסלענדער. מאַרקאָן איז איצט אויסגעקומען צו פֿירן אַ פֿאַרביסענעם קאַמף. יעדן טאָג האָט ער אַרויסגעשיקט צענדליקער ביטעס אין פֿאַרשידענע אַמטן און אינסטיטוציעס, וועגן אונטערוועש, לייוונט, קליידונג. ער האָט זיך נאָך מער געמוזט פֿאַרבונדן מיט די הויכע פּערזאָנען פֿון ווינער־גוישמאַס. קלאָר האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיטן פּאָליציי־דירעקטאָר, ד"ר פּעסלער, ער איז אויך געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער ביים שטאַטסראַטבאַאַמטן ד"ר וויקליצקי און פֿלעגט פֿון זיי ווערן איינגעלאַדן אָפּטמאָל אויף די יום־טובים צו אָוונטברויט...

ד"ר וויקליצקי איז געווען שטאַטסראַטבאַאַמטער נאָך ביי דער שושניג־רעגירונג. די גאַנצע פֿאַמיליע וויקליצקי איז געווען זייער אַן אָנשטענדיקע און אַ פֿאָרגעשריטענע. מאַרקאָ פֿלעגט אויך פֿירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט זייער זון, וועלכער איז געווען אויפֿן סאָוויעטישן פּראָנט. אין יאָר 1948 האָט מאַרקאָ, ביי אַ געלעגנהייט, ווען ער האָט אויסגעשטעלט אַ וויזע פֿאַר אַן עסטרייכישער פֿרוי, וואָס האָט געוויילט אין פּוילן, אַיבערגעשיקט אַ גרוס דער פֿאַמיליע וויקליצקי און געבעטן, אַז די פֿרוי זאָל זיי איבערגעבן, אַז מאַרקאָ איז נישט קיין אוקראַאינער. אין קורצן האָט מאַרקאָ אויך פֿון זיי באַקומען אַן ענטפֿער.

איין מאָל איז מאַרקאָ גראָד אָנגעקומען, ווען אַ דייטשישער מייסטער האָט געשלאָגן די קליינע קאַטיאַ, רייסנדיק זי ביי די צעפּ. מאַרקאָ האָט

אזש אויפגעציטערט פאַר אויפרעגונג. ער האָט דעם מייסטער געגעבן אַזאַ טרייסל, אַז ער האָט אים שיעור די קלאַפּעס נישט אָפּגעריסן.

אין די האָלעם פון דעם ווערק האָט דער פאַל געמאַכט אַ גרויסן רושם. מאַרקאָ האָט גלייך צוגעשיקט אָנקלאַגעס צו דער „זאַנדער־אָפּטיילונג", צום דייטשישן „אַרבייטס־פראָנט" און צום פּראָפעסאָר האָלאַטאַ קיין ווין, פאַרלאַנגענדיק צו באַזייטיקן דעם מייסטער פון דער אַרבעט.

דעם זעלבן טאָג, ווען מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנגען פונעם ווערק, האָבן, אויף אים געוואַרט זאַרעמסקי און דענישוק. זייערע פּנימער זענען געווען בלאַס.

— וואָס איז געשען? — האָט מאַרקאָ געפרעגט — נאָך אויפגערעגט פונעם פאַל מיטן דייטשישן מייסטער.

— דאַנילוק איז אַרעסטירט! — האָט שטיל געזאָגט זאַרעמסקי. ביידע זענען מיט מאַרקאָן געגאַנגען צו אים אַהיים. ער האָט דעמלט געוווינט אויף דער גוויקירכנער־גאַס נומער 42. מאַרקאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און אַ ווײַלע געזעסן, ווי אָן לשון. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן פון זײַן פּאָרטפעל אַ בריוו, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו דער ליימונג פונעם לאַגער *) און געזאָגט:

יאָהאַן קאַטטוס.
ווײַנגראָסהאַנדלונג סעקטקעלערייען ווײַנבאַו
סעקטמאַרקע „האָכריעגל"

ווין, דעם 23 יולי, 1943/צ

צו דער לאַגערפירונג

אייער אַסטאַרבעטערין קוכטע י מ א ר י א האָט באַקומען אורלויב און דעריבער האָט זי געקאָנט פאָרן אהיים אין איר דאָרף ראָקיוו ליס, פּאָוויאַט קאַמעניעץ קאַשירסק, אוקראַינע, וואָלין. פון דעם זעלבן אָרט האָבן מיר אין אונדזער לאַגער אויך אַן אָסטאַרבעטערין, וועלכע פּאַררופט זיך אויף דעם און וויל אויך פאָרן אויף אורלויב. דעריבער בעטן מיר אייך איר זאָלט אונדז אויפקלערן, ווי אזוי איז דאָס מעגלעך געוועזן אַן אָסטאַרבעטערין אין אורלויב צו שיקן. דער אירלויב פאַר אָסטאַרבעטער איז דאָך פאַרבאָטן.

אייער ענטפער וועט גערן געזען ווערן און מיר צייכענען זיך מיטן דייטשישן גרוס.

י אָ ה א ן ק א ט ט ו ס



Johann Kattus

WEINGROSSHANDLUNG SEKTKELLEREIEN WEINBAU

Sekt Marke „Hochriegl"

WIEN, am 23. Juli 1943/G

I. BEZ. AM HOF No. 8
RUF A 17-540[4]

An die
Leitung des
Gemeinschaftslagers
Wr. Neustadt, Marsfeld

Ihrer Ostarbeiterin K u c h t e j Marja wurde ein Urlaub gewährt und sie konnte in ihre Heimat Dorf Rakiw Lis, Kreis Kamenez - Koschiersky, Ukraine, Wolhynien, verreisen. Aus demselben Ort haben wir in unserem Lager eine Ostarbeiterin, die sich darauf beruft, dass ihrer Freundin der Urlaub bewilligt wurde. Bitte könnten Sie uns mitteilen, wieso es Ihnen möglich war, Ihre Arbeiterin auf Urlaub zu schicken, da doch der Urlaub für Ostarbeiterinnen gesperrt ist.
Ihrer umgehenden Mitteilung sehen wir gerne entgegen und zeichnen

mit deutschem Gruss

JOHANN KATTUS

דער אָריגינאַל פונעם בריוו.

— חי איר ווייסט, גיב איך אָן אין „געפּאָלקשאַפּטס־אַמט די רוסן אַלס אוקראַיִנער פון פּוילן, כּדי זיי זאָלן קאָנען פאָרן אויף אורלויב. פון דאָרטן גייען זיי געוויינלעך אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. האָט זיך געפונען א נאַריש מיידל, וואָס האָט זיך באַרימט פאַר איר חברטע אין א צווייטן לאַגער פונוואַנען ס'איז איצט אָנגעקומען אָט דער בריוו. ס'איז נאָך גוט, וואָס איך בין גראָד געווען אין דער קאַנצעלאַריע, ווען עס איז אָנגעקומען די פּאָסט... איר ווייסט דאָך, מען לעבט נישט שלעכט מיט די מיידלעך פון ביוראָ... האָב איך געהייסן אָנשרייבן, אַז מאַריאַ קוכטאַ איז א פּוילישע, און צוגענומען דעם בריוו... אָבער ווער ווייסט, צי זיי האָבן נישט נאָך אַזעלכע בריוו? און איצט דער פאַל מיט דאַנילוקן. מען מוז מאָרגן גלייך לויפן צו קלאָרן און געוויר ווערן וואָס איז געווען די סיבה פון זיין אַרעסט...

די חברים האָבן זיך אין א געדריקטער שטימונג געזעגנט.

קאַפּיטל 26

די באַגעגענונג מיט הערמאַן גערינג

אין ווערק איז געווען אַ טומל, אַ געיעג... די רוסישע מיידלעך האָבן געוואַשן די בריקן, מען האָט געפּוצט די מאַשינען, פונעם הויף האָט מען באַזייטיקט די נישט נייטיקע קאַסטנס...

— וואָס דאַרף פּאַסירן? — האָט איינער געפרעגט דעם אַנדערן, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט צו געבן קיין ענטפער. די באַצים האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז עס וועט פּאַסירן אַ גרויסער יום־טוב צוליב דעם דערפינדן אַ נייעם מין געווער, מיט וועלכן זיי וועלן דערפירן די מלחמה צו אַ זיגרייכן סוף... מאַרקאָ איז געגאַנגען איבערן הויף צו די האַלעס פון ווערק 2, לייענענדיק דעם בריוו, אין וועלכן מען האָט אים מיטגעטיילט וועגן דער גאָטעסדינסט, וואָס דאַרף פּאַסירן דעם 25־טן דעם חודש... — וואָס איז דאָס פאַר אַ רוח! — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט — נאָך אין קלויסטער בין איך נישט געווען. צו מיין גליק קאָן מען נאָך מיר צוטיילן אַ „מפטיר“...

— הייל היטלער, הער מאַרקאָ! — האָט דער אינזשעניער באַרט אים איבערגעריסן דאָס לייענען. מיר זענען געבעטן צום בעטריבס־אָבמאַן, הערן יאַקלימשקער אויף אַ באַראַטונג.

— וועגן וואָס? — האָט געפרעגט מאַרקאָ.

— איך ווייס אַליין נישט — האָט געענטפערט דער אינזשעניער באַרט. איך קאָן אייך נאָר איינס זאָגן, אַז זינט יאַקלימשקער איז געוואָרן דער בעטריבס אָבמאַן פונעם ווערק 2, זענען לויטער לוסטיקע זאַכן ביי אונדז — דאָ באַזאָרגט ער אַ ביסל ווייַן, און דאָ אַן אויספלוג. איך גאַראַנטיר אייך, אַז עס וועט זיין עפּעס פריילעכס. אין דעם דייטשישן „אַר־ביימס־פראָנט“ זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די אינזשעניערן, עס איז אויך געווען דער בעטריבס־פירער באַוער. — עס מוז ווירקלעך זיין עפּעס וויכ־

טיקס — האָט געזאָגט מאַרקאָ צו באַרטן. — עס זענען טאַקע פאַרזאַמלט אַלע גרויסע...

— קאָמעהאַדן — האָט אָנגעהויבן דער בעטריבס־אַבמאַן יאָקלימשקער — מיר האָבן דערלעבט אַ גרויסן כבוד: אונדזער ווערק וועט באַזוכן אונדזער גרויסער פעלדמאַרשאַל הערמאַן גערינג. מיר אַלע דאַרפן זען, אַז אונדזער ווערק זאָל זיין אַנטשפּרעכנדיק צוגעגרייט אויפצונעמען אַזאַ בכבודיקן גאַסט...

יעדער איינער האָט געגעבן אַן אַנדער פאָרשלאַג, ווי מען זאָל אויפהענגען די לייזונגט, וואָס פאַראַ אויפשריפטן מען זאָל מאַכן, בלומען, קליינע פענדעלעך ביי די מאַשינען און נאָך און נאָך.

— און איר, הער מאַרקאָ — האָט זיך יאָקלימשקער צו אים געווענדעט — זייט אַזוי גוט און גייט אין לאַגער און זעט, אַז אַלע אויסלענדער זאָלן זיין אָנגעטאָן אין גאַנצע קאָמבינעזאָנען ביי די מאַשינען, אַלע צעריסענע קאָמבינעזאָנען תיכף אויסטוישן לויט מיין באַפעל אויף נייע.

— און איר, הער מאַרקאָ — האָט ער ווייטער געזאָגט — זאָלט אויך זיין פיין אָנגעטאָן, ווייל אפשר וועט דער הער פעלדמאַרשאַל גערינג וועלן מיט אייך עפּעס רעדן — איר זענט דאָך דער פירער פון אַזוי פיל אויסלענדער, וואָס אַרבעטן אין די „פליגער־ווערקע“.

דאָס האָט מען מאַרקאָן צוויי מאָל נישט געדאַרפט איבערחזרן.

מאַרקאָ איז נאָך אַרויסגעגאַנגען צו קלאַרן, געוויר ווערן וועגן דעם אַרעסט פון דאַנילוקן...

— דריי לימער! — הער קלאַר — האָט מאַרקאָ מיט איראָניע באַגריסט...

— דריי לימער! — האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט קלאַר. קלאַר איז געזעסן איינער אַליין אין זיין קאַבינעט, דערפאַר האָט זיך מאַרקאָ דערלויבט אויף אַזאַ חוזקדיקער באַגריסונג.

— הער מאַרקאָ — האָט קלאַר געזאָגט מיט אַ געלעכטער — וואָלט עמעצער פון די פאַרטיי־באָנצן געהערט אונדזער מאָדנע באַגריסונג, וואָלטן מיר שוין די ליכטיקע שיין נישט געזען... איצט, הער מאַרקאָ — צו דער זאַך! איך האָב אייך שוין טאַקע געוואָלט רופן. איר האָט שוין ווידער עפּעס צוזאַמענגעשטעלט... איך האָב אייך שוין געמוזט גוט פאַרטיידיקן ביי דעם באַנדיט גרובער פון דער געסטאַפּאָ. איר וועט זען, אַז איך וועל נאָך גיין צוזאַמען מיט אייך זיצן. און דעמאָלט, וועט אפילו נישט זיין ווער עס זאָל אַ ציגאַר אַריינגעבן אין דער תפיסה אַריין.

— אפשר די מעשה מיט די אורלויבן? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— וואָס איז געווען מיט די אורלויבן?

עס איז געווען בלויז אַ קליינער טעות. צווישן די אוקראַינער פון פוילן האָבן זיך געפונען עטלעכע אוקראַינער פון רוסלאַנד און אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב.

— אוי, מאַרקאָ, מאַרקאָ, עס איז נישט גוט! דאָס איז שוין נישט קיין שפּאַס...

— אויף מיין וואָרט, הער קלאַר, איך האָב מיך טועה געווען. עס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: אַ טראַנספּאָרט פון קרוב הונדערט מענטשן! גלויבט מיר, אַז די נעמען מישן זיך מיר שוין אין קאָפּ.

— און דער הער פּרימיש ווייסט שוין דערפון? — האָט קלאַר געפרעגט.

— ניין! עס ווייסט קיינער נישט.

— גוט! זאָל טאַקע קיינער נישט וויסן. און אפשר וועלן זיי טאַקע נישט צוריקקומען, וועט מען שוין איבערהויפּט נישט וויסן.

נאָך דער לעצטער באָמבאַרדירונג, פעלט אין געפאַלקשאַפּטס־אַמט אַ העלפט פון די עווידענץ־קאַרטן — האָט מאַרקאָ באַמערקט — און זיי קאָנען זיך נאָך אָריענטירן ווער ס'איז דאָ און ווער נישט — אויסשליסלעך לויט מיינע ליסטעס.

— און וואָס הערט זיך מיט דאַנילוקן, הער קלאַר? — איז מאַרקאָ אריבער צו דער עיקר־טעמע פון זיין וויזיט.

— מיט אים איז נישט גוט! — האָט קלאַר געענטפערט. ער האָט געזאָגט צו איינעם פון די אַרבעטער ביי דער מאַשין, אַז אויף די אָקופּירטע געביטן פאַרגוואַלדיקן די דייטשן אָרטיקע מיידלעך, און דאָס איז געווען אַ נאַצי, האָט ער דאָס גלייך געמאָלדן אין דער געסטאַפּאָ. ער האָט שוין אויך געשטעלט פאַר אַן עדות נאָך איינעם, וואָס האָט געהערט דאַנילוקס רייד.

— קאָן מען גאָרנישט טאָן, הער קלאַר? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— איך וועל פּרוּוון רעדן מיטן האופּטמאַן בערנדאָנג, מען זאָל אים כאָטש געבן אַ קליינע שטראָף.

— — — — — — — — — — — — — —

— איך ווייס שוין, וואָס עס איז מיט דאַנילוקן — האָט מאַרקאָ געזאָגט — דערציילנדיק דעמישוקן דאָס גאַנצע געשפּרעך מיט קלאַרן. צו אונדזער אומגליק האָבן מיר נאָך אַ גליק אויך, וואָס מיר האָבן דאָ אַזאַ

קלאָרן. איך האָב ביי אים אויך געפּועלט, אַז די רוסן זאָלן באַקומען פּשע־פּוסטקעס און קאָנען פאָרן צו זייערע באַקאַנטע, וואָס אַרבעטן אין אַנדערע פאַבריקן. דאָס וועט זיין אַ געוואַלדיקער יום־טוב ביי זיי.

אין ווערק איז אַלץ געגאַנגען כּסדרם... די געסטאַפּאָ האָט שוין געהאַט דורכגעניישטערט יעדעס ווינקעלע פון יעדער האַלע, הויך וועלכער עס איז פּלאַנירט געווען דער מאַרשרוט פון גערינגן מיט זיין סוויטע. די געסטאַפּאָ האָט זיך אַרומגעדרייט איצט, ווי זיי וואָלטן געווען די איינציקע באַלעבאַטים פון דעם ווערק.

— ער פאָרט! — איז אַ פאַרסאַפּעטער אַריינגעלאָפן איינער פון די עסטרייכישע אַרבעטער.

אין באַגלייטונג פון דער בעטריבס־פירונג, פון ביידע אבמענער, האַ־דוסעק און יאַקליטשקער, פון דער פירערין פון די פרויען פונעם דייטשישן „אַרבייטס־פראָנט“, פון דעם שעף פון דער ווינער־נוישטאַטער געסטאַפּאָ, דעם באַנדיט רודישער און אַנדערע גרויסע לייט, האָט גערינג אָנגעהויבן זיין מאַרש איבער די האַלעס. ער האָט זיך פיל מאָל אָפּגעשטעלט ביי טייל אַרבעטער, ביי מאַשינען, ביי יעדן עפּעס געפרעגט און ווייטער געגאַנגען.

— און ווי גייט עס אייערע לאַנדסלייט ביי אונדז אין דויטשלאַנד?

— האָט גערינג זיך געווענדעט צו מאַרקאָן.

— ער האָט אונטער זיך צו באַשיצן 3 נאַציאָנען, הער פעלדמאַר־שאַל! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון זיין סוויטע. גערינג האָט בלויז באַוויליקט צו געבן אַ שאָקל מיט זיין גרויסן קאָפּ.

— מיינע לאַנדסלייט?... — האָט זיך מאַרקאָ טרויעריק פאַרטראַכט...

— גוט, הער פעלדמאַרשאַל! — האָט מאַרקאָ געענטפערט, שטייענ־דיק, ווי אַ זעלנער אויף אַכטונג.

דער יום־טוב האָט זיך געענדיקט.

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַ נייעם טראַנספּאָרט אוקראַי־נער אויף אורלויב. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע זאָרגן... סאָראָקאָ סטע־פאַן האָט שוין אפילו מאַרקאָן געמאַכט פאָרוואָרפן, הלמאי פאַר פּאָליעכן און מאַגדען האָט ער יאָ געקאָנט אויסקאָמבינירן זיי זאָלן פאָרן און פאַר אים נישט.

— פאַרשטיי דאָך, סטעפאַן — האָט אים מאַרקאָ געפּרוווט אויפ־קלערן — פאַר זיי האָט דאָך אונטערגעשריבן דער פּאָליציי־דירעקטאָר ד״ר פעסלער אליין. איך קאָן דאָך יעדן טאָג צו אים נישט גיין. ער וועט

זען פון וואנען דו ביסט, וועט ער מיר נישט אונטערשרייבן. — דאָרט זענען דאָ פּאַרטיזאַנער. איצט וועט גיין א טראַנספּאָרט, וועל איך קאָנען דורכשמוגלען אויך דיך צווישן זיי. איך וועל אפשר אליין פירן דעם טראַנספּאָרט, וועט עס מיר געלונגען.

סאָראָקאָ האָט זיך געזעגנט מיט מאַרקאָן אַ צופרידענער...

קאַפּיטל 27

דער חורבן

ווי שיין איז די וועלט, ווען אַלץ גייט גלאַט — האָט זיך מאַרקאָ געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון פּאָליציי־דירעקטאָר ד"ר פּעסלער. אַלע דאָקומענטן אונטערגעשריבן. עס איז געווען אַ סך, האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אַלץ גענוי אַדורכצוקוקן, דערצו איז ער נאָך היינט געווען אין אַ זייער גוטער שטימונג. ווינער־נוישטאַט איז מאַרקאָן היינט געווען אויסערגעוויינלעך ליב. די נוינקירכער־שטראַסע זעט היינט אויס ווי אויפגעפרישט...

אין לאַגער האָבן שוין אַלע געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף מאַרקאָן... אַ קלייניקייט — פאָרן אַהיים צו עלטערן, צו שוועסטער און ברידער, צו קינדער...

— אַלע, וואָס איך האָב פאַרשריבן, פאָרן! — האָט מאַרקאָ געזאָגט אָנשטאָט אַ „גוטן־אָוונט".

— אַלע! — האָבן די מענטשן מיט גרויס פרייד אויסגעשריען. מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן צו לייענען: ווידענטשוק מיכאַיל, סאַוריש עוסטאַכי, סקאָוראָנסקאַ מאַריאַ, העוועל מיכאַיל, סאָראָקאָ סטעפאַן, ניקאַפּעטער מאַרטאַ...

— און מיין פרוי? — האָט סאָראָקאָ געפרעגט.

— אויך זי! — האָט מאַרקאָ געענטפערט. עס זענען נאָך נישט אַלץ ליסטעס... מאַרקאָ האָט גענומען ווייטער לייענען: האָרעטשקאַ יוזעף, מושינסקאַ העלענאַ, טשאַלקאָווסקאַ אַננאַ, קאָלאָדזשעי יוזעפאַ, לאַבאַגיעץ איוואַן... און איך — אויך, האָט ער צום סוף צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— איר וועט מיך מיטנעמען?

— יאָ, יאָ! — האָבן אַלע ווי איין מאַן אויסגערופן.

אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דעם לאַנגן און אויסגעטרוימטן וועג...

מאַרקאָ האָט אָפּגעשניטן זיינע צוויי לאַנגע וואָנצעס. אָנגעטאָן א הוט מיט אַן אָראָפּגעבויגענעם ראַנד ווי א דייטש, און פון אונטן אריינגעשטעקט א קאָלירט בערשטעלע. עס איז אזוי בעסער — האָט ער ביי זיך געטראכט — אפשר וועט אויסקומען צו שפּילן די ראָל פון א דייטש...

די באַשטעטיקונג פאַר דעם טראַנספּאָרט האָט ער שוין... די אורלויב=קאַרטע אויך. ער מוז זיך נאָר באַזאָרגן אַ קליין עלעגאַנט רעגצעלע פאר די עטלעכע פאָר וועש, ראזיר=געצייג און נאָך עטלעכע קלייניקייטן. די דאָקומענטן פארנעמען דאָך א קליינעם פּלאַץ, וועט זיין גענוג א קליין רענצעלע. יאָ — האָט ער זיך נאָך דערמאָנט — ער מוז איצט האָבן א נייעם אויסווייז, ער האָט דאָך שוין נישט קיין וואָנצעס...*). ער וועט בעטן דעם פּראָפעסאָר האלאטא, וועט ער אים ארויסגעבן. און אפשר איז זי שוין פארטיק, און ווארט שוין אויף מיר? דאָרטן וועט ער שוין נישט האָבן אָנגעשריבן, אז ער איז א שלאָסער, און קאָן פאקטיש קיין משוואָק נישט אריינקלאַפּן... דאָרט וועט שוין זיין אָנגעשריבן: באַאַמטער.

דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז שוין געשטאַנען אויפן פּלאַץ, יעדער מיט זיינע פּעקלעך אויף די פּלייצעס. די ראָסיקע אוקראַאינער האָבן געהאַט רענצעלעך.

— צו 50 פּערזאָן אין א וואַגאָן! — האָט מאַרקאָ באַפוילן. אלע האָבן אָנגעהויבן אריינצוגיין אין די וואַגאָנען פארנעמען זייערע ערטער. די איבערגעבליבענע האָבן טרויעריק געפּאָכעט מיט די הענט, געזעגנדיק זייערע חברים.

— נישט געזאָרגט! — האָט מאַרקאָ ארויסגעשריגן פון פענצטער צו די פארבליבענע — א ביסל שפּעטער וועט איר אויך פאָרן. דער צוג האָט גערירט אין דער ריכטונג פון ווין.

די גאַנצע נאַכט איז מאַרקאָ גוט געשלאָפן. ער האָט שוין נישט געזאָרגט פאַרן באַגאַזש, אַז עס וועט אים עמעצער צוגנבענען. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס קליינע רענצעלע היטן 50 פּאָר אויגן אין וואַגאָן, ווייל אחוץ די דאָקומענטן, וואָס מאַרקאָ האָט געהאַט פאר זיינע נאָענטע, זענען דאָרט געווען די ליסטעס פונעם גאַנצן טראַנספּאָרט, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק ווער ווייסט וויפל קאָנטראָלעס, ביז זיי וועלן נישט אָנקומען אהיים. אויפגעוועקט האָבן אים די לידער, וואָס די אוקראַאינער אין וואַגאָן האָבן אָנגעהויבן זינגען.

— כלאָפּטשי — האָט מאַרקאָ געזאָגט — זאַטשינאַיטע: „רווע=טא

Der Inhaber dieses Ausweises ist als Mitglied beim Ukrainischen Hilfskomitee in

Gewerbindungsmann für Ukrain. Arbeiter in der DAF Gauwaltung Wien u. Niederdonau

Власник цієї виказки є зареєстрований як член УДК

Die Mitgliedschaft des Ukrainischen Hilfskomitees ist nur bei Nachweis des erlegten Mitgliedsbetrags gültig.

Членство УДК важне тільки за потвердженням вплаченої вкладки.

Der Ausweis bleibt Eigentum des Ukrainischen Hauptausschusses und ist auf jederzeitige Aufforderung zurückzugeben.

Виказка є власністю Українського Центрального Комітету і на кожне домагання треба її звернути.

UKRAINISCHER HAUPTAUSSCHUSS IM GENERALGOUVERNEMENT

Український Центральний Комітет у Г. Губернаторстві

Verbindungsmann für Ukrain. Arbeiter in der DAF Gauwaltung Wien u. Niederdonau

Український Допомоговий Комітет

Ausweis - Виказка

Nr.

Ч.

Herausgegeben im Einvernehmen mit der Regierung des Generalgouvernements

Видано в порозумінню з Правлінням Генерального Губернаторства.

Name / Прізвище: Marko

Vorname / Ім'я: Foma

Beruf / Звання: Kaufmännische Angestellte

Geburtsdatum / Народжений дня: 2. XI. 1912

Geburtsort / Місце народження: Lemberg

Bekenntnis / Віроісповідання: griech. kath.

Familienstand / Родинний стан: ledig

Heimatanschrift / Сталий побут (адреса): Lemberg Generalgouvernement

Der Inhaber dieses Ausweises ist ukrainischer Volkszugehöriger.

Власник цієї виказки є українцем.

Krakau, den / Краків, дня 25. IX. 1943

Unterschrift des Inhabers / Підпис власника виказки

Sekretär / Секретар

Siegel / Печатка

דער נייער דאָקומענט אַלס אָנגעשטעלטער.

סטאַנע דניפּר שעראָקי". ווידענטשוק האָט אָנגעהויבן. אַלע האָבן גלייך אונטערגעכאַפּט און דאָס געזאַנג האָט זיך געלאָזט הערן ווייט, ווייט איבער די ברייטע פעלדער פון דער פוילישער ערד.

מאַרקאָ איז געזעסן און געפלאַנט: וואָלווישן וועט ער געבן צו דער אַרבעט צום אינזשיניער האָס; זאָל ער זיך טאַקע דערביי עפּעס אויסלערנען, ער וועט זיין אַ מעכאַניקער, זייער אַ גוט פאַך... הערשעלען, אין וויצרק — 1, אַלס ליף־ייגל ביים „געפּאַלקשאַפּט־אַמט"... ביילעניון — נישט ווייט פון מיר — אויף איר מוז איך אַליין אַכטונג געבן... דעם טאַטן, דער מאַמען און פייגען — אין דער פאַבריק אין גווידערפל. עס איז בעסער נישט אַלע צוזאַמען... דאָרטן קאָן איך דאָך יעדע וואָך צופאָרן, עפּעס איבערלאָזן... קלאַרע מיט זיניע וועלן קאָנען זיין דאָלמעטשערס אָדער ערגעץ אין אַ ביוראָ. דאָס וועט מען שוין קאָנען דערליידיקן אויפן אָרט. שימעק איז אויך אַ געזונטער יונגאַטש, אַ פּלאַץ וועט זיך שוין פאַר אים געפינען. דאָס וויכטיקסטע, זיי זאָלן שוין זיין איבער דער פוילישער גרענעץ... מאַרקאָ האָט יעדעס מאָל געגעבן אַ בליק אויף דעם רענצעלע, אין וועלכן עס זענען געווען די דאָקומענטן און זיין האַרץ איז געוואָקסן פאַר פרייד... אין לעמבערג איז שוין יעדער געפאָרן אויף אייגענער האַנט...

— מאַרקאָ! — האָט געזאָגט ביים געזעגענען לאַבאַניעץ איוואַן — טרעט אָפּ ביי מיר אין דראָהאָביטש, וועלן מיר צוזאַמען פאָרן צוריק. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. — זיי געזונט, מאַרקאָ! — האָט געזאָגט סטעפּאַן סאָראָקאָ. — ווער ווייסט אויב מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען.

— נאָך דער קריג שרייב קיין לעמבערג, אויף זשעזשעניצקע גאַס נומער 9! — האָט געזאָגט מאַרקאָ — דאָרטן האָב איך געוווינט ביזן קריג, און דאָרטן וועל איך גיין אָפּנעמען די פּאָסט פון מיינע אַלטע חברים.

מאַרקאָ איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין גאַסטהויז עסן מיטאָג. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. פּויערטעס זענען געלעגן אויף דער ערד נעבן זייערע פּעק. וועגן אַנידערזעצן זיך ערגעץ ביי אַ טיש איז אפילו נישט געווען וואָס צו רעדן. ער האָט בלויז שטייענדיק אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. — צוערשט וועל איך צוגיין אויף דער זשאָלקאָווער, וווּ עס האָט געוווינט דער פעטער קרייטער. איך בין נייגעריק ווער עס וווינט איצט דאָרט — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט. פון דאָרטן וועל איך גיין אין געטאָ אַריין. אפשר וועל איך טרעפן די צוויי

מיידלעך פון ישראלקע ביינער. איך האָב דאָך זייערע בילדער, וועל איך אויך זיי קאָנען מיטנעמען.

— א גוטן טאָג! — האָט מאַרקאָ באַגריסט אויף אוקראַיניש. — א גוטן טאָג האָט געענטפערט די פרוי. — ווו וווינט דער ייד, פון דער דירה? — האָט געפרעגט מאַרקאָ. די פרוי האָט זיך אויסגעדרייט און אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. — און וואָס דאַרפט איר אים? — האָט זי געשטעלט א פראַגע אויף א פראַגע.

— ער איז מיר שולדיק געלט! — האָט מאַרקאָ שאַרף געענטפערט. מאַרקאָ האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב און דערקענט א סך זאַכן פונעם פעטער קריימער.

— האַ־האַ! — האָט זיך די פרוי צעלאַכט — איר זענט שפּעט געקומען — „וואָני ווזשע וושי או אַבראַהאַמאַ“ *, האָם געטאָ איז שוין אויך נישטאָ. מאַרקאָ איז געבליבן שטיין א דערשלאָגענער. עס האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן צו זעצן די פיס...

— און ווו זענט איר געווען, וואָס איר ווייסט נישט פון דעם אַלעמען? איר זענט באַשטימט געשלאָפן, ווען אַלע האָבן זיך געטיילט מיט די זשיראָווסקע זאַכן! — האָט זי ווידער פרעך געזאָגט... — גוי אַזוי גייט מען איצט פון דאַנען אַרויס — האָט מאַרקאָ ביי זיך געטראַכט. גאָר גיין! איך וועל דיר נאָך ווייזן פאַר דיין פרעכהייט. — און דאָס מעבל — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק מיט דער האַנט אויף די אַרומיקע זאַכן דעם פעטערס, — דאָס וועט גיין קיין דייטשלאַנד! אַלץ וואָס איז געווען יידיש, וועט אַרויסגעשיקט ווערן צו אונדז אַהיים...

— איר זענט א דייטש? — האָט זי מיט דערשראָקענע אויגן געפרעגט.

— ניין, א טערק! — האָט מאַרקאָ געענטפערט. — און איר אַליין וועט נאָך באַצאָלן פאַר באַליידיקן א דייטשישן מאַן — האָט ער צוגעגעבן ביים אַרויסגיין...

די פרוי האָט זיך געוואָרפן צו דער טיר, אָנכאַפּנדיק מאַרקאָן ביי דער האַנט, וועלנדיק אים איבערבעטן, אָבער מאַרקאָ האָט זי אָוועקגעשטויסן און שנעל צוגעמאַכט די טיר. אויף דער גאַס האָט מאַרקאָ זיך אַנידערגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דאָס וואָס די פרוי האָט געזאָגט, איז ווירקלעך אמת. פון דער

*) זיי זענען שוין אַלע ביי אברהמען. דאָס הייסט: אויף יענער וועלט.

זשאָלקאָווער איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון געטאָ, פאַרבייגייענדיק לעבן דער טאַטאַרסקער גאַס נומ. 4... דאָ האָבן געוווינט די בלאַנדערס... די שיינע מינדעלע... מאַרקאָ האָט זיך דערמאָנט, ווי מינדעלע האָט אים גראַטולירט, ווען ער האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם האָקטאָר אין דער פּיעסע פון „טאַטע־מאַמעס צרות“, איר ליבן בליק... איז דאָס מעגלעך, זי זאָל נישט לעבן? און דער ברודער אירער שמואליק, און לייבוש, אַזעלכע קאָמיקער, אַזעלכע לוסטיקע יונגען. מאַרקאָ איז אַדיין אין זייער וווינונג.

פון דאַנען איז ער אַרויס שוין אינגאַנצן אַ צעבראָכענער. — איך מוז פאָרן קיין סאָקאָל צו קלאַרען! דאָרט וועל איך אַלץ גענוי וויסן... און איינשטייגנדיק אין טראַמוויי איז ער געפאָרן צוריק צום באַנהאָף.

אין דריי שעה שפּעטער איז מאַרקאָ שוין געווען אין סאָקאָל. נישט ווייט פון די מאַרק־בודעס איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַסטהויז און זיך געהייסן געבן עפּעס צום עסן... רעכטס פון אים, ביי באַזונדערע טישלעך, זענען געזעסן גרופּעס אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן און געטרינקען. — אין לעמבערג — האָט איינער דערציילט — האָט די ערד זיך געוויגט אַ גאַנצן טאָג... דאָרט, אויף דעם יאַנאָווער, האָבן מיר זיי געהייסן צוערשט אויסגראָבן אַ גרויסן גרוב, דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעטאָן גאַנץ נאַקעט... אַ שאָד די קליידער... זיי האָבן זיך נישט געשעמט... נאָר איינע, זי איז טאַקע געווען אַ שיינע זשידוווקע... האָט זיך צוגעדעקט ביז מען האָט נישט געהייסן גיין צום גרוב... דעמלט האָב איך שוין דאָס העמד ביי איר אַרויסגעריסן... זי האָט זיך נישט איינגעבויגן, ווי אַנדערע, נאָר געגאַנגען גלייך, ווי זי וואָלט שפּאַצירט. מיינסטנס האָבן זיי זיך געהאַלטן, די זשידעס, פאַמיליעסווייז צוזאַמען... איך האָב אַליין געהערט, ווי איינע, שוין אַ נאַקעטע, האָט געזאָגט צו אַן אַלטן זשיד, וואָס איז געזעסן שוין אויך אַן אויסגעטועטער, און האָט נאָר אויף זיך געהאַט אַ דין העמדל אָן אַרבל, אָן גאָרנישט, מיט פיר דינע שטריקלעך אין די עקן... — קום, טאַטע, וועט זיך עס פריער ענדיקן.. דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען און איז אַזוי געגאַנגען, האַלטנדיק די טאָכטער ביי דער האַנט. די דייטשן האָבן אים אפילו געמאַכט אַ בילד אין דעם העמדל. זיי האָבן אים דערלויבט אַריינצוגיין אין גרוב מיטן העמדל. דאָס איז געווען אַן אויסנאַם. לאָז ער אויף יענער וועלט אויך גיין דאַווענען! — האָבן זיי געזאָגט. מיר האָבן דעמלט אַזוי געלאַכט... אַ קאַלטער שוידער אין מאַרקאָן אַדורך איבערן גאַנצן קערפּער.

— דו, סטעפּאַן! פיר ביר אויף מיין רעכענונג! — האָט גערופן א צווייטער פּאַליציאַנט פון דעם זעלבן טישל, שוין א ביסל אן עלטערער.

— און ביי אונדז אין וואַרשע — האָט געזאָגט דער ביר־באַשטעלער — האָבן מיר געהאַט צוויי זשידעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון שטעטל: — דאָ זענען מיר געבוירן, און דאָ ווילן מיר אויך שטאַרבן! — האָבן זיי געזאָגט—דאָס איז אונדזער שטאָט!... כאַ־כאַ־כאַ! — האָבן אַלע אָנגעהויבן צו לאַכן. — אונדזער שטאָט — האָט איבערגעחזרט דער זעלבער — וואָס זאָגט איר דערצו? איך האָב, וואָס אַן אמת, נישט דערלויבט זיי צו מוטשען...

מאַרקאָ האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ... יאָ! דאָס איז ער... טשאָני... מיט זיין טאָכטער ביז איך געגאַנגען צוזאַמען אין שול אַריין.

— אייגער, מאָרדקע זייפנזידער — האָט געזאָגט ווייטער טשאָני איז געווען אַ ווילער זשיד, נישט איינמאָל אונדזערע פויערים געגעבן אויף קרעדיט. אויך דער צווייטער — מאַיאָרקע אַפּעל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, האָט ער געליען די פויערים געלט אפילו אָן פּראָצענטער. דערפאַר האָב איך נישט דערלויבט זיי צו מוטשען... מען האָט זיי נאָר אַרויפגעזעצט אויף פערד, זיי זאָלן רייטן... איך זאָג אייך: מען האָט זיך געהאַלטן ביי די בייכער... דעם מאָרדקען האָבן די יינגלעך געכאַפּט ווען ער האָט געדאַוונט, אין מיט דער פּלאַכטע און מיט די קלעצלעך אויפן קאָפּ און אויף דער האַנט, אַרויפגעזעצט אויפן פערד און אים געהייסן ווייטער דאַווענען... מען האָט זיי באַלד דערשאָסן... נאָר איינע אַ משוגענע האָבן מיר געהאַט, פון דאַלזשנווו, לאַהקע קעלערמאַן — דאָס איז אַמאָל געווען, זאָג איך אייך, אַ שיינע זשידוווקע. ווען מען האָט דערשאָסן איר טאָכטער, איז זי משוגע געוואָרן... מיט איר האָט מען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שפּיל... נאָר אַ פרייד האָבן די יינגלעך געהאַט, ווען זיי האָבן געכאַפּט צוויי בעלזער זשידוווקעס... איך מוז אייך זאָגן, טאַקע קראַסאַוויצעס. די יינגלעך האָבן זיי געגעבן אָנצוטאָן, געהייסן וואַשן זיך, און זיי געזאָגט, זיי זאָלן גאָרנישט קיין מורא האָבן... אַ גאַנצע נאַכט האָבן די יינגלעך מיט זיי זיך געשפּילט... און פאַרטאָג האָבן זיי אַרויסגעפירט די מיידלעך דורך מאַטשאַלעס טאָל צו דער לעשנימשוווקע און לעבן וואַלד זיי געהייסן אַנטלויפן... פון אונטן האָט מען געגעבן צוויי שאָסן און אַלץ איז געווען פאַרטיק...

— נו, פאַרן פּאַהיבעל פון די זשידעס און ליאַכעס! — האָט איינער

אויפגעהויבן זיין קופּעל מיט ביר. די זשידעס זענען מיר שוין פּטור געוואָרן, און מיט די ליאַכעס וועט עס אויך גיין... אַלע האָבן גענומען טרינקען.

מאַרקאָ איז שנעל אַרויסגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען פאָרויס אָן שום ציל, ווו די פיס האָבן געטראָגן... די גאַסן פון סאָקאָל זענען אים איצט געוואָרן פרעמד... אפשר זענען דאָס געווען גיטל זיסער מיט איר שוועסטער? — האָט מאַרקאָ געטראַכט. זיי פלעגן תמיד קומען צו זייערע קרובים אויפן נישמאַ לעבן וואַדייש, און אפשר האָבן זיי זיך געוואָלט דאָרט אויסבאַהאַלטן?... און אַזוי שענדלעך דערהרגעט געוואָרן... און ווי אַזוי איז אומגעקומען מיין שוועסטער ביילעניו... — איז אים פלוצלינג אַדורך אַ געדאַנק. מאַרקאָ האָט צוגעמאַכט די אויגן... ער איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין... — ניין שלמה! — האָט ער געהערט דער מאַמעס קול — עס איז נאָך אַ יונג קינד, וווהין וועסטו זי נעמען? איינשטעלן דאָס לעבן!... דו וועסט קומען מיט דאָקומענטן וועלן מיר אַלע פאָרן... איצט איז ער געקומען מיט דאָקומענטן, און עס איז שוין נישטאָ ווער עס זאָל פאָרן. מאַרקאָ האָט געעפנט זיינע אויגן... — ווו בין איך? — האָט ער זיך געפרעגט, — עפּעס אַ באַקאַנטע געביידע... ער איז געשטאַנען לעבן דער מיל פון קאַנדעל און פודער... יאָ, דאָ האָט געוווינט דער פעטער קאַנדעל. זיין טאָכטער באַשקע... זי האָט געהייסן נאָך דער זעלבער באָבע ווי אונדזער ביילעניו...

ווען מאַרקאָ איז געקומען קיין טאַרטאַקוו האָט ער ענלעכע זאַכן געהערט, ווי אַזוי מען האָט דערהרגעט דעם ד״ר קוגעל מיט זיין פאַמיליע.

אין קלאַרעס הויז איז שוין קיינער נישט געווען.

ער איז צוריקגעפאָרן קיין לעמבערג. אַלס אורלויבער האָט ער זיך איינגעמאָלדן אין דער לעמבערגער פּאָליציי ערשט דעם 13־טן דעצעמבער.

— אַ גאַנץ דערשעפּטער האָט ער געטראָפן אין אַ פּריוואַט נאַכטלעגער אויף זניעשעניע...

— עס זאָל זיין גוט וואַרעם — האָט מאַרקאָ געבעטן די אייגנטימערין פון דער וווינונג. איך בין אינגאַנצן געפרוירן פון דעם וועג. דאָ האָט איר נאָך עטלעכע זלאָטעס און זשאַלעוועט נישט קיין קוילן...

מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן פאַרברענען אין אייוועלע די דאָקומענטן... ער האָט נאָך געזען אויף דעם שוואַרץ־פאַרברענטן פאַפּיר דעם נאָמען: רעבעקאַ מאַריאַ — דאָס האָט געזאָלט זיין דיין דאָקומענט, ביילעניו — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט... צו שפּעט... צו שפּעט... גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן און אָנגעהויבן זידן אויף דעם צעגליטן אייוועלע...

— איר האָט אייערע לעבנס=מיטל=קאַרטן, וועל איך אייך עפּעס קויפֿן. ווייל איך גיי איצט אין שטאָט אַריין — האָט געזאָגט די הויז=אייגענטימערין.

— ניין! — האָט מאַרקאָ געענטפֿערט — איך מוז ערשט גיין אויספּאַסן זיי.

אין אמת האָט מאַרקאָ דערקענט דאָס מיידל, וואָס האָט אים יענעם מאָל געגעבן אַזוי פֿיל קאַרטן, פֿאַר וועלכע ער האָט איינגעקויפֿט פֿיל פּראָדוקטן פֿאַר זיינע באַנטסטע. היינט דאַרף איך שוין נישט מער אַזעלכע קאַרטן... ער איז ספּעציעל צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער פֿענצטערל... אויף דער גאַס האָט מאַרקאָ אָנגעטאָן זיינע אויערן=שיצער. — דאָס האָט מיר קלאָרע געמאַכט — האָט ער זיך אַליין געזאָגט און ביילעגיו האָט זיי דערנאָך אַרומגעהאָקלט, כדי זיי זאָלן מיר בעסער פּאַסן. — דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געבליבן פֿון זיי... דאָס האָבן נאָך אייערע הענט געמאַכט... איר האָט נאָך ערשט נישט לאַנג געלעבט... מאַרקאָ איז געגאַנגען איבער באַקאַנטע לעמבערגער גאַסן, ווו ער וואָלט זיך געוואָלט מיט זיי געזעגענען. אָט איז די זון=גאַס, אויף דער גאַס איז ער אַמאָל געלאָפֿן מיט אַ ברענענדיקער רויטער פֿאָן נאָך אַ צעטריבענער מאַסווקע, און עטלעכע פּאָליציאַנטן האָבן אים געיאָגט... און דאָ איז בערקאָ יאַסעלעוויטשאַ, דאָ האָט עדעלשטיין געהאַט זיין רעסטאָראַציע, ווו מע פֿלעגט עסן פּראָלעטאַרישע „פּאַסאָלאָווע“... בערנשטיינער גאַס נומ. 1. דאָ איז אַמאָל געווען דער פּרץ=קלוב, איידער מען האָט אים איבערגעטראָגן איבער זשאָלקאָווער... דאָ גלייך האָט אויך געוווינט זיין ערשטע ליבע — חנה שפּריצער... אַ טייטע שטאָט איז איצט לעמבערג! אַזוי מאָדנע פֿרעמד... יעדער פֿאַרבייגייער, האָט זיך אים געדוכט, קוקט אויף אים ווי אויף אַ שונא... אָט איז קאַזשימיעזשאָווסקע גאַס... דאָ האָט ער צוזאַמען מיט די חברים אין אַפּריל 1936 געקעמפֿט, ווי שטאַרק זיי זענען דעמלט געווען! כאָטש מיט שטייגער און דרענגער קעגן מאַשינגעווער... ווו איז פֿערעלע קאָרן? דער גראָבער דוד? מייזעלמאַן? מאַנעק זילבערמאַן? און זיין ליד „סאָנדי דאָראַזשנע ניע אוסטראַשאָן נאַס“... וואָס ער האָט אים געלערנט אין דער תּפֿיסה... נישטאָ קיינער... ער איז געבליבן אַליין. נישטאָ קיינער... ווי שרעקלעך איז דאָס וואָרט!... אָן אַ ברוב, אָן אַ גואל, און אָן אַ פֿריינד... אַליין... די ערד האָט זיך געווינט אַ גאַנצן טאָג... אויף דעם יאַנעווער... — האָט ער נאָך געהערט די שיכורע שטימע פֿון דעם אוקראַינישן פּאָליציאַנט... נישט אַלע האָט מען דערשאָסן. מען האָט באַ=

גראָבן אויך לעבעדיקערהייט... קינדער האָט מען איבערהויפּט נישט געשאָסן, נאָר אָנגענומען ביי די פיסלעך און צעקלאַפּט דאָס קעפּל אין אַ וואַנט אָדער אין אַ בוים און אַרייַנגעוואָרפן אין גרוב אַרייַן...

מאַרקאָ האָט געעפנט די אויגן, לעבן זיין בעט איז געשטאַנען די פרוי, ביי וועלכער ער האָט געוווינט.

— איר האָט שרעקלעך געשריגן! — האָט זי געזאָגט — איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איר שרייט — איר האָט געשריגן ווי אויף דייטש. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען: באַנדיטן! באַנדיטן!... איר האָט אייך געמוזט פאַרקילן... איך ברענג גלייך דעם טערמאָמעטער...

— מען מוז גיכער אַוועקפאָרן פון דאַנען! — האָט מאַרקאָ געטראַכט — ווער ווייסט, אפשר האָב איך עפּעס געזאָגט אויף יידיש, און זי האָט געהערט... מאַרקאָ האָט געהאַט 37 מיט 6 שטריך היץ... אָבער ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער שטוב, נעמענדיק מיט זיך זיין רענצעלע.

— וווהין זאָל איך גיין? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, גייענדיק אַזוי אָן אַ ציל איבער די גאַסן פון לעמבערג — צו וועמען? מיטאַמאָל איז אים געקומען אין קאָפּ אַרייַן אַ געדאַנק: לאַבאַניעץ! ער האָט דאָך מיך איינגעלאַדן! ער וועט פאָרן קיין דראָהאָביטש. מאַרקאָ איז שנעל אַוועק צום באַנהאָף.

לאַבאַניעצס פאַמיליע האָט מאַרקאָן זייער גוט אויפגענומען. זיי האָבן שוין אַ סך פון מאַרקאָן געהערט דערציילן.

— פילט אייך דאָ, ווי ביי זיך אין דער היים! — האָט לאַבאַניעצס פרוי געזאָגט — איוואַן האָט מיר וועגן אייך אַ סך דערציילט, ווי איר זענט צוזאַמען געווען אין דער געפאַנגענשאַפט.

— דו זעסט שרעקלעך אויס, מאַרקאָ! — האָט מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט לאַבאַניעץ.

— יאָ, גוטער ברודער, עס האָט ביי מיר פּאַסירט אַ טראַגעדיע — האָט געענטפערט מאַרקאָ. — מיין מאַמע איז געשטאָרבן נאָך איידער איך בין געקומען צו פאָרן קיין לעמבערג. אירע שכנים האָבן מיר דערציילט, ווי זי האָט זיך פאַרקילט און עס איז אפילו נישט געווען ווער עס זאָל איר דערלאַנגען אַ לעפל וואַרעם וואַסער אין מויל אַרייַן.

— פאַרוואָס האָסטו זי נישט מיטגענומען יענץ מאָל מיט זיך קיין דייטשלאַנד? — האָט לאַבאַניעץ געפרעגט.

— זי האָט נישט געוואָלט אַוועקפאָרן פון לעמבערג! — האָט מאַרקאָ טרויעריק געענטפערט.

— וואַש דיך אָפּ און לייג דיך אַ ביסל צו שלאָפן! — האָט לאבאַביעץ געזאָגט. — דו ביסט מיד, דו מוזט זיך אַ ביסל צוזאַמענעמען.

— דאָס וואָס די ערד דעקט צו, דאָס פאַרגעסט מען...

— ניין, גוטער פריינד, איך וועל נישט פאַרגעסן... איך האָב קיינעם נישט מער... איך בין איצט געבליבן גאַנץ אַליין...

דעם צווייטן טאָג האָט איוואַן ספּעציעל מיטגענומען מאַרקאָן אין שטאָט אַריין ער זאָל אים אַ ביסל צעשטרייען און גלייכצייטיק אים ווייזן דראָהאָביטש. זיי זענען אויך געפאָרן קיין באָריסלאַוו...

ווי איבעראַשט איז מאַרקאָ געוואָרן, ווען אין צווי טעג אַרום, גייענדיק אַליין אַזוי איבערן טראָטואַר, האָט ער דערזען פירן אינמיטן וועג אַ קליינע גרופּע מענטשן אין שטאַרק צעריסענע קליידער. מיט האָלץ־שיך און ווייסע אָרעמבענדער מיט אויסגעשטריקטע מגן־דודס אויף די אַרבל. זייערע צעריסענע קליידער זענען געווען אַרומגעבונדן מיט שטריק און אַ טייל אויך מיט שטרוי, אַנשטאָט אַ פּאַסעק.

— זע נאָר, זיי זענען נאָך דאָ! אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מען האָט זיי שוין אַלע אויסגעהרגעט! — האָט זיך אָנגערופן אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט צוויי זילבערנע פוקסן פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען.

— און וואָס אַרט דאָס אייך? — האָט זיך אָנגערופן איינער דערלעבן, וואָס האָט אויך געקוקט אויף דער מאַרשירנדיקער גרופּע. זיי האָבן געהאַט אַ גוט ווערטל: מיט אונדז האָט מען איינגעמיירעט, און מיט אייך וועט מען פאַרקנעטן!...

— זע נאָר דעם יידישן פאַרטיידיקער!? — האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן די פרוי מיט די זילבער־פוקסן, ווענדנדיק זיך צו מאַרקאָס שכן, פון וועלכן עס האָט געשטונקען דער בימבער פונעם מויל.

— ביי זיי איז שוין נישטאָ וואָס צו נעמען! — האָט ער בורטשענדיק געענטפערט — זיי מעגן זיך שוין איצטער גיין מיט די דייטשן צוזאַמען...

קאַפּיטל 28

די באַגעגענונג אויפן ווינער באַנהאָף

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־אָוונט. די מענטשן האָבן שוין געטראָגן וואַרעמע קליידער. עס האָט זיך אויך געלאָזט מערקן די באַשרענקונג אויף קליידונג און שיך. דאָך האָט ווין נישט פאַרלוירן איר שיינעם גלאַנץ און פּראַכטפולן אויסזען... ווין, די שטאָט פון שטילן, בלויען דונאַי, איז איצט איינגעהילט געווען אין אַ לייכטער פאַרטונקעלונג. די לאַמטערנס אויף די גאַסן — איבערגעצויגן מיט אַ שוואַרצער באַדעקונג. די פענצטער פאַרהאָנגען מיט שוואַרץ פּאַפּיר. מענטשן האָבן געאײַלט פון דער אַרבעט אַהיים צו זייערע פרויען, מענער און קינדער. די ווינער ברייטע גאַסן זענען פון מינוט צו מינוט געוואָרן שיטערער. מאַרקאָ האָט באַשלאָסן דעם וועג פון דער באַנקגאַסע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג (אונא) ביז צום באַנהאָף, דורכמאַכן צופוס, כדי צו קאָנען אויפפרישן אין זכרון דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון סעקרעטאַר פון אוקראַינישן קאָמיטעט, קענעס... פון זיינע רייד האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען, אַז ער האָט אַ פאַרבינדונג מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע איז איצט אַנטשטאַנען, און אפשר איז ער אויך איינער פון אירע אָנפירער.

קענעס האָט לאַנג געקעמפט אויפן פראָנט אין אוניפאָרם פון אַ דייטשישן זעלנער קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אין קענעסעס ווערטער זענען איצט געווען פיל גיפטיקע אויסדרוקן אויפן אַדרעס פון היטלערן פאַר זיין אויפלעזן די זעלבשטענדיקע אוקראַינע.

— וויפל בלוט האָבן מיר פאַרגאָסן! — האָט קענעס מיט צאָרן געזאָגט — וויפל קרבנות האָבן מיר געגעבן אין קאַמף קעגן קאָמוניזם? — זיי האָבן נאָך לעמבערג נישט געהאַט גענומען, ווי מיר האָבן שוין פאַר זיי דעם באָדן געהאַט צוגעגרייט, שאַפנדיק אַ פּאַניק אין די סאָוויעטישע רייען דורך שיסן פון אַלע פענצטער צו זייערע מיליטער־אָפּטיילונגען. ווי־

ניק בריקן האָבן מיר אויפגעריסן, כדי צו שטערן דעם וועג די אָפּטרעטנדיקע באָלשעוויסטישע אַרמייען. און איצט — האָט ער דעם אָפּמאַך געבראָכן און אויפגעלעזט די רעגירונג פון דער זעלבשטענדיקער אוקראַינע! עס ווערן דורכגעפירט אַרעסטן! אָבער אונדזער זעלבשטענדיקע אוקראַינע האָט געלעבט! לעבט! און וועט לעבן! — די ווערטער זענען אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקער איבערצייגונג און אימפּעט. זיין פּנים איז דערביי געווען רויט ווי פייער פון אויפרעגונג. מיט זיינע אויגן האָט קענעס ווי געוואָלט דורכלעכערן מאַרקאָן. זיי האָבן ווי געפאָרשט מאַרקאָס מיינונג און שטעלונג צו דער פראַגע.

— און אפשר האָט ער אים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער זאָל זיך אויך אָנשליסן אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע?...

דער סעקרעטאַר קענעס האָט זיכער צוטרוי צו אים. ער האָט זייער פיל געהערט וועגן אים פון פּראָפעסאָר האָלאָטאַ, דעם פירער פון דעם דייטשישן „אַרבייטס־פראָנט“ פאַר אוקראַינער פון ווין און נידער־דונאַי. פון זיין מויל האָט ער זיך דערוווסט, ווי ער, אַלס באַשיצער פון די אוקראַינער אין די וויגער־נוישטאַטער פליגער־ווערקע און אומגעגנט, האָט אויפגענומען 10 אוקראַינער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון תפיסה, אויסשטעלנדיק זיי פרעמדע נעמען; וועגן דעם פאַנטאַסטישן פּלאַן, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעם בעטריבס־לייטער באַוער, צו אָרגאַניזירן פון זיי אין די פליגער־ווערקע „ראָרבאַך־נויקירכען“ אַ פייערלעשער־גרופּע. פון פּראָפעסאָר האָלאָטאַ האָט קענעס אויך געהערט די געשיכטע מיט דעם אוקראַינישן מיידל פּאַוולעטשי... ער האָלט אים דעריבער פאַר אַן איינגענעם מענטש און וויל אים אַריינציען אין דער געהיימער באַוועגונג...

— און וואָס האָט געזאָלט באַדייטן קענעסעס אויסקונפט ביי מיר וועגן קאַניגן? — האָט מאַרקאָ געטראַכט... די פראַגע האָט מאַרקאָן אַ ביסל באַאומרואיקט. קאַניגן קען ער דאָך בעסער ווי איך! ער האָט זיך ביי זיין מייסטער אַן אַנצוג געניית, געווען ביי אים אין דער היים, דאַכט זיך, אַז קענעס מיט זיין פריינד האָבן אפילו ביי קאַניגן שוין געגעסן. וואָס האָט ער מיט דעם אַלעם געמיינט? קאַניג האָט ווירקלעך אַ יידישע נאָז. און אַלס שניידער־געזעלן, וואָס האָט נישט קיין העכערע בילדונג, רעדט ער אויך אַ שיינעם דייטש. אָבער עס איז דאָך שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז קאַניג איז אַן אוקראַינער! עס זענען דאָך דאָ פיל באַקאַנטע פון זיין שטאָט, מיט וועלכע ער קען זיך נאָך פון פאַר דער

קריג... און אפשר וויל ער קאניגן אויך אַריינציען אין דער באַוועגונג?... אַ קאָשמאַר פון געדאַנקען האָט געשוועבט אין מאַרקאָס קאָפּ, אַז ער האָט לגמרי נישט באַמערקט, אַז ער געפינט זיך שוין נישט ווייט פונעם באַנהאָף.

— אַ גוטן אָוונט אייך, הער דאָקטאָר מאַרקאָ! — האָט זיך דערהערט אַ מיידלש קול פון דער זייט פון די באַנהאָף־טרעפּ. מאַרקאָ האָט באַמערקט צוויי יונגע מיידלעך, זייער אָרעם געקליידעט מיט דעם אָפּצייכן „אסט“ אויף זייערע ברוסטן.

— איך בין נישט קיין דאָקטער — האָט זיך אָנגערופן מאַרקאָ — איך בין בלויז געווען אַ סטודענט פון מעדיצין. דערפאַר איז נישט ריכטיק, וואָס איר טיטולירט מיך דאָקטאָר. און ווער זענט איר, מיידלעך, און פון וואַנען קענט איר מיין נאָמען?

— איך בין נאַדיאַ מעסלער מיכאַילאָוונאַ — האָט ווי פאַרשעמט זיך אָנגערופן די ערשטע. — איך האָב שוין אַמאָל מיט אייך גערעדט, דערציילט פון וואַנען איך בין, מיינע צרות און זאָרגן, אָבער איר קאָנט דאָך נישט יעדן געדענקען. מיר זענען פון די ווינער־ניישטעטער פליגער־ווערקע — האָט נאַדיאַ ווייטער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער דערנעבן שטייענדיקער פריינדין. מיר ווילן איר זאָלט אונדז העלפן, הער מאַרקאָ. מיר האָבן שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון אונדזער „באַשיצער“ דעם וויסגוואַרדייער איוואַן איוואַנאָוויטש... איר זענט דער באַשיצער פון די אוקראַינער, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, אָבער אונדז, רוסן, איז נישטאָ ווער עס זאָל פאַרטיידיקן. מיר, רוסן, זענען אויפן לעצטן פּלאַץ. אונדז נעמט קיינער נישט אין שוץ, מיט אונדז קאָן יעדער מאַכן, וואָס ער וויל... היינט האָט דער מערדער איוואַן איוואַנאָוויטש שרעקלעך געשלאָגן מיט אַ גומי־שטעקן נאַדיען האַשטשענקאָ און די שוואַרצע מאַריאַ באַביק, אַז דאָס בלוט האָט זיך איר געלאָזט פונעם לינקן אויער. בלוטיקע טרערן האָבן גענומען שטיקן דעם מיידלס האַלדז. זי האָט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. אירע שיינע העלע אויגן זענען ווי פאַרטונקלט געוואָרן און קיילעכיקע ווי פּערל טראָפּנס האָבן גענומען פליסן פון זיי, ווי פון אַ ברוינזנדיקן פאָנטאַן. מיט אַ שנעלער באַוועגונג איז נאַדיע צוגעפאַלן צו מאַרקאָס האַנט, וועלנדיק זי קושן...

— העלפט אונדז, הער מאַרקאָ!... איר מוזט אונדז העלפן! — האָט מיט אַ ציטערדיקער שטימע גערופן נאַדיע... מיר האָבן דאָך קיינעם נישט.

איר האָט דאָך שוין אַנדערע רוסן געשטיצט, כאָטש איר זענט נישט געווען אונדזער באַשיצער...

— מען דאַרף נישט! — האָט מאַרקאָ אויסגערופן, אַוועקנעמענדיק שנעל זיין האַנט פון נאַדיעס מויל. ביי מיר זענט איר נישט די לעצטע. ביי מיר זענט איר ווי מיינע אייגענע שוועסטער. אָבער מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן? — ווי אין חלום האָט מאַרקאָ שטיל געזאָגט: איך האָב געהאַט אַזאַ שוועסטער, ווי דו...

פאַר זיינע אויגן איז איצט געשטאַנען די 16־יעריקע ביילעניו. געגוי אַזוי, ווי ער האָט זי דאָס לעצטע מאָל געזען... איר יונג, שלאַנק געשטאַלט, די צוויי שוואַרצע אויגן און געשניצטע שוואַרצע ברעמען, אירע טונקעלע גלאַטע האָר און ביז דעם האַלבן שטערן געשוירענע גזשיווקע... ער הערט איר קול... איר געזאַנג, וואָס פלעגט אַזוי פאַרשיכורן יעדן פאַרבייגייער... ער זעט אירע לאַנגע צאַרטע פינגער, וואָס פלעגן אַזוי געשווינד אַריבערוואַרפן די וואָל ביים שטריקן אויף דראָטן אָדער שפּיזלעך... זי לעבט נישט מער... איך האָב זי געוואָלט מיטנעמען מיט זיך... — ניין, שלמה — האָט די מאַמע געזאָגט — ווו וועסטו זי נעמען אָן דאָקומענטן... מיר וועלן אַלע צוזאַמען פאָרן... מיט דריי וואָכן פאַרשפּעטיקט... עס לעבט קיינער שוין נישט מער... מאַרקאָ פילט, ווי עס פאַרלאָזן אים די כוחות... אַ קאַלטער פיבער לויפט אַדורך זיינע ביינער, די קני בויגן זיך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט צווינגען די פיס זיך צו זעצן... זיין געזיכט ווערט בלאַס...

— וואָס איז מיט אייך! הער מאַרקאָ! — רופט האַסטיק אויס נאַדיאַ — איר זענט עפּעס אַזוי בלאַס געוואָרן — איז אייך אפשר נישט גוט געוואָרן?

— ניין, מיידלעך. גאָרנישט, עס איז מיר גאָרנישט, גלאַט אַ ביסל פאַרקילט... איך וועל אייך העלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען. אָבער דערווייל, קומט אַוועק פון דאַנען, מען קאָן אונדז נאָך דאָ באַמערקן. זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון די באַנהאָף־טרעפּ און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס דורך דעם ברייטן אַרויסגאַנגס־טויער.

— זענט איר אפשר הונגעריק? — האָט מאַרקאָ געפרעגט. איר האָט באַשטימט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן. און ווו האָט איר גענומען געלט אויף צו פאָרן קיין ווין?

— מיר דאַנקען! מיר זענען נישט הונגעריק — האָבן די מיידלעך געענטפערט, ווייזנדיק זייערע טיכלעך מיט ברויט, און אָנגעהויבן דער=

ציילן ווי אַזוי, און מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש זיי האָבן זיך דערשלאָגן קיין ווין.

— בימע, הער מאַרקאָ, קויפט אונדז צוויי פאָר־קאַרטן קיין גמונט... ווייל מיר אַליין האָבן מורא, אַז מען וועט אונדז אַלס אָסט־אַרבעטער קיין קאַרטן נישט פאַרקויפן, און אפשר גאָר פאַרהאַלטן... לעבן גמונט אַרבעטן מיידלעך פון אונדזער שטאָט ביי אַ פויער, מעגלעך, אַז אייך אונדז וועט עס געלונגען דאָרט צו בלייבן, וועלן מיר וויניקסטנס האָבן וואָס צו עסן... אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז מאַרקאָ צוריקגעקומען מיט צוויי פאָר־קאַרטן קיין גמונט, איבערגעבנדיק זיי די מיידלעך.

— פאָרט געזונט, און טוט אַכטונג ביים אַרויסשטייגן פון צוג! — האָט מאַרקאָ מיט זיי זיך געזעגנט. גייט שטענדיק צווישן אַ גרויסן עולם. איר זאָלט אויף זיך נישט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט. און אַז עס וועט אייך זיין שלעכט, קומט צוריק קיין ווינער־נוישטאַט. איך וועל זיך פאַר אייך אָננעמען. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיך די מיידלעך מיט מאַרקאָן געזעגנט.

קאַפּיטל 29

אין אויסלענדער־לאַגער פון ווינער־נוישטאָט א. נ. מאַרספעלד

גלייך ווי מאַרקאָ איז אַראָפּגעגאַנגען פון צוג אין ווינער־נוישטאָט האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין לאַגער מאַרספעלד.

— האַלט! ווער גייט? — האָט אויסגערופן דער דינסטשטייענדי־קער לאַגער־שוץ־פּאָליציאַנט. — מאַרקאָ! — איז געפאַלן אַ קורצער ענטפער.

— אַך אַ גוטן אָוונט אייך, הער מאַרקאָ! — האָט פאַרוואונדערט באַגריסט דער לאַגער־שוץ־פּאָליציאַנט. — אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? צי האָט עפּעס וויכטיקס פּאַסירט?

— ניין. גאָרנישט וויכטיקס. איך וואָלט מיר נאָר געוואונטשן, איר זאָלט היינט פאַרשרייבן מיין באַזוך, ווי אויך די צייט, ווען איך בין געקומען.

— יאַוואָל, הער מאַרקאָ! — האָט געענטפערט דער פּאָליציאַנט. — איך וועל דאָס גלייך מעלדן דעם לאַגער־שוץ־קאָמענדאַנט לויט אייער ווונטש.

דער לאַגער איז געווען איינגעהילט אין טיפן שלאָף... פיר רייען הילצערנע באַראַקן זענען געשטאַנען אַן ערך הונדערט שריט לינקס און רעכטס פון דעם אַריינגאַנגס־טויער. אין די לינקע צוויי רייען האָבן געוווינט די א. ג. אָסט־אַרבעטער. דאָס זענען געווען רוסן און אוקראַאינער פון די אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן. אין דער ערשטער ריי רעכטס האָבן געוווינט די פרייע אוקראַאינער, דאָס זענען געווען אוקראַאינער פון פּוילן. אין דער פאָדערשטער ריי האָבן געוווינט געמישטע אויסלענדער,

וועלכע זענען געווען אין אַ קליינער צאָל, ווי: סערבן, קראָאַטן, טשעכן. עס איז נאָך געווען אַ פינפטע ריי באַראַקן, וועלכע איז געשטאַנען אין דער ברייט צו די רוסישע באַראַקן, וו עס האָבן געוווינט די פּוילישע אַרבעטער. גלייך ביים אַריינגאַנג האָט זיך געפונען די קאָמענדאַטור פון דער שוץ־פּאָליציי. דער גאַנצער לאַגער איז געווען געדיכט פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט.

מאַרקאָ האָט זיך גלייך געלאָזט גיין צו די רוסישע באַראַקן. אים איז דאָ געווען באַקאַנט יעדעס צימערל, די מענטשן, זייערע ליידן און זאָרגן ווייל דאָס איז איצט געווען זיין טעגלעך ברויט. ער האָט אויך זייער גוט געקענט דאָס לעבן פון די רוסישע אַרבעטער. כאָטש ער איז נישט געווען זייער אָפיציעלער באַשיצער, פלעגט ער זיך פיל מאָל פאַר זיי אָננעמען ביי די מייסטערס, ווען זיי פלעגן זיי נישט ריכטיק באַהאַנדלען. מאַרקאָ פלעגט אויך באַקומען אַ סך בריוו פון די רוסישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים געבעטן צו נעמען זיי אין שוץ. מאַרקאָ איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין דעם ערשטן שטיבל פון דעם רוסישן באַראַק. ביים איבערדרייען דעם קאָנטאַקט, האָט זיך אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּעלע, פאַרטונקלט מיט געוויינלעך צייטונגס־פּאַפּיר, וואָס די אייגּ־ווינער פונעם שטיבל האָבן אַליין געמאַכט, כדי אייגער זאָל דעם צווייטן נישט וועקן פון דעם שלאָף ביים אָנצינדן דאָס ליכט, ווען זיי גרייטן זיך אויף דער שיכט־אַרבעט. זיבן טאָפּל־בעטלעך, אויף וועלכע עס זענען געשלאָפן 14 מיידלעך, מיט שטרוי־קישעלעך אונטער די קעפּ, צוגעדעקט מיט דינע גרויע קאָצן, וואָס האָבן, ווייזט אויס, נישט איבעריק געוואַרעמט, ווייל אויף זיי זענען אויך געלעגן טיילן פון זייער אָנטועכץ. דאָס זעקס־שויבנדיקע פענצטערל, פון וועלכן 2 זענען געווען אויסגעהאַקט און פאַרשטעקט מיט דיקט, האָט געציטערט ביים לייכטסטן ווינטל. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט די מיידלעך אין זייער האַרטן שלאָף נאָך זייער טעגלעכער שווערער אַרבעט. מאַרקאָ איז צוגע־גאַנגען צו אַ מיידל, וועלכע איז געשלאָפן אויף דער אויבערשטער פּריטשע ביים פענצטערל, זי לייכט אָנגענומען ביים אַקסל. דאָס מיידל האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט. עפענענדיק די אויגן, האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג אויסגערופן: — הער מאַרקאָ!...

— שטילער, זאָגט קיינעם נישט, אַז איך בין דאָ געווען! ווי הייסט איר?

— בראַדאָווענקאַ — האָט דאָס מיידל מיט אַ שעפּטשענדיקער שטי־מע געענטפערט. הער מאַרקאָ, מען שמועסט דאָ, מען זאָל אויך אונדז רופן צו אייך צוטיילן. איז דאָס אמת? נעמט אונדז, הער מאַרקאָ! — האָט זי געבעטן — איר האָט דאָך די ווייסרוסן אויך גענומען... אַך, ווי מיר וועלן זיך פרייען!

— ליידער, נאָך נישט — האָט מאַרקאָ געענטפערט. אָבער איך וועל אייך אַזוי העלפן. — זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווו שלאָפט נאַדיאַ האַשטענקאַ?

— הער מאַרקאָ! איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זי היינט שרעקלעך גע־שלאָגן, און מיט טרערן אין די אויגן האָט בראַדאָווענקאַ אָנגעהויבן מאַרקאָן פאַרציילן, ווי דאָס אַלץ האָט פּאַסירט, אָנווייזנדיק אויפן אונ־טערשטן בעטל קעגנאיבער...

— איך ווייס אַלץ! — האָט מאַרקאָ געענטפערט, און דערפאַר בין איך צו אייך היינט געקומען. ער איז צוגעגאַנגען צו נאַדיאַס בעטל, אָנשפּאַרנדיק זיין האַנט אויפן זייטיקן ברעט און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך דאָס מיידל צו וועקן. נאַדיאַ האָט שווער געאָטעמט... זי האָט אפשר פיבער? — האָט מאַרקאָ זיך געווענדעט צו בראַדאָווענקאַ, באַרירנדיק מיט זיין האַנט נאַדיאַס שטערן. נאַדיאַ האָט גלייך געעפנט די אויגן. דערזעענדיק לעבן איר בעט מאַרקאָן, האָט זי בליץ שנעל זיך אויפגעהויבן און שטאַרק אָנגעהויבן צו וויינען. מיט ביידע הענט האָט זי נאָך שטאַר־קער צוגעדריקט זיין האַנט צו איר שטערן.

— איך האָב קיין כוח נישט מער! איך קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן! אַלע מיידלעך זענען שוין נישט געשלאָפן. טייל האָבן זיך אויפגעזעצט אויף די בעטלעך, אַרומנעמענדיק מיט זייערע הענט די קני. זייערע טריבע אויגן זענען געווען געווענדעט אין דער ריכטונג, ווו עס איז געלעגן די 18־יעריקע נאַדיאַ האַשטשענקאַ.

— עס איז נישט אמת, הער מאַרקאָ, אַז איך האָב שלעכט געוואַשן דעם קלאָזעט! — האָט וויינענדיק נאַדיאַ ווייטער געזאָגט — עס איז בלויז אַן אויסרייד געווען. ער האָט געוואָלט איך זאָל גיין צו אים שלאָפן, און איך האָב נישט געוואָלט, דערפאַר האָט ער מיך געשלאָגן מיט אַ גומי־שטעקן... איצט, הער מאַרקאָ, שלאָפט ביי אים די גראָבע אַניע... ער האָט איר געגעבן אַ פּערטל ברויט מיט אַ שטיקל וורשט און דערנאָך האָט ער זי אָנגעטרונקען מיט בימבער...

— ווייז דעם הער מאַרקאָ, ווי דער באַנדיט האָט דיך צעבלוטיקט! — האָט זיך אָנגערופן אַ מיידל פון שכנותדיקן געלעגער. שעם זיך נישט, דער הער מאַרקאָ איז אַן אייגענער מענטש... אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דאָס שטיבל. אַלע מיידלעך האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווען נאַדיע האָט גענומען אַראָפּלאָזן די אַקסל־בענדער פון איר לאַגערהעמד, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ספּעציעל־צוגעטיילטער פאַר די רוסישע פרויען גרויער האַקי. צוויי שוואַרצע גראָבע פּאַסן האָבן זיך געצויגן פונעם רעכטן אָרעם ביז צו דער ברוסט אויף נאַדיעס ווייסן קערפּער. דאָס מיידל, וועלכע האָט זיכער צום ערשטן מאָל אַנטבלויזט פאַר אַ מאַן אירע נאַקעטע בריסטן, האָט מיט שטאָלץ אויפגעהויבן איר קאָפּ, קוקנדיק מאַרקאָן גלייך אין די אויגן. אירע שמאָלע ליפּן האָבן נערוועז געציטערט, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט...

— און וועלכע פון אייך איז מאַריאַ באַביק? — האָט מאַרקאָ געפרעגט, איבעררייסנדיק די שטילקייט...

די מיידלעך האָבן שנעל אויסגעטוישט זייערע בליקן, ווי איינע די אַנדערע וואָלט געוואָלט פרעגן: פון וואַנען ווייסט שוין מאַרקאָ פון דעם?

— אין צימער נומ. 6. — האָט זיך אָנגערופן איינע פון די מיידלעך...

— קינדער, — האָט ביים געזעגענען געזאָגט מאַרקאָ — קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איך בין ביי אייך געווען, און איבערהויפּט, אַז איך ווייס פון דעם אַלעם.

— קיינער! האָבן, ציענדיק דאָס וואָרט און שעפּטשענדיק, גאָבגעזאָגט אַלע מיידלעך.

יעדער באַראַק האָט געהאַט צוויי רייען שטיבלעך, נומערירט לענגאויס דעם קאָרידאָר מיט אויסגאַנגען פון ביידע זייטן. אין קאָרידאָר האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט דאָס ליכט. דאָס שטיבל נומער 6 איז געווען אין דער זעלבער ריי, וו נאַדיע האָט געוווינט. באַביק איז געלעגן דעם גאַנצן קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ לייוונטן האַנטעך. אין דער זייט פון רעכטן אויער איז דאָס האַנטעך געווען פאַרפלעקט מיט פאַרגליווערט בלוט...

— ווער ווייסט, הער מאַרקאָ, צי איך וועל שוין הערן אויף דעם אויער! — האָט דאָס מיידל מיט אַ טרויעריקער שטימע געזאָגט. — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל אַזעלכע פאַלן ביי אונדז. עס איז אפילו נישטאָ פאַר וועמען דאָס האַרץ זיך אויסצורעדן... אַ גאַנצן טאָג הערט מען נאָר דאָס שרייען: לאוס! לאוס! און ביינאַכט האָט מען אויך נישט

קיין רו... איך האָב שלעכט געוואַשן די פּאָדלאָגע — האָט מיט איראָניע געזאָגט באַביק... אַך, הער מאַרקאָ, ווען איך זאָל אייך קאָנען אַלץ פאַר־ציילן, וואָס דער ווייסגוואַרדיסטישער באַנדיט טרייבט מיט אונדז...

— רעדט שטילער, מאַריאַ. איר ווייסט נישט ווער עס הערט אייך — האָט געזאָגט מאַרקאָ. פאַראַן נאָך אַ סך שלעכטע מענטשן אויף דער וועלט און אויך דאָ צווישן אייך... צום ביישפּיל, די סאַניטאַרין זינע...

מיט דער הילף פון פּראָפעסאָר האָלאָטאַ און דעם בעטריבס שטעל־פאַרטרעטער, אינזשיניער באַרגמאַן און זיין גוטהאַרציקע פרוי אַניע, וועל־כע איז געווען גוט באַפריינדעט מיט מאַרקאָן, האָט מען געהאַט אַרויסגע־געבן אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז עס איז פאַרבאָטן צו שלאָגן אויסלענדער, און אונטערגעשטראָכן: פּאָליאַקן און רוסן... פאַר מאַרקאָן איז דער טאָג געווען אַ גרויסער יום־טוב. פון אַלע זייטן האָט ער געזען מענטשן מיט פריילעכע געזיכטער. אין זייערע אויגן האָט מאַרקאָ ווי איבערגעלייענט די ווער־טער: זעט, הער מאַרקאָ, ווי אייער מי איז נישט געגאַנגען לאיבוד... עס האָט דאָך געזיגט אייער גערעכטער קאַמף... די באַקאַנטמאַכונג איז לאַנג, לאַנג געהאָנגען אויף דעם אָפיציעלן מעלדונגס־טאָוול אין ווערק. דער פאַר־באָט צו שלאָגן פּאָליאַקן און רוסן האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין פיל אַנדערע לאַגערן, ווו מען האָט זיך אויף דער האָזיקער באַקאַנט־מאַכונג פון די ווינער־נוישטעטער פליגער־ווערקע פאַררופן...

מאַרקאָ האָט זיך געווענדעט צו מאַריאַ באַביק — קומט צו מיר אין ביוראָ גלייך אינדערפרי, וועל איך מיט אייך גיין צו דער דאָקטערין ביאַלאַנטשיק, זי זאָל אייך אונטערזוכן. עס איז מיינס אַ גוטע באַקאַנטע. זי וועט אייך גוט באַהאַנדלען...

— איך דאַנק אייך פון טיפן האַרצן! איך וועל אייך דאָס קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן! — האָט געזאָגט מאַריאַ באַביק. די אי־בעריקע מיידלעך זענען געזעסן ווי דערשלאָגענע אויף זייערע פּריטשעס מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. אין די גרויע העמדער האָבן זיי אויסגעזען ווי קאַטאָרזשניקעס. דאָס טונקעלע ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ לאַנגן שאָטן אויף די הילצערנע ווענט. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַ גראָב געהובלעווועטער טיש, אויף גיך צוזאַמענגעקלאַפּט פון סוקעוואַטע ברעטער, אַ לאַנגע באַנק און אַ שאַנק מיט צוויי פּאָליצעס אויף ברויט, געבויט פון דעם זעלבן מאַטעריאַל און אין סטיל פון טיש. דאָס אַלץ איז געווען די איינריכטונג און „מעבל" פון דער שטוב, וווּ עס האָבן געוווינט 17 מייד־

לער, וואָס זענען געשלאָפֿן אויף 9 טאַפּלטע פּרימשעס, און וואָס האָבן א גאַנצן טאָג געאַרבעט פֿאַר 25 און אָפֿטמאָל פֿאַר 20 דעקאַ ברויט מיט אַ ביסל שיטערע באַרקעס־זופּ.

— אַ גוטע נאַכט, מיידלעך! — האָט זיך מאַרקאַ געזעגנט, — אָדער שוין אַ גוטן טאָג — האָט ער צוגעגעבן, ווייל איר מוזט שוין באַלד אויפֿשטיין צו אייער שיכט... ברעכט אייך נישט צוזאַמען! איר מוזט אויסהאַלטן... געדענקט — עס איז פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט, אַז עס ווערט נישט פֿריער ליכטיק, ביז עס איז נישט גוט פֿינצטער... און ביי אייך איז שוין געווען פֿינצטער...

מאַרקאַ האָט נאָך באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס שטיבל, ווו עס האָט געוווינט די גראָבע אַניע...

נישט אָנצינדנדיק קיין ליכט, האָט זיך מאַרקאַ שטילערהייט אַריינגעשלייכט אין דעם שטיבל.

אַניע איז אַ גאַנץ באַקעטע געלעגן אויף איר פּרימשע. זי איז נישט געשלאָפֿן, איר צעריסן העמד איז געלעגן אין דער זייט.

— וואָס ביסטו געקומען! ווילסט איך זאָל צוריקגיין צו דיר?! — האָט אויסגעשריגן אַניע — קאָנסט דיר צוריקנעמען דאָס ברויט מיט דעם ווורשט. איך בין נישט מער שיכור. דו לעצטע פּראָסטיטוטקע, וואָס די ביסט!... קאָנסט מיך שלאָגן, איך וועל אויסהאַלטן!...

— זיי שטיל! — האָט אויסגערופֿן דאָס מיידל, וואָס איז געלעגן אויף דער אייבערשטער פּרימשע — עס איז נישט איוואַן איוואַנאָוויטש — עס איז דער הער מאַרקאַ!... דורך די שפּאַלטן פֿון דער טיר האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ ליכט־שטראַל פֿון דעם קאָרידאָר. בלייבנדיק אַ ווײַלע אין שטיבל האָט מען געקאָנט זען אַלץ אַפֿילו אָן ליכט, צוגעוווינענדיק ביסלעכווייז די אויגן צו דער טונקלקייט...

— אַך, הער מאַרקאַ! אַנטשולדיקט, ביטע, אַנטשולדיקט פֿאַר מיינע וווּלגאַרע אויסדרוקן — האָט אַניע געזאָגט, פֿאַרדעקנדיק זיך מיט דעם קאָץ, אויף וועלכן זי איז געלעגן. אַך, ווי נידעריק איז דער מענטש דאָ געפֿאַלן! וואָס האָב איך מיך אין דעם לאַגער נישט אויסגעלערנט... עס איז נישט מיין שולד, הער מאַרקאַ! שטענדיק הערט מען נאָר שעלטן און זידלען. איך קאָן אַפֿילו אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן אין דעם לאַגער... אַפֿילו ווען איך שרייב צו מיין מאַמען, דערזע איך מיטאַמאָל

ווידער פאַר מיינע אויגן דעם שענדלעכן זיגל „געמיינשאַפטס־לאַגער ווי־גער־נוישטאַט — מאַרספעלד הויטשעם רייך"... צי זענען מיר קיין מענטשן מער, אַז מיר טאָרן קיין גאָרמאַלן בריוו נישט שרייבן?...

— דו ביסט נישט שולדיק! — האָט שטיל געזאָגט מאַרקאָ. געדענקט, קינדער, — האָט ער זיך געווענדט צו אַלע ביים אַרויסגאַנג — טרינקט נישט קיין בימבער, אַז אונטערשיד ווער עס זאָל אייך נישט געבן.

מיט אַ צעווייטיקט האַרץ האָט מאַרקאָ פאַרלאָזט דעם לאַגער מאַרספעלד.

קאַפּיטל 30

מאַרקאָ ווערט דער באַשיצער אויך פֿון די „אָסט“־אַרבעטער

גלייך אין דער פֿרי האָט מאַרקאָ זיך געמעלדעט ביי קלאָרן אין דער „זאָנדער־אָפּטיילונג“ און אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון דעם, וואָס ער האָט געהערט און געזען די נאַכט אין לאַגער מאַרספֿעלד. קלאָר האָט אים גלייך געהייסן מאַכן אַ שריפֿטלעכע מעלדונג פֿון דעם אַלעם, ווי אויך אַזעלכע מעלדונגען איבערשיקן צום דייטשישן „אַרבייטס־פֿראָנט“, צו ביידע בעטריבס־מענער — האַדורעק און יאַקלימשקער.

אין סעקרעטאַריאַט ביי קלאָרן האָבן די מיידלעך גלייך דעם ראַפּאָרט איבערגעשריבן אויף די מאַשינען און אים איבערגעגעבן מאַרקאָן. קלאָר האָט גלייך געקלונגען צום ווערק־שוץ־לייטער, אַז ער זאָל נישט אַרויסלאָזן איוואַן איוואַנאָוויטשן, ביז ער וועט נישט דערלויבן...

— ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען פֿון דעם לאַגער! — האָט געמאָלדן דער ווערק־שוץ־לייטער. — אַ שאָד — האָט קלאָר געזאָגט און אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל...

מאַרקאָ איז גלייך מיט אַזאַ מעלדונג געפֿאָרן קיין ווין צו פּראָפֿעסאָר האַלאַטאַ. דער פּראָפֿעסאָר האָט מאַרקאָן זייער פֿריינדלעך אויפֿגענומען.

— מיט וואָס פֿאַר אַ שווער האַרץ קומט איר היינט צו מיר? מאַרקאָ האָט דעם פּראָפֿעסאָר אַלץ דערציילט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין לאַגער מאַרספֿעלד, און וועגן זיינע מעלדונגען וועגן דעם צו דער „זאָנדער־אָפּטיילונג“ און צום דייטשישן „אַרבייטס־פֿראָנט“.

— זיי זענען אויך אוקראַינער — האָט מאַרקאָ געזאָגט צום פּראָפֿעסאָר, — ווען אַפֿילו פֿון רוסלאַנד...

— זיי זענען אויך מענטשן! — האָט אים אויסגעבעסערט דער פּראָפֿעסאָר האַלאַטאַ. מאַרקאָ איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשעמטער פֿאַרן פּראָ־

פעסאָר. לײדער — האָט מאַרקאָ זיך פאַרענטפערט אין האַרצן — טאָר איך נישט אַזוי אָנהײבן...

— נישט געזאָרגט, דרוזשע מאַרקאָ! דער וואָגן גײט שוין באַרג אַראָפּ... די לײדן פון די מענטשן װעלן שוין באַלד אױפהערן... פאַר מאַרקאָן איז שוין איצט געװאָרן אַלץ קלאָר: די געשיכטע מיט מאַריא פאַװלעטשי; די 10 מאַן װאָס זענען אַנטלאָפן פון מיליטער פון דער תּפֿיסה, װעלכע דער פּראָפעסאָר האָט אים איבערגעשיקט, און פון װעלכע מאַרקאָ האָט אָרגאַניזירט די פײערלעשער־גרופּע... די מענטשן האָבן נישט געהאַט קײן שום פאַך, און עס איז נישט געװען װי זײ צו באַשעפטיקן, און בלױז אָרגאַניזירנדיק די פײערלעשער־גרופּע האָט ער זײ געקאָנט געבן דאָקומענטן.

דער פּראָפעסאָר האַלאַטע האָט באַשלאָסן אַלײן צו קומען קײן װינער־נױשטאַט. אין דעם דײטשישן „ארבײטס־פראָנט“ איז ער געװאָרן אױפגענומען מיט אַ געהעריקן כּבֿוד פון בײדיע אַבטײלונג פון די „פליגער־װערקע“. עס איז געװאָרן ברײט ארומגערעדט די פראַגע פון די אױסלענ־דער אין די װערקן...

— נו, װאָס, הער מאַרקאָ? — האָט זיך אָנגערופן דער בעטריבס־אָבמאַן יאַקלימשקער. — װי עס איז שוין געמאָלדן, איז איװאַן איװאַנאָװיטש אַראָפּגענומען געװאָרן פון זײן אַמט אין לאַגער מאַרספעלד, און נאָך אַ דאַנק זײנע פאַרדינסטן אַלס װײסגװאַרדײער איז ער באַשטראָפט געװאָרן מיט אַ לײכטער שטראָף — ער איז אַריבערגעטראָגן געװאָרן אַלס פשוטער אַרבעטער אין װערק. און איצט איז מײן פאָרשלאַג, אַז איר זאָלט איבערנעמען אַלס באַשיצער אױך די אָסט־אַרבעטער, ד. ה. די אוקראַינער, רוסן און װײסרוסן פון די סאָװיעטישע געביטן....

— איר קאָנט אײך אױסװײלן עמעצן צוהילף — האָט צוגעגעבן דער פּראָפעסאָר האַלאַטע.

— איר האָט נישט װאָס צו קלערן, הער מאַרקאָ — האָט זיך אָנגע־רופן דער בעטריבס־אָבמאַן האַדורעק — זײ זענען שױן אַ סך מאָל בײ אונדז געװען און געבעטן, מיר זאָלן אײך באַשטימען אַלס זײער באַשיצער, און איך בין אױך מסכּים מיט דעם, װאָס דער פּראָפעסאָר האַלאַטע האָט געזאָגט, איר זאָלט אײך עמעצן נעמען צו הילף...

דעם זעלבן טאָג האָט די סעקרעטאַרין פונעם דײטשישן „אַרבעטס־פראָנט“, דאָס פרײלײן נױגעבאַױער אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג פאַר די פליגער־װערקע, אַז מאַרקאָ איז פון הײנט אָן און װײטער באַשטימט

געוואָרן אַלס באַשיצער פון די אוקראַינער, ווייסרוסן, פּאָליאַקן און אָסט=אַרבעטער, — אונטערגעשטראָכן, אַז עס קאָנען אויך זיין אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע שטאַמען פון די סאָוויעטישע געביטן, ווי גריכן, טאַטאַרן א. אַ. וו.

אין ביוראָ צו מאַרקאָן זענען איצט אַריינגעקומען דעגישוק מיט פּריכאָדקאָ.

— נו, מאַרקאָ — האָט געזאָגט פּריכאָדקאָ — מיר זענען געקומען דיר איבערגעבן אונדזערע האַרציקע גליק=ווונטשן צו דיין נייער אַרבעט. דו מוזט איצט זיין נאָך פעסטער ביי זיך ווי ביז איצט, מוזט זיין פלינקער פון אַ פוקס און שטאַרקער פון אייזן...

— איך ווייס, חברים, — האָט מאַרקאָ געענטפערט. — איך האָב דען א בריחה...

אין לאַגער איז הייגט געווען יום=טוב. די מיידלעך האָבן געוואַשן די טישן און בענק, אפילו די איבערגעבליבענע שייבלעך פון די קליינע פענצטערלעך. דאָס וואַסער האָבן געטראָגן די מענער.

— דאָס וועט זיין אייער אַרבעט !— האָבן געזאָגט די מיידלעך — וויל איר מוגט נישט צום וואַשן קיין פּאָדלאָגעס, דערנאָך וועט איר צונויפנעמען ציימונגען און אַנדערע פּאַפּירן, פון וועלכע מיר וועלן מאַכן בלומען....

— זאָל דער הער מאַרקאָ וויסן, אַז מיר וועלן אים אויפנעמען אָרעם, אָבער פון האַרצן — האָט געזאָגט אַנאַסטאַזיא בראָדאַווענקאָ.

די פּאָסט פאַר מאַרקאָ איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו און ביטעס אַפילו פון אינגאַנצן אומבאַקאַנטע מענטשן *) אָבער אויך די דאגות און זאָרגן זענען געוואָקסן פּראָפּאָרציאָנעל צו די בריוו. ער האָט שוין אַפילו נישט געהאַט קיין רו אין שלאָף. נישט איינמאָל פלעגט ער זיך אויפכאַפּן ביינאַכט אינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס פון עפּעס אַ שרעקלעכן חלום.

צו די אָסט=אַרבעטער האָט מאַרקאָ באַשטימט אַלס געהילפן דאָס רוסישע מיידל וויקטאָריאַ. וויקטאָריאַ איז געווען אַ געבילדעט מיידל און אויך נישט שלעכט גערעדט דייטש. זי האָט זיך מיט מאַרקאָן זייער גוט פאַרשטאַנען. מאַרקאָ פלעגט איר איבערגעבן פאַרשידענע נייעס, וועל=

*) זעט ז. 318.

בע ער פלעגט באַקומען דורך דעם אויסלענדישן זענדער, און זי פלעגט זיי ווייטער איבערגעבן אירע באַקאַנטע אין לאַגער.

ווען מאַרקאָ איז געווען אין ווין דערליידיקן אין דער באַנק וועגן אויס־טוישן די געלטער פאַר די אוקראַינער, וואָס זענען געפאָרן אויף אורלויב, האָט ער נישט פאַרגעסן אָפּצוטרעטן ביים פּראָפעסאָר האָלאָטאַ.

— איך האָב פאַר אייך אַ שיינעם פּרעזענט — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט אַ שמייכל — נאָך דעם ווי זיי האָבן געהאַט אַ דיסקוסיע איבער פראַגן פון רעליגיע. (דער פּראָפעסאָר האלאטא האָט געוווסט, אַז מאַרקאָ איז אַ פרייַדענקער), — אָבער דאָס וועט איר ערשט קריגן צוגעשיקט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צווישן דער פּאָסט צו מאַרקאָן געווען אויך אַ גרויסער פּאַקעט *). מאַרקאָ האָט שנעל דאָס אויפגעפּאַקט (ער ווין, דעם 4 יאַנואַר 1944.
דערמיט שיק איך אייך איבער די יום־טובדיקע בילדער מיט ווונטשן פונעם פירער פון אוקראַינישן צענטראַל־קאָמיטעט און בעט אייך גלייכ־ציַיטיק צו פאַרטיילן זיי צווישן די אוקראַינישע אַרבעטער פון אייערע פאַבריקן.

גלייכצייטיק ווינטש איך אייך אַ פריילעכן יום־טוב און אַ גליקלעך ניי־יאָר.

מיט גרוס האָלאָטאַ


Відень 4.I.1944

Посилаю Вам святочні карточки з побажанням від провідника Українського Центрального Комітету і прошу дати по одній всім робітникам українцям Вашого заводу.

Рівночасно бажаю Вам веселих свят і щасливого Нового Року!

Гаразд

/Голота/

*) אָריגינאַל פונעם בריוו.

די הוילקע בילדער



Краків-Львів, січень 1944.

Дорогий(а) Земляче(чко)!

Надходять урочисті хвилини Христового Різдва, — великого свята українських християнських родин.

Важкий воєнний час не дає нам змоги всім разом бути на Рідній Землі і зустрічати це Свято так, як хотіло б серце. Та проте повинні ми пам'ятати взаємно про себе і духово лучитися в одну велику національну Родину.

Український Центральний Комітет спішить у цю святочну хвилину з щирими побажаннями і для Вас, там, на далеку чужину. Хай Господь щедрить Вам усім добром, кріпким здоров'ям, успіхами в праці та дасть щасливо повернути до відродженої Батьківщини.

Христос Рождается!

В. Кубійович

(Володимир Кубійович)
Провідник УЦК

האָט געמיינט, אַז דאָס זענען די לעבנס=מיטל=קאַרטן אויף יום=טוב, (וועגן וועלכע ער האָט זיך באַמיט ביי דעם דייטשישן „אַרבעטס=פראָנט“, אַלס איינמאָליקע יום=טוב=מתנה...) און ווי פאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס זענען גאָר... הייליקע בילדער... אין ביוראָ איז גראד געווען דער געוועזענער שעף פון לוין=ביוראָ — פפייפער. זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן שמייכלען.

— וואָס ווילט איר, הער מאַרקאָ! — האָט פפייפער געזאָגט — זיי וויסן וועמען צו שיקן הייליקע זאַכן — איר זענט אַמאָל געווען, דוכט זיך, אויפן טעאָלאָגישן פאַקולטעט...

* * *

דער מאַרספעלד=לאַגער האָט זיך געפונען נישט ווייט פונעם ווערק — 1, וואָס איז געווען דער הויפט=ציל פון די אַמעריקאַנישע און ענגלישע באָמבאַרדיר=אַעראָפּלאַנען. עס איז שוין איצט איבגאַנצן נישט געווען קיין רו, נישט ביי טאָג און נישט ביינאַכט. פון די אָפטע אָנפאַלן זענען געווען צעשמעטערטע האַלעס, פאַרשיטע מענטשן, טויטע, פאַרוואונדעטע. אָבער די אויסלענדער איז נאָך ביז איצט אָפּגעגאַנגען אָן גרעסערע שאָדנס. נאָר דאָס מאָל איז געווען א שרעקלעך פייער. ביידע ווערקן זענען שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. עס זענען געווען א סך טויטע און פאַרוואונדעטע אויך צווישן די אויסלענדער. א גאַנצן טאָג האָט געדויערט דער לופט=אָנגריף. איין עסקאַדרע איז אַוועקגעפלויגן, און די צווייטע איז אָנגעקומען. איין באָמבע האָט אויך געטראָפן אין בונקער, וו מאַרקאָ איז געזעסן. ווען מען האָט מאַרקאָן אַרויסגעצויגן פונעם פאַרשיטן בונקער, און ער איז נאָר א ביסל געקומען צו זיך האָט ער באַמערקט א גרויסע מאַסע פון זיינע אויסלענדער.

— וואָס הערט זיך ביי אונדז? — האָט מאַרקאָ גלייך געפרעגט, דערזעענדיק זאַרעמסקין צווישן דער מענטשן=מאַסע — האָט עמעצן עפּעס געשאַדט?

— עס זענען דאָ טויטע אויך צווישן אונדז — האָט שטיל געזאָגט זאַרעמסקי, און א סך פאַרוואונדעטע... אַנאַסטאַזיאַ בראַדאַוואַנקאַ האָט א שפּליטער אָפּגעריסן א פוס...

— נאַסטיען — האָט אויסגעשריגן מאַרקאָ — ווי דאָס וואָלט גע=טראָפן זיין אייגענער שוועסטער... העלפט מיר אויפשטיין, חברים, העלפט מיר אויפשטיין!... איך מוז גלייך לויפן אין לאַגער אַריין...

— דער לאַגער איז שוין אויך נישטאָ! — האָט געזאָגט דעניושוק — ער איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן... מאַרקאָ האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און א דערשלאָגענער געבליבן ליגן אויף זיין טראָג־בעטל...

די סאַניטאַר־אויטאָס זענען געפאָרן אַהין און צוריק אָן אויפהער, אַלע שפּיטאָלן אין ווינער־נוישטאָט און אַלע דאָקטוירים זענען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. פון די פליגער־ווערקע האָט מען געהאַלטן אין איין פירן די פאַרווונדעטע און טויטע.... א גאַנצע נאַכט האָבן די רעטונגס־אָפּטיילונגען געאַרבעט ביים אויסגראָבן די פאַרשיטע מענטשן. יעדעס מאָל האָט זיך פון אן אַנדערער זייט געהערט הילפס־רופן פון נאָך זשיפּענדיקע האַלב־פאַרשאָטענע מענטשן. די דאָקטוירים און סאַניטאַרן האָבן געמאַכט איינשפּריצונגען די האַלב־טויטע מענטשן, כדי זיי זאָלן אויסהאַלטן ביז מען וועט זיי אַרויסגראָבן.

עס איז אויך פאַרשיט געוואָרן אין לאַגער דער באַשיצער פון די סערבן — וואָלאָדיא. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען אים מיט נאָך עטלעכע אויסלענדער געפונען לעבן דעם פוילישן באַראַק, דערשטיקטע אינעם פּראָוויזאָרישן בונקער...

קאַפּיטל 31

די רעדע בײַם אָפֿענעם קבֿר, און דער אוקראַיִנישער פֿאַרעטער יוזעף טכיר

די אויסלענדער האָט מען אַריבערגעפֿירט אין דעם אויף שנעל צוזאַמענגעשטעלטן פּישאָווער־לאַגער. אַלס לאַגער־פֿירער איז באַשטימט געוואָרן אַן עקלהאַפֿטער היטלעריסטישער באַנדיט מיטן נאָמען האָפּ־באָוער.

האָפּבאַוער האָט זיך גלייך אַרומגעשטעלט מיט אַ גאַנצער נעץ פֿון שפּיצלעס, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען, די באַפֿרייטע פֿון דײַטשישער געפֿאַנגענשאַפֿט, רוסישע סאַניטאַרין זינע. האָפּבאָוער איז געווען אַ פֿאַרביסענער שׂונא פֿון יעדן, וואָס איז נישט געווען קיין דײַטש. מיט קאַלטע נערוון האָט די חיה אין מענטשלעכן געשטאַלט געקאָנט קוקן אויף די גרעסטע ליידן פֿון יעדן מענטש, וואָס האָט נאָר נישט געהערט צום „הערן־פֿאָלק". דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט אַן אויסלענדער האָט האָפּבאָוער געהאַט מיט מאַרקאָן, אין דעם טאָג פֿון דער לוויה פֿון די אומגעקומענע בעת דער באָמבאַרדירונג אויסלענדישע אַרבעטער. האָפּ־באָוער האָט באַהויפּטעט, אַז די רוסן קאָן מען באַגראָבן אין דעלעגאַציעס און אָן קרענץ, ווייל עס איז אַ שאָד אַוועקצורייסן די באַנדיטן (ווי ער פֿלעגט רופֿן די רוסישע אַרבעטער) פֿון דער אַרבעט. אָבער מאַרקאָ האָט באַשלאָסן צו פֿאַרטיידיקן די אויסלענדער ביז צום לעצטן אָטעם־צוג. מיר איז איצט אַלץ איינס — פֿלעגט ער אין אַזעלכע מאָמענטן זאָגן... עס וועט סײַ־ווי נישט זײַן ווער עס זאָל נאָך מיר וויינען...

אַ סך פֿון די אויסלענדער האָט מען איבערגעפֿירט אין אַנדערע לאַגערן פֿון די צוויג־ווערקע, קיין ברייטענאו, ווייגעלסדאָרף, ראָדבאַד־נוינקירכען, נוידערפֿל, קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, און נאָך און נאָך אַנדערע לאַגערן. מאַרקאָ האָט זײַן ביוראָ אויך איבערגעטראָגן פֿון וויגער־נוישטאַט קיין ראָדבאַד־נוינקירכען, אָבער געוווינט האָט ער ווייטער אין נוישטאַט

מאַרקאָ האָט איצט געמוזט זייער פיל אַרומפאָרן. אַחוץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אין יעדן לאַגער א פאַרטרעטער, וועלכער פלעגט צו אים קומען פערזענלעך אָדער שרייבן ווען עס האָט עפּעס וויכטיקס פּאַסירט, האָט ער אויך יעדע פאָר טעג געמוזט באַזוכן אן אנדער לאַגער. ער האָט אויך באַקומען א דאָקומענט, ארויסגעגעבן פון דער „זאנדער־אָפּטיילונג", אויף וועלכן עס איז געווען אַ קליין סטעמפּעלע מיט דער אויפשריפט „ס.אָ.ד.", וואָס האָט אים באַרעכטיקט פריי זיך צו באַוועגן אין אַלע ווערקן סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט...*)

אויף צו להכעיס האָבּבאוערן האָט מאַרקאָ איינגעאָרדנט אַן אימפּאָזאַנטע לוויה מיט קרענץ און צאָלרייכע דעלעגאַציעס **). די מיידלעך האָבן געמאַכט קינסטלעכע בלומען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע. די אייגענע חברים האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען די געהרגעטע צו זייער לעצטער רו... די שטימונג איז געווען א פייערלעכע, אַלע זענען געשטאַנען אויף אכטונג, ווען מאַרקאָ האָט געזעגנט די חברים ביים אָפענעם קבר... טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זייערע אויגן, קיינער האָט זיך טיין ריר ניט געגעבן, כדי ניט צו שטערן די שטילקייט...

— אין נאָמען פון אַלע אוקראַינער — האָט מאַרקאָ אָנגעהויבן זיין טרויער־רעדע — פּאָליאַקן, ווייסרוסן און רוסן געזעגען איך אייך, מיינע ליבע חברים! וואָס איר זענט געפאַלן אַלס קרבנות פון די ווילדע קאַפּיטאַליסטישע רוצחים... ווייט פון אייער היים, פון אייערע נאָענטע, ווייט פון אייערע מאַמעס, שוועסטער און ברידער, ניט איין מאַמע צי קינד וועלן באשטימט האָפן און וואַרטן אויף אייער צוריקקער, אָבער איר, מיינע ליבע פריינד, וועט שוין דאָ אויף אייביק בלייבן אין דער פרעמדער ערד... אומזיסט וועלן זיי אויף אייך וואַרטן... די שטילקייט איז יעדעס מאָל איבערגעריסן געוואָרן פון דעם שליאכצן פון די מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אין די רייען. — מיר פאַרזיכערן אייך דאָ ביי דעם אָפענעם קבר — האָט מאַרקאָ פאַרענדיקט, און די טרערן האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז — צו באַצאָלן די קאַפּיטאַליסטן פאר אייער אומשולדיק פרי־פארשניטן לעבן...

ווען מאַרקאָ איז געקומען אין ביוראָ האָט ער געטראָפן אויף זיין טיש אן אויפפאָדערונג צו שטעלן זיך אין דער געסטאַפּאָ.

---

*) זע ז. 251.

**) זע ז. 253.



HANS BAUER
SCHRAUBEN-u.NIET ... m.b.H.
ROHRBACH

D
80

Ausweis Nr.

für das Gfm:

M a r k o Thomas

geb.am: 2.11.1912

wohnhaft in: Wr.Neust. Neunkirchnerstr. 42

Staatszugehörigkeit: Ukrainer

Gültig von: 8.5.1944 bis auf Widerruf

Ausgestellt am: 8.5.1944

HANS BAUER SCHRAUBEN ... ROHRBACH

Ich bin darüber belehrt, daß

1.) dieser Ausweis nicht übertragbar ist und jeder Missbrauch strafrechtlich verfolgt wird.

2.) daß jede Veränderung der Wohnungsanschrift sowie Veränderungen meiner Eintragungen im Wehrpaß der Firma innerhalb von 24 Stunden bekannt zu geben sind.

Eigenhändige Unterschrift:

דאָקומענט מיטן סטעמפל „ס.אָ.ד“

— וואָס קאָן דאָס זײַן? אפשר ווייסן זיי שוין די געשיכטע מיט דער קליידונג, וואָס ער האָט באַקומען און אויסגעטיילט צו צוויי פּאָר יעדן אַנשטאָט צו 21? און אפשר האָט מען צוגעטראָגן וועגן די 6 סאָוויעטישע קריגסגעפאַנגענע, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין לאַגער? דאָס איז שוין אַ ביסל ערגער... יעדנפאַלס מוז מען צו וויסן געבן די חברים.

— איך האָב אַ פאַרדאַכט — האָט מאַרקאָ צו זיי געזאָגט — אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון דעם ס. ס.-מאַן האַפּבאַוער. זינע האָט אים באַשטימט עפּעס צוגעטראָגן, ווייל די רוסישע יאַטן האָבן מיר געזאָגט, אַז מען האָט זי נעכטן ביינאַכט געזען אַרויסגיין, און אַז היינט אין דער פרי האָבן זיי ביי איר געזען פלייש-קאַרטן. מיט איר איז שוין גאַנץ זיכער, אַז זי איז אַ שפּיצעל, ווייל קלאָר האָט מיך שוין פאַר איר געוואָרנט. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער לאַגער-פירער האַפּבאַוער האָט זי צו אים געשיקט מיט עטלעכע מעלדונגען. אומזיסט גיט נישט דער באַנדיט קיין פלייש-קאַרטן. דערהצו נאָך אַ רוסין.

— יוזעף טכיר האָט עפּעס אויך די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבן דרייען לעבן אונדז — האָט געזאָגט דעגישוק. מאַכן מיר זיך אַ בילד, וואַקסט ער אויס ווי פון אונטער דער ערד, קומען צו פאָרן אַרמיסטן — איז ער אויך דאָ. אויף דער לוויה איז ער אויך געקומען. זינט ווען איז ער געוואָרן אונדזער קרוב?...

— יוזעף טכיר? — האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך אָנגערופן זאַרעמסקי — ער — אַ מסור?! ער אַרבעט דאָך אין שטאָט אַלס בעקער...

— און וואָס זשע איז, אַז ער אַרבעט אַלס בעקער אין שטאָט? קאָן ער נישט זיין קיין מסור! אַז נישט צו האַפּבאַוערן, איז צו דער געסטאַפּאָ.

וועגן דער אויפפאָדערונג צו שטעלן זיך אין דער געסטאַפּאָ האָט מאַרקאָ אויך פאַרציילט קלאָרן.

— איר מעגט רואיק גיין — האָט געזאָגט קלאָר — ווען עס זאָל זיין עפּעס וויכטיקס, וואָלט שוין ביי מיר געווען אַ מעלדונג.

מאַרקאָ האָט זיך געלאָזט גיין אין דער געסטאַפּאָ. — הייל היטלער!

— האָט מאַרקאָ באַגריסט דעם געסטאַפּאָוויעץ, וועלכער איז געזעסן ביים אַריינגאַנג.

הייל היטלער, הער מאַרקאָ, אַ גאַסט! — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק דאָס עלעקטרישע קנעפּל, כדי די טיר זאָל זיך עפענען.

— אַז איר רופט, מוז מען גיין! — האָט מאַרקאָ מיט אַ געמאַכט געלעכטער געזאָגט.

די לוויה פון די אויסלענדישע אַרבעטער

— אוודאי, אוודאי, — האָט דער געסטאַפּאָוויעץ פּאַטאַקעוועט.

— איך דאַרף צום הערן גרובער — האָט ער ווייטער געזאָגט.

— גלייך אויף דעם ערשטן שמאָק, רעכטס. מאַרקאָ איז אַרויפגעגאַנגען...

— הייל היטלער, הער גרובער! — האָט מאַרקאָ באַגריסט, דערלאַנגענדיק גרובערן די אויפפאָדערונג. גרובער איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין.

— וואָס איז דאָרט געווען ביי דער לוויה? — האָט ער געפרעגט.

— ביי דער לוויה? — האָט מאַרקאָ מיט פאַרווונדערונג איבערגעחזרט — גאָרנישט. וואָס האָט דאָרטן געקאָנט זיין?

— גאָרנישט? — האָט איבערגעחזרט גרובער. אין צימער זענען אַריינגעקומען דער שעף פון דער ווינער־בוישטעטער געסטאַפּאָ — רודישער און דער געסטאַפּאָוויעץ מאַיער.

— איך האָב זיך בלויז צעווערטלט מיטן לאַגער־פירער האָפבאוער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט שיקן קיין דעלעגאַציעס צו דער לוויה און נישט געוואָלט געבן קיין געלט אויף בלומען. די בלומען האָבן די מיידלעך אַליין פון פּאַפּיר געמאַכט, און די דעלעגאַציעס האָט געשיקט דער דייטשישער „אַרבייטס־פראָנט“. מער וויכטיקס איז נישט געווען.

— און וואָס האָט איר געזאָגט אין אייער רעדע ביים קבר? — האָט זיך אָנגערופן דער שעף רודישער.

— איך קאָן אייך נאָך איצט ברענגען דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן איך האָב געהאַט פאַרשריבן מיין רעדע. איך האָב זי געזאָגט אויסנווייניק, אָבער איך האָב זי געהאַט פאַרשריבן.

— און וועמען ווילט איר אַזוי באַצאָלן פאַר דעם אומשולדיקן בלוט? — האָט געפרעגט גרובער. מאַרקאָן איז גלייך אַדורך אין געדאַנק, אין וואָס עס גייט זיי....

— וואָס הייסט, וועמען? — האָט מאַרקאָ ווי פאַרווונדערט געפרעגט

— די קאַפּיטאַליסטן...

די געסטאַפּאָלייט האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצוקוקן, ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן איבערגעפרעגט: נו, וואָס ווייטער?...

— ווער קאָן דען צווייפלען, אַז דער זיג וועט זיין אונזערער? — האָט מאַרקאָ צוגעגעבן... מיר זענען דאָך קיין קאַפּיטאַליסטן! מיר זענען דאָך נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן!... אין צימער איז אויף א ווילע שטיל געוואָרן... דער קליינוווקסיקער באַנדיט רודישער האָט אָנגעהויבן נערוועז

צו שפּאַנען איבערן צימער... מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין און זיך געווענדעט צו זיינע מיטאַרבעטער... — דער מאַרקאָ האָט דאָך רעכט — האָט ער געזאָגט — ווייזנדיק אויף אים מיט דער האַנט — מיר זענען דאָך קיין קאַפּיטאַליסטן!.. מיר זענען דאָך נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן... עפּעס איז ערגעץ נישט געווען אין אָרדענונג, מיינע הערן... — האָט ער צולעצט צוגעגעבן...

ווען מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנגען פון דער געסטאַפּאָ איז שוין געווען גוט טונקל. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ מיט א פרייליכער האַרץ. עס איז גוט פאַריבער — האָט ער געטראַכט. ווי איבעראַשט איז מאַרקאָ געוואָרן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרקראַטעוועטער טיר אין קאָרידאָר און זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אַריינגייענדיקן יוזעף טכיר..

— סערוווס, מאַרקאָ! — האָט יוזעף, אַ שטאַרק צעמישטער פון דער באַגעגעניש אים באַגריסט — וואַרט אויס אַ פּאָר מינוט, איך וועל נאָר אַרויפטראָגן דעם הער גרובער דאָס ברויט, וועלן מיר צוזאַמען אַהיימגיין...

— איך אייל מיך זייער — האָט געענטפערט מאַרקאָ. איך בין שוין דאָ עטלעכע שעה, און איך בין שוין גוט הונגעריק, און דערצו נאָך מוז איך נאָך היינט זיין אין לאַגער.

מאַרקאָ האָט צוגעמאַכט די צווייטע דרויסנטיר פון דער געסטאַפּאָ און אַוועקגעגאַנגען.

וועגן דעם שפּיצעל יוזעף טכיר איז גלייך איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל אַלע חברים.

— איצט איז מיר שוין קלאָר די גאַנצע געשיכטע מיט דעם מיידל פון דער וועשעריי — האָט געזאָגט איוואַן פריכאָדקאָ — יוזעף טכיר איז מיט איר געגאַנגען. זי האָט עפּעס זיך אַרויסגעכאַפּט, און דערנאָך האָט מען זי איינגעזעצט...

— איך האָב גלייך באַמערקט, אַז ער איז אַ נאַרישער שפּיצעל! — האָט געלאַכט מאַרקאָ — ער האָט געהערט, ווי איך האָב געזאָגט קאַפּי־טאַליסטן, האָט ער געמיינט, אַז דאָ האָט ער שוין געכאַפּט דעם פויגל...

— ער וועט נאָך קריגן איבער דער נאָז דערפאַר! — האָט צוגעגעב דעגישוק, רייבנדיק פאַר פרייד די הענט...

— דעגישוק! — האָט זיך אָנגערופן מאַרקאָ — אַז דו וועסט פאָרן צו אמעלאַניוקן, פאַרגעס נישט איבערצוגעבן וועגן דעם נייעם פאַרעטער יוזעף טכיר....

קאַפּיטל 32

די תליה אין די ראַקס-ווערקע

פון מזרח האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן. די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן זיך געהאַלטן אין איין צוריקציִען. די פאַשיסטישע האָרדעס האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אין לאַגער האָבן זיי אָנגעהויבן נאָך מער צו דריקן די באַפעלקערונג מיט באַגרענעצונגען אויף קליידער, עסן און פאַרשידענע אַנדערע באַדערפעניש פון טעגלעכן געברויך. דער עיקר האָט זיך דאָס אַלץ אָפּגעשלאָגן אויף די אויסלענדער. מען האָט שוין פאַרקלענערט די ברויט-פּאָרציעס פאַר די אָסט-אַרבעטער אויף 20 דעקאָ א טאָג. פון קיין פלייש איז בכלל נישט געווען וועגן וואָס צו רעדן.. „גויט ברעכט אייזן" — זאָגט אַן אַלט פאָלקסוואָרט, און די מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך אַליין צו העלפן. די גנבות האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן, די אַרבעטער פלעגן ביינאַכט זיך אַרויסגנבענען און אַהיימברענגען קאַרטאָפל פון עם פעלד, ווייגטרויבן. אָבער די ווייגטרויבן האָבן זיי אַליין נישט געגעסן. פאַר א רענצעלע ווייגטרויבן האָט מען געקאָנט באַקומען אויף אַנדערהאַלבן קילאָ פלייש. עס האָבן זיך אויך געטראָפן מענטשן מיט אַנדערע פעיקייטן... אין ציִעסדאָרף, צום ביישפּיל, האָט מען דערפונדן א מיטל ווי אַזוי כעמיש אָפּצוּוואַשן די סטעמפּלען פון די לעבנסמיטל-קאַרטן, און מיט די זעלבע קאַרטן גאָכאַמאָל באַקומען פלייש, ברויט, צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן... מאַרקאָ האָט אויך באַזאָרגט 12 פּאַספּאָרטן פאַר זיינע ראַסיקע אוקראַינער אַלס שטאַטלאָזע *) אויף דעם סמך פון זייערע אַר-בעטס-קאַרטן און מיט די פּאַספּאָרטן האָט מען איצט אָנגעהויבן צו פאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און פון דאָרט געבראַכט שמאַלץ... מיט איין וואָרט — די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו העלפן און דער האַנדל האָט

*) זעט ז. 258.

געבליט... מיט איין מאָל קומען צו לויפן צו מאַרקאָן פֿאָלער און מאַגדע, פֿאַרברעכנדיק די הענט:

— מאַרקאָ, ברודער, העלף! האָרעטשקאָן זוכט אַרום די געסטאַפּאָ! ער איז פֿאַרמישט אין דער ציעכאָראָפֿער קאַרטן־געשיכטע.

מאַרקאָ איז געבליבן זיצן ווי פֿאַרשטיינערט: ביי אויסלענדער, גיט דער רודישער אַליין אַרויס דעם טויט־אורטייל!... וואָס קאָן מען טאָן! וואָס קאָן מען טאָן!...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופֿן: — איך האָב אַ פּלאַן, אָבער געדענקט, פֿון דעם טאָר קיינער נישט וויסן! האָרעטשקאָ וועט איצט אָפּפֿאָרן מיט דעם טראַנספּאָרט אויף אורלויב...

די געסטאַפּאָ איז יעדן טאָג געקומען אין װערק און געזוכט האָרעטשקאָן. — דער באַנדיט האָרעטשקאָ איז באַשטימט ערגעץ אַנטלאָפֿן קיין דייטשלאַנד! — האָט מאַרקאָ געזאָגט צום געסטאַפּאָווער סאַלוואַנעט — און זיצט זיך דאָרט גאַנץ רואיק און מיר ברעכן זיך דא די קעפּ און זוכן אים.

— איר זענט גערעכט, הער מאַרקאָ! — האָט געזאָגט סאַלוואַנעט — ער איז באַשטימט אין רייך, ווייל די גרענעצן קיין פּוילן זענען שטאַרק באַוואַכט, צוליב די פֿאַרטיזאַנער־גרופּן, וועלכע זענען לעצטנס אַנטשטאַנען.

אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז האָרעטשקאָ אַרבעט ערגעץ אין אַ פֿאַבריק אין דייטשלאַנד. אָבער מאַרקאָן האָט מען דערווייל נישט צורו געלאָזט צוליב דער האָזיקער געשיכטע און מאַרקאָ נישט פֿעיק געווען צו קיין שום אַרבעט. און אַרבעט איז דאָ מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער און מער. די טיר פֿון זיין ביוראָ האָט זיך כמעט נישט פֿאַרמאַכט.

— הער מאַרקאָ, איך האָב נישט קיין שיך, איך האָב שוין ממש נישט אין וואָס צו גיין. — קלאָגט זיך קרופּא.

— איך האָב אייך שוין פֿאַרשריבן. איר וועט אין קורצן קריגן.

— און איך וואָלט אייך געבעטן, איר זאָלט אונדז באַזאָרגן צייטונגען — רופֿט זיך אָן סטאַריוק.

— עס איז שוין איינגעצאָלט — ענטפֿערט קורץ מאַרקאָ. און איר, וואָס האָט? — האָט זיך מאַרקאָ געווענדעט צו ליובען.

— איך וויל צוואַרטן, ביז אַלע וועלן דערלייריקן — ענטפֿערט ליובע.

— איך האָב אינגאַנצן קיין וועש נישט, הער מאַרקאָ — זאָגט וויערא וואַסיליעוונאַ, גאַנץ שטיל און דערשלאָגן .

— קומט צו מיר פֿאַרן פֿאַרענדיקן די אַרבעט, וויערא וואַסיליעוונאַ.



DEUTSCHES REICH

VORLÄUFIGER
FREMDENPASS

Name des Paßinhabers

Der Paßinhaber
besitzt nicht die deutsche Reichsangehörigkeit

Nr.

Dieser Paß enthält 16 Seiten

Nr. 32404 Q/43

מאַרקאָס פּאַספּאָרט אַלס שטאַטלאָזער (1־טע זייט)



PERSONENBESCHREIBUNG

Staatsangehörigkeit: staatlos

Beruf: Angestellter DAF

Geburtsort: Lemberg

Geburtstag: 2.11.1912

Wohnsitz oder Aufenthaltsort: Wiener-Neustadt

Gestalt: mittel

Gesicht: länglich

Farbe der Augen: braun

Farbe des Haares: schwarz

Besondere Kennzeichen: keine

Nr. 32404 Q/43

Unterschrift des Inhabers

Nr. 32404 Q/43

GELTUNGSBEREICH/GELTUNGSDAUER

Der Paß gilt für Inland

Der Paß wird ungültig mit Ablauf des 07. März 1946 (sechs)

falls er nicht verlängert wird.

Es wird hiermit bescheinigt, daß der Inhaber die durch das Lichtbild dargestellte Person ist und die darunter befindliche Unterschrift eigenhändig vollzogen hat.

Wiener-Neustadt, den 8. März 1944

Behörde: Der Polizeidirektor in Wiener Neustadt

Wappenstempel

Unterschrift

Nr. 32404 Q/43

VERLÄNGERUNGEN

1. Verlängert bis einschließlich

, den

Behörde

Wappenstempel

Unterschrift

2. Verlängert bis einschließlich

, den

Behörde

Wappenstempel

Unterschrift

3. Verlängert bis einschließlich

, den

Behörde

Wappenstempel

Unterschrift

Nr. 32404 Q/43

מאַרקאָס פּאַספּאָרט אַלס שטאַטלאָזער (די איבעריקע זייטלעך)

— און מיך פֿאַרשריִבּט, בּימע, אויף אַ פּשעפּוסמקע — האָט צו־געגעבּן אַ צווייטע.

— נו, וואָס איז, ליובּע? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט, ווען אַלע זענען שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען...

— הער מאַרקאָ! — האָט ליובּע אָנגעהויבּן און ווידער שטיל געוואָרן.

— הער מאַרקאָ, און הער מאַרקאָ... נו, זאָגט שוין, וואָס איז? איר זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און רעדט גאָרנישט... איר זענט אפשר שוואַנגער? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט.. ליובּאַ האָט בּלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

— פֿון וועמען? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט.

— פֿון הויכן ווייסרוס! — האָט ליובּאַ שטיל געזאָגט. — ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבּן.

— נו, און איצט — פֿרעגט מאַרקאָ...

— איצט איז ער ספּעציעל אַוועקגעפֿאָרן אין אַנדער ווערק אַרבּעטן. וואָס זשע זאָל איך איצט טאָן, הער מאַרקאָ? איך האָבּ אַליין נישט צו דער זעט קיין עסן און דערצו נאָך אַ קינד?!

— פֿאַרוואָס זענט איר פֿריער נישט געקומען פֿרעגן, וואָס איר זאָלט טאָן. וואָס קאָן איך אייך איצט העלפֿן....

— הער מאַרקאָ, איך וועל זיך דערטרונקען, אויבּ איר וועט מיר נישט העלפֿן.

— נו, גוט. איך וועל אין אַ פּאָר טעג אַרום זיין בּיי אים אין לאַגער, וועל איך מיט אים רעדן ער זאָל מיט דיר חתונה האָבּן.

— ניין, הער מאַרקאָ, איך וויל אים נישט מער! — האָט ליובּאַ אויסגעשריגן — דאָס איז קיין מענטש נישט, דערצו נאָך גייט ער שוין מיט אַ צווייטער. איך קאָן אויך נישט קומען אהיים מיט אַ קינד. מען וועט זאגן, אַז דאָס איז פֿון אַ היטלעריסט.

— נו, וואָס זשע זאָל איך טאָן! — מיט וואָס קאָן איך דיר העלפֿן?

— איר ווייסט אַליין, הער מאַרקאָ! — האָט ליובּא געבּעטן — נאָר איר קאָנט מיר העלפֿן. און זי האָט אָנגעהויבּן שטאַרק צו וויינען...

— נו, גוט, וויינט נישט! מיר וועלן שוין געבּן אַ קלער...

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מאַרקאָ איר געגעבּן אַ בּריוו פֿונעם בּעטריבּסאָבּמאַן יאַקלימשקער צו דער דאָקטערין בּיאַלאָנטשיק... אזעלכע זאַכן האָבּן זיך אָנגעהויבּן צו מערן. מאַרקאָ האָט גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע אויסלענדער, אויף וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז פֿון היינט

אָן און ווײַטער װעט ער קײנעם נישט העלפֿן אין אַזעלכע פֿאַלן, אַז יעדעס מײדל װאָס װעט שװאַנגער װערן, װעט מוזן געבױרן אַ קינד און אַז ער פֿאַרבאָט איבערהױפּט מיט אַזעלכע זאַכן צו אים צו קומען. די פֿאַרזאַמלונג קאָט אַ סך געהאָלפֿן.

נאָכן אױפֿדעקן די גאַנצע געשיכטע מיט די לעבנסמיטל־קאַרטן, האָט מאַרקאָ אָנגעהױבן צו קלערן, װי אַזױ מען קאָן אױף אַן אַנדערן װעג די מענטשן העלפֿן. ער האָט זיך פֿאַרשטענדיקט מיטן הערן קלאָר, צי עס װאָלט נישט געװען מעגלעך צו דערלאַנגען ביטעס װעגן אַנטשעדיקונג אױך פֿאַר די אָסט־אַרבעטער, װאָס האָבן געליטן פֿון דער שׂרפֿה. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע האָט קלאַר מסכים געװען. מאַרקאָ האָט גלײך באַפֿױלן װיקטאָריען און פּאַװלעטשין, זײ זאָלן מאַכן ליסטעס פֿון אַלע אױסלענדער, װאָס האָבן געליטן פֿון דער שׂרפֿה, פֿאַר יעדן באַזונדער פֿאַרשרײַבן, װאָס עס איז אים פֿאַרברענט געװאָרן און אין דער זײַט צושרײַבן, װיפֿל די געגעבענע זאַך האָט געקאָסט אױף דער הײמישער װאַליוטע... אין אַ קורצער צײַט אַרום, איז ער גערופֿן געװאָרן צום דײַטשישן „אַרבײטס־פֿראָנט“, װו ער האָט באַקומען אַן אָנװײַזונג אױף אַ גרױסער סומע געלט. דאָס געלט האָט ער גלײך איבערגענומען צוזאַמען מיט די נאָמענטלעכע ליסטעס, װיפֿל יעדן אײנעם קומט. שטײענדיק אַזױ אין סעקרעטאַריאַט, האָט ער צופֿעליק באַמערקט צװישן דער פּאָסט, װעלכע איז אָנגעקומען פֿאַרן װערק, אַ באַפֿעל, אַז די אַנטשעדיקונג פֿאַר די פֿאַרברענטע זאַכן פֿון די אָסט־אַרבעטער איז פֿאַרבאָטן, און די שױן אַרױסגעשיקטע געלטער זאָל די בעטריבס־פֿירונג אײַנהאַלטן. מאַרקאָ האָט גלײך אין גרױס געהײמניש זיך פֿאַרשטענדיקט מיט רעגישוקן, פּריכאָדקאָן און זאַרעמסקין, אַז זײ זאָלן גלײך מעלדן, אַז אַלע אָסט־אַרבעטער זאָלן באַלד נאָך דער אַרבעט זיך פֿאַרזאַמלען אין לאַגער. דאָס צעטײלן דאָס געלט איז שנעל דורכגעפֿירט געװאָרן. דעם צװײטן טאָג האָט מאַרקאָ באַקומען אַ טעלעפֿאָנישע מעלדונג גלײך צו קומען אין „געפֿאָלקשאַפֿטס־אַמט“... מאַרקאָ האָט געװוסט, אין װאָס עס האַנדלט זיך און געלאַכט... די בעטריבס־פֿירונג האָט אַרױסגעגעבן אַ געהעריקן באַפֿעל, אָבער שױן צו שפּעט... מאַרקאָ איז הײַנט געװען אין אַ גוטער שטימונג. עס איז געלונגען מיט דעם געלט, און הײַנט נאָך איז דאָ אַ ידיעה פֿון האָרעטשקאָן. מאַרקאָ איז איצט אינגאַנץ געװאָרן רואיק... װען ער האָט באָר דערזען דעם נאָמען אָפּיאַט פּראַנציזשעק, האָט ער גלײך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ בריװ פֿון אים... דעם צװײטן טאָג האָט מען מאַרקאָן װי־

דער געריפֿן אין דער געסטאַפּאָ. דאָס מאָל האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דעם אוקראַינער ליסעניקאָ, איינער פֿון די 10 מאַן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער תפֿיסה און מאַרקאָ האָט זיי אויפֿגענומען אין ווערק ראָרבאַך־גוינקירכען און פֿון זיי אָרגאַניזירט א פֿייערלעשער גרופּע...

— אַ רויב־אָנפֿאַל אין ווין אויף אַ באַנק, הער מאַרקאָ! — האָט געזאָגט דער געסטאַפּאָוויעץ מאיער. דערצו נאָך מיט געווער אין האַנט.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט זיך געפֿרעגט מאַרקאָ — צי קאָן איך דען פֿאַראַנטוואָרטלעך זיין פֿאַר אַלע? נו, זאָגט אַליין, הער מאיער? צי קאָן דען דער פֿירער פֿאַראַנטוואָרטלעך זיין פֿאַר אַלע דייטשן? צי אפֿילו דער גאַולייטער זאוקעל פֿאַר איין געביט?... אָט זעט, צום ביי־שפּיל, זונטיק האָב איך ווידער געזען א רויטן פּלאַקאַט מיט גוי־שטראָפֿן פֿאַר דייטשן גאָר...

— יאָ, דאָס זענען דאָך קאָמוניסטן! — האָט מאיער שנעל צוגע־געבן. ווי מאַרקאָ איז שפּעטער געוויר געוואָרן, האָט ליסעניקאָ געהערט צו דער געהיימער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, און ווען די אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפֿט געלט, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַן אָנפֿאַל מיט געווער אין האַנט אויף דער באַנק אין ווין. אין דעם דאָזיקן אָנפֿאַל האָבן אָנטיילגענומען עטלעכע מאַן, ליסעניקאָ איז בעתן אָנפֿאַל דערשאָסן געוואָרן.

— גאָר נישט וועגן דעם האָב איך אייך גערופֿן, הער מאַרקאָ — האָט מאיער ווייטער געזאָגט. וואָס האָט ער שוין ווידער? — האָט מאַרקאָ געטראַכט.

— איך וויל, אַז מאָרגן זאָל קיין איינציקער אויסלענדער נישט פֿעלן! — האָט מאיער געזאָגט.

— איר מיינט אפֿשר וועגן דער פֿאַרזאַמלונג אין דער ראַקס־ווערקע? דער הער בעטריבס־אָבמאַן יאַקלישקער האָט מיר שוין געזאָגט וועגן דעם — האָט זיך אָנגערופֿן מאַרקאָ. אָבער וואָס דאָרטן וועט פֿאָרקומען, ווייס איך נישט.

— דאָס איז דערווייל נאָך אין געהיים — האָט געענטפֿערט מאיער.

באַלד אינדערפֿרי האָבן אָנגעהויבן ציען גאַנצע מחנות אויסלענדער און הויפֿטזעכלעך אָסט־אַרבעטער צו די ראַקס־ווערקע פֿון וויגער־נוישטאַט אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפֿן גרויסן הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. מען האָט אויך געבראַכט צו פֿירן אויסלענדער, וואָס האָבן געאַרבעט ערגעץ ביי פּריוואַטע אונטערנעמער.

און אַפילו נישט געהאַט קיין שייכות מיט קיין פאַבריק. עס איז געווען אַרום 10 אַזייגער אינדערפרי. די מענטשן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען און געוואַרט. די געסטאַפּאָוצעס יאָגן אַהין און צוריק ווי די פאַרסמטע מייז... די צייט לויפט. עס איז שוין נאָך 11 אַזייגער... מיט־אַמאָל פאָרט אַריין אין פאַבריקס־הויף אַ געדעקטער לאַסט־וואָגן און שטעלט זיך אָפּ ביים בוים, וואָס איז געוואַקסן אויפן הויף... אין די רייען פון די אויסלענדער איז אַריינגעטראָטן אַ טויטע שטילקייט. אויף דעם וואָגן איז געשטאַנען א יונג רוסיש ייִנגל פון א יאָר 18—19. באָרוועס, מיט אַ פּאָר צעריסענע הויזן, דורך וועלכע מען האָט אַרויסגעזען די קניען און א צעריסן רעקל, פון וועלכן א האַלבער לינקער אַרבל האָט געפעלט... אן קנעפּלעך... צעבראָכטע, אַז מען האָט געזען דאָס שוואַרצע העמד. דאָס ייִנגל שטייט און ציטערט פאַר קעלט און פאַר שרעק. זיין בלאַס געזיכט קריצט זיך איין יעדן אין זכרון. די האָר זענען געווען גאַנץ קורץ אָפּגעשוירן. די פּאָליציאַנטן — אין העלמען, די ביקסן אויף די אַקסלען — באַטראַכטן די געזיכטער פון די אויסלענדער. אויף דעם וואָגן באַ־ווייזט זיך א היטלעריסט מיט א פּאַפּיר אין דער האַנט. ער לייענט:

— אָט דער רוסישער באַנדיט איז באַפאַלן דעם בופעט אין דער ראַקס־ווערקע, און אַרויסגעגנבעט ווורשט... אין דער צייט ווען אונדזערע העלדישע קעמפן אויף דעם פראָנט פאַר אייער פרייהייט, האָט דער באַנדיט זיך דערלויבט צו גנבענען... דערפאַר וועט ער דאָ, אָנווייזנדיק אויף דעם בוים אויפגעהאָנגען ווערן.. ווען מען האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק אויף דער צווייג פון בוים, האָט ביי יעדן דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן... צוויי באַנדיטן האָבן אָנגעכאַפּט דאָס ייִנגל און אים געבונדן די פיס און די הענט אויף הינטן. אויף זיין האַלדז האָבן זיי פאַרלייגט די פעטליע פונעם שטריק. דאָס ייִנגל איז געשטאַנען בלאַס, ווי ער וואָלט שוין נישט געלעבט... דער היטלעריסט האָט געגעבן א צייכן. דער שאָפער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר. די מאַשין האָט גערירט פון אָרט. דאָס ייִנגל האָט זיך נאָך קראַמפּהאַפט געהאַלטן מיט די פיס אויף דעם וואָגן. א יאָמער־לעבער אַך! האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער הערצער. אַלע האָבן פאַרמאַכט די אויגן פאַר שרעק און ווייטיק. דאָס ייִנגל איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. ער האָט זיך געוויגט אויף דעם שטריק, אייַנקורטשענדיק זיינע פאַרבונדענע פיס.

אַזוי האָט דאָס הונגעריקע רוסישע ייִנגל באַצאָלט פאַר אַ שטיקל וורשט.

קאַפּיטל 33

אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט

עס איז 1 אַזייגער בייַנאַכט. מען זעט קיין מענטש נישט אויף דער גאַס. דער וועג אין פּישאָוער־לאַגער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט שניי. אַ פּראָסטיקער ווינט האָט געבלאָזן דורך די דינע ווענט און דורך די פענצ־טערלעך פון די הילצערנע באַראַקן. אַלע האָבן זיך נאָך מער איינגעקור־טשעט אויף די פּריטשעס פאַר קעלט. דער ווערקשוץ־פּאָליציאַנט האָט אויך געדרימלט לעבן דעם וואַרעמען אייוועלע אין זיין וואַרטע־צימער. דער פּוי־לישער אַרבעטער וויטשעכאָווסקי און די פרוי פון אַנטאָני מיכאַלעץ האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פונעם לאַגער.

— ער האָט נישט געהערט — האָט זיך געפרייט די פרוי מיכאַ־לעץ — ער שלאָפט פעסט...

— דו מיינסט, אַז דער ווערקשוץ־מאַן האָט אַ גרויס געשעפט מיט אונדז. ער ווייסט, אַז איצט אין אַזאַ קעלט וועט קיינער זיך נישט רירן פון באַראַק. די פרוי איז געווען איינגעהילט אין אַ פּעלץ און וויטשעכאָווסקי האָט זי געפירט ביי דער האַנט.

— צי קאָן מען גיין צו אים אַזוי שפּעט בייַנאַכט? — האָט געפרעגט די פרוי.

— צו אים קאָן מען! — האָט געענטפערט וויטשעכאָווסקי.

— דו קענסט אים פערזענלעך? — האָט געפרעגט די פרוי.

— איך קען אים, איך בין געווען ביי אים אַלס דעלעגאַט, ער זאָל ווערן אונדזער באַשיצער — האָט געענטפערט וויטשעכאָווסקי.

דער וועג איז נישט געווען קיין לייכטער. דער פראָסט האָט ממש געסמאַליעט האָס פּנים. וויטשעכאָווסקי האָט אַראָפּגערוקט זיין שליאַפּל איבער די אויערן.

— עס איז נאָך ווייט? — האָט געפרעגט די שוואַנגערנדיקע פרוי.

— ניין, ניין, מיר זענען שוין אויף דער נווינקירכנער גאַס, און ער וווינט מאַקע אויף דער גאַס נומער 42...

מאַרקאָ איז גוט געשלאָפן. מיטאַמאָל: דזין... דזין...

— מען קלינגט? — האָט מאַרקאָ זיך אַליין געפרעגט דורכן שלאָף. ער האָט געמאַכט ליכט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: 2 בייַנאַכט. ווער קאָן דאָס זיין? אפשר די געסטאַפּאָ?

— הער מאַרקאָ, זי הערן, מען קלינגט! — האָט גערופן מאַרקאָס 70-יעריקע באַלעבאָסטע, די פרוי פשיבול, דורך דער טיר.

— יאָ, איך הער, דאַנקע! איך טו מיך שוין אָן!

איינגעוויקלט אין דעם קאַץ איז מאַרקאָ געגאַנגען איבערן הויף צו דעם אייזערנעם אייַנגאַנגס-טירל עפענען די שטאַכעטן.

— אַ גוטן אָוונט אייך, הער מאַרקאָ! — האָבן באַגריסט 2 מענטשן מיטאַמאָל, און אפשר שוין אַ גוטן מאָרגן? מאַרקאָ האָט דערקענט וויטשעכאָווסקים קול.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט מאַרקאָ געפרעגט נאָך איידער ער האָט געעפנט דאָס טירל — מיט וועמען זענט איר געקומען — האָט ער צוגעגעבן, ווייזנדיק אויף דער פרוי.

— אַנטשולדיקט אונדז טויזנט מאָל, הער מאַרקאָ, וואָס מיר גיבן אייך אַפילו קיין רו נישט אויך בייַנאַכט! איך בין די פרוי פון אַנטאָני מיבאַלעץ. מען האָט אים הייַנט אַרעסטירט. מיר זענען שוין הייַנט בייַ אייך דאָס דריטע מאָל. איר זענט נישט געווען אין דער היים. אייַער באַלעבאָסטע האָט אונדז געזאָגט, אַז איר זענט געפאָרן קיין ווין. קוקט, הער מאַרקאָ — האָט זי אָנגעוויזן אויף איר בויך — איך בין שוין הייַנט מאָרגן אין בעט אַריין, און דאָ אַזאַ אומגליק!

— פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט? — האָט געפרעגט מאַרקאָ.

— איך ווייס אַליין נישט — האָט געענטפערט די פרוי. — מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס צעבראָכן בייַ דער מאַשין.

— איצט גייט אַהיים — האָט געזאָגט מאַרקאָ, און טוט אַכטונג, מען זאָל אייך נישט זען אויפן וועג. איבערמאָרגן וועל איך שוין צו אייך קומען.

— אַ גוטע נאַכט, הער מאַרקאָ! זייט נישט בייז, — האָבן זיי זיך ווי פאַרענטפערט. — איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן קיינעם נישט אויסער אייך.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט מאַרקאָ געענטפערט און איז אַ געפרוּווירע־נער שנעל אַריינגעלאָפן אין שטיב.

מאַרקאָ איז שוין נישט איינגעשלאָפן. ער איז געלעגן און געקלערט אין דער פינצטער: ווער קאָן דאָס זיין דער אַנטאָני מיכאַלעץ? ער האָט זיך בכלל נישט געקאָנט דערמאָנען זיין אויסזען, און אפשר איז ער געווען פון דער סאַבאָטאַזש־גרופע? די פרוי האָט עפעס דערמאָנט וועגן אַ צע־בראָכענער מאַשין... די לעצטע צייט האָט די גרופע טאַקע געהאַט אַ באַ־פעל צו שעדיקן מאַשינען... גלייך אין דער פרי, ווי ער האָט צוגעזאָגט, איז מאַרקאָ שוין געווען אין לאַגער ביי דער פרוי מיכאַלעץ; געגוי זי אויס־געפרעגט ווי איר מאַן זעט אויס, און ווו ער האָט געאַרבעט. מיט דעם אַלעם איז מאַרקאָ גלייך געלאָפן, ווי געווייגלעך, צו קלאָרן אין דער „זאָגּ־דער אָפטיילונג“.

— דאָס איז אַ שווערע זאַך, הער מאַרקאָ! — האָט געזאָגט קלאָר — מיכאַלעץ האָט שוין געהאַט עטלעכע קלענערע און אויך גרעסערע פאַר־ברעכנס, און איצט נאָך מיט דער מאַשין... איך אַליין וועל דאָ נישט קאָ־נען אַ סך העלפן.

— אָבער הער קלאָר! — האָט מאַרקאָ אָנגעהויבן בעטן — שטעלט אייך פאָר: זיין פרוי איז אין אַנדערע אומשטענדן, און פאַר אויפרעגונג קאָן די פרוי צוזאַמען מיטן קינד צום גרונט גיין.

— אָבער וואָס קאָן איך טאָן, הער מאַרקאָ? די גאַנצע זאַך איז דאָך ביי דער געסטאַפּאָ. און איר ווייסט דאָך, אַז איך קאָן מיך אויך נישט צו־פיל איינשטעלן אין אַזעלכע פאַלן. — איך קאָן אייך נאָר ראַטן, הער מאַר־קאָ, פרוווט צוזאַמענעמען פאַרשידענע אַליבין פון די אינזשעניערן, ווו מי־כאַלעץ האָט געאַרבעט, און פון דעם לאַגער־פירער. דאָס אַלץ וועט איר מיר איבערגעבן און איך וועל דאָס איבערשיקן צו דער געסטאַפּאָ.

אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך דערוועקט ביי מאַרקאָן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו שרייבן ביטעס אין אַלע זייטן... גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט אי־בער דער גאַס, פאַרהאַלט אים פלוצלונג עמעצער ביי דער האַנט. מאַרקאָ האָט אויפגעדרייט זיין קאָפּ און דערזעט אַמעלאַניוקן.

— אַך, אַמעלאַניוק — האָט זיך מאַרקאָ דערפרייט, נעמענדיק אים אונטערן אָרעם. — קום צו מיר אַהיים. וועלן מיר קאָנען רואיק אַ ביסל זיך דורכשמועסן.

— איך זוך דיך שוין פון 2 שעה און קאָן דיך אין ערגעץ נישט גע־פינען. איך קום צו פאָרן און די טיר איז ביי דיר פאַרמאַכט.

— וואָס איז געשען, אַמעלאַניוק? איז עפּעס נייעס?

— נייעס איז דאָ אַ סך, נאָר איך בין געקומען זען וואָס דו טוסט. איך האָב געמיינט, אַז דו לעבסט שוין נישט מער. איך שרייב איין בריוו נאָך דעם צווייטן און קיין ענטפער איז נישטאָ. בין איך אַליין געקומען.

— אוי, גוטער ברודער, ווייסט נישט ווי ביי מיר זעט אויס? — האָט זיך אָנגערופן מאַרקאָ — אַ גאַנצן טאָג ווי אין אַ מיל, אַז מען פאַרגעסט בכלל אַז מען לעבט. אָט, האָב איך אַצינד אַ נייע געשיכטע מיט אַ געווויסן אַנטאָני מיכאַלעץ, און אַזוי די גאַנצע צייט.

— און וואָס הערט זיך מיט האַרעטשקען? — האָט געפרעגט אַמעלאַניוק.

— עס איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג! — האָט מאַרקאָ געענטפערט

— ער איז שוין אויף יענער זייט... וואַרט, וואַרט, איך האָב גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן! איך האָב אין פאָרטפעל אַ בריוו פון קלאַרן, און איך האָב אים אַפילו נישט געעפנט. מאַרקאָ האָט שנעל געעפנט דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען. *)

— אַזאַ באַנדיט! אַזאַ באַנדיט! — האָט מאַרקאָ אויסגעשריגן, לייענענדיק דעם בריוו — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַז אַליבי פאַר מיכאַלעצן.

— וואָס איז ווידער געשען? — האָט אַמעלאַניוק געפרעגט.

— נאַ לייען! — האָט מאַרקאָ געזאָגט — וועסט זען.

— ווער איז דאָס האפּבאַוער?

— דאָס איז דער לאַגער־פירער פון פּישאָוער־לאַגער.

— אָ, האָסט אַ שיינעם ביסן מיט אַזאַ איינעם! — האָט אַמעלאַניוק געזאָגט, איבערהייסנדיק דאָס לייענען.

— ווען עס זאָל נאָר זיין איינער! — וואָלט שוין גוט געווען, האָט מאַרקאָ זיך אָנגערופן. אין די לאַגערן ברייטענאַו, ווייגעלסדאָרף און אין אַלע אַנדערע איז בעסער? נאַ, לייען! האָסט נאָך אַ בריוו פון אַ לאַגער עס מישט זיך מיר שוין אין קאָפּ פון די נעמען. גלייב מיר, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועסטו הערן, אַז מאַרקאָ געפינט זיך אין אַ משוגעים־הויז...

אָן אַליבי פאַר מיכאַלעצן האָט מאַרקאָ דאָך באַקומען. דאָס איז געווען פון דעם אָפּטיילונגס־לייטער אינזשעניער זאַטלער. ווי מיט אַ געוואַלדיקן אוצר איז מאַרקאָ מיט דער אַליבי געלאָפן צו קלאַרן.

---

* זע ז. 268.

מיטטיילונג

ווינער נוישטאַדט 4.2.44

אַקט — ז. נר.

פאַן לאַגער 1, אין סאַא 1

האוסרוף

בנוגע דעם רוס מיכאַלעץ אַנטאַן

די לאַגער־אַנפירער קאָן נישט אַרויסגעבן קיין אליבי־באַשטעטיקונג פאַר קיין אָסט־ארבעטער, ווייל מיר האָבן נישט קיין שום גאַראַנטיע, וואָס דער רוס קאָן אין דער נאָנטסטער צייט אָפטוען.

איך מוז דעריבער די ביטע פון דעם הער מאַרקאָ אין דעם ענין אָפזאָגן.

דער לאַגער־פירער   ה אָ פ ב אַ ו ע ר



Mitteilung.

Wr. Neustadt, 4.2.44. 19

Von Lager 1 an SOA 1 Akt.-Z. Nr.

Hausruf

Betrifft: Den Russen Michalets Anton.

Die Lagerführung kann keine Befürwortungsschreiben für Ostarbeiter abgeben, da man ja keine Garantie hat, was der Russe schon in der nächsten Zeit anstellen kann. Ich muss daher das Ansuchen des Herrn Marko diesbezüglich ablehnen.

Der Lagerführer

— איר ווייסט, הער מאַרקאָ, ער איז שוין פאַראורטיילט.

— עס איז נישט מעגלעך! — האָט מאַרקאָ פאַרצווייפלט אויסגעשריגן.

— זאָרגט נישט! — האָט קלאָר צוגעגעבן געמיטלעך — מיר וועלן איצט פרובירן דאָס אַלץ דערלעדיקן דורך ווין, דורך דעם האופטמאַן מאַגג.

מאַרקאָ האָט פון קלאָרן באַקומען אַ בריוו צום האופטמאַן מאַגג קיין ווין *).

*) זע ז. 269.

ווינער=נוישטאַדטער פליגער=ווערקע

געזעלשאפט מיט בעגרענעצטער האפטונג

צו דער דער געהיימער שטאַאַטס=פּאָליצײַ אין ווינער=נוישטאַדט
ווינער=נוישטאַדט, פּראָמענאַדע 1

8.2.44 אונדזער צייכן: סאָאַ/ק/ר

ענין פון מיכאלעץ אנטאָן. געב. 10.1.22 אין ליסאַגרינעוויצי, געפינט זיך אין לאַגער פון דער ווינער=נוישטאַדטער פליגער=ווערקע

אַרעסט ענין

מיטוואָך דעם 44 .2 .2 איז דער אויבנדערמאָנטער פּאַרמשפּט געוואָרן אויף 8 וואָכן ארבעטס דערציונגסלאגער אין אָבערלאנצענדאָרף. די זאָנדעראָפּטיילונג באַמערקט, הגם דער אויבנדערמאָנטער מיכאַלעץ האָט תמיד זיך שלעכט אויפגעפירט און דאָס האָט געגעבן א גרונט אויף כסדרדיקע אָנקלאגעס לגבי אים, אָבער אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך א סך געענדערט צום גוטן. זיין גוטע אויפפירונג און ערנסטער באציונג צו דער ארבעט איז א רעזולטאט פון דעם איינפלוס וואָס עס האָט אויף אים א גוטער חבר, זיינס א לאנדסמאן.

מיר בעטן אין באטראכט צו נעמען די גוטע מיינונג פון זיין אָפּטיילונגס־לייטער פון 44 .2 .4, דעם הער אינזש. ז א ט ל ע ר, וועלכער האָט אונדז געשריבן וועגן אים און דערמיט דעם באשלוס צו שיקן אים אין אן ארבעטס־דערציונגסלאגער צו מילדערן און אים לייכטער מאַכן די שטראָף.

מיר בעטן דאָס נעמען צו קענטעניש, פאר וועלכן מיר זענען אייך דאנקבאר.

ווינער=נוישטאדטער פליגער=ווערקע
געזעלשאַפט מיט בעגרענעצטער האפטונג
דער שטעלפאַרטרעטער אבווער=באַאויפטראגטער
מ א ג ג

Wiener-Neustädter Flugzeugwerke
Gesellschaft m. b. H.

An die
Geheime Staatspolizei
Aussenstelle Wr.Neustadt

Wr. N e u s t a d t.,
Promenade 1

Ihre Zeichen	Ihre Nachricht vom	Unsere Zeichen	Wiener-Neustadt, den
	–	SCA/K/R	8.2.1944

Betrifft: Gfm. Michaletz Anton geb. 1o.1.1922 in Lissogrinevci wohnh. Lager WNF

Haftsache: Mittwoch den 2.2. 1944 wurde das o.g. Gfm. im Wege des Schnellverfahrens zu acht Wochen Anweisung in das Arbeitserziehungslager Ober Lanzendorf verurteilt.
Sonderabteilung bemerkt zu diesem Rechtspruch, dass M. wohl in vergangener Zeit des öfteren Anlaß zu Beschwerden gegeben hat und in den letzten Wochen sich sehr zu seinem Vorteil geändert hat. Seine zufriedenstellende Ausführung am Arbeitsplatz und seine Einsatzfreudigkeit scheint er unter der Einflußnahme eines Landsmannes gewonnen zu haben.
Wir bitten in Anbetracht dieses guten Leumundes der uns mit Datum vom 4.2.44 von seinem Abteilungsleiter Herrn Ing.S a t t l e r zugegangen ist, von einer Abgabe in das AEL Abstand zu nehmen und den Mann eventuell mit einer leichteren Strafe zu belegen.
Wir bitten um Kenntnisnahme und sind für die Ausführung sehr verbunden.

WIENER-NEUSTÄDTER ...
GESELLSCHA...

אָריגינאַל פון דעם בריוו

קאַפּיטל 34

דער פֿרוי איבערצוגעבן מאַרקאָן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ

אין דורכגאַנגס־לאַגער אויף דער פֿאָרשטאָט פֿון ווין איז געווען פֿול געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן מיט זיך געטריבן ביים פֿאַרלאָזן די אָקופּירטע געביטן פֿון סאָוויעטרוסלאַנד. דאָס גאַנצע האָב און גוטס פֿון די מענטשן איז געווען בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך, אָדער אין אַ קליין פּעקעלע, וואָס איז געווען ביי יעדן מענטשן אַמטייערסטן אָדער אַמלייכסטן מיטצונעמען. דער גאַנצער הילצערנער באַראַק האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגע קישקע אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. אַהער זענען געקומען פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשידענע פֿאַבריקן אָדער סתם אונטערנעמונגען, כּדי אויסצוקלייבן מענטשן צו דער אַרבעט...

ווען מאַרקאָ איז אַריינגעקומען אין דעם באַראַק האָבן זיך צו אים געוואָרפֿן אַ גאַנצע מענטשן־מאַסע, בעטנדיק: — נעמט מיך, ליבער הער!

פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט רופֿן.

— נעמט מיך, ליבער הער! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ פֿרוי, אויס־שטרעקנדיק צו אים די הענט — איך האָב שוין נישט קיין כּוח דאָ מער צו זיין!

— נעמט מיך! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ צווייטער — איך בין אַן אינזשעניער פֿון באַרוף. — נעמט מיך! — האָט אַ מיידל מיט בלוטיקע טרערן געוויינט. מאַרקאָ איז געבליבן שטיין און נישט געוווסט, וואָס אָנ־צוהייבן צו טאָן.

— קום, אירעטשקאַ! — האָט זיך אָנגערופֿן א פֿרוי צום בעטנדיקן מיידל, דער הער וועט דיך נישט נעמען, זיי זוכן נאָר מענער.

— איך דאַרף עמעצן, וואָס קען רעדן דייטש! — האָט געזאָגט מאַר־קאָ.

— איך, איך! — האָט אויסגעשריגן דאָס זעלבע ווײַנענדיקע מיידל.

— נו, גוט! נעמט גלייך אײַערע זאַכן און קומט מיט מיר.

— נעמט מיך אויך, איך בעט אײַך! — האָט ווידער געבעטן דער אינזשיניער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געקוקט אויפֿן מיידל.

— אַ שיי זאַ טשעם, וואַלאָדיאַ? — האָט בייז געזאָגט דאָס מיידל.

— דאָס איז אײַער געליבטע? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט.

— אַ באַקאַנטע — האָט דער אינזשיניער געענטפֿערט.

— נו, גוט! נעמט אײַערע זאַכן, וועלן מיר כאָטש האָבן אַ חתונה! לאָז אונדז אויך אַ ביסל פֿריילעך זײַן — האָט מאַרקאָ מיט אַ שמייכל צוגעגעבן.

וואָלאָדיאַ האָט שנעל געגעבן אַ שפּרונג אַריבער די באַנק און געבראַכט באַלד זײַנע זאַכן. דאָס מיידל האָט זיך אָבער נישט גערירט פֿון פּלאַץ.

— נו, וואָס, איר ווילט שוין נישט פֿאָרן? ווייל איך האָב מיטגענומען אײַער באַקאַנטן? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט.

— ניין! ער אינטערעסירט מיך אינגאַנצן נישט — האָט דאָס מיידל טרויעריק געזאָגט. — אָבער איך האָב נאָך אַן אַלטן טאַטן מיט אַ מאַמען.

— וועלכע זענען זיי דאָס? — האָט מאַרקאָ געפֿרעגט. פֿון אַ ווינקל אין באַראַק איז פֿון דער פֿריטשע אַראָפּגעקראָכן אַ גרויער מאַן מיט אַ שפּיציק בערדל און איז צוגעגאַנגען צו מאַרקאָן. ביי מאַרקאָן האָט געגעבן אַ ציטער דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַן אַלטן טאַטן, וועלכער האָט אויך געהאַט אַזאַ בערדל.

— ביטע, קומט מיט — האָט ער מעכאַניש געזאָגט. אָבער וואָס וועל איך מיט זיי טאָן? — האָט מאַרקאָ געטראַכט — מען וועט דאָך מיך פֿון ווערק אַרויסוואַרפֿן מיט זיי! דאָס אַלטע פּאָרפֿאָלק האָט גלייך אָנגעהויבן צונויפֿנעמען זייער ביסל אָרעמקייט. דאָס מיידל האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל אָנהייבן צו טאָן פֿאַר פֿרייד.

— נעמט מיך אויך! — האָט זיך געבעטן אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ יידישער — איך בין אויך דאָ מיט אַן אַלטער מאַמען, איך רעד פּערפֿעקט דייטש...

— איך וועל דאָך נישט פֿאַרלייגן קיין מושב־זקנים־הויז אין די פּלי־טער־ווערקע! — האָט מאַרקאָ צו זיך אַליין געזאָגט — דאָס קאָן דאָך זײַן פּאַרטיכעטיקט. און אפשר איז עס דאָך אַ יידישע? וואָס איז ספּעציעל אַהער־געקומען.

— נו, גוט, נעמט די מאַמע און קומט! — מאַרקאָ האָט נאָך מיטגענומען אַ גאַנצע גרופּע מענטשן, פון וועלכע ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אַרויסדרייען, וואָלאָדיאַ האָט גלייך געהאָלפן די זאַכן פון אירעטשקעס עלטערן אַרויפלייגן אויף דער מאַשין. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די שוין צוגעגרייטע בענק און די מאַשין האָט גערירט פון אָרט. די איבערגעבליבענע האָבן געקוקט מיט קנאה־בליקן אויף די גליקלעכע.

ווען מאַרקאָ איז געקומען צו פאָרן קיין ראָרבאַך האָט אים גלייך באַגעגנט דער בעטריבס־אָבמאַן יאַקליטשקער. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצושטייגן פון דער מאַשין.

— וואָס האָבען זי געבראַכט, הער מאַרקאָ? — האָט מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט דער בעטריבס־אָבמאַן, לויטער אַלטע מענטשן!?

— אָבער הער יאַקליטשקער, דאָס איז דאָך אַ דאָלמעטשערין! זי רעדט טאַדללאָז דייטש!

— וועלכע? — האָט יאַקליטשקער געפרעגט.

— אָ, דאָס פרוילײן אירענע נײדענקא! — האָט מאַרקאָ אָנגעוויזן אויפן מיידל.

— און די אַלטע? וואָס וועלן מיר מיט זיי מאַכן? איר זענט דאָך געפאָרן ברענגען שלאָסער, און איר האָט געבראַכט אַלטע מענטשן!

— און דער וואָלאָדיאַ, הער יאַקליטשקער, איז דאָך אַן אינזשעניער! ער וועט קאָנען אַרבעטן דאָרט, וווּ די צוויי רוסישע אינזשענירן פון יוגאָסלאַוויע, די עמיגראַנטן גניאַזדאָווסקי מיט זיין פריינד.

מיט גרויס מי איז מאַרקאָן געלונגען אַלעמען אײַנצואָרדענען. אירענען האָט מאַרקאָ באַשטימט צו זיך אין ביוראָ אַלס געהילף; וואָלאָדיען אַלס אינזשעניער צו דער בעטריבס־פירונג — אפשר וועט מען דאַרפן אַמאָל אַ געהיימען פּלאַן מאַכן; דעם אַלטן נײדענקאָ מיט זיין פרוי האָט ער אויך אַרייַנגעזעצט אין אַ ביוראָ; די שוואַרצע זינגע — אין אַ צווייטן ביוראָ.

— איך וועל שוין מער נישט פאָרן ווערבירן קיין מענטשן אויף אַרבעט, הער יאַקליטשקער, איך טויג זיך נישט צו אַזעלכע זאַכן — האָט געזאָגט מאַרקאָ.

— איר טויגט טאַקע נישט צו אַזעלכע זאַכן, הער מאַרקאָ — האָט מיט אַ שמייכל צוגעגעבן יאַקליטשקער. זיי האָבן באַשטימט אָנגעהויבן צו וויינען — האָט איר זיי מיטגענומען! יאָ, יאָ, הער מאַרקאָ, אייך קאָן מען מיט טרערן קויפן.

אירענע האָט גלייך אָנגעהויבן איר אַרבעט. זי האָט צונויפגעשטעלט ליסטעס פון אַלע לאַגערן באַזונדער, פאַרשריבן פון יעדן דעם נאָמען, פאַרגאָמען, געבורט, פון וואַנען ער שטאַמט, אַזוי אַרום, אַז מאַרקאָ האָט דיספּאָנירט מיט דער גאַנצער יעווידענץ פון אַלע אויסלענדער. שפּעטער האָט אירענע אָנגעהויבן צו מאַכן ליסטעס אויף קליידער און שיך *)

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מאַרקאָ געהאַט אַ באַזוך פונעם רוסישן אינזשיניער מיט דער אָפּגעפרוירענער האַנט.

— הער מאַרקאָ, — האָט דער אינזשיניער געזאָגט — איך וואָלט מיט אייך געוואָלט רעדן אונטער פיר אויגן. אפשר וואָלט מעגלעך געווען, אַז דאָס פרוילין נייִדענקא זאָל אונדז לאָזן אַליין.

— ביטע, פרוילין אירענע, גייט זיך הורך אַ ביסל שפּאַצירן! — האָט זיך מאַרקאָ צו איר געווענדעט.

— הער מאַרקאָ, האָט זיך דער אינזשיניער פאַרטרוילעך געווענדעט צו מאַרקאָן — מיר האָבן דאָ אַנטדעקט אַ ייִד...

— ווער איז דאָס? — האָט מאַרקאָ פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— דאָס איז דער רוסישער אַרבעטער מיטן גריכישן נאָמען. ער בונטעוועט אויך די אַנדערע מען זאָל נישט אַרבעטן. ער איז באַשטימט אַ סאָוויעטישער קאָמיסאַר... מאַרקאָ איז געזעסן און רואיק אַלץ אויסגעהערט.

— איך האָב שוין היינט געוואָלט אָרגאַניזירן עטלעכע מאַן, מען זאָל אים אַראָפּלאָזן די הויזן און הערנאָך איבערגעבן אים דער געסטאַפּאָ. אָבער איך האָב באַשלאָסן פריער אייך דאָס צו מעלדן.

— איר זענט, הער אינזשיניער, הייס געבאָדן, איר נעמט אייך נישט צו אייערע זאַכן! איר האָט קאַליע געמאַכט די גאַנצע זאַך... אַנשטאָט צו קומען גלייך צו מיר און מעלדן, אָרגאַניזירט איר אויף אייגענער האַנט פאַרשידענע אונטערנעמונגען. היינט — האָט מאַרקאָ בייז צוגעגעבן — האָבן מיר שוין צוויי דייטשן וועגן דעם דערציילט. פון וואַנען ווייסן זיי דאָס?

— איך ווייס אַליין נישט! — האָט זיך דערשראָקן זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן דער אינזשיניער — איך האָב נאָר וועגן דעם גערעדט מיט די, וואָס ווינען מיט מיר אין באַראַק...

— אָט דאָס איז שוין גענוג! — האָט מאַרקאָ ווידער געזאָגט, אויפשטייענדיק אַ בייזער פון זיין פלאַץ — אַז קינד און קייט זאָלן שוין דערפון ווייסן...

דער אינזשעניער, וואָס האָט זיך געריכט צו קריגן אַ גרויסע באַלוינונג פֿון מאַרקאָן פֿאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט, איז איצט אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז.

— ביסטו, הייסט עס, אַזאַ בחור! — האָט מאַרקאָ געטראַכט — וועסטו שוין גיין אַרבעטן אַלס אינזשעניער צו דער בעטריבס־פֿירונג... אָבער אויף יענער וועלט!... דו וועסט שוין בלייבן ביים גראָבן דאָס ליים ביי די בונקערס...

— וואָס זענט איר אַזוי פֿאַרקלערט, הער מאַרקאָ? — האָט געפֿרעגט אירעטשקע, צוריקקומענדיק פֿונעם שפּאַציר.

— איך קלער, ווען איך וועל אייך חתונה מאַכן מיט וואָלאָדיען.

— אך מאַרקאָ! אָן זשע טאַקאָי וורעדני! — האָט אירענע ווי זיך געבעטן, ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען ווירקלעך אָפּהענגיק פֿון מאַרקאָן.

— ער איז שוין נישט וורעדנער פֿון העם, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פֿון דאַנען.

— איר זענט גערעכט, הער מאַרקאָ, דאָס איז אַ געפֿערלעכער מענטש. יעדן דערציילט ער עפּעס אַנדערש וועגן זיין אָפּגעפֿרוירענער האַנט. ער געפֿעלט מיר אויך נישט.

— ביטע, פֿרוילין אירענע, זוכט נאָר אויס זיין ביטע וועגן איבערפֿירן אים אַרבעטן אַלס אינזשעניער אין דער בעטריבס־פֿירונג. — מאַרקאָ האָט זיין ביטע גלייך צעריסן אויף פֿיר פֿיצלעך און אַרייַנגעוואָרפֿן אין קויש.

— פּראַווילנאָ, הער מאַרקאָ, פּראַווילנאָ! — האָט צוגעגעבן אירענע.

דעם זעלבן אָוונט איז שוין דער רוסישער אַרבעטער מיטן גריכישן נאָמען געווען אונטערוועגנס מיט דאָקומענטן אויף אַן אַנדערן נאָמען.

— הער מאַרקאָ! — האָט זיך צו אים געווענדעט אירענע צומאָרגנס אין דער פֿרי — עס האָט נאָר וואָס געקלונגען דער הער קלאַר און באַפֿוילן, איר זאָלט גלייך קומען צו פֿאָרן קיין ווינער־נוישטאַט, און אויב איר וועט נישט האָבן די מעגלעכקייט, זאָלט איר אומבאַדינגט היינט אין אָוונט זיין ביי אים אין דער היים.

— עס מוז זיין עפּעס וויכטיקס! — האָט מאַרקאָ געזאָגט, אויב קלאַר אַליין קלינגט.

— באַשטימט! — האָט געזאָגט אירענע. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַן אילוסטרירטע פּאָסט־קאַרטע מיט אַ בלום.

— וואָס איז דאָס, פֿרוילין אירענע? פֿון וועמען איז די קאַרטע?

— דאָס האָט מען אייך געשיקט! — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ גע=

ליצמער. — מענטשן פארגעסן נישט אין אייך, און איר זענט טרויע־ריק... *)

מארקא איז גלייך אוועק צו קלארן. דעם גאנצן וועג האט אים געמא־טערט דער געדאנק, וועגן וואס האט אים דא געקאנט קלאר רופן. ער האט זיך אנגעהויבן צו דערמאנען פארשידענע חמאים... אין בורא איז שוין קלאר נישט געווען. מארקא איז געפארן צו אים אהיים.

קלאר האט מארקאן אויפגענומען מיט א פארזארגט פנים.

— קומט אריין אין צווייטן צימער. איך וויל אז מיין פרוי זאל נישט הערן אונדזער געשפרעך. מארקא האט זיך אנגעהויבן באאומ־רואיקן. וואס קאן דאס זיין. — האט ער געטראכט, וואס קלאר מאכט דער־פון אזא געהיימעניש. אין צווייטן צימער האבן זיי זיך אנידערגעזעצט און קלאר איז צוגעטרעטן צום געשפרעך:

— הער מארקא! — האט ער געזאגט — עס איז דא א באפעל אייך איבערצוגעבן אין די הענט פון דער געסטאפא.

— פארוואס? — האט מארקא געפרעגט.

— עס איז דא א מעלדונג אין דער געסטאפא, אז איר האט אויס־באהאלטן רוסישע געפאנגענע, און צווישן זיי אויך א געוויסע בראדאווע־קא און באהניוק... מיידלעך, וואס גייען נישט צו דער ארבעט און נאך און נאך פיל אנדערע מעשיות. דאס איז די ארבעט פונעם לאגער־פירער האפבאו־ער, — האט געזאגט ווייטער קלאר. — איך האב אבער דערמיט נישט גע־וואלט מסכים זיין. איך האב מיך שוין געווענדעט מיט א ביטע צום האופט־מאן בערנהאנג פון ווין און צום האופטמאן מאנג, זיי זאלן אינטערווענירן וועגן אייך. איך האב אויך געפועלט ביים שעף פון געסטאפא, רודישער, ער זאל מיר דערלויבן צו פארלאנגען פון אייך א שריפטלעכע אויפקלערונג, און הערנאך וועלן מיר זען וואס מיר האבן מיט אייך ווייטער צו טאן. דער רודישער איז מיט דעם מסכים געווען. איך האב שוין, הער מארקא, צוגע־גרייט א בריוו פאר אייך, נאר וועגן דער באהניוק... געדענקט, איר ווייסט פון גארנישט מער.

— אבער הער קלאר! איך בין דאך קיין קינד נישט! איך פארשטיי, וואס איר מיינט.

— איר, הער מארקא — האט ווייטער געזאגט קלאר — הייבט אן ביי דעם מיידל און שרייבט פון אלץ, וואס איר ווייסט קעגן דעם לאגער־

---

* זע ז. 320.

פיהער האָפּבאַוער, כדי אים צו קאָמפּראָמיטירן, און אַז דאָס וועט געלונגען, וועט זיין אַלץ אין אָרדענונג. אייער בריוו וועט איר אַדרעסירן צו מיר אין דער „זאַנדער־אָפּטיילונג“, אַלס ענטפער אויף מיין בריוו צו אייך. האָט איר מיך פאַרשטאַנען, הער מאַרקאָ?

— פאַרשטאַנען, הער קלאַר! — האָט קורץ געענטפערט מאַרקאָ.

— איצט גייט אהיים און זעצט אייך גלייך שרייבן! אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, הער קלאַר! איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אַלץ.

די איינטערוועניץ פון די הויפּטמענער בערנדאַנג און מאַגנ האָבן שוין אויסגעמרעטן קלאַרן דעם וועג צו דער געסטאַפּאָ. ווען קלאַר איז געקומען מיט מאַרקאָס ענטפער אין דער האַנט צום שעף פון דער וויגער־גוישטאַטער געסטאַפּאָ, רודישער, האָט ער אים שוין געטראָפן אין אַ גאַנץ גוטער שטימונג וועגן דער פראַגע פון מאַרקאָן. קלאָר האָט גלייך איבערגעגעבן רודישערן מאַרקאָס ענטפער צו אים. רודישער, לייענענדיק מאַרקאָס בריוו, האָט גאָר געדרייט מיטן קאָפּ. ער האָט דערקלערט קלאַרן, אַז לויט זיינע אינפאָרמאַציעס איז מאַרקאָ אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. אין דעם האָבן אים פאַרזיכערט דיביידע וויגער הויפּטמענער — בערנדאַנג און מאַגנ. און אַזאַ באַנדיט, ווי האָפּבאַוער — האָט רודישער אויפגערעגט געזאָגט — האָט אַזאַ נאָבעלן מענטשן, ווי מאַרקאָ געוואָלט פאַרניכטן!

— ווען ער זאָל נישט זיין קיין אָנשטענדיקער מענטש, וואָלט ער געקאָנט זיין אַ באַשיצער פון 4 נאַציאָנען?! — האָט געזאָגט קלאַר — און ווי גלייבט איר, הער רודישער, אַז איך וואָלט אים אין אַזאַ פאַל פאַרטיידיקט?...

— מען מוז פון איצט אָן אויף יעדן שריט זיין זייער פאָרזיכטיק — האָט געזאָגט מאַרקאָ צו דענישוקן און פריכאָדקאָן. אומעטום לויערן שפּיצלעס. איר מיינט, אַז אָן דער הילף פון אַזעלכע, ווי די סאַניטאַרן זיינע, און מכיר, וואָלט האָפּבאַוער, אָדער די געסטאַפּאָ עפּעס געוווּסט?! האָט נישט קיין מורא, איך האָב שוין אין האָרבאַד אויך איינעם, אַן אינזשיניער מיט אַן אָפּגעפּרוּווטער האַנט.

— איך וואָלט געזאָגט — האָט זיך אָנגערופן דענישוק, אַז פון היינט אָן זאָל מען ווייניקער קומען אין לאַגער אַריין און זיך בעסער טרעפן ביי פשעגימשנען אין דער היים.

(פשעגימשנע מיט זיין פרוי יאַדזשע, וווינען היינט אין זגערזש לעבן לאָדזש. נאָך דער קריג איז מאַרקאָן צו זיי איינגעלאַדן געוואָרן אויף

אַ קינד־טויפונג. איך קאָן זיך מיט זיי זייער גוט. און דאָרט אפילו, ווען טמעציער זעט אונדז האָבן מיר אויך ניט קיין מורא. היינט וועט זיין אַ געבורטסטאָג, מאָרגן וועט זיין אַן אַנדערער יום־טוב. דאָרטן אַהין וועט אויך קאָנען קומען די טאַטעריו, דאָס איז אַ זייער ווויל מיידל, אַ קאָמסאָמאָלקע.

— מאַרקאָ — האָט געפרעגט פריכאָדקאָ, צי איז אַ חוץ מיכאַלעצן קיינער ניט אַרעסטירט געוואָרן?

— ניין! — האָט מאַרקאָ געענטפערט, און איך האָף, אַז ער וועט באַלד זיין צוריק אין דעם היים. מיר האָבן אַרויסגעשיקט וועגן אים אַ בריוו צו דער געסטאַפאָ, וועלכן עס האָט אונטערגעשריבן דער האַופטמאַן מאַגנ פון יווין.

— יענע נאַכט — האָט געזאָגט דענישוק — האָט מען ווידער אָפגעטאָן אַ שיין שטיקל אַרבעט. דאָס האָבן געמאַכט די רוסישע יאַטן. זיי האָבן אָפּגעצויגן די באַן־שוועלן, וואָס האָבן געהאַלטן די לאַסט־וואַגאָנען, און צוויי פון זיי זענען אַראָפ פון די רעלסן און זיך איבערגעקערט. היינט דרייען זיך פיל באַן־פאָליציי. מאַרקאָ איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געזעגנט.

— איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, חברים, איך מוז שוין גיין. איך האָב זיך היינט אָפגעשטימט מיט אַ דאָקטער, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן שאַפן אַ פראָטעזע־שוך פאַר בראָדאָווענקאָ...

דעם 9־טן מאַי האָט שוין מאַרקאָ באַקומען אַ בריוו, ער זאָל ברענגען בראָדאָווענקאָ צו דער מאָס אויף דער פראָטעזע, און דעם 30 מאַי איז מאַרקאָ שוין געקומען מיט אַ פאַרטיקן אָרטאָפעדע־שוך אין לאַגער אַריין. עס איז ניט צו דערציילן די פרייד פון דעם מיידל, וואָס איז נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווידער אַליין געגאַנגען און ניט געדאַרפט שוין מער שפרינגען אויף איין פוס און אויף אַ קוליע. מאַרקאָ האָט איר אויך באַזאָרגט אַ זיצנדיקע אַרבעט, און דאָס מיידל האָט זיך ווידער דערפילט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מיט אַלעמען. אין אַ קורצער צייט אַרום איז מאַרקאָן אויך געלונגען צו באַקומען פאַר איר, ווי אויך פאַר אַנדערע קראַנקע, אַ ספעציעלע צוטיילונג פון פוטער, ווירשט, צוקער און אַנדערע שפייז־פראָדוקטן.

קאַפּיטל 35

מאַרקאָ קאַנדידירט אַלס פּאָרזיצער פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון ווינער-נוישטאַט (או. נ. אָ.)

עס איז געווען אַ שיינער פרילינגס-טאָג. מאַרקאָ איז געזעסן און דורכגעקוקט די אָנגעקומענע קאָרעספּאָנדענץ.

— איר וואָלט בעסער אַוועקגעלייגט שוין דאָס לייענען די בריוו, — האָט געזאָגט אירענאַ — און אַ ביסל אַרוים אויף דער זון, ווייל איר זעט היינט עפּעס זייער שלעכט אויס. מאַרקאָ איז אויפגעשטאַנען, פאַרוואָרפן זיין מאַנטל אויף די אַקסלען און געוואָלט אַרויסגיין.

— איך דערלויב אייך אויך מיטצונעמען דעם הוט — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט אירענאַ, און קומען ערשט אין 2 שעה אַרום — איך וועל אייך שוין דערווייל אַדורכלייענען אַלע בריוו און מאַכן אַ ליסטע, וואָס אין יעדן איז אָנגעשריבן און וואָס איך האָט צו דערלידיקן. איר מעגט זיין גאַנץ רואיק.

מיט לאַנגזאַמע טריט האָט זיך מאַרקאָ געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער שטאָט נוינקירכען. אירענע האָט ווירקלעך רעכט — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. איך פיל מיך היינט טאַקע שלעכט, און דערצו האָב איך מיך נאָך אויסגעדרייט אין דער געשיכטע מיט דעם טעאַטער. נו, יאָ — האָט ער אַליין זיך פאַרענטפערט — זאָלן זיי אייך אַמאָל לאַכן. ווער ווייסט ווען זיי האָבן טעאַטער געזען. איך מוז נאָך רעדן מיטן קרייז-וואָרט, הערות, צי האָס אַלץ איז זיכער... מען האַרף האָס גאָר איינמאָל אַדורכפירן, וועט שוין הערנאָך אַלץ גיין לייכט. נאָך אייזער מאַרקאָ איז רעכט אַריינגעקומען צוריק אין ביוראָ, איז אירענע אים אַקעגנגעלאָפן מיט אַ גרויסער פרייד.

— הער מאַרקאָ — האָט זי גערופן — עס וועט שפּילן דאָס טעאַטער. עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען די דערלויבעניש דערויף. דערלאַנגענדיק מאַרקאָן דעם בריוו.

— איז נאָך עפּעס אָנגעקומען וויכטיקס?

— די מיידלעך פון ברייטענאַו האָבן איבערגעשיקט אַ בריוו, געבעטן איר זאָלט אַהינקומען. עס זענען דאָרט דאָ שוועריקייטן מיט דער וווינונג און אויך וועגן וויקטאָריעס מאַמען...*)

דער בריהאָף־זאַל איז געווען פול געפּאַקט. עס איז נישט געווען וווּ אַ שפּילקע אַריינצוזעצן. עס זענען געקומען אויך אַ סך אויסלענדער פון די ראַקס־ווערקע. ביי דער טיר האָט מאַרקאָ אַנידערגעשטעלט זיין אייגענע וואַך: וואַסילי פּוקין, סמאַריוק און אַנדערע. אַלע זענען שטאָלץ געשטאַנען און קאָנטראָלירט די אַריינגייער, אַ קלייניקייט — עס שפּילט דאָך אַן אייגן טעאַטער!... פאַר אָסט־אַרבעטער...

— די אַרבעטער פון די אַנדערע ווערקן אויך אַריינלאָזן, הער מאַר־קאָ? — האָט געפרעגט וואַסקע.

— אַוודאי זיי זענען דאָך אויך אין דער זעלבער לאַגע, וואָס איר! — האָט געענטפערט מאַרקאָ.

— אָבער די פּריוואַוויליקע רוסן אין די מונדירן, זאָלן גיין אין דיי־טשן טעאַטער! — האָט געזאָגט וואַסקע. איך וועל זאָגן, אַז איר האָט פאַרבאָטן זיי אַריינצולאָזן.

— אָ, איר זעט, דאָ זענט איר גערעכט, וואַסקע! און טאָמער וועלן זיי זיך אַנטקעגנשטעלן און פּרוּוון אַריינגיין מיט כוח, שיקט גלייך נאָך מיר!

די טרופּע האָט אויפגעפירט „זאַפּאָראָזשעץ זאַ דונאַיעם“. דער זאַל האָט געהילכט פון געלעכטער. אָבער מאַרקאָן איז נישט לאַנג באַשערט געווען זיך צו פרייען. ווי נאָר ער איז געקומען צו פאָרן אין לאַגער ברייטע־נאַו האָט ער געטראָפן אַלע אין זייער אַ טרויעריקער שטימונג.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט מאַרקאָ געפרעגט דער גרופּע מענ־טשן, וואָס איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— קומט, הער מאַרקאָ, וועט איר זען, וואָס זיי האָבן געמאַכט. מען האָט אונדז איבערגעפירט פון ווינער־נוישטאַט אַהער, כדי מען זאָל אונדז דאָ אויסהרגענען פון די באָמבעס. דעם לאַגער האָט מען אויפגעבויט לעבן דער פאַבריק. און איצט וועלן מיר נישט האָבן קיין רו אַפילו ביינאַכט.

---

*) זע ז. 310

מאַרקאָ האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער בעטריבס־פי־דונג וועגן איבערטראָגן דעם לאַגער אויף אַן אַנדער אָרט. עס איז אים געלונגען, אָבער עס האָט אים זייער פיל נערוון געקאָסט.

ווען מאַרקאָ איז געקומען קיין ווין אויף דער איינלאַדונג פון פּראָפּע־סאָר האָלאָטאַ אויף דעם טעאַטער און קאָנצערט, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן דעם סעקרעטאַר פון דעם אוקראַיִנישן קאָמיטעט, קענעס, און אויך פיל אַנדערע באַקאַנטע. עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן אָרגאַניזירן אין ווינער־נוישטאַט אַן אָפּטיילונג פון דער אוקראַיִנישער נאַ־ציאָנאַלער פאַראייניקונג „או. נ. אָ“. די דיסקוסיע האָט געדויערט עטלעכע שעה. די גאַנצע צייט האָבן זיך נאָר געהערט שטימען, אַז פאָרזיצער פון קאָמיטעט זאָל מען אויסרופן מאַרקאָן... מאַרקאָ איז די גאַנצע צייט גע־זעסן און געשוויגן... שיינע פּאָסטנס גיבן זיי מיר — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. — אין שולע האָט מיך פּאָוושיק געוואָלט מאַכן פאַר דעם קאָמ־פּאַניע־פירער פון דער ס. ס.־גאַליציען, איצט ווילן זיי מיך מאַכן פאַרן פאָרזיצער פון די נאַציאָנאַליסטן... נאָר וואָס קאָן מען טאָן? צושאָקלען מיטן קאָפּ מוז מען הערווייל, און שפּעטער וועט מען זען.

— נו, וואָס זאָגט איר, דרוזשע מאַרקאָ, צו דעם פאָרשלאַג? — האָט געפרעגט קענעס.

— וואָס זאָל איך זאָגן? מיר ווילן זען, אויב די מענטשן וועלן מיך אויסוויילן, — האָט געענטפערט מאַרקאָ.

— יעדנפאַלס — האָט געזאָגט קענעס — זייט גרייט, דרוזשע מאַר־קאָ, אַז דער אוקראַיִנישער קאָמיטעט רוקט אַרויס אייער קאַנדידאַטור.

יעדעס מאָל זענען געקומען נייע שלוחים פון קאָמיטעט וועגן אָרגאַני־זירן די אָפּטיילונג פון או. נ. אָ. אין ווינער־נוישטאַט. אָבער תמיד גע־טראָפן ביי מאַרקאָן אין ביוראָ מאַסן מענטשן מיט פאַרשידענע אָנקלאַגעס און ביטעס, מיט פאַרשידענע צרות, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך נאָר אָנגעהערט געוויינען, יללות און אין קאָמיטעט אָפּגעגעבן אַזאַ באַריכט, אַז מען האָט שוין איבערהויפּט נישט פאַריבל געהאַט דערפאַר, וואָס מאַרקאָ האָט נאָך ביז איצט נישט אָרגאַניזירט דעם קאָמיטעט. — דאָס וואָס ביי אים טוט זיך, — האָבן די שלוחים געזאָגט — גייט איבער אונדזער פאַרשטאַנד. מיר קאָנען צו אים נישט האָבן קיין שום טענות. קיינער פון אונדז וואָלט זיך מיט אים נישט געוואָלט בייטן מיט דער אַרבעט... דער אויטאָריטעט פון מאַרקאָן איז נאָך מער געוואַקסן און קיינער האָט אַפילו נישט געהאַט

דעם פאַרדאַכט, אַז דאָס אָפּשלעפּן דאָס אָרגאַניזירן דעם קאָמיטעט פון או. נ. אָ אין ווינער-נוישטאַט איז געמאַכט מיט אַ ספּעציעלער כוונה.

די אַרבעט, די זאָרגן, די אָנגעשטרענגטע נערוון, האָבן מאַרקאָן אינ־גאַנצן פיזיש דערשעפּט. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז ער איז ווירקלעך פאַרשלאַפט געוואָרן און נישט געקאָנט אויפשטיין פון בעט. עס האָבן נישט געהאָלפן די פאַרבאָטן אים צו באַזוכן. טייל האָבן זיך באַנוצט מיט פּאָרט־לען און געשריבן צו אים, און ווען ער האָט באַקומען אַזאַ בריוו, פלעגט ער נישט קוקנדיק אויף זיין צושטאַנד און הויכער טעמפּעראַטור, אויפשטיין און לויפן אַליין דערלייזדיקן. נאָר איצט האָט מאַרקאָ טאַקע באַשלאָסן אויף עטלעכע טעג אַרויספאָרן, און אַמבעסטן וועט זיין קיין אבערגראַפּע־דאָרף. דאָרט וועט ער ווייניקסטנס האָבן אַ ביסל רו און קאָנען קומען צו זיך. דאָרט וועט ער אויך טרעפן אַמעלאַניוקן, ראָנפּטן און דער עיקר גע־וויר ווערן, וואָס עס הערט זיך ביי דער פאַמיליע קאָטבאַוער. ביי ראָנפּטן האָט מען מאַרקאָן אויפגענומען ווי, אַן אייגענעם ברודער. ראָנפּט זיין פריי, אַמעלאַניוק האָבן מיט מאַרקאָן געמאַכט געמיינזאַמע אויספלוגן אין די בערג, ביינאַכט האָט מען געהערט דעם אויסלענדישן ראַדיאָ. די טעג זענען

ווין, דעם 10 יולי 1944.

געערטער הער מאַרקאָ!

פאַררופנדיק זיך אויף אונדזער לעצטן געשפּרעך מיט אייך, בעטן מיר אייך ווי צומשנעלסטן אָנגעבן דאָס אָרט און די צייט פון דער געפּלאַנ־טער דורך אונדז בעראַטונג, וועלכע דאַרף פאָרקומען דעם 15 יולי ד.י. בנוגע דער פראַגע פון אָרגאַניזירן דעם פאַרבאַנד פון דער אונאָ (אוקראַי־נישע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג) אין ווינער נוישטאַדט. פאַרשטענדיקט אייך מיט די איבעריקע מענטשן און שפּעטסטנס ביז פרייטיק אונדז אָנ־געבן דעם אַדרעס, וווּ איך דאַרף זיך ווענדן און אויך די גענויע צייט.

באַמיט אייך אונדז צו מעלדן טעלעגראַפיש.

מיט דעם גלויבן אין אונדזער געראַכטיקער אַרבעט באַגריס איך אייך מיט דעם אוקראַינישן גרוס.

רום אוקראַינע

סעקרעטאַר און אָרג. רעפערענט
איוואַן קענעס



УКРАЇНСЬКЕ НАЦІОНАЛЬНЕ ОБЄДНАННЯ (УНО)
ОБЛАСНА УПРАВА НА ОСТМАРК
UKRAINISCHE NATIONALE VEREINIGUNG (UNO)
GEBIETSVERWALTUNG FÜR DIE OSTMARK
WIEN I, BANKGASSE 1/31
TEL.: U 2 47 89

JAGDFLIEGER
DAS GEBOT DER STUNDE

Herrn
Thoma Marko
(Spinnerei),
(12a) Rohrbach b/Neukirchen
Werk II. C.
(Gefolgschaftsamt.

Віде́нь, 10.7.1944.

Шановний Пане Марко!

Покликуючись на нашу останню розмову з Вами прохаю о якнайскорше подання місця і часу плянованої нами наради на день, 15.7. ц.р. у справі заложення Гуртка УНО у Гр. Нойштаті. Порозумійтесь з іншими і постарайтесь найпізніше до пятниці подати адресу, в кого я маю зголоситись, як також точний час.

Постарайтесь повідомити телефонічно.

З вірою в нашу співпрацю прощаюсь українським поздоровом

Слава Україні!

Секретар і орг. реф.

דער בריוו פֿון דעם סעקרעטאַר קענעס

פֿון רעכטס — מאַרקאָ און ראַנפּט

זייער שנעל געלאָפן. צום ליבסטן זענען געווען די אויגן נאָך אַ מעלדונג, אַז די היטלעריסטישע באַנדיטן זענען ערגעץ צעקלאַפּט געוואָרן און די שטאָט פאַרלאָזט, אָדער ווי זיי פלעגן אַליין מעלדן: „פּלאַנמעסיק געראַמט". מען פלעגט אָנהייבן וועבן פּלענער, וואָס יעדער וועט טאָן נאָך דער מלחמה, ווען די היטלעריסטן וועלן שוין זיין אָפּגעמעקט פון דער ערד־אויבערפלאַך.

אָבער וואָס גוט, גייט שנעל פאַרביי, און מאַרקאָ האָט געמוזט צוריקפאָרן צו זיינע צרות.. אין ווין האָט מען שוין טאַקע באַשלאָסן, אַז אין די טעג זאָל אָרגאַניזירט ווערן דער קאָמיטעט פון או. נ. אָ. אין ווינער־גוישטאַט און צוגעשיקט מאַרקאָן מיט דער פּאָסט אַ קאַרטע, ער זאָל באַ־שטימען אַן אָרט, וווּ מען וועט אַרומרעדן די אייגנצלהייטן פון דער אָרגאַ־ניזאַציע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען אַ צווייטער בריוו צוזאַמען מיט דעם סטאַטוט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בערלין, אין דער אוקראַינישער און דייטשישער שפּראַך.

קאַפּיטל 36

אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ

אירענאַ איז אַריין אין ביוראָ מיט אַ גרויס געוויין. — ווו איז מאַרקאָ? קיינער האָט פון איר נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסבאַקומען. אין ביוראָ איז אַריינגעקומען דער בעטריבס=אָבמאַן יאַקלימשקער.

— וואָס האָט פּאַסירט, פרוילין נידענקא? — האָט יאַקלימשקער געפרעגט.

— ווו איז מאַרקאָ? — האָט דאָס מיידל אַ דערשלאָגענע געפרעגט.

— מאַרקאָ איז געפאָרן קיין וויגער=נוישטאַט צו דער קרייז=לייטונג, אויסגלייכן די רעכענונגען פאַר דעם טעאַטער, וואָס איז געשפּילט געוואָרן דעם 18 יוני *) פאַר די אָסט=אַרבעטער. — אפשר וועל איך אייך מיט עפּעס העלפן? וואָס וויינט איר?

— העלענא וואָזשניאַק איז אַראָפּ פון זינען! — האָט אירענא קוים אַרויסגעזאָגט.

— דאָס איז אַזאַ שוואַרצע, אַ קאַזאַטשקע? — האָט יאַקלימשקער געפרעגט.

אירענאַ האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך גלויב, אַז מאַרקאָ וועט גלייך אָנקומען. ער האָט אַ צוג אַרום 12 און אַזייגער 1 וועט ער שוין זיין אין ווערק. אַ שאָד! — האָט יאַקלימשקער צוגעגעבן — דאָס איז זייער אַ שיין מיידל...

ווען מאַרקאָ איז אָנגעקומען, איז אירענאַ צו אים צוגעפאַלן מיט אַ פריש געוויין און אים אַלץ אָנגעהויבן צו דערציילן... — זי האָט זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן נאַקעט און איז געלאָפן אויף דער גאַס... מען האָט

*) זע ז. 287

נאַציאָנאַלסאָציאַליסטישע דויטשע אַרבייטספּאַרטיי

גאו נידערדאָנאַוער קרייזלייטונג ווינער־נוישטאַדט

די דויטשע אַרבייטספראָנט

נס.־געמיינשאַפט

„קראַפט דורך פרוידע“

קרייזוואַרט

אונדזער צייכן: ק 7/קדפ/הע/קל/2084/44

ווינער נוישטאַדט, דעם 2 יוני, 1944.

הערן טאָמאַס מאַרקאָ!

איך טייל אייך מיט, אַז דעם 18 יוני, 7 אַזייגער אָוונט: אין בראוהאָפזאַל וועט די ווינאַטאַ טרופּע שפּילן „דער בלויער פאַזאַן“ פאַר די אָסטאַרבעטער און איך לאַד אייך איין אויף דער פאָרשטעלונג. איר קאָנט אויך אייערע אָסטאַרבעטער שיקן אויף דער פאָרשטעלונג. אין פאַל ווען איר ווילט א גרעסערע צאָל אָסטאַרבעטער שיקן, ביטע זיך מיט מיר צו פאַרשטענדיקן, כדי מיר זאָלן קאָנען די עווענטועלע קאָסטן פאַנאַנדערטיילן צווישן דער ווינער נוישטאַדטער פליגעווערקע און דער ראַקסווערקע.

הייל היטלער

ל ע אָ ה ע ר ו ד

קרייזוואַרט

זי קוים אַרייַנגעכאַפּט צוריק אין לאַגער אַריין... הער מאַרקאָ, וואָס קאָן מען טאָן?...

— מיט וויינען וועלן מיר דאָך גאָרנישט העלפן! מען מוז געבן א קלער.

— אַזאַ שטיל מיידל, ווי זי איז געווען! — האָט אַלץ אירענאַ זיך נישט געקאָנט באַרואיקן.

— מען מוז זי צווערשט פירן צו אַ דאָקטער, ער זאָל זי אונטערזוכן, וועלן מיר וויסן וואָס ווייטער צו טאָן. איר בלייבט דאָ, און איך גיי אַרויף אין לאַגער. מאַרקאָ האָט זיך אפילו נישט אויסגעטאָן פונעם וועג און איז גלייך געלאָפן נאָך א דאָקטער. אין לאַגער האָט מען דאָס מיידל געבונדן און אַלע זעבען אַרום איר געשטאַנען, זי געהיטן און געוויינט... העלענא וואָזשניאַק איז געלעגן גאַנץ רואיק.

— בינדט זי אויף — האָט מאַרקאָ באַפוילן — איך בין געקומע

Nationalsozialistische Deutsche Arbeiterpartei

Gau Niederdonau

Kreisleitung Wiener-Neustadt

Die Deutsche Arbeitsfront

NS.-Gemeinschaft
„Kraft durch Freude"

Kreiswart

Herrn
Thomas M a r k o

Wiener-Neustadt,
Neunkirchnerstraße 42
bei Frau Přibul

Unser Zeichen: K7/KdF/Ho/Zl/2o84/44 Ihr Zeichen:

Wiener-Neustadt, den 2. Juni 1944

Betrifft:

Ich teile Ihnen mit, daß am 18.6. für die Rax-Werke im Brauhofsaal um 19 Uhr die Vineta-Gruppe "Der blaue Fasan" für die Ostarbeiter eingesetzt ist und lade ich Sie ein daran teilzunehmen. Es steht Ihnen auch frei eventuell Ostarbeiter zu dieser Veranstaltung zu entsenden. Sollte aber eine Großteilnahme stattfinden, so ersuche ich mir dies bekannt zu geben, da dann die Kosten zwischen KdF und Rax-Werk aufgeteilt würden.

Heil Hitler!

(Leo Herud)
Kreiswart

K. d. F.-Kreisdienststelle:
Wr.-Neustadt
Adolf-Hitlerplatz Nr. 20, II. Stock

די איינלאַדונג פון קרייזוואַרט — הערוד

מיט אַ דאָקטער. אויף צוריקוועגס האָט דער היטלערישער דאָקטער מאַרקאָן דערקלערט, אַז דאָס מיידל קאָן מען ראַטעווען זי זאָל פּילקאָס געזונט ווערן, נאָר זי דאַרף האָבן גוטע פּלעגע און רו... דאָס אַלץ איז געקומען פון הונגער.

— פון הונגער! — האָט מאַרקאָ טרויעריק איבערגעחזרט דעם דאָקטערס ווערטער.

— וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטער? — האָט שוין וואַרטנדיק אויף אים מיט אומגעדולד געפרעגט אירענע.

— וואָס ער האָט געזאָגט? — האָט מאַרקאָ טרויעריק געענטפערט — זי דאַרף גוט עסן. און ווו זאָל איך עס נעמען?

— זעצט אייך אַנידער, פרוילײן אירענאַ, איך וועל אייך דיקטירן אַ בריוו צום דייטשישן „אַרבייטס-פראָנט“.

— וואָס ווילט איר שרייבן, הער מאַרקאָ? — האָט געפרעגט אירענאַ.

— וואָס איך וויל שרייבן? איך וועל זיי שרייבן, זיי זאָלן מיר געבן נאָך קאַרטן אויף פּוטער, ווורשט, צוקער. איך וועל באַגרינדן, אַז איך האָב אַ שווער-קראַנקע.

— אָבער הער מאַרקאָ! איר ווייסט ניט, אַז זיי גיבן שוין ניט דעם 2-טן חודש גאָרנישט פאַר די אַלטע קראַנקע, וועלן זיי איצט אונדז עפּעס געבן?...

— איצט וועלן זיי מוזן געבן! — האָט מאַרקאָ בייז צוגעגעבן.

ווען מאַרקאָ איז צוריקגעקומען מיט אַ פרייד, וואָס עס איז אים געלונגען איינצואָרדענען דורך גרויס פּראָטעקציע העלענען וואַזשניאַק ביי אַ רייכן פויער לעבן גוינקירכען, וווּ זי וועט האָבן זייער גוט צו עסן און קאָנען קומען צוריק צום געזונט, האָט אים גלייך אירענאַ באַגעגנט מיט אַ נייער צרה:

— מען האָט זיי אַרעסטירט אין קינאָ — האָט געזאָגט אירענאַ — איבערגעבנדיק מאַרקאָן אַ בריוו פון קלאָרן. — קלאָרס שליח האָט געזאָגט, אַז קלאָר האָט באַפוילן, אַז איר זאָלט גיין אין דער געסטאַפּאָ, און וואָס איר האָט צו זאָגן, ווייסט איר שוין אַליין.

— וואָס צו זאָגן ווייס איך שוין אַליין — האָט מאַרקאָ בייז איבערגעחזרט. — האַלב אויסלענדישע מיידלעך זענען מיינע געליבטע... די אַנדערע העלפט זענען די בעסטע אַרבעטערינס אין ווערק... די געסטאַפּאָ

זענען אויך נישט קיין גנאָנים. איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס איך האָב צו זאָגן.

מאַרקאָ איז געפאָרן קיין ווינער־נוישטאָט שטאַרק אויפגערעגט, און מיט דער שטימונג האָט ער איבערגעטרעטן די שוועל פון דער געסטאַפּאָ.

— הייל היטלער, העד סאַלוואַנעטי! — הייל היטלער, הער מאַרקאָ! וואָס עפּעס אַזוי אויפגערעגט?

— איר פרעגט, וואָס איך בין אויפגערעגט? 5 מאַשינען שטייען היינט אַ גאַנצן טאָג און די פּאָליציי האָט מיר איינגעזעצט 4 מיידלעך מיט אַ יינגל, ווייל זיי זענען געגאַנגען אין קינאָ!

— בייזער דיך נישט, מאַרקאָ, איך וועל גלייך אָנקלינגען, וועט מען זיי דיר אַרויסלאָזן. — יאָ, מאַרקאָ, איך האָב אויך דאָ אייניעם פון דיר. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן. נאָר צוערשט וועל איך אָנקלינגען צו דער פּאָליציי. איך זאָג דיר, מאַרקאָ, אַז מיט דיינע לייט האָב איך אַממייסטן אַרבעט — האָט צוגעגעבן סאַלוואַנעטי.

— ווער קאָן האָס זיין אַרעסטירט ביי אים? — האָט מאַרקאָ גע־טראַכט.

— ווי הייסט דער אַרעסטירטער? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— ער הייסט... איין מאָמענט! איך וועל געבן אַ בליק אין די אַקטן. ער הייסט דימיטרי אַדאַמענקאָ.

— וואָס?! האָט מאַרקאָ געמאַכט אַ פאַרוואונדערט פּנים — אַדאַ־מענקאָ!? דאָס איז מיין בעסטער אַרבעטער.

— יאָ, מאַרקאָ, ביי דיר זענען אַלע די בעסטע אַרבעטער. ער איז אָבער אויך דער בעסטער גנב! — האָט סאַלוואַנעטי צוגעגעבן נאָך אַ ווייַלע — זיי האָבן אָפּגערוימט אַ גאַנץ פעלד מיט וויינטרויבן, מיר האָבן אויך געפונען אַ גאַנצן שטרוי־זאַק מיט טאַבאַק... נו, וואָס זאָגסטו איצט צו דיין בעסטן אַרבעטער?

מאַרקאָ איז געבליבן שטיין ווי אָן לשון... — איז הערלויבט, איך זאָל מיט אים פערזענלעך רעדן? — האָט מאַרקאָ געפרעגט.

— גוט, איך וועל דיך אַראָפּפירן צו אים אין קעלער — האָט גע־זאָגט סאַלוואַנעטי — נאָר געדענק, אַז דער שעף טאָר הערפן נישט וויסן...

— מיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטיש ערן־וואָרט! — האָט מאַרקאָ פייערלעך־ערנסט געזאָגט.

סאַלוואַנעטי מיט מאַרקאָן זענען אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער פון דער ווינער־נוישטאַטער געסטאַפּאָ. די קליינע פינצטערע קאַמערס זענען געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. די קליינע עפענונגען אויף לופט זענען אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר אריין. אין דער קאַמער, ווו מאַרקאָ איז אַריינגעגאַנגען, איז געווען אַ קליינע עפענונג מיט קראַטעס גאַנץ אין דער הייך וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף פון דער געסטאַפּאָ־געביידע. רעכטס ביים אַריינגאַנג איז געווען אַ פּריטשע מיט אַ האָלצערנעם אָנשפּאַר צוקאָפּנס. אויף דער פּריטשע איז געלעגן אדאמעניקאָ, די פיס אויף הינטן געבונדן און אונטערגעצויגן צו די הענט. מאַרקאָ האָט אייגנטליך אַדאַמעניקאָן נישט געקענט. אָבער ער האָט דאָך שוין געזאָגט, אַז דאָס איז זיין בעסטער אַרבעטער, מוז מען שוין ווייטער אויסהאַלטן...

— הער מאַרקאָ, העלפט מיר! — האָט גלייך אדאמעניקאָ אָנגעהויבן ביי מאַרקאָס אַריינקומען. איך בין שוין אינגאַנצן שטייף, אָדער לאָזן זיי מיך הערשיסן, ווייל איך קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן...

— וואָס זאָגט ער? — האָט סאַלוואַנעטי געפרעגט.

— ער זאָגט, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק, ער ווייסט פון גאָרנישט.

— און דו גלייבסט, מאַרקאָ? — האָט קורץ געזאָגט סאַלוואַנעטי.

— יאָ, איך גלייב, הער סאַלוואַנעטי — האָט מאַרקאָ מיט פעסטער איבערצייגונג געענטפערט. רעכטס פון דער טיר און ווינקל איז געשטאַנען ווי צונויפגעפרעסט אַ גרופּע מענטשן און כמעט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, כדי נישט אַרויסצולאָזן די פאַרע פון מויל. די פּנימער זייערע זענען געווען בלאַס און דערשראָקן.

— פון וואַנען זענט איר? — האָט מאַרקאָ זיך געווענדעט צו דער גרופּע אויף אוקראַיניש.

— איך בין אַ פּאָליאַק פון וואַרשע — האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער, און איך אַ לאָדזשער — האָט צוגעגעבן זיין שכן.

— דאָס איז פון דער גרופּע פון דיין האַרעמשקאַ — האָט געזאָגט סאַלוואַנעטי. דאָס זענען אַלץ קינסטלער, כעמיקער און נאָך אַנדערע פילאָזאָפן...

— הער מאַרקאָ! — האָט ווידער אָנגעהויבן צו בעטן אַדאַמעניקאָ — פאַרלאָזט מיך נישט! איך בין אומשולדיק... איך בין צופעליק געגאַנגען פון דער אַרבעט און זיך אָנגעשטויסן אויף דער גאַנצער גרופּע... אַדאַמעניקאָ האָט זיך געקאַטשעט פון דער זייט אויף דעם בויך און פון דעם בויך צוריק אויף דער זייט... זיינע הענט זענען געווען אינגאַנצן

געשוואָלן פון דעם איינגעצוויגענעם שטריק... דאָס פּנים רויט ווי פייער, אָפּגעהריקט פון דעם האַרטן הילצערנעם געלעגער... מאַרקאָ איז געשטאַנען און נישט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון אַדאַמעניקאָ.

— נו, וואָס קלערט איר אַזוי, הער מאַרקאָ? — האָט זיך אָנגערופן סאַלוואַנעטי.

— איך קלער גאָרנישט — האָט מאַרקאָ געענטפערט. — איך קאָן אייך נאָר נאָכאַמאָל זאָגן, הער סאַלוואַנעטי, אַז מיט דעם אַדאַמעניקאָ איז אַ טעות. איך קען אים גוט. דאָס איז נישט קיין גנב. סאַלוואַנעטי האָט אַ ווײַלע געקלערט.

— גוט, הער מאַרקאָ! — האָט ער מיטאַמאָל געזאָגט. שרייבט אונטער, אַז איר גאַראַנטירט פאַר אים, וועל איך אים זען אַרויסדרייען פון דער גאַנצער גרופּע.

— גוט, איך וועל אונטערשרייבן! — האָט מאַרקאָ קורץ געענטפערט.

אַדאַמעניקאָ האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן גערעדט.

— איך דאַנק אייך, הער מאַרקאָ! איך וועל אייך דאָס אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן — האָט ער געזאָגט צו מאַרקאָן ביים געזעגענען.

מאַרקאָ האָט פאַרלאָזט די קאַמער. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַרק לעבן דער געסטאַפּאָ, האָט ער געפילט, ווי עס פאַרלאָזן אים ממש די כוחות. ער איז געווען ווי שיכור פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט. די פיס האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן, אין די אויגן איז אים געוואָרן פינצטער. ער האָט געפילט, ווי די קני בייגן זיך אונטער אים און ציען אים צו דער ערד. —שלמה! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט: צי מיגסטו? צי קאָנסטו אַזויפיל אויף זיך נעמען? צי קאָנסטו פאַר יעדן אַזויפיל גאַראַנטירן?... ווען דו אַליין ביסט אַזוי שוואַך... אין פאַרגלייך אפילו מיט די אָרעמע מענטשן... — יאָ, מיין קינד, — האָט געקלונגען אין זיינע אויערן דאָס קול פון זיין מאַמען, וואָס פלעגט שטענדיק זאָגן:

— געדענק, דו זאָלסט תמיד זיין אַ מענטש! און אַז דו קאָנסט עמעצן העלפן, זאָלסטו זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן.

מאַרקאָ האָט געפילט, אַז עמעצער רירט אים אָן ביים אָרעם, אַנבויגנדיק זיך איבער אים אויפן גראָז.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט ער געהערט אַן אומבאַקאַנטע שטימע אויף דייטש. — אפשר הונגעריק?

— אַ, ניין, דאַנקע, עס איז מיר עפּעס גישט גוט געוואָרן. מעגלעך, איך בין פאַרקילט.

— וווּ וווינט איר? — האָט דער אומבאַקאַנטער געפרעגט. — איך וועל אייך העלפן אהיימגיין. און ער האָט גענומען מאַריקאַן אונטערן אָרעם.

— דאַנקע, שוין נישט ווייט, אויף דער נײַנקירכער גאַס. איך וועל פּאַוואָליע שוין גיין... בײַנאַכט האָט מאַריקאַ באַקומען הויכע טעמפּעראַטור און איז געבליבן ליגן 3 טעג אין בעט.

קאַפּיטל 37

דאָס ערלעכע האַרץ

ביי מאַרקאָן האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ סך בריוו און ביטעס פון פאַרשידענע אָרטשאַפטן און לאַגערן. דער נאָמען מאַרקאָ איז שוין געווען באַקאַנט נישט נאָר אין עסטרייך. מענטשן זענען צעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע אַנדערע פאַבריקן, און זעענדיק דעם גרויסן אונטערשיד אין די לעבנס-באַדינגונגען אויף דער נייער אַרבעט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מאַרקאָן גאַנצע נסים. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ביטעס פון אייגענע און פרעמדע. די אייגענע האָבן געבעטן, ער זאָל זיי צוריקנעמען נענטער צו זיך און די פרעמדע מען זאָל זיי נעמען אין די ווערק, וווּ מאַרקאָ איז דער באַשיצער. מאַרקאָ האָט שוין איצט געהאַט עטלעכע פאַרטרעטער, און דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם אַלעמען. פון די פראָנטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בעסערע נייעס. די היטלעריסטישע אַרמיי האָט געליטן איין מפלה נאָך דער צווייטער. אָבער די פאַשיסטישע באַנדע האָט נישט נאָכגעלאָזט. פאַרקערט, זיי האָבן נאָך שטאַרקער גענומען דריקן די אויסלענדער. דער מאַנגל אין עסן און קליידונג איז געוואָרן שטאַרקער, און די ברוטאַלע באַציונג צו די אָסט-אַרבעטער איז אויך געוואַקסן. מיט יעדן טאָג האָט מאַרקאָ געהאַט שווערער. זעלטן, ווען ער איז געזעסן אין ביוראָ. ער האָט איצט געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן פון איין לאַגער אין צווייטן, וווּ ער האָט געטאָגט, האָט ער נישט גענעכטיקט.

— היינט פאָר איך קיין וויגעלסדאָרף — האָט מאַרקאָ געזאָגט צו אירענען און וועל צוריקקומען ערשט אין צוויי טעג אַרום, ווייל פון דאָרט מוז איך נאָך פאָרן קיין ברייטענאו.

אין וויגעלסדאָרף האָט מאַרקאָ געטראָפן אַ זייער געדריקטע שטימונג. דער לאַגער איז געשטאַנען ביי אַ שטינקענדיק וואַסער. די באַראַקן

זענען מייסטנס געווען מיט אויסגעהאַקטע שויבן און פֿאַרקלאַפּט מיט דיקטן אָדער פֿאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. אין די שטיבלעך איז געווען קאַלט, קויטיק און פֿינצטער. עס האָבן דאָ געלעבט 400 רוסישע יינגלעך, אַחוץ פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווייסרוסן און אַנדערע. אַלע האָבן מאַרקאָן אַרומגערינגלט. זיי האָבן געוווּסט, אַז מאַרקאָ קומט נישט מיט ליידיקע הענט. ער ברענגט אַ 100 פּאָר שיך, אַ 200 העמדער, צי גאַטקעס, אַ פּאָר קעסטלעך מאַרמעלאַדע, און דער עיקר, וועלכער מייסטער וואָלט זיך דערלויבט וועמען צו געבן היינט אַ קלאַפּ!...

— וואָס הערט זיך דאָ ביי אייך? — האָט מאַרקאָ זיך געווענדעט צו אַ גרופּע אוקראַינער אין דער ערשטער האַלע.

— זלע, פּאַנע מאַרקאָ! ביהט, איסטע נע דאיוט! — האָבן די מענטשן טרויעריק געענטפֿערט.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך — האָט ער געפֿרעגט די פּוילישע אַרבעטער פֿון אַ צווייטער האַלע.

— זשלע, פּאַניע מאַרקאָ. ביאָן אַ יעשטש ניע דאַיאָן.

פֿון די האַלעס איז מאַרקאָ אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף פֿון דער פֿאַבריק און איז געבליבן שטיין מיט דעם לייטער פֿון געפֿאָלקשאַפּטס־אַמט פֿריטש. אין אַ ווײַלע אַרום זענען צוגעקומען נאָך צוויי אינזשעניערן. איינער פֿון ווינער־נוישטאָט. עס איז שוין איצט געשטאַנען אַ גאַנץ רעדל און מען האָט געשמועסט.

צום רעדל איז צוגעקומען דער הויפּט־אינזשעניר פֿון דער ווייגעלס־דאָרפֿער פֿאַבריק, דער טשעכישער דייטש פּלאַטשעק. דער אינזשעניר פּלאַטשעק האָט מאַרקאָן בלויז געקענט פֿון הערן. מאַרקאָ איז געווען געקליידעט פּונקט ווי די דייטשן, אַזוי אַז אין רעדל האָט ער זיך נישט אונטערשיידט פֿון די אַנדערע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. ווען פּלאַטשעק איז צוגעקומען צום רעדל האָט ער אַנשטאָט זיך צו באַגריסן — געזאָגט:

— דער פֿירער פֿון די באַנדיטן איז היינט געקומען צו אונדז אויף באַזוך! אָבער מיט דער באַנדע קאָן מען נישט אַנדערש, ווי נאָר שלאָגן...
מאַרקאָ האָט שוין גענוג היינט זיך אָנגעהערט וועגן דעם הויפּט־אינזשעניר און וועגן זיין באַציונג צו די אויסלענדער. ער האָט געפֿילט, ווי עס הייבט אָן אין אים קאָכן דאָס בלוט. אַלע אַרום זענען געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט, זעענדיק ווי ביי מאַרקאָן האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן.

— דו שמוציקער כאַזער, וואָס דו ביסט! — האָט מאַרקאָ געמאַכט אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון איזשעניער — אַז איך וועל דיר געבן אין די ציין, וועסטו וויסן ווי אַזוי מען שלאָגט!...

דער געפאַלקשאַפטס-אַמט-לייטער פרימש און די אַנדערע איזשעניערן האָבן גלייך מאַרקאָן אַרומגעכאַפּט, אָפּטיילנדיק אים פונעם הויפּט-איזשעניער פּאָלאַמשעק. עס איז אויך געקומען גלייך צולויפן דער ווערקשוץ-לייטער און אָנגעהויבן זיי אויסצוגלייכן.

אויף מאַרקאָס אויפגערעגטן שרייען זענען פון די האַלעס אָנגעקומען די אַרבעטער, אַרויסקוקנדיק פון די טירן און פענצטער. עס האָבן גיך געהאָלפן די באַרואיקונגס-פּרוּוון פון דעם ווערקשוץ-לייטער און די איזשעניערן. מאַרקאָ האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג. פאַר זיינע אויגן האָט ער איצט געזען אַ באַנדיט, וואָס האָט דערמאָרדעט זיין טאַטן, זיין מאַמען און זיינע נאָענטסטע. ממש מיט כוח האָבן די מענטשן מאַרקאָן אָפּגעריסן פון פּאָלאַמשעקן און אַריינגעפירט אין ביוראָ.

— איך וועל דיר ווייזן! — האָט ער נאָך געשריגן ביים אַוועקגיין און ווי זיין שטייגער זיך פאַררופן אויף גרויסע לייט:

— מאָרגן וועט האָס דער גאַולייטער סאַוקעל וויסן! דו וועסט געדענקען, ווי מען שלאָגט מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר אונדזער זיג!...

אין געפאַלקשאַפטס-אַמט האָט זיך מאַרקאָ אַ ביסל באַרואיקט. ווען ראָנפּט אָדער אַמעלאַניוק וואָלטן דאָ איצט געשטאַנען, וואָלטן זיי זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער — האָט מאַרקאָ געטראַכט — הערנדיק אויף וועמען איך פאַררוף זיך. אָבער דעם באַנדיט האָב איך אַריינגעטריבן אַ ביסל בויך-גרימעניש האָט זיך מאַרקאָ געטרייסט...

אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען מאַרקאָ איז נאָך געזעסן אין געפאַלקשאַפטסאַמט און גערעדט מיטן לייטער פרימש, איז אַריינגעקומען דער הויפּט-איזשעניער פּאָלאַמשעק און געוואָלט מאַרקאָן איבערבעטן. אָבער מאַרקאָ האָט מיט אים נישט געוואָלט רעדן. ער האָט אים נאָר געזאָגט, אַז ער וועט דערפון מאַכן אַ געברויך. ווען מאַרקאָ איז שפּעטער אַריינגעקומען אין די פאַבריקס-האַלעס, זענען צו אים צוגעגאַנגען 3 רוסישע יונגלעך:

— טאָוואַרישטש מאַרקאָ — האָט זיך אָנגערופן אַ בלאָנדער הויכער בחור מיט קורץ-געשוירענע האָר — אַז מען שלאָגט אונדז פאַרבייסן מיר די ציין און שווייגן, אָבער ווען דער איזשעניער וואָלט געווען געגעבן אייך אַ קלאַפּ, וואָלט בלוט זיך געגאָסן אין דער גאַנצער פאַבריק!... מיר זענען

אַלע געווען גרייט — האָט צוגעגעבן דער צווייטער: יעדער פון אונדז האָט געהאַט אין האַנט אַן אײַזן, אַ שטאַנג, אַ האַמער — אונדז איז שוין אַלץ איינס, הער מאַרקאָ! פריער אָדער שפּעטער דער טויט...

— ניין, יינגלעך — האָט מאַרקאָ געזאָגט, — עס איז נאָך נישט די צייט. עס איז נאָר אַ שאָד אייער יונג לעבן. מיט דעם וועלן מיר גאָרנישט אויספירן. עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן, וועלן מיר פאַר דעם אַלעמען באַצאָלן.

דאָך שפּעטער, ווען מאַרקאָ האָט געטראָפן אַ טראַנספּאָרט געפאַנגענע דייטשן אויפן באַנהאָף אין בראַטיסלאַווע, שוין זייענדיק לייטער פון גאַנצן רעפּעראַט פאַר רעפּאַטריאַציע ביי דער 89-טער קאָמענדאַטור פון דעם אוקראַיִנישן פראָנט, האָט ער זיי נאָך געטיילט ציגאַרן, וועלכע ער האָט זיך אויסגעבאָרגט ביי דעם פּאָליטרוק סקאָקאָוו... און ווען סקאָקאָוו האָט אַ פאַרוווּנדערטער אים געפרעגט: — מאַרקאָ, וואָס טוסטו? פאַר דעם אַלעמען וואָס זיי האָבן דיר פאַרשאַפט? האָט ער געענטפערט:

— יאָ, חבר עלטערער לייטענאַנט, איר זענט טאַקע גערעכט, אָבער דאָס זענען שוין וועראָזע מענטשן. אויסער דעם זוך איך אַלץ דעם דייטשישן זעלנער מיט דעם גאָלדענעם צאָן, וואָס האָט מיר געגעבן די טיי מיט רום, ווען איך בין געווען פאַרוווּנדעט...

ווען מאַרקאָ איז צוריקגעקומען קיין ראָרבאַך, האָט ער גלייך געמאַכט אַ מעלדונג פון דעם, וואָס טוט זיך אין ווייגעלסדאָרף. נישט לאַנג שפּעטער האָט זיך באַוויזן די שוין איבערגעטאָנטע באַקאַנטמאַכונג, וואָס פאַרבאָט צו שלאָגן אָסט-אַרבעטער און פּאָליאַקן.

פון ווייגעלסדאָרף איז מאַרקאָ גלייך געפאָרן קיין ברייטענאו. די מענטשן האָבן שוין דאָרט געוווינט אין די נייע אויסגעקעמפטע באַראַקן. אין די שטיבלעך איז געווען צוגערוימט, מען האָט דערקענט, אַז עס וווינען דאָ אַממייסטנס פרויען.

— הער מאַרקאָ, הײַנט לאַדן מיר אײַך אײַן צו אונדז אויף אָוונטברויט — האָט געזאָגט די הויכע מאַריאַ. — איר וועט אונדז נישט אָפּזאָגן, אמת?

— גוט, איך וועל קומען — האָט מאַרקאָ געענטפערט.

ווי איבעראַשט איז מאַרקאָ געוואָרן, ווען דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך און מען האָט אַנידערגעשטעלט גוט אויסגעפּרעגלטע קאַרטאָפל אין שמאַלץ מיט זויערע אוגערקעס. אַלע האָבן זיך

געזעצט אַרום טיש מיט מאַרקאָן בראש און אָנגעהויבן צו עסן.

— קינדער, פון וואַנען האָט איר דאָס? — האָט מאַרקאָ מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געפרעגט.

— איינער פון די אויסבאַהאַלטענע געפאַנגענע האָט געבראַכט אַ גרויסן קעסל מיט שמאַלץ — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט מאַריאַ.

— מען זאָל נאָר נישט געוויר ווערן — האָט מאַרקאָ געזאָגט באַזאָרגט.

— אָ, הער מאַרקאָ — דאָ איז נישטאָ די סאַניטאַרין זינע — האָט געזאָגט אַ צווייטע, אָנגעטאָן אין אַ מענער־רעקל. דעם קעסל מיט שמאַלץ האָבן מיר גוט פאַרגראָבן און יעדע עטלעכע טעג נעמען מיר אַרויס אַ ביסל.

אירענע האָט גענומען דורכקוקן, ווי געוויינלעך, די פאָסט, און צווישן אַנדערע געטראָפן אַ בריוו פון אַראַמעניקאַ, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט מאַרקאָן די לאַגע פון די אַרבעטער אויף דעם נייעם אַרבעטס־פלאַץ. נאָך יעדער באָמבאַרדירונג האָט מען די ווערקן געבויט אויף אַנדערע פלעצער און גלייכצייטיק איבערגעוואָרפן די מענטשן. „עס אַרבעטן דאָ — האָט ער געשריבן — 18 טויזנט מאַן. דער הונגער איז געוואַלדיק". און ער האָט געבעטן מע זאָל אים איבערשיקן ערגעץ נעענטער אין אַ ווערק לעבן מאַרקאָן *). אַזעלכע בריוו האָבן איצט אָנגעהויבן אָנקומען כמעט יעדן טאָג. צווישן אַנדערע איז אויך אָנגעקומען אַ פאַרצווייפלטער בריוו פון אירמאַ אַנטאָניוק...**).

— וואָס זאָל איך טאָן? — פלעגט אין אַזעלכע פאַלן פרעגן אירענע.

— גיט זיי צו וויסן נישט אָפיציעל — האָט געזאָגט מאַרקאָ, — זיי זאָלן קומען, און דערנאָך וועלן מיר געבן אַ קלער.

— הער מאַרקאָ — איז אַריינגעקומען אין ביוראָ דער בעטריבס־אָבמאַן יאַקלימשקער און געזאָגט — עס איז אָנגעקומען אַ וואַגאָן מיט קליידונג, שוין גענוצטע. עס איז אַ געשאַנק פון דער דייטשישער באַפעלקערונג פאַר די אויסלענדער, און איך וויל, אַז איר זאָלט אייך צוערשט נעמען קליידונג פאַר אייערע מענטשן, און וואָס עס וועט איבערבלייבן וועלן מיר געבן די איבעריקע אויסלענדער. מאָרגן וועט דער וואַגאָן שוין זיין אין ראַכבאַך — האָט ער געזאָגט ביים אַוועקגיין. מאַרקאָ האָט זיך גלייך

* זע זייט — 312

** זע זייט — 314

געווענדעט צו אירעגען אין זי געהייסן מאַכן אַ ליסטע פֿון די, וואָס זענען צום אָרעמסטן געקליידעט. און אין דער פֿרי — האָט ער צוגעגעבן, — וועל איך גיין גלייך צום טראַנספּאָרט. די פּאָסט נעם איך מיט מיט זיך אַהיים און דאָרטן וועל איך זי שוין דורכלייענען...

מאַרקאָ האָט זיך איצט גענומען צו דער אַרבעט און אָנגעהויבן דורכצולייענען די פּאָסט, וואָס ער האָט מיטגענומען פֿון ביוראָ... דאָס לייענען די בריוו פֿלעגט אים תּמיד קאָסטן פֿיל געזונט און כּוח. אָרעמע מענטשן! — האָט ער געטראַכט — מיט וואָס קאָן איך אייך העלפֿן? איך בין אַזוי שוואַך, פֿיל שוואַכער פֿון אייך... אויף מיר ליגט אַ קליין פּינטעלע... דאָס פּינטעלע ייִד... און איך הענג אויף אַ האָר...

מאַרקאָ האָט זיך דערמאָנט די לעגענדע וועגן קינד אינעם שיפֿל. דאָס שיפֿל — געוואָרפֿן פֿון די בראַנדיקע כוואַליעס — האָט יעדן אויגנבליק געקאָנט אונטערגיין, נאָר דאָס קינד אינעם שיפֿל איז געזעסן רואיק... ווען מען האָט עס געפֿרעגט: — האָסטו גאָר קיין מורא נישט אַז מען קאָן דערטרינקען ווערן?! האָט דאָס קינד זיך צעלאַכט:

— פֿאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן? מיין טאַטע האַלט דאָך דעם רודער...

— יאָ, קינדער, — האָט מאַרקאָ געטראַכט — איר האַלט מיך פֿאַר דעם טאַטן ביים רודער... אָבער דער טאַטע איז צו שוואַך... צו שוואַך אַנטקעגן דעם צעשטורעמטן ים...

מאַרקאָ האָט נישט געהערט ווי מען קלאַפּט אין דער טיר. ער איז געזעסן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט איבער זיינע בריוו מיט פֿאַרמאַכטע אויגן... לעבן אים איז געשטאַנען די 70־יאָריקע פֿרוי פּשיבול...

— זי וויינען, הער מאַרקאָ! — האָט מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג געזאָגט די פֿרוי...

מאַרקאָ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, געעפֿנט די אויגן און דערזען פֿאַר זיך די נאַסע בריוו.

— איך האָב ווירקלעך געוויינט? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט...

— ליגט אייך אַנידער, הער מאַרקאָ! — האָט געזאָגט די פֿרוי פּשיבול — איר זענט פֿולשטענדיק דערשעפּט...

אין דער פֿרי איז מאַרקאָ גלייך געלאָפֿן אין מאַגאַזין אָנקוקן די קליידער, וואָס די דייטשישע באַפֿעלקערונג האָט געשענקט פֿאַר די אויסלענדער... אָבער ווי דערשיטערט איז מאַרקאָ געוואָרן, ווען ער האָט נאָר אויפֿגעפּאַקט דאָס ערשטע פּעקל: דאָס זענען געווען ייִדישע זאַכן, ייִדישע קליי־

דער פון דערמאָרדעטע און דערשטיקטע אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס... עס זענען געווען מלבושים פון ייִדן און ייִדישע פרויען, וואָס מען האָט געטראָגן אין די קליינע ייִדישע שטעטלעך פון פוילן... מאַרקאָ האָט אָנגעהויבן זוכן... אויפמאַכן איין פעקל נאָכן צווייטן... אפשר וועט ער געפינען עפּעס פון זיינע?...

— איר זענט דאָך שוין גאַנץ שוואַרץ פון שטויב, הער מאַרקאָ? — האָט געזאָגט אירענע — לאָזט, מיר וועלן שוין אַליין דאָ סאָרטירן. — צו וואָס זענט איר אַזוי טרויעריקער? — האָט זי מיט אַ בעטנדיקער שטימע געפרעגט. מאַרקאָ האָט אירענען אַ צאַרטן גלעט געגעבן איבער די האָר און שווייַגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון מאַגאַזין.

מאַרקאָ האָט איבערגעטראָגן זיין וווינונג קיין נויקירכען. זיין צימער אין וויגער־נוישטאַט איז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע. איצט איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַנדערע צום באַנהאָף און נויקירכען. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין וויגער־נוישטאַט און זיך זען מיט די חברים, וואָס זענען געבליבן נאָך דער באָמבאַרדירונג, ווי אויך באַזוכן די קראַנקע אין שפּיטאָל...

אויף דעם באַנהאָף האָט מאַרקאָן דערוואַרט אַן איבעררעשונג. אויפן פּעראָן איז געשטאַנען העלענע וואָזשניאַק מיט אַ גרויס שטיק וווּרשט אין דער האַנט. ווי נאָר זי האָט מאַרקאָן דערזען פונדערווייטנס, האָט זי זיך געלאָזט אים אַנטקעגן.

— נעמט, הער מאַרקאָ, — האָט זי אים דערלאַנגט דעם וווּרשט — איך האָב איצט גענוג צו עסן! איך וויל כאָטש אויף דעם אופן אייך דאַנקען. מאַרקאָ האָט דאָס ערלעכע האַרץ פון דעם מיידל גערירט ביז טרערן.

— ביסט שוין געזונט, העלענע? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, הער מאַרקאָ, גאַנץ געזונט! — האָט זי געענטפערט. איך האָב נישט קיין לייכטע אַרבעט, אָבער דאָס שאַדט מיר נישט. דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב גוט צו עסן...

דער קאָנדוקטאָר האָט געגעבן אַ צייכן צום אָפּפאָרן, און מאַרקאָ איז אין דער לעצטער מינוט אַרייַנגעשפּרונגען אין צוג, האַלטנדיק דעם וווּרשט אין דער האַנט.

— אָ, מאַרקאָ! — האָבן די אינזשעניערן, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען געגאַנגען צום באַנהאָף, זיך געוויצלט — נאָך דער קריג וועסטו שוין נישט דאַרפן אַרבעטן — זיי פאַרגעסן דאָך נישט אין דיר. יעדער פון זיי

וועט דיר נאָר שיקן אַ פּעקל, וועט דיר שוין שטייען פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

פון ווינער־נוישטאָט איז מאַרקאָ שוין נישט צוריק געפאָרן קיין נוינקירכען.

די אָפּטיילונגען פונעם 2־טן אוקראַינישן פראָנט זענען שוין געשטאַנען 30 קילאָמעטער פון דער שטאָט. די פאַרטיי־באַנצן האָבן אָנגעהויבן זיך פּאַקן און אַנטלויפן. עס האָבן אויף שנעל זיך אָרגאַניזירט פרייוויליקע היטלעריסטן, וואָס זייער איינציקער מיליטערישער אוניפאָרם איז געווען אַן אָרעמבאַנד מיט אַ האַקנקרייץ. אַלע אויסלענדער האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן אַרויסצופירן פון ווינער־נוישטאָט. אַ סך האָבן זיך פאַרשטעקט אין די חורבות אָדער אין די קעלערס פון דער שטאָט. מאַרקאָ איז געלונגען אַ גאַנצע גרופּע אויסלענדער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אָלגאַ רעגדזשיקאָווסקאַ, ווידעמשיק און לאַבאַניעץ, אויסצובאַהאַלטן עטלעכע טעג אין אַ בונקער פון די ווינער־נוישטאַטער פליגער־ווערקע. מאַרקאָ האָט דאָ געקענט יעדעס ווינקעלע. ליניקס פונעם ווערק — 1 אין פעלד, האָט זיך געפונען אַ צעקלאַפּטער בונקער, וווּ מאַרקאָ האָט איצט אַהין געשיקט אַלע אויסלענדער וואָס ער האָט באַגעגנט.

דאָס פייער פון דער סאָוועטישער אַרמיי איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. די לעצטע גרופּן פון די פרייוויליקע זענען שוין פאַרבייגעלאָפן לעבן ווערק — 1 מיט דעם וועג ווייטער אויף צפון.

— אויף וואָס וואַרט איר, הער מאַרקאָ? — האָט געזאָגט אַ פרייוויליקער, וואָס האָט געשטאַמט פון די פליגער־ווערקע. נעמט געווער און קומט מיט אונדז! די סאָוועטן זענען שוין נישט ווייט! אויף וועמען וואַרט איר נאָך?

— מיר האָבן נאָך אַ באַפעל אייניקע מינעס איינצוגראָבן אין ווערק!

— האָט געענטפערט מאַרקאָ, און דערנאָך וועלן מיר אַנטלויפן מיט אַ מאַשין.

מאַרקאָ האָט געזען, אַז עס הייבט אָן ווערן געפערלעך. ערשטנס, — דאָס פייער פון דער סאָוועטישער זייט, צווייטנס — קאָנען טאַקע אונטערקומען היטלעריסטן און מיט געוואַלט מיטנעמען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי מען זעט נישט קיינעם פון זיינע אויסלענדער און אַוועקגעדרייט זיך ליניקס עטלעכע הונדערט מעטער פונעם ווערק, וווּ עס איז געווען דער בונקער.

אין דער פרי זענען שוין די סאָוויעטישע פאָרשפּיצן געווען אין ווינער־נוישטאַט.

מאַרקאָ האָט גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן ביי דער סאָוויעטישער קאָמענדאַטור אין ווינער־נוישטאַט. שפּעטער — ביי דער 89־טער קאָמענדאַטור פון 2־טן אוקראַיינישן פראָנט אַלס זאַכבאַאַרבעטער פאַר רעפּאַטריאַציע.

דעם 9־טן מאַי 1945 האָט מאַרקאָ באַגעגנט אין דער קאָמענדאַטור אין טורי, לעבן בודאַפּעשט. אַלע ראַדיאָ־הילכער האָבן איבערגעגעבן די פרייידיקע נייעס וועגן פאַרענדיקן דעם קריג. אויף די גאַסן האָבן געשפּילט די אָרקעסטערס, מענטשן האָבן געזונגען און געטאַנצט, זיך געוואָרפן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס און זיך געקושט. אַנדערע האָבן פאַר פרייד געוויינט.

מאַרקאָ איז אויך אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט אויך זיך געוואָלט פרייען מיט אַלע צוליב דעם גרויסן יום־טוב, אויפדעקן פאַר יעדן זיין האַרץ און שרייען:

— איך בין נישט קיין אוקראַיינער! איך הייס נישט מאַרקאָ טימאָפיעי! איך הייס שלמה שטראַוס!

פאַטאָקאָפּיעס פון בריוו אין פאַרשידענע שפּראַכן
אין דער יידישער איבערזעצונג

Дорогой товарищ Марко
мы к Вам собирались
приехать в прошлое вос
кресенье, но не было у нас
пропуска. Дорогой товарищ
Марко мы вас еще раз
просим чтобы вы не
отказали в нашей просьбе.
Дорогой товарищ Марко
Вы нам на это конечно
оттветте, или же пись-
менно немножко или нам
расскажите Лене чиво
нибудь. Мы конечно остаем
ся в надежде на Вас.
На этом пока конечно
канчаем. Остается жива
и здорова, чего и Вам жела
ем. Живите, любите и
будьте любимым.
Писала Аня Тока

זייט באַגריסט, טייערער חבר מאַרקאָ!

אנטשולדיקט מיר זייער, אפשר האָב איך אייך נישט ריכטיק טיטולירט. ערשטנס ווילן מיר אייך איבערגעבן אונדזער הארציקן גרוס און מיר ווינטשן אייך אלדאָס גוטס אין אייער צוקונפטיק לעבן. טייערער חבר מארקאָ! אייך דארף מען א סך נישט שרייבן, איר ווייסט שוין אליין אין וועלכער לאגע מיר געפינען זיך. מיר קאָנען ווייטער אין אזעלכע באדינגונגען נישט ארבעטן. טייערער חבר מארקאָ! מיר בעטן אייך איר זאָלט אונדז העלפן.

2

טייערער חבר מאַרקאָ!

מיר האָבן געוואָלט צו אייך קומען דעם פאָריקן זונטיק. נאָר מיר האָבן נישט געהאַט קיין רייזע־שיין. טייערער חבר מאַרקאָ! מיר בעטן אייך נאָכאַמאָל איר זאָלט אונדז נישט אָפזאָגן אין אונדזער ביטע. טייערער חבר מאַרקאָ! איר וועט אונדז ענטפערן אויף דער פראַגע. מיר בלייבן מיט דער האָפענונג נאָר אויף אייך.

מיט דעם ענדיקן מיר. מיר זענען געזונט און ווינטשן אייך דאָס זעלבע. לעבט און זייט פון יעדן געליבט.

געשריבן — טאַניע און אַניע.

Многоуважаемый господин
Марко
Мы девушки, живущие в [illegible]
очень просим Вас посетить
нас.
Есть очень много наболевших
вопросов, о которых нам нужно
поговорить с Вами.
А самое главное — где мы
будем получать карты на еду.
Переводчица нам сказала, что
особых нам не полагается
получать в лагере, так как мы
не состоим больше на учете
в лагере, А еще
На этом господин Марко
мы кончаем наше маленькое

Gnädiger
Wir, Mädchen,
arbeiten seh
freundliche G
Nun
Ihnen folg
Wann
Fischauerba
wir 330 g
von Kilo)
bekommen
erkennen
m~~üssen~~ soll
Bitte, gnädiger Herr Marko.
Und so noch etwas. Abendessen ist oft
nicht genug und schlecht.
Im Lager wohnen 23 Mädel.
Recht herzlichen Gruß!

גנעדיקער הער מאַרקאָ!

מיר מיידלעך, וועלכע ארבעטן אין ברייטענאו, שיקן אייך איבער די הארציקסטע פריינדלעכע גרוסן.

הער מארקאָ מיר ווילן אייך מעלדן, אז ווען מיר האָבן זיך געפונען אין פישאוער־לאַגער האָבן מיר באַקומען 330 גראַם ברויט א טאָג. איצט, אין ברייטענאו, באקומען מיר נאָר 250 גראם. מיר בעטן דערי־בער, איר זאָלט זיך דערוויסן וויפל אייגנטלעך דארפן מיר באקומען. איצט ווינען דאָ אין לאַגער 23 מיידלעך.

מיר ענדיקן מיט הארציקע גרוסן
דעם 44 .5 .20



Sieradz, 12. I 1944 r.

Panie Franku!
Zdziwi się Pan zapewne otrzymawszy ten list, gdyż na podstawie krótkiej znajomości mogę zaufać do Pana i dlatego się zwracam z prośbą o pomoc w mojej sprawie. Otóż pojechałam na urlop i oczywiście nie chcę wracać, bo moje chęci to mniejsze, ale jestem doprawdy niezbędna w domu. Dziadka zostawiłam zupełnie niewidomego, a mamę też niezbyt zdrową, lecz zmuszona pracować, bo trzeba przecież żyć. Więc moja osoba naprawdę się przyda, jako pomoc pod każdym względem. Tymczasem pracuję w Neustadt, nawet materialnie wcale tego nie mogę mając takie zarobki.

שיעראַדז, דעם 12 יאַנואַר, 1944.

הער טאַמעק!

איר וועט זיך אוודאי וווּנדערן, ווען איר וועט באַקומען דעם בריוו, ווייל אויפן גרונט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך דאָס פּאַרטרויען צו אייך און ווענד זיך צו אייך מיט דער ביטע מיר צו העלפן. אַלזאָ, איך בין געפאָרן אויף אורלויב און, ווי געוויינלעך, ווייל איך מער נישט צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. אָבער מיין ווילן אליין איז נאָך צו ווייניק. דעם זיידן האָב איך אַנגעטראָפן כמעט שוין א בלינדן און די מאַמע איז אויך נישט געזונט. אָבער אַרבעטן מוז מען, ווייל מען מוז לעבן. דעריבער בין איך זייער נויטיק אין דער היים. אַרבעטנדיק אין ווינער נוישטאָט, קאָן איך זיי אפילו מאַטעריעל גאָרנישט נישט העלפן. איך האָב זיך געווענדעט צום אַרבעטס-אַמט אין שיעראַדז, האָט מען מיר געענטפערט, אַז איך מוז האָבן אַ באַפרייונג פון דער ווינער נוישטאָטער פליגערווערקע. וועגן דער פראַגע האָב איך טאַקע געשיקט א ביטע צום הער קלאָר קיין ווינער נוישטאָט. אָבער איך האָב נאָך קיין ענטפער נישט באַקומען. דעריבער בעט איך אייך איר זאָלט ביי א געלעגנהייט רעדן מיט קלאָרן וועגן דעם ענין, ווייל אָן דעם קאָן איך דאָ קיין אַרבעט נישט באַקומען און אויך נישט קיין לעבנסמיטל-קאַרטן.

איך ענדיק דעם בריוו, בעטנדיק ביי אייך אַנטשולדיקונג פאַר מיין מטריח זיין אייך, ווייל איר, הער טאַמעק, האָט אַחוץ דעם אויך גענוג צרות און זאָרגן, ווי געוויינלעך, נישט אייגענע. אָבער דאָס, ווייזט אויס, איז שוין די א. ג. אכילעס-פּיאַטע ביי אייך.

איך שיק אייך איבער האַרציקע גרוסן און פאַרבלייב מיט גרויס גרויס אכטונג צו אייך.

ה. טשאַלקאָווסקאַ

Добрий день пан. Марко!

Ми дівчата, які працюємо в цім Брітенау, від щирої душі й гарячих сердець посилаємо Вам свій щирий привіт з багатьма побажаннями Вам всього найкращого у Вашім житті!

Дорогий пан Марко.

Сьогодні ми вирішили написати Вам листа, в якому хочемо Вам описати своє незадоволення відносно переходу в Брітенау на [illegible] життя.

Наприклад:

Сьогодні тільки 13 мая до обермайстер Штадлер нам сказав категорично, щоб ми перебиралися в Брітенау жити. В понеділок, сказав він, ми повинні приїхати на роботу з вещами зовсім.

Але коли ми пішли у ті кімнати де ми повинні поміститись, то ми побачили, що то не житлові кімнати, а щось інше.

Наприклад: Підлога у тих кімнатах

גוט מאָרגן, הער מאַרקאָ!

מיר, מיידלעך, וועלכע ארבעטן אין לאגער ברייטענאו, שיקן מיר אייך פון טיפן הארצן איבער אונדזער הארציקן גרוס און מיר ווינטשן אייך אלדאָס בעסטע אין אייער לעבן. טייערער הער מארקאָ! מיר האָבן היינט באַשלאָסן צו שרייבן אייך אַ בריוו וועגן אונדזער לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיטן איבערשיקן אונדז אויף דער נייער אַרבעט קיין ברייטענאַו. אזוי, למשל, האָט דער אָבערמייסטער שטיינער אונדז היינט קאטעגאָריש געמאָלדן, אז מיר זאָלן אריבערגיין קיין ברייטענאו וווינען, שוין מיט אלע אונדזערע זאכן. ווען מיר זענען אָבער אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז עס איז דאָרט נישט מעגלעך צו וווינען. ערשטנס איז די פּאָדלאָגע דאָרט א צעמענטענע, אָן ליכט. דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך מיט דער ביטע: איר זאָלט קומען צו אונדז קיין ברייטענאַו אין לאַגער און רעדן מיט דער אָנפירונג וועגן אונדזער לאגע. מיר פאָדערן נישט קיין צימערן, אָבער זאָלן זיי אונדז כאָטש אויסבויען הילצערנע באַראַקן, נאָר נישט לעבן דער פאבריק.

איצט בעטן מיר אייך נאָך אין נאָמען פון דער חברטע וויקטאָריא. ווי עס איז באַקאַנט, וווינט זי צוזאַמען מיט איר מאַמען און ברודער, און איצט וויל מען זיי צעשיידן.

מיר גריסן אייך אלע, וואָס געפינען זיך אין ברייטענאו.

דעם 44. 5. 13

9/II 40 р.

Від Арлінка Дмитрій.

Добрий день Пан Марко!

Перш всього дуже перепрошую Вас пан Марко що я Вас хочу безпокоїти своєю прозьбою.

Дуже і дуже прошу Вас пан Марко, як свого рідного брата помогти в моєму сучасному житі і безвиходному положенні.

Справа в тім:

Раньше я робив у Ґарбоґу на бункері звідки переїхав на нове місце роботи в м. Вестбірбау. Робота важка і опасна, харчі так що один день не можна перетерпіти. В лагерах знаходиться 1800 людей. Сотнями люди вибувають і шукають місця роботи. Через дуже важкі умовини, а особливо через харчі що ще вдається раз гірше чим у вас, мені приходиться рішати судьбу свого життя. Не знаю пан Марко де вихід знайти і що мені зробити.

Я тому дуже ~~Вас~~ Вас прошу пан Марко, як рідного батька поможіть мені щоб стати на роботу десь у Вас у фабриці. Зробіть пан Марко щоб я встроївся там на фабриці в якому небудь вірху, щоб я як небудь дотягнувся до часу щоб вернутись живим і здоровим додому.

Також прошу ще раз Вас пан Марко порадьте мене що зробить скажіть чи Ви зможете прийнять і поставити на роботу, я хочу вернутись назад і більше щоб не страдати в кримиголі, і тут виходу нема.

Прошу Вас пан Марко прийміть мою прозьбу і посочуствуйте мойому трудному положенні зараз. Вашу працю пан Марко я оціню хорошо і не забуду Вас.

דעם 6.9.44

פון אדאמענקאָ דמיטרי.

גוט מאָרגן, הער מאַרקאָ!

ערשטנס בעט איך אייך זייער אַנטשולדיקונג, וואָס איך וויל אייך באקענען מיט מיין ביטע. איך בעט אייך זייער ווי אַן אייגענעם ברודער איר זאָלט מיר העלפן אין מיין אויסוועגלאָזער לאגע. די זאך באשטייט אין דעם: פריער האָב איך געאַרבעט אין ראָרבאַך ביים בויען די בונקערס. איצט האָט מען מיך איבערגעשיקט אויף א צווייטן ארבעטס־פלאץ, קיין מאסבערבאו. די ארבעט איז דאָ זייער א שווערע. דאָס עסן איז אזוי שלעכט, אז מען קאָן קוים דעם טאָג דורכלעבן. אין די לאגערן דאָ געפינען זיך 18.000 מענטשן. ס׳קומען כסדר הונדערטער נייע מענטשן, וואָס זוכן ארבעט. די באדינגונגען און דאָס עסן איז דאָ א סך ערגער, ווי אין אייערע פאבריקן. עס קומט מיר איצט אויס צו דעצידירן וועגן גורל פון מיין לעבן. איך ווייס נישט, הער מארקאָ, וואָס פאר אן אויסוועג צו געפונען אין מיין לאגע. דעריבער בעט איך אייך, ווי אן אייגענעם ברודער, איך זאָל קאָנען צוריקקומען צו דער אַרבעט ביי אייך אין די פאבריקן, איך זאָל אזוי ארום איבערהאלטן די שלעכטע צייט און א געזונטער, א לעבעדיקער צוריקקומען אַהיים. איך בעט אייך נאָכאמאָל, הער מארקאָ, גיט מיר אן עצה וואָס איך זאָל טאָן. שרייבט מיר צי איר וועט מיך קאָנען איינאָרדענען אויף ארבעט ביי אייך. איך וויל צוריקקומען, נאָר איך האָב מורא מען זאָל מיך נישט ארעסטירן, און דאָ איז קיין אנדער אויסוועג נישטאָ. איך בעט אייך, הער מארקאָ, גייט אריין אין מיין לאגע. אייער מי וועל איך וויסן ווי אָפּצושאצן און וועל אייך קיינמאָל נישט פארגעסן. איך פארלאָז מיך, הער מארקאָ, נאָר אויף אייך.

איך ווארט מיט אומגעדולד אויף אייער עצה און איך פארלאָז מיך נאָר אויף אייך.

מיט הארציקע גרוסן און גרויסער ביטע, — אדאמענקאָ דימיטרי



Spittal a/d Drau
23.11.44 р.

Пане Марку

Невже Ви оставили мене на примхи судьби, невже Ви забули в якому положенні знаходжуся я?

З таким нетерпінням очікую відповіді від Вас, і от уже дві неділі, а відповіді немає.

Дуже прошу Вас, порадьте що мені зробити, щоб вирватися з цієї неволі. Більше витримувати тут я уже не можу. Якщо не поможете мені, то довго жити мені не доведеться.
Що порадите мені і що скажете все зроблю і на все рішуся, нічого мені не страшне, тільки б вирватися звідси. Що робиться тут, Ви собі не представляєте.

שפּיטאָל, א/ד׳דראו, 28.11.44

הער מאַרקאָ!

איר האָט מיך באַשטימט איבערגעלאָזט אויפֿן באַראָט פֿון גורל. איר האָט זיכער פֿאַרגעסן אין וואָס פֿאַר א לאַגע איך געפֿין זיך. שוין 2 וואָכן ווי איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אייער ענטפֿער.

איך בעט אייך זייער, גיט מיר אן עצה וואָס איך זאָל טאָן, ווי אַזוי רייסט מען זיך ארויס פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט? לענגער אויסהאַלטן דאָ קאָן איך נישט. וועט איר מיר נישט העלפֿן, וועל איך זיך דאָס לעבן נעמען. דאָס וואָס איר וועט מיר עצהנען און אַלץ, וואָס איר וועט מיך הייסן, וועל איך אייך פֿאָלגן. איך בין אויף אַלץ גרייט. ס׳איז מיר גאָרנישט שרעקלעך, אַבי אַרויסצורייסן זיך פֿון דאַנען. דאָס וואָס דאָ טוט זיך, קאָנט איר זיך איבערהויפּט נישט פֿאָרשטעלן. פֿון דאַנען איז געפֿאָרן צו אייך א קאָנטראָלער, א רוסישער עמיגראַנט. ער וועט אייך גענוי איבערגעבן, וואָס דאָ טוט זיך און ווי אַזוי מען באַגייט זיך דאָ מיט מענטשן. עס געפֿינען זיך דאָ אַזעלכע אָנפֿירער, וואָס ווילן אפֿילו נישט הערן וואָס מען רעדט צו זיי. שרייבט מיר אויב עס איז אייך נישט מעגלעך צו דערליידיקן וועל איך קומען אַליין צו פֿאָרן, און אפֿשר וועט מעגלעך זיין מיך ווי ס׳איז איינצואָרדענען. איך פֿאַרליר מיינע לעצטע כוחות, אָבער איך וואַרט. מיין לעצטע האָפֿענונג איז נאָר אויף אייך.

מיט גרויס אַכטונג פֿאַר אייך — אירא אַנטאָניוק




R
608

דאָראָבאָוו, דעם 27 יוני 1943

אין די ערשטע ווערטער פון אונדזער בריוו זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס. מיר שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן אונדזער רייזע ווי מיר זענען, געלויבט איז גאָט, גוט געפאָרן. מיר דאַנקען אייך זייער, וואָס איר האָט אונדז ארויסגעפירט אַהיים. שלעכט איז נאָר, וואָס נאָר אויף אזא קורצער צייט. מיר בעטן אייך זייער, אז איר זאָלט זיך באַמיען אזוי איינצואָרדענען, אז מען זאָל אונדז מער נישט זוכן, ווייל מיר ווילן פארבלייבן אין דער היים ביז איבער דער שניט־צייט און דערנאָך וועלן מיר צוריקקומען. איך פארהאָף, אז איר וועט אונדז דאָס דורכפירן. מיר זענען דאָ געוווּיר געוואָרן, אז אויב מען זוכט נישט פון דעם ארבעטסלאַגער די וואָס זענען געפאָרן אויף אורלויב אהיים, קאָן מען דאָ דערווייל בלייבן. עס זענען דאָ פאראַן נאָך אזלכע.

מיר גריסן אייך.

אונדזער אדרעס איז:

יורקאָוו יוליא, דאָראָכוו, טרעמבאָוולער פּאָוויאַט, טארנאָפּאָלער וואָיעוואָדשאפט.



פאראצקא, דעם 27 יוני, 1943.

גוט מאָרגן, הער מאַרקאָ!

אנטשולדיקט מיר דערפאר, וואָס איך דערלויב מיר צו אייך צו שרייבן. איך קען אייך נישט פערזענלעך, נאָר איך האָב געהערט פון מענטשן, אז איר זענט אזעלכער, וואָס קאָנט מיר העלפן אין מיין אומגליק.

געערטער הער! איך ווענד זיך צו אייך מיט א גרויסער ביטע: מיין טאָכטער געפינט זיך אויף צוואנגס־ארבעט אין דייטשלאנד אין א פאבריק. און ס'איז דאָרטן זייער שווער. די דערנערונג איז זייער א שלעכטע און מען לאָזט זי אפילו נישט ארויסגיין אויף קיין פרישער לופט, אחוץ דעם איז מיין טאָכטער קראנק אויף די אויגן און זי קאָן נישט שווער ארבעטן, און ס'איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל זיך פאר אזעלכע קינדער אָננעמען. דעריבער געערטער הער, בעט איך אייך גנעדיק, איר זאָלט זיך פאַרנעמט מיין ביטע. איך בין שוין געווען אין אוקראאינישן קאָמיטעט, וועלכער האָט פון זיין זייט געשריבן צום ווינער אקראאינישן קאָמיטעט, אָבער זיי בעמען זיך נישט איבער מיט דיליידן פון מענטשן. איך האָב געהערט, אז איר האָט שוין א סך מענטשן פון אוקראאינישן פאָלק ארויסגעראטעוועט פון אַזעלכע צרות און דערפאַר בעט איך אייך איר זאָלט זיך פאַראינטערעסירן מיטן גורל פון מיין טאָכטער און מיר ענטפערן, צי עס וועט מעגלעך זיין דאָס צו דערלעדיקן, אפשר איז מעגלעך, זי זאָל באַקומען אַן אורלויב.

איך בעט ביי אייך אנטשולדיקונג פאר מיין דרייסטקייט.

מיט אכטונג

דאָס איז מיין טאָכטערס אדרעס:

מאטוויאיוו זאָפיא, סט. וועיט א. ד. פריעסטינג. קרופלאגער II אָסטמארק נ.ד.



Пане Марку!

Може Ви і розсердитеся за те, що я так ні з якої події пишу Отпритку, але пробачте. Я прямо так. Я хочу віддячити за Вашу допомогу всім нам українським і руським дівчатам.

Хочу висловити Вам велику сердечну подяку.

Тепер я [illegible] працюю в Ziersdorfi коло мого брата. Роблю на цегельному заводі. Заробляю денно 17-20 марок за тиждень. Тут ще працює Пан Корнан. Він Вас дуже добре знає.

З привітом до Вас Надя Ярошка і Йоган.

Пану Марку.

Ziersdorf 12/III 44

ציערסדאָרף 12.3.44

הער מאַרקאָ!

איר וועט אפשר בייז זיין, וואָס איך שרייב צו אייך אַזוי אומגעריכט א פּאָסטקאַרטל. אָבער אַנטשולדיקט מיר. איך וויל אויף דעם וועג אויסדריקן אייך מיין דאַנק פאר אייער הילף אונדזערע רוסישע און אוקראַינישע מיידלעך, איך וויל אַזוי אַרום אויסדריקן מיין גרויסן און האַרציקן דאַנק. איצט געפין איך זיך און אַרבעט אין ציערסדאָרף, לעבן מיין ברודער. איך אַרבעט אין א ציגעלניע. איך פאַרדין פון 17 ביז 20 מאַרק א וואָך. דאָ אַרבעט אויך איינער, וואָס ער קען אייך זייער גוט פערזענלעך.

מיט האַרציקע גרוסן — נאדיא יאראָצקא און יאָהאַן

Здравствуйте!

Пани Марко!

Пани Марко хотя и неудобно но я всетаки решил вам написать письмо в котором убедительно вас прошу помочь нам пострадавшим от бомбежки в Бад Фюслау. Наш лагерь сгорел, сгорели и вещи которые мы имели. А теперь мы достали антракт, оформили его и подписал нам его инженер.

Но мы думаем, что нам ничего не дадут так как мы не обладаем немецким языком. Поэтому мы решили писать вам

Пани Марко если можно — то пожалуйста помогите нам

На этом жмем вам крепко руку

Петр Ильясов

3.5.44

3.5.44

זייט באַגריסט, הער מאַרקאָ!

הער מאַרקאָ, אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך באַאומרואיק אייך און דערלויב מיר צו אייך צו שרייבן, איר זאָלט אונדז העלפן אַלע, וואָס האָבן געליטן פון דער באָמבאַרדירונג אין באד פעסלאו. אונדזער לאַגער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזערע אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. איצט האָבן מיר אויסגעפילט אַנקעטעס, אין וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט די אַלע זאַכן, וואָס זענען אונדז פאַרברענט געוואָרן.

אָבער מיר זענען איבערצייגט, אז מען וועט אונדז קיין אַנטשעדיקונג נישט געבן. היות מיר קענען נישט די דייטשישע שפראך, האָבן מיר באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אייך.

הער מאַרקאָ! אויב עס איז מעגלעך בעטן מיר אייך העלפעך, איר זאָלט אונדז העלפן.

מיר שליסן דערויף אונדזער בריוו מיט א הארציקן קרעפטיקן האנט־דרוק. — פעטער איליאסאָוו



Дна 28.6. 43 р

Слава Богу Христу

Шановний Пани Марко
дякуємо вам за ваш
труд що ви були такі
дуже добрі що ви нас
вистарали що ви нас
вислали до дому обоє
Шановний Пани Марко
їхали ми добре
і навіть дуже живо ми
приїхали до дому в пятницю
на першу годину вночі
були ми всьо вдома
і пішли ми назад на своїм
господарки поводи ся нам
дуже добре тільки стій чоловік
мого слабий по руці
Шановний Пане Марко
ми не думаємо вертати
ми вас дуже просимо

28.6.43

געלויבט איז יעזוס קריסטוס!

געערטער הער מאַרקאָ!

מיר דאַנקען אייך זייער פאַר אייער מי, וואָס איר זענט געווען אַזוי גוט פאַר אונדז און אויסגעפועלט, אַז מיר זאָלן צוריקפאָרן אהיים.

געערטער הער מאַרקאָ. מיר האָבן געהאַט זייער אַ גוטן וועג און שנעל געקומען צו פאָרן אַהיים. פרייטיק 1 אַזייגער ביינאַכט זענען מיר שוין געווען אין דער היים, צוריק אין דער אייגענער באַלעבאַטישקייט. עס גייט אונדז איצטער נישט שלעכט, אָבער מיין מאַן איז קראַנק געוואָרן.

געערטער הער מאַרקאָ! מיר ווילן נישט מער צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. מיר בעטן אייך זייער, איר זאָלט אַזוי גוט זיין זיך באַמיען אונדז דאָס דערליידיקן, פאַר וועלכן מיר וועלן אייך דאַנקבאַר זיין פונעם גאַנצן האַרצן. ווייל עס איז אַ שאָד אונדזערווירטשאַפט און אונדזערע יונגע יאָרן.

הער מאַרקאָ! מיר בעטן אייך ווי ווייט מעגלעך אונדז צו העלפן, ווייל מיר ווייסן, אַז איר און נאָר איר קאָנט אונדז דאָס דערליידיקן. די איינציקע האָפענונג אונדזערע איז נאָר אויף אייך. מיר בעטן אייך דעריבער נאָכאַמאָל נישט אָפּצוּוואַרפן אונדזער ביטע, ווייל איר זענט דער איינציקער באמת גוטער און אָנשטענדיקער מענטש.

מיר ווינטשן אייך פיל געזונטע יאָרן און לאַנג לעבן.

פראָקודאַ אלעקסאַ און זאָפיאַ



Bąkowice

Kochany kolego Tomek!

Drogi Tomek, skonczę ci że ja chwilowo w zdrowiu. Mnie,
Drogi Tomku ty była za mną policja kryminalna i mieli mi zabrać i odstawić do Neustadtu jak było tez nakaz przez jakieś biuro pracy z Berlina. Co to jest czy to ta sprawa z tymi pieniędzmi. Czy fabryka podała na policję i policja szuka. Ty będziesz wiedział Tomek. To proszę napisz mi zaraz Bo ja już pomału mieszam się krygę.
Tomku drogi, co w twoich rękach to mnie Ty tam co pokręć na dobre. Ale odpisz mnie no co to w tem jest za sprawa.
I nie dawaj nikomu adresu mego. Tomek tu u nas zima powoli większa śniegu. Rusi niedaleko Brody Tarnopol Czerniowce Lwów Pańska.
Drogi Tomek odpisz a ja ci tego nigdy nie zapomnę. Bo ja nie już jestem a odpowiedzi nie mam. Pozdrawiam cię serdecznie

באָנקאָוויצע 24.3.44

ליבער פריינד טאָמעק!

טייערער טאָמעק, איך טייל דיר מיט, אַז איך בין דערווייל אין דער היים. מיך איז דאָ געווען זוכן די קרימינאַל-פּאָליציי, וועלכע האָט מיך געזאָלט אַרעסטירן און אָפּשיקן קיין ווינער נוישטאַט. מען האָט מיך אויך געזוכט פון בערלינער אַרבעטס-אַמט. וואָס קאָן דאָס זיין? צי איז דאָס נישט אַמאָל אין שייכות מיט די דאָזיקע געלטער? צי האָט די פאַבריק געמאָלדן דער פּאָליציי און זי זוכט מיך? דו טאָמעק, ווייסט דאָס באַשטימט וויסן. איך בעט דיך דעריבער, שרייב מיר תיכף. ווייל שוין העכער א חודש ווי איך באַהאַלט זיך אויס. טייערער טאָמעק! וואָס איז נאָר מעגלעך פון דיין זייט, בעט איך דיך דו זאָלסט עפּעס אויסקאָמבינירן מיר צו העלפן. אָבער שרייב מיר באַלד וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ קאָנקרעט. איך בעט דיך אויך דו זאָלסט קיינעם נישט געבן מיין אַדרעס. טאָמעק, ביי אונדז איז איצט ווינטער, זייער גרויסע שנייען. די רוסן זענען שוין נישט ווייט פון בראָד, טאַרנאָפּאָל און טשערנאָוויצי. ד אָ ס פ אָ ל ק אַ נ ט ל ו י פ ט.

טייער טאָמעק. שרייב מיר ענטפער און איך וועל דיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב שוין איינמאָל צו דיר געשריבן און איך האָב נאָך ביז איצט קיין ענטפער נישט באַקומען.

איך גריס דיך האַרציק, ווי אויך מיין קוזינקע פון לעמבערג.

דיין אייביק טרייער חבר און פריינד יוזעף האָרעטשקאָ.

טאָמעק, פאַרגעס נישט, אַז מיר זענען געווען צוזאַמען אין געפאַנ־גענשאַפט, מיר זענען צוזאַמען דורכגעגאַנגען גרויסע צרות און ליידן און אויך איצט העלף מיר און ראַטעווע מיך. שרייב מיר, צי די פאַבריק האָט דאָס געמאָלדן, צי די געסטאַפּאָ זוכט מיך.

שרייב תיכף ענטפער.

אינהאַלט

פאָרוואָרט . . . 7
אַ וואָרט פון אויטאָר . . . 11
די איינלאָדונג קיין קסאַווערוווקע . . . 15
די געזעגענונג . . . 21
די פרייוויליקע קאָמפּאַניע . . . 24
דער ערשטער קרבן אין דער דרוזשינע . . . 28
די שפּיאָנען . . . 32
דער טויט פון קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר — פּאָרוטשניק יאַנקאָווסקי . . . 41
דער באַזוך פון שווייטאַלסקין . . . 50
דער פּלאַן צו ווערן אַן אוקראַינער . . . 54
דער וועג קיין דייטשלאַנד . . . 62
דער דורכגאַנגס־לאַגער אין פּיאַנטעק . . . 68
סטאַלאַג AII — נויבראַנדענבורג . . . 74
דער נישט אויפגעדעקטער פּאַראַט . . . 92
דער זונטיקדיקער שטרייק . . . 105
קאַפּעלסדאָרף . . . 112
אין לאַגער BVIII — לאַמסדאָרף . . . 120
דער רייכער אַריער, דער ראַסיש אויסגעוויילטער . . . 129
די „אומשולונג" אין סאַנקט־פּעלטן־פּיהויפּן, אויסטינשטראַסע 101 . . . 137
אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין ווין . . . 148
מעטאַלווערק אָבער־גראַפּען־דאָרף . . . 156
דער פּלאַן צו ווערן אַ דייטש . . . 162
אין דער זאָנדער־אָפּטיילונג . . . 170
די 14 יאָריקע פּאָדלאָגע־וואַשערין אַננאַ קאַראַשקעוויטש . . . 179
די רייזע קיין פּוילן און דער באַזוך אין לעמבערגער געטאָ . . . 185
מאַרקאָס באַגעגענונג מיט דער מאַמען . . . 193
דער בריוו פון פּראָפעסאָר האָלאַטאַ וועגן מאַריאַ פּאַולעטשי . . . 203
די באַגעגענונג מיט הערמאַן גערינג . . . 214
דער חורבן . . . 219

די באגעגענונג אויפן ווינער באנהאף 230
אין אויסלענדער־לאגער פון ווינער־נוישטאט א. נ. מארספעלד 235
מארקא ווערט דער באשיצער אויך פון די „אסט“־ארבעטער 242
די רעדע ביים אפענעם קבר, און דער אוקראינישער פארעטער יוזעף טניר . 249
די תליה אין די ראקס־ווערקע 256
אין א קאלטער ווינטער־נאכט 264
דער פרווו איבערצוגעבן מארקאן אין די הענט פון דער געסטאפא . . . 271
מארקא קאנדידירט אלס פארזיצער פון דער אוקראינישער נאציאנאלער
פאראייניקונג פון ווינער־נוישטאט (או. נ. א.) 279
אין די קעלערן פון דער געסטאפא 286
דאס ערלעכע הארץ 294
פאטאקאפיעס פון בריוו אין פארשידענע שפראכן אין דער יידישער
איבערזעצונג 303